STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06446

# BAGEGENISHN

Haim Goldenstein

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

חיים גאָלדענשטיין

# באגעגענישן... באגעגענישן...

הילע: א׳ פּאָך

חיים גאָלדענשטיין

# באגעגעניִשן...
# באגעגענישן...

ראָמאן

פארלאג קריטעריאָן, בוקארעשט.

# ערשטער טייל

# אליין פריקרע...

## 1. א מאָרגע באַגעגעניש

דאָס צווייטע באַגעגעניש האָט ער נישט באַדאַרפט, ס'האָט אים נישט געפעלט. אין אַלגעמיין האָט אים די לעצטע צייט צוגעפירט באַגעגענישן אומגעלומפּערטע, אַזעלכע וואָס פאַרפירן אין משונה קאָמפּליצירטע לאַבירינטן. צוליב איינעם אַזאַ באַגעגעניש האָט ער פאַרלאָזט דאָס שפּיטאָל, כאָטש דער דאָקטער איז באַשטאַנען ער זאָל נאָך בלייבן אַ פּאָר טעג ווייל „מיטן האַרץ שפּילט מען זיך נישט". דער דאָקטער האָט נישט געהאַט פון וואַנען צו וויסן אַז דאָס שפּיטאָל-צימער איז נאָך ווייניקער צוגעפּאַסט צו זיין האַרץ-קראַנקייט ווי זיך הייבן די טרעפּ ביז דעם פינפטן שטאָק. דער דאָקטער האָט דאָס נישט געקאָנט וויסן ווייל אייגנטלעך איז נישט געווען שולדיק די פּאַלאַטע נאָר דער שכן מיט וועלכן ער האָט זיך דאָרט געטראָפן.

ווען ער איז אַריינגעקומען אין דער פּאַלאַטע האָט דער שכן געוואַרט אויף אים. זיך דערוווּסט אַז סע קומט אַ נייער פּאַציענט האָט ער געוואָלט וויסן מיט וועמען ער וועט מוזן פאַרברענגען די פּאָר וואָכן וואָס סע וועט אים אויסקומען בלייבן אין שפּיטאָל. געווען איז ער אַ מענטש פון ערשטן איינדרוק און זיין אינסטינקט האָט אים נישט אָפּגענאַרט. נאָך אַכצן יאָר תפיסה אין פאַרשידענע געפענקענישן מיט די פאַרשידנסטע פון ערגער אויף ערגערע רעזשימען שאַפט זיך אָן אינכטינקט צו דערקענען אַ מענטשן פון ערשטן בליק — אָן אינסטינקט וואָס נאַרט געוויינטלעך נישט אָפּ.

יאָנעל איז אַריינגעקומען, פאַרשטאַנען אַז דאָס פרייע בעט מיינט אים. אין דער פּאַלאַטע זענען געשטאַנען נישט מער ווי צוויי און דאָס צווייטע איז געווען פאַרנומען, איז ער צוגעגאַנגען אויפגעהויבן אַ ווינקל דעק, געזען אַז

די ליילעכער זענען זויבער האָט ער אוועקגעלייגט דאָס קליינטשעקע לעדערנע טשאַמאָדאַנטשיקל מיט גאָלד־שלעסלעך, און וועלכן ער האָט צוגעגרייט זייף, ראַזיר־צייג, א האַנטוך אויף נישט צו באַדאַרפֿן, דריי ביכלעך ווייל טוען מוז מען עפּעס, א גאַנצן טאָג דרימלען קאָן מען נישט כאָטש דרימלען וואָלט זיך געוואָלט אפילו א חודש אָן איבעררייס אזא מידקייט האָט זיך באַזעצט אין גוף און אויף דער נשמה. זיצנדיק אויפֿן בעט האָט ער געלאָזט בלאָנדזשען דעם בליק איבער די ווענט, איבער דער סטעליע, א טראַכט געטאָן: „אָן אַלטע גע־ביידע, גוטע אַרבעט, שיינע גלאַטע שטוקאַטור, ריין אויסגעאַרבעטע פענצטער און טירן". האָט ער ווידער געפירט דעם בליק איבער די ווענט און ווען זיין בליק האָט אַראָפּגענידערט צום ניווא פון די בעטן האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויפֿן שכן וואָס איז געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן. „פאַרמאַכטע אויגן און אָנגעשטרענגטע שטריכן", האָט ער באַמערקט. „איינער וואָס וואַכט אין שלאָף. אפשר שלאָפט ער נישט", איז אים איינגעפאַלן, „זיכער שלאָפט ער נישט, כ'בין אַריינגעקומען מיט א רעש און ער האָט נישט רעאַגירט", האָט ער זיך דערמאַנט, „זעט אוים צו זיין אַן אויסגעמוטשעטער, אפשר די קראַנקייט".

דער שכן האָט געפאָרשט יאַנעלן מיט קוים, קיים געשפּאַלטענע אויגנלעפּ־לעך. לויטן גאַנג, לויט דעם ווי ער האָט אויפגעהויבן די דעק, זיך צוגעזעצט און באַקוקט דאָס צימער, די ווענט, האָט ער ביי זיך פעסטגעשטעלט: „א געזע־סענער — געזעסן איז ער ביי די פריערדיקע, די באַציאונג צום צימער שטאַמט פון דאָרט, ביי אונדז זעט עס נישט אוים אזוי". באַמערקט די מידקייט וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אין די קישעלעך וואָס אונטער די אויגן, דעם נישט רע־געלמעסיק־רעגעלמעסיקן אָטעם און געצויגן א ניי פּאַסיקל: „האַרץ קראַנק". א תנועה האָט געצויגן די אויפמערקזאַמקייט, א באַוועגונג פון רעכטס אויף לינקס — א נישט אָפּטע ביי אין טליתים געהילטע יידן, גיכער ביי קאַטוילישע גלחים אָדער ביים נייעם סאָרט מיטעלע און העכערע פונקציאָנאַרן — און א נייער צוגאָב צום בילד וואָס ער האָט צוזאַמענגעשטעלט מיט קוים פאַרמאַכטע אויגן: „אַלטע שטאַטן אין דער באַוועגונג". ער האָט לאַנגזאַם געעפנט די אויגן, ס'האָט זיך אים געוואָלט הערן דאָס קול זייערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט, זיך נישט געאיילט איבערגעקוקט גלייך זיי וואָלטן זיך טאַפּן.

— יאַנעל רופט מען מיך... אויב סע געשעט אומגעריכט זאָלסטו וויסן א נאָמען...

דעם שכנס ענטפער האָט אויף זיך געלאָזט וואַרטן, נאָר דער בליק האָט אַנטפּלעקט שיכטן פון דער טיף צו דער אייבערפלאַך: פאַרביסנקייט, פאַר־

שטענדעניש, רעוואָלט, גלייכגילט, אָנמאכט, הילפלאָזיקייט, רשעות, אלץ וואָס דאָס לעבן פארמאָגט האָט געכוואליעט שיכטנווייז אין זיין בליק.

— אנגעל פון אנגעל, יאָנעל פון וואָס?

יאָנעל האָט געענטפערט מיט געלעכטער. ער האָט געלאכט ווייל אין זיין פאל איז די פראגע געווען מאָדנע. ער האָט נישט אָנגעהערט צו די וואָס האָבן געביטן דעם נאָמען אין דער עפּאָכע פון בייטן נעמען. אין דער עפּאָכע איז ער אריין א פארטיק געביטענער. פון יאנקעלע איז געוואָרן יאָנעל מיט א סך יאָרן פריער ווען ער איז אלט געווען אין גאנצן זעקס אָדער זיבן יאָר. אייגנטלעך האָבן אים די שוועסטער און ברידער קיינמאָל נישט גערופן יאנקעלע, נאָר אזוי ווי ס'האָט זיך געפירט אין מאָלדעווישע שטעט און שטעטלעך — יאנקושאָר. דער קלענסטער אין א שטוב מיט פופצן געבוירענע און צען לעבעדיקע איז קיין פלאץ נישט געווען פאר פארציענישן, פאר צופיל פּעסטען. אים האָט מען עס געשענקט ווייל אים איז געלונגען צו פארשליסן דער מאמעס טראכט און בלייבן אויף אן אמת דער מעזיניק.

געבוירן איז ער אין לאָבארד — א שטאָט פון איינפּאָר—הייזער. אהין פלעגן זיך צוזאמענפאָרן סוחרים און פּריצים גוט-באזיצער אין דער צייט פון שניט. פון דאָ פלעג אוועק אין ווייטע לענדער תבואה, לאָגלען האָניק, פעסער ווייַן, זעק מיט נים און אנדערע געטרוקנטע פּרוכטן. דאָ האָט זיך באזעצט זיין טאטע ווען דאָס נייַנצענטע יאָרהונדערט האָט געהאלטן ביים אָפּווארפן די לעצטע בלעטער. חתונה געהאט זיך געלאָזט וואקסן לאנגע שפּיצעכיקע צוויי בערד, געוואָרן א בכבודיקער מעקלער און געהייסן דעם וועיב קינדלען. אזוי ווי אלץ איז ביי אים געווען פארשריבן האָט ער ער אויך געפירט א ספּעציעלע בוכהאלטעריע פון די קינדער — סע זאָל נישט געשען אז צוויי זאָלן באקומען דעם זעלבן נאָמען. די שטוב האָט ער געפירט א יידישע — שבת איז געווען שבת און יום טוב יום-טוב. אויף זיך פארנעמען מיט די קינדער האָט קיין צייט נישט געקלעקט. אויב די ערשטע צוויי האָבן נאָך פארזוכט פון חדר און געגאנגען אויפן טאטנס וועג, איז עס נישט אזוי געווען מיט די איבעריקע. יעדער פאר זיך און אלע מיט משונהדיקע וועגן. אזוי ביז ס'איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט-מלחמה. דער קלענסטער איז אלט געווען קוים צוויי יאָר. די סאמעטאָכע איז געווען גרעסער ווי מ'האָט געמיינט און דערצו א לאנגע. א טייל פון די קינדער זענען זיך צע-פלויגן אזש ביז טיף אין ראסיי. געבליבן זענען נאָר די נעמען אין טאטנס בוכ-האלטעריע און אין יאנקעלעס זיכרון, נעמען מיט וועלכע ער איז געוואקסן ביז זעקס זיבן יאָר ווען דער עולם האָט זיך ווידער אָנגעהויבן זאמלען איז דער אלטער היים און די נעמען האָבן באקומען פנימער.

צווישן די צוריקגעקומענע איז געווען אויך לאַקס, דער דריט-געבוירענער. דאָ איז געשען אַזעלכעס וואָס געשעט נישט אָפֿט — מיט זיין אָנקומען האָט לאַקס איבערגענומען די בכורה. אָפּגעגעבן אַ קאַלטן שלום עליכם די עלטערע ברידער, וואָרעם געהאַלדזט די מוטער, אַ פֿרעג געטאָן דעם טאַטן נאָך דעם וואָס זיך פֿאַרעווע געוויטעט: „נו, און די געשעפֿטן“? אויסגעזען האָט ער האַלב סאָלדאַט האַלב ציוויליסט: בראָמעווע שטיוול מיט אַ גלאַנץ, באַקי גאַליפֿע-הויזן, אַ רעקל מיט לאַצן, העמדער קאָלירטע און שטענדיק אַ קראַוואַט. געוויגן דאָס יינגוואַרג און ווען זיין בליק האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם זעקס אָדער זיבן יאָריקן יאַנקושאָר, וועגן וועלכנס עקזיסטענץ ער האָט כמעט אינגאַנצן פֿאַרגעסן אַ פֿרעג געטון: „ווער איז דער, יאָנעל?“

און דאָס איז געבליבן זיין נאָמען.

פֿאַר יאָנעלן איז לאַקס פֿון יענע טעג געבליבן אין דער געשיכטע פֿון זיין משפּחה ווי אַ סאָרט פּיאָטר וועליקי אין דער רוסישער: ער האָט ברייט צעעפֿנט די פֿענצטער, אַרויסגעוואָרפֿן פֿון שטוב דאָס שטעטל און אַריינגעבראַכט אַ נייע לופֿט — אַן אַלוועלטלעכע אַזאַ וואָס ווייסט נישט פֿון גרענצן. דאָס איבעריקע איז הוילע נעפּל. ער איז געווען צו קליין אַלץ צו פֿאַרשטיין און צו גרויס סע זאָל נישט בלייבן איינגעקריצט ערגעץ אין די פֿאַלדן פֿון אַ פּאָר געהירן-קרייזן, זיך פֿון צייט צו צייט באַווייזן אויף דער אייבערפֿלאַך און אים אַוועקשטעלן אַ געפּלעפֿטן אַנטקעגן עפּעס וואָס איז לויט אים דאַכט זיך אַמאָל געשען אויף דער וואָר. אין אַזעלכע מאָמענטן פֿלעגט ער זיך פֿרעגן: „פֿון וווּ קומט דאָס צו מיר? וועגן דעם האָב איך קיינמאָל נישט געוווּסט. זאָל עס זיין אַ חלום אָדער אַן אין דער ווירקלעכקייט איבערגעלעבטס?“ אַזוי איז געשען אַז זייענדיק אין אַ קאָנצענטראַציע-לאַגער — אַ האָמאָ לאַגערענסים ווי מע וואָלט געדאַרפֿט באַצייכענען אַ גאָר גרויסן טייל מענטשן פֿון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט — האָט ער באַגעגנט אַ שמאָל אָפּגעבערנט מענטשעלע מיטן נאָמען טינקלמאַן. אויסגעזען האָט דער טינקלמאַן אַ זייטיקער. אים האָט מען נישט געקאָנט הערן אין אַ קרייז אַרויסזאָגן אַ השערה וועגן גאַנג פֿון דער מלחמה — דער צווייטער פֿאַרשטייט זיך; שפּאַצירט האָט ער שטענדיק אַליין. קוקנדיק אויף זיינע שוואַרצע אויגן, עטוואָס צו גרויסע נאָזלעכער און בולטע באַקן-ביינער פֿלעג יאָנעל אינסטינקטיוו זוכן דעם האָרב, ווייל זיי פֿלעגן אים דערמאָנען אין זיינעם אַ לערער מיט פּינקט אַזעלכע באַקן-ביינער און נאָזלעכער, לאַנגע ביינערדיקע פֿינגער און מיט אַ שרעקלעך שווערן פּאַטש. אַזאַ איז ער געבליבן אין זיין זיכרון, אַ שווערער — דער פּאַטש.

אין א טאָג איז אים אויסגעקומען שטיין אויפן אַפּעל־פּלאַץ לעבן טינקלמאַנען. אומגעריכט איז דערגאַנגען צו זיין אויער א שעפּטשע און ער האָט דערפילט אז דער שעפּטשע מיינט דווקא אים. זיך איינהערנדיק האָט ער אויסגעשיילט ווערטער: „ביסט זייער ענלעך מיט מיינער א נאָענטער באַקאַנטער. ראָדיקא רופט מען זי...“

... האַלבטונקל פאַרגנבעט זיך אין אַלע צימערן. דער קלאַר־אָבסקור איז געדיכטער אין יענעם ווינקל וואו ראָדיקא — די עלטסטע שוועסטער, א קליינינקע, שוואַרצינקע מיט בלויע אויגן און א באַוועגלעך נעזעלע — זיצט אויף אַן אָרעם טשעמאָדאַנטשיקל און וואַרט אויף א ווונק זי זאָל אַרויס פון שטוב ווייל ס'איז צייט. דער טאַטע איז אין צווייטן צימער אויך אין האַלבטונקל. א צייט איז ער געשטאַנען אין מזרח־צפון ווינקל אָנגעשפּאַרט מיט איין האַנט אין א וואַנט און מיט דער צווייטער אין דער צווייטער און ס'איז נישט געווען קלאָר צי איז זיין כוונה געווען א שטופּ טאָן ביידע ווענט אַזויווי שמשון הגבור די זיילן פון פּאַלאַץ און די שטוב זאָל צוזאַמענפאַלן איבער דער גאַנצער משפּחה און סע זאָל נעמען אַן עק, צי איז עס פּשוט דערפאַר ווייל ער ווייסט אַז מ'איז פאַרקראָכן אויף א וועג אָן אויסוועג, אז זיין הערשן איבער דעם הויזגעזינד איז נישט מער אַלמעכטיק; אַנדערע כוחות האָבן זיך אַריינגעמישט, כוחות פרעמדע באַטש אייגן בלוט און פלייש. אַצינד זיצט ער און דרייט צווישן נישט געוואַשענע פינגער איינע פון די צוויי בערד. די אַנדערע הענגט ווי נישט זיינע, גלייך ווי זי וואָלט געהערט אין דער גאַנצער געשיכטע נישט צו זיין צד, נאָר גאָר צו ראָדיקאס צד. ער דרייט די באָרד און וויפל ער זאָל נישט ציען, פאַרדרייען און אויפדרייען קאָן ער זיך פון איר נישט דערוויסן וואָס ס'איז דער שכל, וואָס פאַר א זין ס'האָט זיך לאָזן אין דער וועלט אויף אַזא משונהדיקן אופן. א גאַנץ לאַנד שטייט פאַר איר אָפן און זי לאָזט זיך קיין אויסלאַנד, זימוז קיין אויסלאַנד און דערצו מיט גנבענען די גרענעץ, ווייל אַהין וואוהין זי לאָזט זיך איז די גרענעץ א פאַרשפּאַרטע. ער ווייסט עס באַשייד כאָטש פאַר אים דאַרף עס זיין א סוד, פאַר אים האָבן זיי צוגעגרייט אַן אַנדערן וואַריאַנט, אז זי פאָרט מכלומרשט דאָ נישט ווייט אין א גרעסערער שטאָט וווּ א מיידל אין אירע יאָרן קאָן זיך גרינגער דערשלאָגן צון א תכלית. פאַר זיי, פאַר די קינדער, וואָלט ער געדאַרפט מאַכן דעם אָנשטעל אַז ער איז גאָר צופרידן מיט דער נסיעה, אַז ס'איז פאַר אים כמעט א גליק וואָס ס'איז אַזוי, קאָן ער דאָס אָבער נישט. סע קומט אים אויס אַזמע ווי'ל פון אים ער זאָל שפּילן א מאָדנע שפּיל וואָס פּאַסט א מענטשן אין זיינע יאָרן און מיט זיין פּאַרנעם ווי א חזיר אויערינגלעך. ער זאָל אָפּנאַרן, טאַקע זיי די קינדער, אַז ער לאָזט זיך אָפּנאַרן. דרייט ער די האַלבע באָרד, די

ליִנקע, און סע וויל זיך אים זיי אלע אָפּפּאָרן מיט א רוח אין אייער טאַטנס טאַטן אריין, נאָר באַשליסן זיך דערויף קאָן ער נישט ווייל אזוי וועט זיך דערוויסן אויך זי, דאָס ווייב זיינס — און זי איז א שוואַכע.

די מאַמע זיצט נישט ווייט פון ראָדיקאַן, א טויט־שמייכל אויף די ליפּן ווייל דאָס האַרץ טריפט בלוט. זי טראַכט נישט צו גנבענען א גרענעץ, זי טראַכט פּשוט אז אוועקפאָרן פון נעכן איר הייסט זיך ווידער אוועקרייסן פון דער נעסט און דאָס יאָכל מיט קאַשע פון ווייצענע גרויפּן וועט זי דאַרפן צעגיסן אין מיט איין טעלער ווייניקער. טריפן טרערן פון איר האַרץ און דעם אָנשטעל מאַכט זי אז ס'איז גוט אזוי, אז מסתמא איז פון גאָט באַשערט ראָדיקאַ זאָל אליין פאָרן זוכן איר זיווג, ווייל וואָס אנדערש הייסט א תכלית אויב נישט חתונה האָבן מיט א פיינעם יונגנמאַן? אפשר איז עס טאַקע אזוי. זינט די מלחמה זענען אין שטעטל געבליבן ווייניק בחורים: א חתן, א לייטישער איז געוואָרן מיט גאָלד גלייך און ביי זיי געפינט זיך נישט אזויפיל גאָלד וויפל סע וועגט אפילו דער קלענסטער און אויסגעמאָגערטסטער בחור.

ווען אין שטוב ווערט ליכטיק, ווען דער האַלבטונקל פאַרשווינדט; קלינגען ווידער טינקלמאַנס ווערטער: „ביכט ענלעך אויף מיינער א באַקאַנטער, ראָדיקאַ האָט מען זי גערופן ...“

— יאָנעל פון יאָנעל, נאָר אויב סע געפעלט דיר בעסער אנדערש קאָן עס אויך זיין יאָנעל פון יאַנקושאָר ...

אויך דער שכן האָט געלאַכט.

פון אָנהייב לאַכן, איז איינגעפאַלן אנגעלן, קאָן זיין א סימן פון פאַרפונדעוועטער איידעלער פּשטות וואָס האָט זיך נישט געלאָזט פאַרפירן פון מיטעלע און העכערע פונקציעס — א זעלטענע דערשיינונג. און ס'האָט אויסגעזען אז מע וועט קאָנען פאַרברענגען צוזאַמען, איבערקומען די טעג אָדער וואָכן וואָס מע מוז בלייבן אין דעם שפּיטאָל־צימער איינער לעבן צווייטן און אָטעמען די זעלבע לופט.

נאָך אכצן יאָר תּפיסה האָט די וועלט אויסגעזען אנגעלן ביז גאָר מאָדנע. שווער געווען צו פאַרשטיין דעם דאָקטער, די קראַנקן־שוועסטער, דאָס מיידל וואָס קומט יעדן אינדערפרי אויפראַמען. מאָדנע האָט אים אויסגעזען וואָס זיי באַציִען זיך צו אים אזוי ווי גאָרנישט זאָל נישט געווען געשען, גלייך ווי ביז צוריק מיט א פּאָר טעג האָט מען אים נישט געלאָזט אויסגיין פון הונגער, נישט געטריבן מיט בייטשן, נישט געלאָזט אָן וואַסער נאָך פאַרשטינקענעם געזאַלצענעם הערינג. די מאָדנעקייט האָט אָנגעהאַלטן יעדן אינדערפרי א פּאָר שעה

ביז ער פלעג זיך איבערצייגן אז ער איז נישט אין תפיסה, אז ער געפינט זיך אין א ווירקלעך שפיטאל מיט אמתע דאָקטוירים און קראנקן-שוועסטער וועלכע טראכטן דערצו אז מע דארף אים היילן פון אלע קראנקייטן וואָס ער האָט אָנגע-זאמלט אין די אכצן יאָר און אז פאר די דאָקטוירים איז ער גאָר א „פענאָמען'' זיי פרווון דערגיין דעם סוד פון זיין קאָנסטיטוציע, פון זיין אינערלעכן און אויס-ערלעכן בוי וואָס האָט זיך ארויסגעוויזן כמעט א הערקולאנישער ווייל אנדערש איז נישט צום פארשטיין ווי אזוי ער האָט אויסגעהאלטן; געוווּנדערט האָט זיי דער קוואל פון ווידערשטאנד, די פעיקייט זיך צוצופאסן וואָס הויערט אין אזא קליין נישטיק קערפערל. אנגעל איז געווען פון יענע וואָס לייגן וויניק פלייש אויף מיטלוווקסיקע ביינער, א שמאָלער פון אויבן ביז אראָפּ. שמעלער פון א-לעמען די נאָז. האָט מען זיך צוגעקוקט, האָט מען זיך נישט געקאָנט אָפּוווּנדערן ווי אזוי אזא פּאָר גרויסע, קלוגע, מיט א ים ווייטיק פארפלייצטע אויגן פאסן זיך צום פון סאמע שפּיצן געפורעמטן פנים. אנגעלס אויגן האָבן געהאט אין זיך עפּעס פון יענער שלאנג וואָס כישופט און נעמט אָפּ דעם ווילן נאָר מיטן בליק. א שטענדיקע באוועגונג פון וואסערן וואָס נידערן פון דער אייבערפלאך אין טיפענישן און פארקערט, וואָלקן-שאָטנס שלינגען איין איינער דעם צוויי-טן און יעדער איז א קאנווע געשעענישן פארגליווערטע און אויפגעלעבטע פון א וואָרט אָדער א תנועה.

לאנגע שעהען איז יאָנעל געבליבן לעבן אנגעלס בעט. סתירהדיקע געפילן האָבן אים געצויגן צו דעם מענטשן וואָס איז אָפּגעזעסן אזויפיל יאָרן אן אומ-שולדיקער. דערצו זענען זיינע דערציילונגען אזעלכע אויסטערלישע — ס'איז קוים צום גלייבן אז אזעלעכס קאָן געשען. נישט פארשטענדלעך איז פאר אים געווען דער לינעארער אופן פון דערציילן, נישט ווי איינער וואָס האָט דאָס אלעס איבערגעלעבט, נייערט ווי א בלינדער וואָס שילדערט זיינע פאָרשטעלונ-גען אן אומבאטייליקטער אָדער ווי א קעמל-טרייבער וואָס זעצט איבער אין ווערטער דעם פייזאזש וואָס ווילקט זיך אָפּ אויף זיין איינזאמען וועג.

פון יאָנעלן האָט זיך אנגעל דערוווסט אז ער האָט באמת פארנומען פאר-שיידענע מיטעלע און העכערע פונקציעס. אויפן פּשוטסטן אופן, ווי אן איבער-הויפּט נישט וויכטיקע זאך, האָט ער דערציילט אז א צייט האָט ער געארבעט אין א ספּעציעלער אָפּטיילונג. איינע אזא ספּעציעלע אָפּטיילונג האָט זיך אָפּ-געגעבן מיט אנגעלן פאר און בעת זיין זיין אין תפיסה. דאָס האָט ער צום ערשטן מאָל באגעגנט איינעם פון אזא סאָרט אָפּטיילונג זינט ער איז פריי און דערצו אין באדינגונגען ווען די שווערד הענגט איבערן קאָפּ, ווען אין קערפּער האָט זיך באזעצט א קרענק וואָס שטעלט יעדע מינוט פאר א חשבון הנפש. אים האָט

זיך געוואָלט וויסן וואָס טראַכט אַזאַ איינער אין אַזעלכע אומשטאַנדן צו אַלעם וואָס געשען, ווי אַזוי רעאַגירט ער דערויף איבערהויפּט ווען ער ווייסט אַז ער האָט זיין חלק אין כאַוון יענע חברה וואָס פירן אויס נאַכט-אַנקעטעס, מאַטערט די פּאַר שולדיק באַשטימטע ביז זיי איבערצייגן זיך אין זייער אויסגעטראַכטער שולד. דערפאַר האָט ער אָנגעהויבן דערציילן און אויך דערפאַר האָט ער אויסגעקליבן אָט דעם כמעט מאַנטאַנעם אופן.

אַנגעל האָט דערציילט אַ טאָג און נאָך אַ טאָג. צוערשט האָט אים געוואונדערט יאַנעלס שטוינען. אים האָט זיך געדאַכט אַז ער פאַלשעוועט, אַז דאָס וואָס ער האָט געלערנט אין יענע ספּעציעלע אָפּטיילונגען איז נאָך נישט אויסגעוועפּט, אַז דאָס ווייסט ער זיך אַזוי צו באַהערשן קיינעם זאָל נישט איינפאַלן אַז ער איז געווען אַ מיטהעלפער; נאָך מער, זיין שטוינען דאַרף אָפּלייקענען דאָס פון אים, אַנגעלן, און פון טויזנטער אַנדערע איבערגעלעבטע. ס׳איז גאָר קיינמאָל נישט געשען. פון צייט צו צייט האָט ער אַריינגעוואָרפן אַ נאָמען וועלכער האָט געמוזט זיין באַקאַנט יאַנעלן. דעמלט האָט עס אים נאָך מער געוואונדערט ווייל ס׳האָט אויסגעזען אַז יאַנעלס שטוינען איז אויפריכטיק, אַז דאָס געשעענע איז ווייט פון אים. און אַנגעל האָט ווייטער דערציילט, מאָנאָטאָן אויסגעהאַנגען איינס לעבן צווייטן אַ זאַמלונג גיהינום בילדער אויף וועלכע דער אַמאָל האָט אויסגעזען אַ האַלבער גן-עדן. יאַנעלן ווידער, זענען אַנגעלס דערציילונגען צוערשט געווען זאַבאַוונע, ווייל אויך אַ קראַנקע פאַנטאַזיע קאָן זיין אַ צייטפאַרטרייב, נאָך דעם איז אים געוואָרן מיטלייד מיט דעם מענטשן וואָס איז באַהערשט פון אַזאַ שרעקלעכער מאַנקאָליע, אָבער ווען ער האָט אָנגערופן באַקאַנטע נעמען האָט עס אַרויסגערופן גאָר אַנדערע פראַגעס. וואָס קאָנען האָבן אַזעלכע געשעענישן מיט די מענטשן וועלכע זאָלן זיך האָבן אין דעם באַטייליקט. וואָס וויל ער דערמיט זאָגן? און וועד איז ער אַ משוגענער אָדער גאָר אַן אונטערגעשטעלטער? די פראַגע איז אָפּגעפאַלן ווייל יאַנעל האָט באַמערקט אַז אַנגעל האָט גלייך ווי פאַרלוירן דעם אינטערעס פאַר זיינע רעאַקציעס, אַז ער דערציילט מער נישט אים, נאָר זיך אַליין, גלייך ער וואָלט אַצינד אַנטדעקט ווי אַזוי דאָס געשעענע קלינגט אין פּשוטע ווערטער און וווּנדערט זיך וואָס סע זענען פאַראַן ווערטער מיט וועלכע מע קאָן דאָס אַלעס איבערדערציילן.

און אַנגעל האָט דערציילט:

אין יענעם אינדערפרי איז געשטאַנען לעבן פּריטש אַ וועכטער. ווען כ׳האָב אים דערזען האָב איך געוווּסט אַז דאָס מיינט ער מיך און מיט וואָס דאָס וועט זיך אויסלאָזן. ס׳איז נישט געווען דאָס ערשטע מאָל און איך בין נישט געווען דער ערשטער. מיט אַ טאָג פריער בין איך גערופן געוואָרן צום דירעקטאָר אויף אַ

שמועס. דער שמועס איז דורכגעגאַנגען גלאַט, מע וואָלט געקאָנט זאָגן פריינדלעך. ער האָט געוואָלט וויסן צי בין איך ענדלעך איבערצייגט אַז דאָס האָב איך געשאָסן אַ מלאך. געבליבן איז ער ביי זיינעם, איך ביי מיינעם; ער האָט מיך אָפּגעפירט ביז צו דער טיר מיט אַ שמייכל: צוויי מענטשן — צוויי מיינונגען.

אַצינד שטייט דער וועכטער נעבן פּריטש. דאָס מאָל איז עס מיין ריי. דאָס מאָל וועט מען מיך האַלטן ביז כ'וועל נישט מער קאָנען האַלטן אין מיר און נאָך דעם וועט מען מיך צווינגען דאָס אויפעסן. נישט דאָס ערשטע מאָל צווינגט מען אין דער תפיסה ווו די וועכטער זענען נישט קיין עס-עס, ווייל די עס-עס האָט מען שוין זינט לאַנג באַזיגט, ווו די וועכטער לערנען וועגן קלאַסן-מאָראַל צווינגט מען עסן די אייגענע צואה. איך האָב נישט, נישט דעם כבוד און נישט דאָס אומגליק, צו זיין דער ערשטער וואָס באַנייט אַן אָריגינעלן מעטאָד פון פאַרווייַלן די אַדמיניסטראַציע — ווי מע פלעג זאָגן אַמאָל. אַצינד זאָגט מען מער נישט דירעקטאָר נאָר קאָמענדאַנט, נישט אַדמיניסטראַציע נאָר אָפּטיילונג און די פאַרווייַלעכצן זעען אויס אַזוי. אַזאַ ספּעקטאַקל האָב איך שוין געזען עטלעכע מאָל. די ערשטע צייט איז עס געווען באמת שרעקלעך, אָבער מיט דער צייט ... אַ גלח איז געווען דער ערשטער, אים איז איינגעפאַלן אַז דאָס מענטשלעכע געשטאַלט איז ווערט סע זאָל אויסהאַלטן אויך אַזאַ עקזאַמען מיט אַביסעלע ווערדע. ער האָט זיך דערטראַכט. אפשר אויך דערפאַר אָדער מער דערפאַר ווייל ער האָט נישט געוואָלט די אויפזעערס און איבערהויפּט דער קאָמענדאַנט אָדער דירעקטאָר זאָל זיך אַזוי פאַרווייַלן. האָט ער אָנפאַרטרויט זיין סוד די איבעריקע. אַ טייל האָט אים אפילו באַצאָלט מיט אַ פינגערהוט טאַבאַקפּאָרעך. ס'איז ווערט געווען ווייל אויב מ'האָט באַהערשט די טעכניק האָט מען בשעת מעשה געקאָנט קוקן צום דירעקטאָר און נישט שטענדיק האָט ער אויסגעהאַלטן דעם בליק, ווייל ... נישט שטענדיק קאָן מען שיסן ...

די טעכניק איז געווען די פּשוטסטע וואָס מע קאָן זיך פאָרשטעלן. די זעלבע מעשה ווי מיט קאָלומבוסעס איי. ס'איז אָבער קיינעם נישט איינגעפאַלן. זיך געפינען אין אַ לאַגע ווען מע צווינגט צום אומגעהייערסטן, דאַכט זיך, וואָס אַ מענטשנס עקסטרעם-סאַדישע קראַנקע פאַנטאַזיע קאָן זיך פאָרשטעלן, נעמט אָפּ דעם געדאַנק. די שרעק איז אַזוי גרויס, דאָס לעבן הענגט, דאַכט זיך, אויף אַזאַ דין פעדעמל אַז אפילו דער געדאַנק ווערט פאַרפרוירן. דער גלח האָט דאָס אויסגעהאַלטן, דאָס הייסט ער האָט באַוויזן אַ טראַכט טאָן און געפונען: מע דאַרף נישט מער ווי איינהאַלטן דעם אָטעם, נישט לאָזן דאָס געשטאַנק זאָל

אריין אין דער נאָז. דאָס איבעריקע איז ווי מע זאָל קינסטלעך ארייַנפּומפּן דאָס עסן אין ווישט.

מיך האָט מען געצוווּנגען צו אָט דער „אָפּעראַציע‘‘, האָט ווייטער דערציילט אנגעל, א טאָג נאָך דעם שמועס מיטן קאָמענדאנט און איך האָב געקאָנט זען מיט פארגעניגן — אויב ס׳איז זיך פאָרצושטעלן אז בעת מע צווינגט שלינגען די אייגענע צואה איז נאָך דאָ פּלאַץ פאר פארגעניגן — ווי ער, דער קאָמענ-דאַנט מאקסים — אַזוי האָט מען אים גערופן — איז מיך מקנא. אים פארדריסט וואָס ער וואָלט דאָס נישט געקאָנט... פארדראָסן האָט אים אויף מיר — מיר זענען דאָך געווען אלטע באקאנטע... נאָך פון די אַמאָליקע תפיסות...

יאָנעלן איז געלונגען איבערצוציַיגן דעם דאָקטער אז אין דער היים וועט ער זיך פילן בעסער און האָט געפועלט מע זאָל אים ארויסגעבן די קליידער.

— אין מיין וווינונג איז שטילער, די אטמאָספער א היימישערע...

ער האָט געפילט אז ער מוז איבערטראכטן זיין לעבנס-לויף און דאָס וואָס גיכער... די צייט האלט נישט מיט אים...

# 2. א דאָקטער אויף קעסט

יאָנעלס ווינונג געפינט זיך אויף א פערטן שטאָק אויף דער גאס שטיר-בײ-וואָרדע. געווען אמאָל א פריצישע גאס. מיט הייף, מיט איינשטאָקיגע געביידעס, מיט גערטנער. הײנט געפינען זיך אויף דער גאס אויך פילשטאָקיגע הייזער. דער ליפט איז טויט. אן אָפּטע דערשיינונג אין דער צייט פון די געשעעניש. אמאָל פלעג מען ליפטן אימפּאָרטירן. נאָך דער גרויסער איבערקערעניש האָט מען דאָס מער נישט געטאָן. אייגענע הייב-מאַשינען מאכט מען אין לאנד זינט ווייניקע יאָרן, זינט יענער צייט ווען מע האָט זיך געכאפּט אז מע וואָלט געדאַרפט אָפּגעבן מער אכט די מענטשן, שאנעווען זייערע פיס. א צייט האָט מען געמיינט אז דאָס איז גוט פארן הארץ. די דאָקטוירים האָבן זיך באטראכט און אויסגעפונען אז ס'איז בעסער זיך הייבן די טרעפּ מיט די אייגענע פיס אפילו פאר הארץ-קראנ-קע.

אָנגעקומען פון שפּיטאָל איז ער א רגע שטיין געבליבן ביים אריינגאנג. זיך געליובעוועט מיט די געבליבענע אָסאָבניאקעס, מיט די אַלטע ביימער. זיינע בליקן האָבן פארכאַפּט די בונטע הארבסט פארבן אין וועלכע ס'האָבן זיך גע-באָדן די רייכע ביימער-קרוינען. ס'איז אים געוואָרן לייכטער. די שיינקייט האָט בארואיקט. געשענקט עפּעס פון איר אייביקייט, און די מתנה איז אויפגענומען געוואָרן מיט א שטיל פארגעניגן. ער האָט זיך געלאָזט מיט לאנגעזאמע שריט צום ליפט, א קוועטש געטאָן די קנאָפּקע, פעסטגעשטעלט אז דער הייב-מאשין געפינט זיך אין א נייער רעוויזיע. ס'האָט אים נישט געארט. נישטאָ וואָס זיך צו איילן. מע קאָן זיך פּאמעלעך אויפהייבן מיט די טרעפּ. אָנגעקומען צו דער טרעפּ און זיך אָנגעשאַפּט אין דער פארענטשע. א קורצער אָטעם, א שטאָך. ער האָט אויפגעהויבן דעם בליק, געוואָלט מעסטן די כוחות מיט די טרעפּ וואָס ווארטן אויף אים. פון דער ערשטער פּלאטפּאָרמע האָט אראָפּגעקוקט ריטא.

„שוין ווידער‘‘, האָט ער א טראכט געטאָן און א מילדע מידקייט האָט זיך פֿאמעלעך געגאָסן אין קערפּער. דאָס מאָל האָט זי אים נישט אויפגערעגט, ווי געוויינטלעך, מיט איר אומגעבעטן באווייזן זיך. זי האָט זיך אויף גיך אראָפּגעלאָזט די טרעפּ, שטיין געבליבן לעבן אים און קיין וואָרט נישט ארויסגערעדט. זי האָט געוווסט אז ער קאָן נישט שלום מאכן מיטן געדאנק אז ער וואָלט אמאָל געדארפט אָנקומען צו עמעצנס הילף. יאָנעל האָט נישט געפּרווט גיין ווײַטער. ריטא האָט דאָס צוגעשריבן זיין צושטאנד. געווארט מיט געדולד. נישט דאָס איז געווען די סבה פון זיין שטיין בלייבן. אײַלנדיק אראָפּ די טרעפּ האָט ריטא א ווארף געטאָן דעם קאָפּ אויף צוריק. א טבע אזא ווען זי אײַלט זיך, געבליבן פון יענע צייטן ווען זי האָט געטראָגן קורצע האָר, פון דעמלט ווען די האָר זענען נאָך געווען פרישע, זאפּטיקע און ווייך־בייגעוודיקע. אצינד זענען זיי דראָטלדיקע, אָבער די באוועגונג מיטן קאָפּ איז געבליבן און האָט דערמאנט יאָנעלן דאָס יונגע מיידעלע...

אלט געווען איז ער אינגאנצן א יאָר פערצן ווען ס׳איז באשטימט געוואָרן אז זיין פּלאץ איז אין דער הויפּטשטאָט. לאָבארד האָט געהאט איין און איינציקן ציין־דאָקטער — געגנוג פארן שטעטל וו נאָר וויניקע האָבן זיך פארנומען מיט זייערע ציין. די מערהייט איינוווינער האָבן נישט געוואָלט וויסן פון קיין ציין־דאָקטער. טוט ווי א צאָן לייגט מען ווארעמס, טוט ער שטארקער ווי קרעכצט מען, מיט דער צייט לאָזט דער ווייטיק נאָך. ציין זענען דערצו זיי זאָלן זיך קרישלען, פוילן און ארויספאלן. אין ערגסטן פאל גייט מען צום פריזירער, שלעפּט ער ארוים דעם פוילן צאָן און נעמט זיך איבער אז ער איז א דאָקטער. א ציין־דאָקטער איז פאר פיינשמעקער, ליידיקגייער אָדער אויפגעקומענע גבירים.

גערופן האָט מען דעם ציין־דאָקטער מאָסקו, כאָטש געהייסן האָט ער מאָסקאָוויטש און געווען איז ער אי דאָקטער אי טעכניקער. אן אלטער בחור. א געדיכטער קאָפּ האָר — זאלץ און פעפער. דער פעפער האָט אָנגעהויבן פארשווינדן און ער איז נאָך אלץ א בחור. א צייט האָט מען אים גערעדט שידוכים ביז די שדכנים האָבן מוותר געווען: נישטאָ מיט וועמען און פון וועמען צו רעדן. ס׳האָט אויסגעזען אז דאָס פאמיליע לעבן איז אים דערווידער. דערין האָבן אפשר געהאט זייער חלק די שטעטלישע מיידלעך — אזוי יונגע און נאָך מער עלטערע — וואָס ווי נאָר זיי דערזעען א בחור פון וועלכן מע קאָן האָפן ער זאָל ווערן א חתן באשענקען זיי אים מיט לאקריץ־זיסע קעלבערנע בליקן. זיך יעדן טאָג אומקערן פון קאבינעט אין א הויז וו סע ווארט אויף דיר די זעלבע מויד, נעמט דיך אויף מיט די זעלבע ווערטער און גרייט זיך צו גיין מיט דיר אין דעם זעלבן בעט האָט אים באמת אויסגעזען שרעקלעך נודנע און אומגעלומפּערט. אזוי האָט ער

באקומען דעם נאָמען, דער ווילדער. אזוי איז עס געבליבן ביז היינט צו טאָג און נישט נאָר אין קליינע שטעטלעך אָדער דערפער נאָר אויך אין גאָר גרויסע שטעט: וויל מען לעבן אביסעלע אנדערש ווי די מערהייט, וויל מען לעבן אזוי ווי סע וויל זיך איז מען א ווילדער. אנדערע רופן דאָס — ווילד-ווּקס.

מאָסקו האָט פארבראכט זיין צייט אין קאבינעט. געזאָגט האָט מען ער וואַרט אויף פאציענטן און אונטערגעשמייכלט; געזאָגט האָט מען ער האָט נישט אויף א טאָג איבערצוקומען און ווידער געשמייכלט מיט שאָדנפרייד; געזאָגט האָט מען ער זיצט און פארדרימלט די שעהען און געלאכט מיט א דראָבנע-ביטול-געלעכטערל. (פאראן מענטשן וואָס צאָלן פאר אזא געלעכטערל מיט קלינגענדיקע פעטש). אין דער ווירקלעכקייט איז זיין טאָג געווען איינגעטיילט אין פינקטלעכע צייט-אָפּשניטן פון וועלכע ער פלעג זעלטן אָפּווייכן, נאָר דעמלט ווען ס'איז אונטערגעקומען א דרינגלעכער פאל. יעדן אינדערפרי גרייט ער אליין זיין שווארצע קאווע. ס'איז א באזונדערער אופן פון צוגרייטן א טערקישע קאווע אויף א קליין-קליין פייערל. ער טרינקט גלאָסן — א זופּ קאווע און א ציפון ציגייער, דער איינציקער ציגייער וואָס ער רויכערט יעדן טאָג. נאָך דעם געהערט ער די פאציענטן און די ביכער. לייענען לייענט ער אלטע ביכער, ביז דאנטע. אן אויסנאם איז שעקספּיר. וואָס שפּעטער, האלט ער, איז נישט קיין מוז. מיטאָג עסט ער ביי מאדאם פייגען, יאָנעלס מוטער. ווי אזוי דאָס איז געשען איז שווער צו זאָגן. צו מאָל דערמאנט מען זיך אז סע האָט אים געפעלן איינע פון יאָנעלס שוועסטער. אפשר די מיטעלע, אפשר די קלענסטע. ביידע שיינע, ביידע קלוגע, ביידע ענלעך איינע מיט דער אנדערער, אָבער דאָך פארשידענע: איינע א קויל-שווארצע, די צווייטע א ליכטיק פּנים און טונקל רויטע האָר. ביידע זענען מער נישט אין שטעטל און ער איז נאָך אלץ דער מאדאם פייגעס קונה. כאָטש ס'איז נישט קיין איינפאָר-הויז און אויך נישט קיין רעסטאָראן איז מאָסקו געבליבן אויף קעסט. נאָך מיטאָג קאָן מען הערן פון זיין קאבינעט מוזיק. שיינע מוזיק. צייטונגען קויפט ער נישט. אזוי האָט זיך אָפּגעוויקלט זיין לעבנס-שטייגער ביז... ער האָט אָנגעהויבן קויפן א צייטונג.

געשען איז עס ווען קומענדיק אין א טאָג צום מיטאָג האָט ער געפונען יאָנעלס מוטער א פארוויינטע. קומען פלעג ער אין יענע שעהען ווען די שטובמענטשן האָבן שוין לאנג אָפּגעגעסן און געגאנגען זיך אויסרוען, אזוי ווי סע פירט זיך אין אלע שטעטלעך פון קאנט. ווייל דער קאנט טראָגט א טיפן טערקישן שטעמפּל. ביז נישט לאנג האָט מען דאָ נאָך געטראָגן טערקישע קאפטאנעס און קאָלפּעקעס, גערויכערט ליולקע-ציביקעס, געטרונקען אין זאמד געקאָכטע שווארצע קאווע פון ערדענע טעפּעלעך; דער האנדל איז געגאנגען איבער אָדער קיין „סטאַמ-

בול''. דאָרט האָט מען אויך אָפּגעקויפט דאָס כסא־המלכות, דעם טראָן און צוזאַמען מיטן רעכט צו הערשן איבערן לאַנד אויך די פּריוועלעגיע איינצופירן מנהגים. קונים וואָס זאָלן נישט שאַנעווען געלט האָבן זיך געפונען. פאַרן טראָן האָט מען געצאָלט שווערע פּותיקות און קיינמאָל דערצו נישט דערלייגט. פון יענע צייטן איז אויך געבליבן דער מנהג יעדן טאָג נאָך מיטאָג צושלאָגן דעם לאָדן פון טיר, זיך צוריקציען אין די הינטערשטע צימערן וווהין סע דערגייט נישט דער רעש פון גאַס און די היץ פון טאָג, פון וועלכע מ'האָט באַצייטנס ארויס־געטריבן די פליגן און זיך צוליגן דרימלען זאָל זיין כאָטש נישט מער ווי א שעה. אין אָט דער שעה קומט מאַסקו כדי אויסצומיידן זיך באַגעגענען מיטן באַלעבאָס פון שטוב ווי אויך מיט זיינע צוויי זין — די עלטערע — ווייל ער ווייסט אַז זיין אָנוועזנקייט און די קעסט ביי מאַדאַם פייגען פאַרשאַפן זיי קיין פאַרגעניגן. אויך ביי זיי איז ער א ווילדער. דער איינציקער וואָס דרייט זיך אין עס־צימער בשעת ער עסט מיטאָג איז יאָנעל.

ווען ער האָט געזען מאַדאַם פייגען א פאַרוויינטע האָט ער זיך געוואָלט אַנטשולדיקן און מוותר זיין אויף דעם מיטאָג. זי האָט אים געמאַכט א צייכן מיט דער האַנט ער זאָל בלייבן און יאָנעל האָט אויסגעפּראַלט זייער וויכטיק:

— איר האָט געלייענט די צייטונג? די באָמבע האָט געלייגט לאַקס!...

דער פּלאַס פון עקספּלאָזיע האָט א שימער געטאָן אין צימער, מאַסקו איז אַנידערגעפאַלן אויפן בענקל כמעט א דערהרגעטער. מאַדאַם פייגע האָט אים דערלאַנגט די צייטונג. אויף דער ערשטער זייט מיט גרויסע אותיות: „געכאַפּט דעם אַטנטאַטלער!''

מאַסקו האָט אָנגעהויבן קויפן די צייטונג. געלייענט האָט ער נישט מער ווי די באַריכטן פון פּראָצעס. לאַקסן האָט ער נישט געקענט און צום פאַרשטיין דאָס וואָס געשעט, די האַלטונג פון באַשולדיקטן, האָט אים געפעלט דאָס געשטאַלט פון אַטנטאַטלער. אַז ער קאָן נישט סאַמעווען מיט זיינע עלטערע ברידער איז אים געווען קלאָר אָן א פאַרוואָס. אפשר דערפאַר ווייל די טאַט איז אים אויסגע־קומען ווילד פרעמד פון פרומע יידן. זיכער דערפאַר ווייל פרעמד איז אים לגמרי געווען די געשיכטע פון פאָלק צו וועלכן ער האָט נישט וויסנדיק אָנגעהערט. אַנדערש וואָלט ער געוווּסט אַז זיינע אורזיידעס זענען געווען אפשר די ערשטע אַטנטאַטלער איז דער וועלט־געשיכטע. אים האָט זיך געוואָלט אַראָפּ־לייענען לאַקס שטריכן פון יאָנעלס פּנים. אַזוי האָט ער אָנגעהויבן טראַכטן וועגן א תכלית פאַר דעם יינגעלע, אים גענומען צו זיך אין קאַבינעט לערנען צייכ־טעכניק. אים האָט אַמוזירט און איינצייטיק שאַקירט דעם יינגעלס באַנעמונג. ביי צען — עלף יאָר האָט ער מאָדנע געטראָגן מיט א באַזונדערער ווערדע דעם

עול פון געשיכטע־שאַפער. קליין געוואַקסן האָט ער אויסגעזען גלייך ווי ער ציט זיך אין דער הייך מע זאָל זען און וויסן אַז דאָ גייט לאַקס ברודער און אַז ער איז אימשטאַנד בייצושטיין די פאַרשידענע באַציונגען צו אים סיי אַלס שונא סיי אַלס פריינד. די וואָס האָבן סימפּאַטיזירט מיט לאַקסן זענען געווען זיינע פריינד און די וועלכע האָבן אים פאַרשאָלטן, זיינע בלוטיקע שונאים און ער זייערער.

אין אַ פרימאָרגן איז ער געקומען אין קאַבינעט מיט דער צייטונג און אָנגעוויזן מאָסקון די שורות וואָס ער זאָל לייענען. אויסגעזען האָט ער ווי איינער וואָס האָט געווינען אַ שווערע שלאַכט. אין די שוואַרצע אייגעלעך האָט געברענט אַ מאָדנע פייערל, די נאָז־פליגעלעך האָבן זיך באַוועגט נערוועז. זיין בליק האָט זיך אָפּגעשטעלט ווען אויף מאָסקון, ווען אויף דער צייטונג, גלייך ער וואָלט וועלן טרעפן די ווירקונג פון יעדן אות. אין דער צייטונג האָט מאָסקו געלייענט: אויף דער פראַגע פון ריכטער פון וואָס פאַרא מאַטעריאַל דער באַשולדיקטער האָט געמאַכט די באָמבע, האָט לאַקס געענטפערט: „די באָמבע, הער ריכטער, איז געמאַכט געוואָרן מיט די טרערן פון די וואָס זענען געבליבן אַלמנות און יתומים ווען איר האָט צעשאָסן די אויפשטענדלערישע פויערים אין 1907, מיט זייער בלוט און מיטן שווייס פון מיליאָנען אויסגעמאַטערטע, אויסגעמוטשעטע און אויסגעהונגערטע אַרבעטס־מענטשן. אָט מיט וואָס כ'האָב געמאַכט די באָמבע!" מאָסקו האָט געלייענט די ווי אים האָט זיך געדאַכט באָמבאַסטישע ווערטער און אַ סקעפּטיקער ווי ער איז געווען האָט אים געמוטשעט אַ געדאַנק — ווי פרעמד די מענטשן קאָנען בלייבן פון זייער אייגענער געשיכטע! לוינט זיך מקריב זיין דאָס לעבן וועגן אויסשרייען אַזעלכע ווערטער? האָט ער געוואָלט פרעגן און באַצייטנס זיך געכאַפּט אַז דאָס וואָלט געקאָנט בלוטיק באַליידיקן דאָס יינגעלע. שפּעטער איז אים איינגעפאַלן: אפשר וואָלט, אָן אַזעלכע ווי לאַקס, די געשיכטע קיין געשיכטע נישט געווען..

פון יאָנגעלן איז געוואָרן אַ ציין טעכניקער — לויט מאָסקום מיינונג אַ גוטער. ער האָט אויף זיין אופן ליב באַקומען דאָס קליינוווקסיקע יינגעלע, מיט אים פאַרבראַכט גאַנצע טעג מוותר זייענדיק צומאָל אויף זיינע ביכער און אויך אויף זיין מוזיק. ס'האָט אים זייער פאַראינטערעסירט דעם קינדס געדאַנקענגאַנג. מאָסקו האָט געהאַלטן אַז נאָך דער מלחמה און נאָך דעם גרויסן איבערקערעניש וואָס איז פאָרגעקומען אין גרויס ראַסיי האָט זיך פאַרשפּרעט אַ ניי חולאת. דעם חולאת האָט ער אַ נאָמען געגעבן פּאָליטיסיטע ווייל זייער אַ סך האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט פּאָליטיק און דערצו געווען זיכער אַז זיי ווייסן באמת וואָס אויף דער וועלט געשעט, נאָך מער, זיי מיינען אַז זיי ווייסן וואָס סע וועט און

מוז געשען ווייטער. ער האָט געהאַלטן אַז ס'איז אַ חולאת פאַר דערוואַקסענע, צוגעגעבן אַז סע קאָן אויך אָנשטעקן יונגערע, אָבער קינדער!? דאָס איז אים אויסגעקומען נישט צום איבערטראָגן. דער פּראָצעס האָט דאָס יינגעלע — שוין אַזוי אַן אַלטער — נאָך מער מאַטוריזירט. ווען מ'האָט לאַקסן פאַרמשפּט אויף צענדליקער יאָרן שווערער תפיסה אין אומדערטרעגלעכע באַדינגונגען האָט עס יאָנעלן אויפגענומען גלייך ווי מע וואָלט געווען אַרויסגעטראָגן דעם פּסק-דין קעגן אים און ער האָט דאָס באַגעגנט מיט אַ שרעקלעכער פאַרביסנקייט. אומגליקלעך איז געווען זיין מוטער נישט נאָר ווייל דער גורל פון זון, פון שפּיגל אין דער משפּחה, איז געווען אירער, נאָר אויך ווייל די באַציונג פון שטעטל איז געוואָרן פיינטלעך. נאָענטע פריינד האָבן אויסגעמיטן — געוואָרן געווען; אַנדערע ווידער האָבן אָפן אַרויסגעוויזן זייער אומצופרידעקייט מיט דעם וואָס „אָט דער לאַקס" איז געטראָגן און געבוירן געוואָרן אין זייער שטעטל; מיט דעם וואָס ער האָט אָנגעיאָגט אַ כוואַליע שרעק און שנאה „ווייל אַ ייד האָט דאָס נישט געדאַרפט טאָן, אַ ייד האָט זיך אין אַזעלכע זאַכן נישט וואָס צומישן, די פּויערימס בלוט און שוויים זענען נישט זיין זאַך". לאַקס משפּחה האָט זיך ווייניק באַוויזן אויף דער גאַס, די פּרנסה האָט געליטן, געוואָרן דערשלאָגן. די קאָמפּליצירטע לאַגע איז נישט דערגאַנגען צום יינגעלס מוחל. מאָסקו האָט געטראַכט אַז סע וואָלט זיין אַ יושר ער זאָל שענקען מער אויפמערקזאַמקייט זיין יונגן פריינד; ער האָט געהאַלטן אַז סע וואָלט זיין גלייך אים אָפּרייסן פון דער אַטמאָספער און איז געווען זיכער אַז איבערצייגן זיין מוטער זי זאָל געבן די הסכמה וועט נישט זיין שווער. זיין געדאַנק איז געווען אַז יאָנעלן דאַרף מען שיקן אין דער הויפּטשטאָט, דאָרט ווו סע געפינען זיך זיינע שוועסטער. ניין, ער האָט נישט דערוואַרט דאָרט זאָל פון אים אויסוואַקסן אַ פּערזענלעכקייט אויפן פּאָליטישן געביט — דאָס איז אים אַמווייניקסן אָנגעגאַנגען. אים האָט זיך געדאַכט אַז ס'איז דער פּאַסיקסטער מאָמענט אַרויסצורייסן דאָס יינגל פון שטעטל. דערצו האָט אויך ביי געטראָגן זיין איבערצייגונג אַז נישט אומעטום איז די נוידנעקייט די זעלבע און אויב מע מוז שוין יאָ אָפּנודיען דאָס בידנע לעבן איז בעסער אַן אַנדער נוידנעקייט ווי די לאָבאַרדער, ווו אַפילו די פּליאָטקעס זענען קליינשטעטלדיק, ווו די פּראָווינץ שפּרייט איר פּוסטעקייט איבער אַלע גאַסן און האָט נישט אַפילו דעם חן פון אַ חוצפּהדיק צעבאַלעוועט גאַסן-מיידל; אַלץ איז ווייכפּליישיק אומרירעוודיק, דושנע, שבת-נאָך-סעודהדיק פאַרשלאָפן אַז סע קוועטשט און דריקט און ליימט אַלע איברים.

פרייטיק צו מיטאָג האָט ער פאַרפירט דעם שמועס מיט מאַדאַם פייגען. ס'איז געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס ער האָט זיך צו איר געווענדט מיט „מאַדאַם",

און ס'איז אים אויסגעקומען קאָמיש. אזוי האָט זי גערופן איערער, ווייל אזוי האָט מען גערופן אלע ווייבער פון שטעטל. אָבער ווען ער האָט ארויסגערעדט דאָס וואָרט „מאדאם" איז ער געבליבן א רגע אין פארלעגנהייט, דער אויסדרוק האָט זיך עפּעס נישט געקלעפּט צו דער רויקער, באשיידענער און ווייט נישט נארישער פרוי. ער האָט זיך געהערט זאָגן:

— אלע טעמים האָט דאָס ראָסעלע, מאדאם פייגע. מיט אייער ראָסל איז יעדער פרייטיק א יום־טוב.

אין מאדאם פייגעס וואָכן־מעניו איז פרייטיק געווען פארגעזען מיט א ראָסל געקאָכט לויט דעם יידישן שטייגער: פעט רינדער פלייש, באראבולים, קנאָבל, א געדיכטער איינברען און אלס צולאָג געזייערטע עטוואָס רויטלעכע טאָמאַטן אָדער קליינע אוגערקעלעך. מאדאם פייגע האָט ליב געהאט מע זאָל לויבן איר עסן, אָבער געענטפערט האָט זי:

— איר טרייבט איבער, הער מאָסקאָוויטש, און זיך רויטלנדיק צוגעגעבן, דאָס מאָל איז עס באמת באטעמט...

— אייער מעזיניק, האָט ער איר איבערגעשלאָגן די רייד, ווייל ס'האָט זיך אים נישט געוואָלט אָפּווייכן פון סוביעקט צו וועלכן ער האָט זיך געגרייט און אויסהערן א לעקציע וועגן ראָסעלעך, אייער מעזיניק איז א גוטער ציין־טעכניקער און עבירה ער זאָל נישט אויסנוצן די געלעגנהייט און פאָרן זיך ספּעציאליזירן.

— זיך וואָס?!

— ווערן א גוטער בעל־מלאכה, ער האָט דערצו אלע מעגלעכקייטן.

— אָבער פארוואָס פאָרן, און וואוהין פאָרן?

— ביי מיר האָט ער מער נישט וואָס צו לערנען. אין בוקארעשט וואָלט ער זיך גאָר גיך ארויפגעארבעט.

— ביי זיינע יאָרן?

— א קלוג און געזעצט יינגעלע קאָן זיך ביי זיינע יאָרן לאָזן אין דער וועלט, האָט זי פארזיכערט מאָסקו.

— אין יענעם גיהינום?!

— פרוי פייגע, איר זאָלט אזוי רעדן...

מאדאם פייגע האָט געזוכט אין מאָסקוס אויגן א שפּור פון חוזק. דייטשמעריש איז נישט געווען זיין סטרי. נישט געפינענדיק האָט זי א פיר געטאָן די פינגער איבער די ליפּן און צוגעדעקט א גוטמוטיקן שמייכל.

שווער צו זאָגן אז איבערצייגט האָט זי מאָסקו, ניבער די אלגעמיינע לאגע. זי איז געוואָרן אזא אז מע האָט געדארפט ראטעווען און מער פון אלע דעם מעזיניק.

... די הויפּטשטאָט. די מעטראָפּאָלע.

געווען אין יענע צייטן א מיינונג אז די גרויס-שטאָט, די מעטראָפּאָלע באַ-גענגט נישט, זי שלינגט איין, ווארפט דעם נייַ אָנגעקומענעם צווישן שרעקלעכע רעדער, קוועטשט פון אים אויס אלע זאפטן און שלײדערט אים אויף אן אומגעהײ-ערער קופּע מיסט. פאַר יאָנעלן האָט געעפנט אירע טויערן א גאָר אנדערע כּאַרט שטאָט — א שטאָט פון קליינע שטעטלעך.

געוווינט האָט ער אויף דודעשט, נישט ווייט פון יענעם פּלאַץ וווּ די גאס געמט ארום אין אירע אָרעמס צוזאמען מיט אנדערע צוויי — וואקארעשט און טראיאן — דעם באריכמטן שטיין-צײלעס. אזוי האָט מען גערופן דעם קווארטאל פון די צווייטראנגיקע גאַסנמיידלעך מיט אלעם וואָס געהערט דערצו: פּראָקסענעטן, מעסער-שטעכער, קרעטשמעס, שיכורים קאָרטן-שפּילער, וווילע-ייִנגען, ליידיקגייער, געלט-פעלשער און דראָבנע פּיש-לעך — קעשענע גנבים, שלעגער, סקאנדאל-לשם-סקאנדאל-מאכערס, בעטלער, זינגער, דראָט-גייער, פינגערהוט און בארבוט שפּילער. ווי נאָר מע איז ארויס פון די געסלעך האָט אָנגעהויבן א נייע וועלט, אן אנדערע און צווישן די צוויי א מויער אָדער א נישט געשריבענער אָפּמאַך אז ווי נאָר מע טרעט אריבער דעם טראָטואר מוז מען זיך צופּאסן צו אן אנדער שטייגער. אויף דער זייט האָבן געלעבט אָרעמע בעלי-מלאכות דאָס רוב יידן. דער קווארטאל האָט געהייסן דער יידישער. כאָטש אָדער ווייל א סאָרט געטאָ האָט אהער געשטראָמט אויך א נישט-יידישער עולם — דאָס זענען געווען די „לינקע‟. די זעלבע וועלכע האָבן ארויס-געוויזן סימפּאטיע און רעספּעקט פאַר מענטשן ווי לאקס. לאקס איז דאָ געוואָרן א מין סימבאָל פון פריי אָטעמען, פון זיך נישט לאָזן טרעטן, פון פעיקייט זיך מקריב צו זיין אויפן מזבח פון ... מיט איין וואָרט וואָלט מען געקאָנט זאָגן פריי-הייט כאָטש אָדער אויך ווייל דער באגריף איז נישט אינגאנצן קלאָר, שווער צו זאָגן וואָס אזוינס ער דארף באטייטן.

אהער האָט יאָנעל געבראכט ריטאן.

ריטא — א יונג ווינציק-ווײסנדיק מיידעלע וואָס אנטדעקט יעדע מינוט די וועלט. ביי יעדער אנטדעקונג טוט זי א ווארף מיטן קעפּעלע אויף ארונטער. דעמלט באווייזן זיך געדיכטע, איינע פון דער צווייטער עטוואָס צו ווייטע ברע-מען, לאנגע וויעס און זייער פארוווּנדערטע קארע אויגן. זי איז געווען אן אָפּ-טער גאסט ביים ציין-דאָקטער אין וועמענס קאבינעט יאָנעל האָט געארבעט — דעם דאָקטערס א ווייטער פריינט. נישט איינמאָל האָט זי יאָנעל באמערקט אין קאבינעט ווען ער פלעג ברענגען פּראָטעזעס, אָבער זי האָט אים נישט געשענקט קיין שום אויפמערקזאמקייט. זי איז געווען פארנומען מיט באטראכטן אָפענע

מיילער און געקנייטשטע פּנימער. דאָס האָט זי מער פאַרווילט איידער דאָס קליינ־ווּקסיקע ייִנגעלע מיט זיין שוועלערבן ערנסט.

די צייטונגען זענען אין יענער צייט געווען איבערפולט מיט באַריכטן וועגן לאַקסן. זינט אַ לאַנגער צייט אין תּפיסה, אָן שום אויסזיכטן צו פאַרבעסערן זיין לאַגע, האָט ער באַשטימט אַז דאָס איינציקע מיטל אויסצואיבן אַ דרוק אויף דער אַדמיניסטראַציע קאָן זיין נאָר אַ הונגער־שטרייק. נאָר אויף אַזאַ אופן וועט ער דערמאָנען די עפנטלעכע מיינונג אַז ער לעבט און נייטיקט זיך אין איר הילף. דער הונגער־שטרייק האָט אָנגעהאַלטן כּמעט אַ חודש. נאָך לאַנג שווייגעניש האָט זיך פּלוצעם עפּעס אַ ריר געטאָן — די עפנטלעכקייט האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און אָנגעהויבן רעאַגירן. פון די ידיעות וואָס זענען צו אים דערגאַנגען האָט זיך לאַקסן געדאַכט אַז זיין מלחמה איז געווינען, אַז זיין נצחון קאָן זיין גרעסער ווי ער האָט זיך פון אָנהויב גערעכנט. דעמאָלט איז דער אַדמיניסטראַציע איינגעפאַלן אַ סטראַטאַגעם — נאָכגעבנדיק אַלע זיינע פאָדערונגען האָט לאַקס אויפגעגעבן דעם הונגער־שטרייק און... נאָך צוויי טעג האָט מען אים געפונען אין צעלע אַ טויטן.

אַזאַ געשעעניש האָט געווירקט אויך אויף אַזעלכע מענטשן ווי דער צייןדאָקטער, מענטשן וועלכע האָבן פאַר פּאָליטיק קיינמאָל קיין שום אינטערעס נישט אַרויסגעוויזן אָבער פאַרביינגיין גלייכגילטיק לעבן אַ מאָרד האָבן זיי נישט געקאָנט. דער דאָקטער האָט קאָמענטירט די געשעעניש מיט איינעם פון זיינע פּאַציענטן אין דער אָנוועזנקייט פון ריטאַן. יאָנעל איז אַריינגעקומען מיט דער פּראָטעזע בלייכער און מיט אַ מער שטאַרן בליק ווי געוויינטלעך.

— דאָס איז זיין ברודער, האָט געזאָגט דער דאָקטער ווען יאָנעל האָט פאַרלאָזט דעם קאַבינעט און ביידע האָבן אויפגעציטערט — דער פּאַציענט מיט פאַרדראָס וואָס ער האָט אים נישט נענטער באַטראַכט און ריטאַ ווייל זי האָט אים ביז איצט נישט אַנטדעקט.

אַזוי האָט ריטאַ פאַרבראַכט אַ לאַנגע צייט אין יידישן קוואַרטאַל זיך כּמעט קיין חשבון נישט אָפּגעבנדיק אַז דער קוואַרטאַל איז אַ יידישער. פאַר איר איז עס געווען אַן אָרעמער, און ליב געהאַט האָט זי נאָר יאָנעלן.

— קום, דו דאַרפסט זיך צוליינגן, דו מוזסט זיך אויסרוען, האָט ריטאַ געשעפּטשעט. יאָנעל האָט זי דאָס מאָל געפאָלגט און נאָך לאַנגע יאָרן נישט געפילט אַז זי איז אים איבעריק. ער האָט געזען דעם אַמאָליקן וואַרף מיטן קאָפּ אויף אַרונטער און אַן אומבאַשטימטע בענקשאַפט האָט אים געפירט מיט לאַנגזאַמע טריט טרעפּ־אַרויף.

# 3. געטריי

ארויף די טרעפּ, זענען זיי געשטאנען א צייט ביי דער טיר. יאָנעלן איז געווען שווער ארויסצונעמען די שליסלען פון דער קעשענע. ריטא האָט נישט געוואגט אים העלפן, ער זאָל זיך נישט אויפרעגן. אים פעלט איצט נישט אפילו די קלענכטע אויפרעגונג. זי האָט געקוקט אויף אים ווי ער שטייט אָן עטוואָס געבויגענער, דער בליק האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף זיין קארטאָפל-נאָז און ס'האָט זיך איר געדאכט אז די נאָז האָט זיך גאָרנישט געעלטערט, אפילו נישט מיט א טאָג, נאָך אלץ אזוי פליישיק ווי פון אָנהייב.

די נאָז-לעפלעך האָבן זיך א לייכטן ריר געטאָן — אזוי געשעט ווען ער שמייכלט. ער האָט געמיינט אז זי נעמט נישט די שליסלען ווייל ס'איז נישט שיין צו קריכן אין פרעמדע קעשענעס. דאָס האָט אים דערמאָנט אז ריטא איז אויפגעכאָוועט געוואָרן אין א פּאנסיאָן — אין באַרימטסטן פון דער הויפּטשטאָט.

לערנען אין פּאנסיאָן האָט געהייסן אז מע געהערט צו א געוויסן געזעלשאַפטלעכן שיכט, אז די עלטערן ווילן דווקא די טאָכטער זאָל בלייבן אין אָדער ארויבערשפּאנען די שוועל צו די אייבערשטע שיכטן. אין אזעלכע אנשטאלטן, געווייינטלעך פּריוואטע, האָבן געלערנט אויך טעכטער פון פאמיליעס וואָס האָבן געהאלטן ביים ארויסטרעטן פון די העכערע קרייזן ווייל זייער לאגע, זייער עקאָנאָמישע באזע האָט זיך אָנגעהויבן שאָקלען. אין אזעלכע פאלן האָבן די עלטערן געטאָן אלץ וואָס זיי האָבן געקאָנט ווייטער צו האלטן דאָס טעכטערל אין „פּאנסיאָן", אויספּארקויפנדיק בשתיקה פון שטוב, ווייל זי, די טאָכטער, האָט געגעבן האָפענונג צו ווערן יענער שטריק וואָס זאָל זיי ארויסציען פון גרוב. אויף א שיין מיידל וואָס האָט געענדיקט דעם פּאנסיאָן האָט זיך שטענדיק געפונען א בעלן אן

אויפגעקומענער אָדער אַן אַלטער פריץ אַן אַלמן. דערפאַר, ווייזט אויס, האָט דער סאָרט פאַנסיאָנען געגעבן אַ גרויסן פראָצענט מיידלעך וואָס האָבן זיך גענומען דאָס לעבן. און אפֿשר איז עס אַ טעות, אפשר האָט דאָס אַזוי אויסגעזען ווייל וועגן אַזעלכע האָט מען גערעדט, אַנדערע זענען אומגעקומען אין אַנאָנימאַט אַזוי ווי זיי האָבן אין אים געלעבט. בדרך כלל איז אויפגעכאַוועט ווערן אין אַזאַ אַנשטאַלט געווען אַ חשובע זאַך און אויך אַ האַלבער נדן.

ריטאַס פאָטער, אַן אָפיציר פון העכערן ראַנג, האָט זי געהאַלטן אין פאַנסיאָן ווייל ער האָט אָנגעהערט צום שיכט וואָס מע קאָן אָנרופן „העכערער״, דאָס הייסט מענטשן וואָס האָבן אָנגעזאַמלט אין משך פון דורות אַ שיין פאַרמעגן — איין אָדער צוויי גיטער — און פאַרנעמען אויך אַ שטעלע וואָס פאָדערט אָדער צווינגט מע זאָל זיי אָפּגעבן כבוד. געווען איז ביי אים ריטאַ אַ בת-יחידה און ער האָט איר אַלץ נאָכגעגעבן זיך אײַנגאַנצן פאַרלאָזנדיק אויף דער שול און אויף איר שכל-הישר. געהאַלטן האָט ער זי פאַר אַ קלוגער — און זי איז געווען; געהאַלטן האָט ער זי פאַר אַ שיינער — ווי אַ יעדע טאָכטער אין די אויגן פון איר פאָטער. די מוטער אירע איז געשטאָרבן זייער יונג, ריטאַ האָט וועגן איר ווייניק געוווּסט און די שטיף-מאַמע איז געווען אַ פרוי וואָס האָט פאַרשטאַנען אַז דאָס בעסטע איז מיט דעם מאַנס טאָכטער צו זיין אַ חברטע.

ריטאַס גענג אין יידישן קוואַרטאַל זענען אַ לאַנגע צייט געבליבן פאַר איר פאָטער אַ סוד. זי האָט פאַרשטאַנען אַז קיין גרויס פאַרגעניגן וועט זי אים דערמיט נישט פאַרשאַפן, אַזוי איז איר אויך אויסגעקומען לייכטער אויסצובאַהאַלטן פון יאָנעלן איר אָפּשטאַם — אַן אָפּשטאַם וואָס האָט נישט געפּאַסט צו זיין סביבה. אָפט פלעגט זי אַריינקומען צו יאָנעלס שוועסטער — דער מיטלסטער, די מיט אַ ווייסער הויט און טונקל-רויטלעכע האָר. אויך איר מאַן איז געווען אַ דאָקטער, אָבער נישט ווי ריטאַס פריינט דער ציין-דאָקטער ביי וועלכן ס'האָבן זיך באַהאַנדלט נאָך פאַרמעגלעכע, ווו דער פאַציענט האָט געמוזט האָבן אַ געוויסן ייחוס-בריוו, אָדער ווי ריטאַ פלעג זאָגן — פעדיגרי. דאָ איז געווען אַן אָפענע שטוב מיט כל המינים געסט. כאָטש דער הויפטשטריך איז נישט געווען דווקא אַ יידישער האָט דאָ געהערשט דער פרינציפּ: כל דיכפין. אַגב מוז מען צוגעבן אַז אויב די שונאים פון די לינקע האָבן זיי צוגעטשעפּעט אַלס אַטריבוט דאָס וואָרט „ייד״, האָבן זיי אין דעם זיך נישט זייער טועה געווען. צו יענער צייט איז עס אַזוי געווען: וויבאַלד אַ „לינקער״ מיט אַ געוויסער עקאָנאָמישער סיטואַציע, איז די שטוב געווען אַן אָפענע, אַ כל-דיכפינדיקע. קומען פלעגן די געסט געוויינטלעך אין די שעהען ווען דער מיטאָג איז געווען נאָענט. אויף

די מיטאָגן זענען אוועק דעם דאָקטערס כמעט אַלע פּאַרדינסטן. ריטאַ האָט ליב געהאַט פאַרברענגען מיט מאַרגאַן — דאָס איז געווען יאָנעלס שוועסטערס נאָמען. אייניקע האָבן זי גערופן מאַרגאָ, אַנדערע ווידער אונדזער פּרינצעסן. ווען ריטאַ האָט צייט געהאַט — און צייט האָט זי זיך געמאַכט ווען זי האָט געוואָלט — פלעג זי קומען פרי. ס׳האָט איר זייער געפעלן ווי אַזוי מאַרגאָ גרייט דעם מיטאָג. פון מאַרק פלעג זי קומען באַגלייט פון אַ טרעגער מיט צוויי פולע קוישן אין וועלכע ס׳האָט זיך געפונען פלייש, כלערליי גרינוואַרג, ברויט, צומאָל אויך פרוכטן. אַריינגעקומען, באַצאָלט דעם טרעגער, צומאָל אים אָנגעהאָדעוועט, פלעג זי זיך גלייך נעמען צו דער אַרבעט. אוועקשטעלן אַ גרויסן טאָפּ, בראָקן, שניידן, ווידער בראָקן און אין דער זעלבער צייט דערציילן. מיט ריטאַן האָט זי זיך פאַרחברט און האָט ליב געהאַט איר דערציילן כלערליי אוואַנטורעס, נישט איין מאָל אַביסעלע איבערגעטריבענע — סע זאָל זיין אינטערעסאַנטער. און זיי פלעגן ביידע לאַכן ווייל אַלע מאַרגאָס אַוואַנטורעס האָבן אין זיך געהאַט עפּעס קאָמישעס, עפּעס אַזעלעכס וואָס האָט געצוווּנגען צום לאַכן, כאָטש אָפטמאָל איז דאָס געשעענע געווען ווייט פון זיין קאָמיש. מאַרגאַ דערציילט:

— כ׳גיי אויף קאַלעאַ וויקטאָריעי, גיי פאַרביי די פּרעפעקטור אין דער ריכטונג פון פּאַלאַץ, פון קיניגלעכן, קלערט זי אויף און ביידע לאַכן ווייל ווען מע זאָגט „פּאַלאַץ״ מיינט מען נאָר דעם קיניגלעכן, ביי די איבעריקע מוז מען צוגעבן דעם נאָמען פון באַזיצער, פון פּרינץ וועלכן ער געהערט קיין חילוק נישט צי ער באַוווינט אים אָדער נישט. פאַרשטייט זיך אַז קעפּ דרייען זיך סע וווּנדערט מיך וויאַזוי זיי ברעכן נישט אַ ביין. מע קוקט. פאַרוואָס זאָל מען נישט קוקן? אַז ס׳איז דאָ אויף וואָס קוקט מען. און דערווייל איז דאָ אויף וואָס. און ביידע לאַכן, לאַכן. ווען זיי זאָלן זען מיין באַשערטן וואָלטן זיי אַלע געפּלאַצט פאַר פאַרדראָס — אַזאַ נעבעכל, און האָט אַזאַ מזל! און ווידער לאַכט מען. ווען כ׳קום אָן אין דער הייך פון קאַפּשאַ, צום קאַפּע-הויז, האָסטעך געהערט דערפון, און פון דער באַמערקונג האַלט זיך ריטאַ ביי די זייטן ווייל גענוג צו זאָגן קאַפּשאַ אַז אַפילו אַ קינד זאָל וויסן. דאָס איז דער בוקאַרעשטער „מאַקסים״, דאָ באַגעגענען זיך הויכע פּאָליטיקער, זשורנאַליסטן, פּאָעטן, מאָלער, הומאָריסטן און אויך די רייכע באָהעמע. דאָ איז כמעט קיין חילוק צו וועלכער נאַציאָנאַליטעט מע געהערט. אויב ס׳איז עפּעס דאָ אין קאָפּ און אויב מ׳האָט אַ רעפּליק איז דאָ שטענדיק פאַראַן פּלאַץ. דאָ ווערן צוזאַמענגעשטעלט און צעלאָזט קאַבינעטן נאָך איידער דער קיניג אויספּייעט זיך אַ ריר טאָן. זאָלסטו געווען זען ווי זיי זענען צוגעפאַלן צו די פענצטער, אַ געשטופּעניש גלייך מע וואָלט נאָר וואָס אויס-

געלאָדן פרישן קאַוויאַר. פּלוצעם באַווייזט זיך דער פּאָליציי־שעף, דער זעלבער וואָס גיט זיך אָפּ מיט די קאָמוניסטן. ער גייט, ווי דער שטייגער איז, באַגלייט פון צוויי אַגענטן. ער באַמערקט מיך, ווי אַזוי זאָל ער מיך נישט באַמערקן, און קומט גלייך צו מיר. ניין, אויב דו מיינסט ער וואַרט איך זאָל אים באַגריסן, האָסטו אַ טעות. דאָס טוט ער מיט אַנדערע, מיטן „אָבפּאַל" ווי ער רופט זיי; איך בין אַ דאַמע, צו מיר מוז זיך באַציִען אײדל אַפילו דער פּאָליציי־שעף. מאַרגאַ רייסט אַ רגע איבער דאָס בראָקן, גיט אַ וואַרף דעם קאָפּ אויף אַרונטער און נעמט אָן אַ פּאָזע וועלכע דאַרף באַווייזן וואָס פאַראַ סאָרט דאַמע זי איז, און זיי לאַכן. דאָס מאָל מער ריטאַ ווייל דער שטעל דערמאַנט זי אַ סצענע פון דער אָפּער „קאַר־מען" און די דאָרטיקע דאַמע איז נישט קיין גרויסע צנועה און מאַרגאַ געפעלט איר נאָך מער ווייל אַפילו אין דער פּאָזע זעט זי אויס ווי אַ פּו־ינצעסן וואָס מעג זיך אַלעם דערלויבן און זי וואָלט זי וועלן אַרומנעמען און קושן. ער ציט דעם הוט — ריטאַ ווייסט ווי דער עולם וואָס קומט אַהער מאַכט חוזק פון קאַפּעליושן און האַלדז־בענדלעך און טראַכט „ווען זיי זאָלן זען מיין טאַטן" — זאָגט „בונאַ זיאָוואַ דאָאַמנע„ און זיך ווענדנדיק צו די צוויי באַגלייטערס: אַזאַ פּראַכטפולע דאַמע, די גאַנצע שטאָט קאָנען זיי האָבן ביי זייערע פיס, און זיי, זיי גיבן זיך אָפּ מיט קאָמוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע! מע קאָן שטאַרבן פאַר געלעכטער. אַפּראָ־פּאָ, וואָס האָט איר אין טאַש, דאָאַמנע?

— וואָס קאָן האָבן אַזאַ דאַמע ווי איך? קאָמוניסטישע פלוגבלעטלעך. און שענק אים אַן איראָנישן בליק וואָס קאָן לייִמען אַפילו אַ פּאָליציי־שעף. איינער פון די אַגענטן מיט וועלכן כ'האָב געהאַט צרות, טוט זיך תיכף אַ וואַרף, גלייך ווי מע וואָלט אים געוועזן אַריינשטעכן אַ נאָדל אין הינטן, ווייל ביי מיר אַרויס־רייסן דעם טאַש.

— שטיי, זיי רויק, באַפעלט קורץ דער פּאָליציי־שעף און מאַכט אַ ביטוי־ גרימאַסע, ווילסט אונדז קאָמפּראָמיטירן פאַר דעם גאַנצן עולם פון קאַפּשאַ. אַלע צייטונגען וועלן מאָרגן זיין פול און די גאַנצע שטאָט וועט פון אונדז לאַכן, מיט אַלע וואַסערן וועט מען זיך נישט קאָנען אָפּוואַשן, מיר האָבן דעם פּאָרטייל וואָס מיר קאָנען שטיין מיט דער שענסטער דאַמע וואָס געפינט זיך איצט אויף קאַלעאַ וויקטאָריעי און דו ווילסט אָנהייבן מיט זוכן אין זייער טאַש. דאָאַמנאַ מאַרגאַ וויצלט זיך און דו ביסט גרייט זיך לאָזן אונטערפירן, בלייבן דער נאַר. דער דאָאַמנעס טאַש איז ליידיק.

— שטעל דיר פאָר, ריטאַ, אַז איך האָב טאַקע געהאַט פלוגבלעטלעך.

— אוי, איך פאַל חלשות! ריטאַ ווערט בלייך פאַר שרעק און מאַרגאַ לאַכט. וויאַזוי קאָנסטו לאַכן?

— אז סע געלינגט, לאכט מען, ערגער איז ווען סע געלינגט נישט. דעמלט קאָן אויסקומען צו וויינען אָדער פאַלן חלשות ווי דו.

אָט אזוי בראָקט אָן מארגא א פולן גרויסן טאָג.

— מע קאָן נישט וויסן וויפל הונגעריקע וועלף סע וועלן זיך באווייזן, קאָ־מענטירט זי. ווארטסט אויף יאָנעלן... ווער ווייסט וווּ ער טרייבט זיך ארום אונ־דזער געשיכטע מאכער. מארגא זאָגט עס מיט א חוזק־שמייכל און ענדיקט מיט א קרעכץ. ווי נאָר סע קומט צו געשיכטע דערמאָנט זי זיך אין לאקסן. סע זענען נישט מער ווי עטלעכע יאָר זינט ער איז אומגעקומען. מיט זיין אטנטאט און נאָך מער מיט זיין טויט האָט ער גלייך ווי איינגעשפּאנט די גאנצע פאמיליע אין יאָך פון דער געשיכטע און אלע טראָגן זיי דעם יאָך באוווסטזיניק, שטענדיק באוווסטזיניק; אפילו ווען זי דערציילט אזעלכע קאָמישע אוואנטורעס ווי די פריערדיקע שימערט א געדאנק: „דאָס וואָלט געדארפט פארצייכנט ווערן — אזוי לעבט און טוט לאקס א שוועסטער''.

... יאָנעל האָט ארויסגענומען די שליסלען, געעפנט די טיר און לאנ־גזאם, אביסל צו פאמעלעך אריבערגעטרעטן די שוועל צו דער וווינונג. אין האלב־טונקל פון פאָדער־צימערל, האָט ריטא נישט באמערקט זיין שמייכל — אן עטוואָס שפּילערישער. ער האָט זיך געפילט א סך בעסער אָבער נישט געוואָלט ריטא זאָל דאָס באמערקן. אים האָט זיך געוואָלט פארלענגערן איר פארזאָרגן אים. ריטא האט אראָפּגעווארפן דאָס לייכטע אייבערמענטעלע און א גערוך פון סאָסנע האָט אָנגעפולט דאָס צימערל.

„צו שארף'', האָט זיך יאָנעל א קרום געטאָן. „זינט איך קען זי האָט זי ליב דעם סאָסנע גערוך. פאר איר אָפּשטאַם א גראָבלעכער געשמאַק''. זי האָט ליב געהאט דעם ריח ווייל סע שמעקט מיט בארג־וועלדער און איר גרויסע שוואכ־קייט זענען געווען די בערג. דאָס ערשטע מאָל האָט זי איבערגערעדט יאָנעלן ער זאָל גיין מיט איר אין די בערג קיין סינאיא. דער נאָמען פון אָרטשאפט האָט נישט געקאָנט נישט ווירקן. דאָס אָרט האָט געשמט מיט דער שיינקייט פון פּיי־סאזש און מיט דער סעלעקטער געזעלשאפט וואָס פלעג אהין קומען. דער קיניג פון לאנד האָט דאָרט געהאט זיין שענסטן פאלאץ. די באן האָט געפירט ביז טיף אין די קארפּאטן איינשפּאַרנדיק גיין צו פוס קילאָמעטערס ביז צום אָנהייב קלעטערן. ריטא האָט זיך לאנג געשלאָגן מיט דער דעה ביז זי האָט זיך אָנגע־נומען מיט מוט אים פאָרצושלאָגן דעם אויספלוג. זי האָבן נישט געשראָקן די בערג, נאָר די געזעלשאפט וואָס מע באגעגנט דאָרט. דאָס וואָס יאָנעל וועט פון זיי חוזק מאכן האָט זי נישט גע ארט, זי האָט מורא געהאט אז דאָס וועט א־

דויסווייזן איר נאָענטע באַציונג, איר פאַרבינדונג מיט דעם געזעלשאַפט-שיכט קעגן וועלכן סע זענען אויסגעשטרעקט אַלע שפּיזן פון יאַנעלס עולם. גרויס איז געווען איר איבעראַשונג ווען זי האָט פעסטגעשטעלט אַז אויף איר באַגלייטער ווירקט נישט אַזוי די שיינקייט פון דער נאַטור ווי דער אינטערעס דווקא פאַר דעם געקעסטלטן און געשטרייפטן סעלעקטן עולם וואָס פאַרברענגט דאָ. יאַנעלן האָט פאַראינטערעסירט זייער ווילטאָג און זייער באַנעמען „ביי זיך אין דער היים“. מע וואָלט געקאָנט זאָגן אַז ס'איז אים אפילו געפעלן. זיי האָבן אַרויפגעקלעטערט ביז צום „פאַרבענקטן שפּיץ“ פון וואַנען מע קוקט אַראָפּ אין אַ פילפאַרביקן טאָל ווייל די ביימער זענען פאַרשיידענע און אַזויווי ס'איז געווען האַרבסט האָבן זיך די פאַרבן אויסגעטיילט און אויסגעמישט ביז העט ווייט; העל-געל האָט זיך פאַרלוירן אין טונקל-רויט, קופּער האָט זיך צוזאַמענגעשמאָלצן מיט זילבער כוואַליענדיק אין טויזנטער ניואַנסן. פון דער אַנדערער זייט האָט דאָמינירט מיט זיין מאַסיוועקייט דער „מענטש-שפּיץ“ און אַביסעלע ווייטער זענען געשטאַנען אַביסעלע אויף אַ זייט געבויגענע באַהויטלטע פון שטיין געבוירענע צוויי פיגורן וועלכע מ'האָט גערופן די ״באָבעצעס“. ריטאַ האָט גערעדט און גערעדט, געפּרוווט אויסדריקן איר התלהבות, איר אויפגערודערטקייט פון דער נאַטור ווען מען שפּיל ס'איז אַזאַ פייערלעכער, אַזאַ לייכטער און איינציייטיק שווערער. יאַנעל האָט זי אויסגעהערט אָבער זיין אויפמערקזאַמקייט איז געווען געווענדעט די אַנדערע קלעטערער. אים האָט אינטערעסירט ווער איז דער און ווער איז יענער. ביי אַ באַקאַנטן נאָמען פון דער פּאָליטישער אָדער פינאַנציעלער וועלט האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, לאַנג נאָכגעקוקט גלייך ער וואָלט וועלן פאַרגעדענקען ווי אַזוי זיי באַוועגן זיך, צי זיי גייען, רעדן און לאַכן ווי אַלע אַנדערע.

צוערשט האָט עס ריטאַן אַמוזירט, אָבער גאָר גיך האָט זי פאַרלוירן דעם אינטערעס פאַר אַ שפּיל אין וועלכן זי בלייבט אָן אַ פּאַרטנער. ס'האָט זי אַנגעהויבן נודיען און פאַרדריסן. פאַרדראָסן האָט זי דאָס וואָס יאַנעל האָט זיך אַזוי פאַרלוירן, פּלוצעם אַרויסגעוויזן אַזאַ אומגעלומפּערטן אינטערעס פאַר דער „פּראָטיפּענדאַדע“ ווי עפּעס אַ פּראָווינציעלע מויד וואָס קומט צום ערשטן מאָל אין שטאָט און די מומע פירט זי אויף אַ באַל.

— וואָס מיינסטו, איך קען אָט די אַלע קלעטערער? האָט זי אַ בריזגע געטאָן.

— קענסט נישט, זאָג נישט, האָט יאַנעל געענטפערט נישט פאַרשטייענדיק איר רוגז, ער האָט געקוקט אויף דעם עולם און דער שונא וועגן וועלכן ער האָט שטענדיק גערעדט ווי אַן אַלץ-ווייסער האָט אויסגעזען מאָדנע. דאָרט אויף

פארזאמלונגען און שמועסן האָט מען גערעדט וועגן א קאָלעקטיוון קלאסן-פיינד אין אבסטראקטן, אָן באזונדערע שטריכן — א סאָרט כמארע. דאָ אָבער זענען עס מענטשן וואָס פארוועטן זיך מיט די בערג און דערצו מענטשן מיט א „געקליבענער" דערציאונג, מאניערירטע. אָבער דאָס איז געווען דעמלט ... אצינד האָט אים ריטאס פארפום נישט דערמאָנט יענע מאָדנע קלעטערער, וועלכע האָבן פאר דער צייט פארלוירן א גרויסן טייל פון זייער מאָדנעקייט. דער סאָסנע גערוך האָט א ווארף געטאָן אין קליינעם האלבטונקעלן פאָדער-צימערל דווקא דעם פייסאזש. אויסגעוואקסן זענען בערג-שפיצן, נאקעטע סקאלעס, שפיציקע פעלדזן, טיפע אָפּהאנגען, שמאָלע סטעזשקעלעך ווו ס'איז גענוג א פאלשער טריט און ...

... געבליבן זענען זיי דריי. אייגנטלעך זענען זיי געבליבן פיר. געגאנגען איז מען א צענדליק, אָדער גאָר א טוץ. לויט אלע חשבונות האָבן זיי געדארפט זיין א טוץ. איינער איז אנטלאָפן. דאָס וואנדערן אין די בערג האָט אים צוגעגעסן, ער האָט נישט מער אויסגעהאלטן די ווילדער שאָטנס, ער איז אפשר אויסגעמוטשעט געוואָרן אויף אזוי ווייט אז ס'האָט אים מער נישט אינטערעסירט וואָס מע וועט וועגן אים זאָגן. אלץ איז אים געוואָרן גלייכגילטיק אפילו דער קינס-צייכן — דעזערטיר, האָט אים שוין אויך נישט געארט, אבי ליגן אויף א פלאץ, אבי מער נישט אויסאָטעמען די לונגען, אבי מער נישט אויסגיין פון דאָרטש, אבי די אויגן זאָלן מער נישט קריכן פון קאָפּ. איז ער געבליבן ערגעץ ארונטער און פארפאלן. ווער ווייסט, אפשר איז ער אויסגעגאנגען פון הונגער, געליגן ביז דאָס נישטלעבן איז געוואָרן א פארלענגערונג פון לעבן, אויסגעגאנגען מיט אָפענע אויגן און זיי זענען געבליבן אָפענע אויך ווען די וואראָנעם האָבן זיי אויסגעפּיקט; איינעם האָט געטראָפן א קויל און צייט אים אומצוקערן, אזויווי סע פירט זיך, דער ערד, כפלען א רגע דאָס גרויסע שטילקייט מיט שווייגן, איז נישט געווען. קוים צייט געהאט א נישטער טאָן אין די קעשענעס, די זשאנדארן זאָלן זיך נישט נוקם זיין, אויב זיי דערוויסן זיך דעם נאָמען, אין זייניקע, ס'איז אפילו געווען א סברא אז מע וואָלט אים געדארפט צעקאַליעטשען דאָס פנים, מע זאָל נישט דערקענען די שטריכן, אָבער קיינער האָט דאָס נישט געוואגט. איז מען געגאנגען ווייטער און פון צען זענען געבליבן פיר, מ'האָט זיך צעטיילט נישט ווילנדיק. זעקס זענען אוועק אין איין ריכטונג און פיר אין אן אנדערער אָבער לאנג זענען זיי נישט געבליבן פיר ווייל איינער איז ווידער פארשוואונדן. מ'האָט נישט געהערט קיין שאָס, נישט קיין געשריי, נישט מער ווי בלייבנדיק דער לעצטער אין דער ריי, האָט מען פלוצעם זיינע טריט מער

נישט געהערט, די טרוקענע צווייגן האָבן זיך מער נישט געבראָכן אונטער זיינע טריט און די באַרירטע צווייגלעך האָבן אין זייער צוריקלויף זיין פּנים מער נישט באַנגעגנט. איז מען אַ רגע געשטאַנען מיט דער פראַגע: וואָס איז צו טאָן? אָבער נאָר אַ רגע, ווייל דאָס פלאַץ האָט געברענט. איז איינעם איינגעפאַלן: ער איז אוועק צוריק, ער איז געגאַנגען אים דאָך צעקאַליעטשען דאָס פּנים און איינער פון די דריי האָט געוואָלט ברעכן, נאָר וואָס צום אויסברעכן האָט ער נישט געהאַט, נישט מער ווי אַ געדיכטע שפּייעכץ אַזאַ. איז וווהין זאָל מען גיין ווייטער? דעמלט האָט זיך יאָנעל דערמאַנט אין זיינע אויספלוגן אין די בערג און ער האָט געזאָגט: קומט, איך וועל אייך פירן, און די אַנדערע צוויי האָבן זיך אונטערגעגעבן זיין ווילן ווייל זיי האָבן שוין קיין ווילן נישט געהאַט. דאָס הייסט נישט פּינקטלעך אַזוי, איינער האָט יאָ געהאַט איז אים אָבער די געגנט געווען אינגאַנצן פרעמד אַזוי אַז ער האָט געשטעלט זיינע טריט צו יאָנעלס פאַרפירונג — אָט, איך האָב פיס, בין נאָך איבער זיי באַלעבאָס, קאָן זיי באַפעלן צו גיין אָבער וווהין ווייס איך נישט, אויב דו ווייסט שטייען זיי צו דיין פאַרפיגונג. נישט אַזוי דער דריטער. ער האָט באמת קיין ווילן נישט געהאַט. כוח יאָ, ווייל אַזאַ איז געווען זיין קאָנסטיטוציע — אַ גבורהשע, אָבער וואָס העלפט פיזישער כוח אַליין. אים האָט געפעלט דער עיקר אין אַזאַ לאַגע, דער פּסיכישער כוח — דער וואָס העלפט וועלן אַרויסקריכן און לעבן, דער וואָס זאָגט זיך אָפּ פון ליגן ביז די קראָען וועלן אויספּיקן די אויגן. אָט דער כוח האָט אים געפעלט, אָבער זיך אונטערגעבן האָט ער נאָך געהאַט כוח. אָדער אפשר ווייל דער אַנדערער האָט אים געפעלט איז אים געבליבן נישט מער ווי אונטערגעבן זיך.

— פירן וועל איך אייך קיין סינאַיאַ, האָט דעמלט געזאָגט יאָנעל. דאָס אָרט איז מיר באַקאַנט ווי מיינע פינעף פינגער. ער האָט געוואָלט גיין אַהין ווייל אים האָט זיך געוואָלט ווייזן אַז מ'איז ערגעץ. דאָ אין מיטן וואַלד איז מען געווען אינערגעץ, פרעמד די ביימער, פרעמד די בערג וואָס באַהאַלטן זיך הינטער זיי און שוין דערפאַר דער פיינד אַן איבעראַליקער. דאָרט וועט מען וויסן ווו ס'איז אַ וואַנט אין וועלכער מע קאָן זיך אָנשפּאַרן, האָבן כאָטש איין זייט אַ פאַרזיכערטע, מיט די איבעריקע דריי וועט מען זען... ער געדענקט אַז דאָרט זענען אויך פאַראַן היילן, קאָן מען זיך אויסבאַהאַלטן אַ טאָג, צוויי צי גאָר מער, ביז סע ווערט שטיל ביז די זשאַנדאַרן וועלן אָפּציען, ביז די נאַכט וועט אַנדערש הילן ווייל זי וועט בלייבן נאָר זייערע. אַזוי האָט געטראַכט יאָנעל, אַזוי האָט אויך געלייענט זיינע געדאַנקען דער צווייטער. דער דריטער האָט נישט געטראַכט און נישט געלייענט, ער האָט מער נישט געוווסט אַז סע זענען פאַראַן געדאַנקען.

האָט מען זיך געלאָזט אין דרייען קיין סינאַיִא, דאָס הייסט נישט קיין סי־נאַיִא גופא, נישט אויף די גאַסן מיט רייכע ווילעס, דאָרט איז זיכער נישט קיין פּלאַץ פאַר זיי, נאָר אין די סינאַיִא־בערג.

טאַקטיקער און סטראַטעג פון מאַרש איז געווען יאַנעל. זיין האַנט־זייגער האָט פאַרמאָגט א קאָמפּאַס מיט א פאָספאָר־ווייזערל. קיין קאַרטע האָט ער נישט געהאַט און אויך נישט קיין באַקאַנטן רעפער, קיין צייכן וואָס זאָל העלפן פעסטש־טעלן א פּינקטלעכע ריכטונג; גיין מוז מען, האָט ער באַשטימט, אויף מזרח און דאָס נישט אָן א פאַרוואָס, אין מזרח האָבן זיך געפונען די פראָנט־ליניעס און אויף דער אַנדערער זייט פון די ליניעס די איינציקע וואָס קאָנען העלפן. דאָס איז געווען דער סטראַטעגישער ציל, דער טאַקטישער, דער נאָענטער האָט אָבער דער־וויל געמוזט בלייבן סינאַיִא, אָדער ריכטיקער דער „מענטש־שפּיץ" ווייל דאָרט צווישן יענע סקאַלעס וועט זיי קיינער נישט יאָגן, וועט מען זיך קאָנען אויסרוען און אפשר פאַרשאַפן עפּעס פּראָוויאַנט. כדי אָנצוהאַלטן די ריכטונג איז ער אָפטמאָל שטיין געבליבן און בשעת ער האָט געקוקט אויפן ציטער פון קאָמפּאַס־ווייזערל געפילט דעם היסטאָרישן עול וואָס ליגט אויף זיינע פּלייצעס אַרויסצו־פירן אויף א וועג זיין אָפּטיילונג און געדאַכט האָט זיך אים אז אזוי און נאָר אזוי האָט אויך געמוזט אויסזען דער „האָפענונגס־ריטער", פּרעסטעס, אין זיין מאַרש וואָס איז געוואָרן א לעגענדע. ווי שטענדיק האָבן אים די היסטאָרישע פאַרגלייכן געגעבן מוט און געדראָדלט זיין ווילן. געגאַנגען איז מען מידע, גע־זוכט האָבן זיי דעם וועג אזוי אז די נאַטור אַרום האָבן זיי נישט באַמערקט. אפילו דער צווייטער וועלכער האָט זיך געקויפט דעם נאָמען „דער נאַטור — באַוווּנ־דערער" דעמלט ווען די אָפּטיילונג האָט נאָך געציילט דעם פולן עפעקטיוו פון צען אָדער א טוץ; געקויפט האָט ער זיך דעם נאָמען ווייל אפילו אין די געפער־לעכסטע מאָמענטן, ווען דאָס לעבן האָט אָפּגעהאַנגען פון א גיכערן שפּאַן האָט ער געקאָנט שטיין און באַטראַכטן דעם פּייסאַזש מינוטן לאַנג ווייל ווער ווייסט ווען מע וועט נאָך זען אזעלכעס — זאָל עס זיך גוט אָפּשפּיגלען אין די אויגן; פאַרצייכנט ווערן אויף שפּעטער און אפשר אויף נאָך שפּעטער, ווייל ווער ווייסט ... אין א עת צרה קומט ער אַרויס ווי בוימל אויפן וואַסער דער נאָכשפּעטערדיקער שפּעטער. מע גלייבט יאָ צי מע גלייבט נישט, ער קומט אויפן געדאַנק און בלייבט דאָרט א צוגעקלעפּטער, ווייל נישט אָפּלאָזן. דאָס כל־זמן מע זיצט און מע רוט א רגע. אַצינד אָבער האָט קיינער פון זיי די נאַטור־שיינקייט נישט באַמערקט ווייל דער מאַרש האָט אויסגעזען צו זיין צו אַן אָנציליקן ציל. פּלוצעם האָט אויסגע־וואַקסן דער „פאַרבענקטער־שפּיץ" און יאָנעלן איז קלאָר געוואָרן די ווייטערדיקע אָפּוויקלונג פון זייער מאַרש.

זיי האָבן געקלעטערט מיט די לעצטע כוחות אויפן „מענטש־שפּיץ“, צי גאָר אויף אנדערע פעלדזן, ווייל דעם „מענטש־שפּיץ“ דערקענט מען נאָר פון וויטנס נאָר פון גאָר ווייט כּוואַליעט זיך אוים פון בארג־שפּיץ א גרויסער שטערן א פּראָמינענטע נאָז און א מויל מיט סענסואלע ליפּן, אָבער ווען מע קלעטערט אויפן בארג זעט מען נישט מער ווי א טייל פון סקאַלע אזוי אז זאָגן מיט דער גאנצער זיכערקייט אז זיי זענען אָנגעקומען צום „מענטש־שפּיץ“ קאָן מען נישט. ס׳איז אפילו נישט מיגלעך. גיכער זענען זיי געווען אויפן צווייטן ווערסאנט, ערגעץ אויפן קאראימאן ווו די אָפּהאנגען זענען אָפּטערע, אנדערש איז נישט צו פארשטיין וויאזוי זיי האָבן זיך פּלוצעם געפונען אויף א נאקעטן פעלדז פון וואנען מ׳האָט געזען העט ווייט, די זון האָט געברענט און גערדאכט האָט זיך אז ווער סע קוקט פון טאָל זעט צום אלעם ערשטן זיי דריי געקרייציקטע אויפן נאקעטן שטיין — א סימן, מע שיסט. געשאָסן האָט מען נישט ווייט. נישט מער ווי מיט צוויי אָדער דריי בארג־שפּיצן רעכטס אָדער לינקס — דאָס ווידער קויל האָט זיך געקייקלט ·אין אלע ריכטונגען — ווו ס׳איז א פּאַליגאָן פאר רעקרוטן; פאר ניי־איינגערופענע וועלכע מע מוז צוגרייטן אויף גיך פארן פראָנט, אָבער דאָס האָבן זיי נישט געוווּסט. כאָטש די קוילן האָבן געהאט א גאָר אנדער טראַיעקט האָט יעדער קויל דורכגעלעכערט זייער קערפּער דורך און דורך און צו קיין טויט־שאָס איז עס נישט געקומען. מיטן צופאלן פון דער נאכט האָט זיך יאָנעל געכאפּט אז זיי געפינען זיך לעבן א סטעזשקעלע וואָס מוז פירן גלייך קיין סינאיא און אז דאָרט, צווישן יענע ווילעס איז נישט מיגלעך ער זאָל זיך נישט נאָכפרעגן וועגן דעם און יענעם, מע זאָל נישט מוזן ליגן דאָ ווי בר־מנגם, ווי אזעלכע וואָס האָבן מוותר געווען פּונקט אצינד ווען דער אויסגאנג פון דער מלחמה איז קלאָר, ווען דער נצחון איז נאָענט און ווען א יעדערער מוז ברענגען זיין בייסטייער, זיין חלק, ליגן זיי דריי אויף דעם פארשאָלטענעם בארג ביים ראנד פון דער געשיכטעם שליאך. דערויף האָט דער דריטער געזאָגט: לאָז דאָ דעם רעוואָלווער, טאָמער קומסטו נישט ביז מאָרגן מוז איך מיך שיסן, דער צווייטער האָט נאָך מער געעפנט די אויגן שוין אזוי איבערגרויסע מחמת מידקייט און אָפּגעמאָגערטקייט, זיך פרעגנדיק: „קאָן דאָס זיין א צוגאנג?“ געזאָגט האָט ער דערוויל גאָרנישט, ווייל וואָס איז צו רעדן. אוודאי איז דאָס וואָס יאָנעל וויל טאָן שכלדיק, אָבער איז דען אלץ וואָס שכלדיק אויך ריכטיק? קלאָר איז אז מע דארף עפּעס טאָן, הייסט עס אז גיין דארף ער; אים לאָזן גיין אליין איז נישט זייער בסדר און לאָזן דעם ערשטן אליין קאָן מען אויך נישט. אים מיטנעמען איז אוממיגלעך ווייל זיין אויסזע מיט די צעריסענע הויזן און צעפליקטן. מונדיר וועלן פון אָנהייב אָן ברענגען נאָר צרות; מאכן פון זיך צוויי איז נאָך

ביז איצט נישט געהערט געוואָרן, האָט ער מיט טיפן ערנסט געזאָגט — אויף א קול אָדער אפשר נאָר אין גערדאנק: מיין הארץ גייט מיט דיר, און מיט ווערטער וואָס זענען יאָנעלן לאנגע יאָרן געבליבן אין געהער: מיר וועלן אויף דיר ווארטן דאָ. אלץ הענגט איצט אָפּ פון דיר. געקושט ביים געזעגענען האָבן זיי זיך נישט. זיי זענען נישט געווען פון די קושערס. ווען מ'איז געווען א טוץ צי נאָר צען פלעגט זיך א גרויסע טייל יאָ קושן. קושן פלעגן זיי זיך ווען א טייל האָט זיך געלאָזט אין אן אקציע. געקושט האָבן זיי זיך ביים אוועקגיין ווייל דאָס ברענגט מזל און ביים צוריקקומען ווייל דער קוש ביים אוועקגיין האָט געבראכט מזל. זיי דריי אָבער זענען נישט געווען פון די וואָס האָבן זיך געקושט. יאָנעל — ווייל געשיכטע ווערט נישט געשריבן און אויך נישט געמאכט מיט קושן זיך, פארקערט; דער צווייטער — ווייל ס'האָט אים אויסגעזען מעלאָדראמאטיש און כאָטש אויף דער בינע האָבן אים די מעלאָדראמעס נישט געשטערט ער האָט געוווסט אז דאָס פובליקום פון יידישן טעאטער ווי די צושויער פון אומעטים, האָט ליב די לאקריץ-מעשיות, אָבער דאָ ווו אלעס האָט אין זיך די טראגיק פון מענטש-לעכן גורל איז עס אויסגעקומען נישט אויפן פלאץ, סע קאָן נאָר פארשוועכן, אָדער אין בעסטן פאל טוט עס מינערן, זינקען דעם ניוואָ. דער דריטער ווידער האָט זיך נישט געקושט ווייל ... קושן א מאנצביל האָט אים געשראָקן.

צוריקגעקומען איז יאָנעל נישט אויף מאָרגן נאָר אויף איבערמאָרגן. גע-פונען האָט ער זיי האלב-טויטע פון הונגער און דאָרטש. אָבער אפשר נישט אזוי פון הונגער ווי פון צוויי מאָל פיר און צוואנציק שעה אויסזיכטלאָזיקייט, יעדע פון זיי געכפלט מיט פיר און צוואנציק ווארטיאנטן פון אויסלעזונג און פארראט. סוף כל סוף האָט זיין פארשפּעטיקן פארפּונדעוועט אין זיי נישט מער ווי איין געדאנק וואָס האָט זיך געדרייט אין קאלייךאָסקאָפּישע פארבן אויפן לויטערן פאסטעל-הימל: ער איז אריינגעפאלן. אונדז איז געבליבן איינס פון צוויי: אָדער מיר גייען אויס פאר הונגער, אָדער מ'ע קומט אונדז נעמען. די ערשטע מיגלעכ-קייט האָבן אונטערגעשטראָכן אין הייכן שוועבנדיקע אָדלערס. די צווייטע דער לאנגער פייף פון אן אין טאָל וואנדערנדיקן לאָקאָמאָטיוו.

ווען זיי האָבן אים דערזען האָבן זיי זיך קוים געפרייט און זיך געשעמט מיטן צווייטן ווארטיאנט.

יאָנעל האָט געמאָלדן קורץ: דאָ האָט איר עפּעס צום אונטערלייגנען דאָס הארץ, צום שטילן דעם הונגער. כאפּט אייך נישט צו סע זאָל נישט פארשאטן. די באמערקונג האָט געהערט צו זיין ציין-טעכניק — ער האָט געהאלטן אז ער איז א שטיק דאָקטער. דער וועג, האָט ער ווייטער געמאָלדן, איז לייכט. אראָפּ-גיין וועט אונדז קאָסטן נישט מער ווי א האלבע שעה. פאָריקע נאכט האָט מען אונטערגעשריבן דעם וואָפנשטילשטאנד ...

זייער גאנג איז געוואָרן לייכטער. איבערגעכאפּט האָבן זיי גייענדיק. מיט א פּאָר הונדערט מעטער נידעריקער האָט אָנגעהויבן דער וואלד מיט א שארפן סאָסנע ריח...

די אלע עקסקורסיעס, די אמאָליקע מיט ריטאַן און די לעצטע, מיט דעם צווייטן און ערשטן, וואָס האָט געדארפט בלייבן אַן אין דער געשיכטע פארשריי-בענע, האָבן זיך אָפּגעוויקלט פאר אים בשעת ער האָט געלאָזט אין פאָדער-צימערל די שיך אָנגעטאָן די שטעק-שיך און געעפנט די טיר אין צימער אריין.

— דו וואָלטסט זיך געדארפט צולייגן, האָט געעצהט ריטא, דו ביסט מיד.

— טראכטסט כ'בין קראנק. האָט געענטפערט יאָנעל זיך זעצנדיק אויף א באקוועמען שטול, און ביסט גערעכט. אצינד איז מיר בעסער. זיץ מיט מיר א רגע, נאָך דעם וועל איך מיך צולייגן.

— דיר אפשר צוגרייטן דאָס בעט?

— ניין, מע דארף נישט. כ'וועל אליין. געטריי ווי דו ריטא, איז קיינער...

ריטאַן האָט זיך געדאכט אז איר נאָמען האָט ער אויסגעשריגן ווי אמאָל, פון איין בארג צום צווייטן...

# 4. א מאָדנע פּאַרטנער

„גערטריי ווי דו איז קיינער'', האָט ריטא איבערגעחזרט יאָנעלס ווערטער. זי איז לאַנג נישט געבליבן. געזען אַז ער פּילט זיך בעסער האָט זי באַשלאָסן גיין, אים לאָזן אַליין מיט זיך. זי האָט געוווסט אַז יעדע אָנווענקייט שטערט אים. בעסער לאָזן אים מיט זיין לאַנגזאַם טראַכטן. אין אַזעלכע מאָמענטן טראַכט ער ווי ער באַוועגט זיך — פּאַוואָליענקע. אַצינד אַראָפּגייענדיק די טרעפּ האָט זי איבערגעחזרט זיינע ווערטער, אָפּשאַצנדיק זיי מיט אַ ביטערלעכן שמייכל. „אַז ער איז אַ ציניקער, קאָן מען נישט זאָגן''. זי האָט אַ פּיר געטאָן דעם געדאַנק צוויי מאָל איבער די ליפּן, און באַשלאָסן: „ניין, אַ ציניקער קאָן מען בשום אופן נישט זאָגן, ער איז פּשוט אַזאַ ווי ער איז. מע וואָלט געקאָנט זאָגן אַ שטענדיק אויפריכטיקער. פון זיין מויל הערט מען קיינמאָל נישט כ'וועל דיר זאָגן אויפריכטיק. ס'איז אים פרעמד און דערווידער. ווי באַלד מע מוז דאָס זאָגן הייסט עס אַז די אויפריכטיקייט איז נישט קיין שלמותדיקע, עפּעס פעלט איר און מיטן אונטערשטרייכן פרווט מען פאַרבאַהאַלטן דעם „עפּעס''.

אַרויס פון טרעפּן-הויז האָט די זון אַ שלאָג געטאָן אין פּנים און פאַרבלענדעט די אויגן. זי האָט געמוזט אַ רגע שטיין אויף דער טיר. די גאַס האָט געברויזט פון מאַשינען, דער אַספאַלט אַן אויפגעווייכטער. די לופט האָט וויברירט ווי אַ דורכזיכטיק רויכל. אַזוי געשעט אין די מדבריות. דאָרט זעט עס אויס עלעהיי אַן אומענדלעכער טייך. אַ לויטערער, אַזוי לויטער אַז מע זעט דעם דנאָ. אַזוי זעט אויס אונדזער הויפּט-שטאָט אין צייט פון קאַניקול. טראַכטנדיק צום וועג וואָס זי דאַרף איצט אַדורכמאַכן ביז זי וועט אָנקומען אין איר בוידעם-צימערל איז זי באַפאַלן אַ מידקייט. ביים אַראָפּגיין די טרעפּ האָט זיך איר געוואָלט זיין יונג, ס'האָט זיך איר געבענקט נאָך דעם אַמאָל. זי האָט אַפילו אַ טראַכט געטאָן אַז אויף דער גאַס וואַרט אויף איר אַן אוואַנטורע. כאָטש אַ פרוי איבער די פּו-

פציק זעט זי נאָך אויס יונג און קאָקעט. נישט איין מאָל געשעט סע זאָל זי עמעצער פארהאלטן מיט א מכלומרשטן אויסרייד: ער זוכט א גאס, ער ווייסט נישט ווו מע פארקויפט קראוואטן, אָדער ער פרעגט דירעקט, אזויווי ס'איז איצט אין דער מאָדע: „אליינעניו, אליינעניו?" זי לאָזט זיך איין אין שפּיל, סע אמוזירט זי, שאפט ביי איר א גוטע שטימונג; ס'איז אָנגענעם צו פילן אז מע קאָן נאָך געפעלן א מאן. אצינד ווען די רויע ליכט האָט פארבלענדעט די אויגן. ווען די היץ ברענט און אויפן אָרט די שטאָט זאָל ברענען מיט א העל פייער רויכערט זי נאָר ווי א קופּע מיסט, איז איר אלץ איבעריק. „אז פארברענט זאָלן זיי ווערן מיט זייער שארן זיך".

„א געטרייע ווי דו איז קיינער". ער האָט דאָס געזאָגט פון גאנצן הארצן. זי קאָן ער נישט אָפּנארן, ער פּרוווט אפילו נישט. „מיט מיר איז ער ערלעך". זי האָט געלאכט. „ערלעך!? וואָס דארף דאָס הייסן"? זי ווייסט קוים וואָס געווען און וואָס געבליבן. וואָס געבליבן ווייסט זי זייער גוט, זי פילט עס יעדן טאָג. זי טראָגט איר יאָך מיט ווערדע, אָבער ער קוועטשט, דריקט, צעקוועטשט. היינט אינדערפרי קוקנדיק אין שפּיגל האָט זי ווידער פעסטגעשטעלט וואָס פארא טיפע שפּורן ער לאָזט, דער יאָך. פון אלעמען איז געבליבן נישט מער ווי דאָס בוידעם־שטיבל און עפּעס צום פארקויפן. דאָס צו פארקויפן איז פון אמאָל ווען איר טאטע איז געווען פּאָקלאָווניק און זי דעם פּאָלקאָווניקס טאָכטער, א פארזעסענע מויד. אויסגעזען האָט עס אז סע אַרט זי נישט, סע פעלט איר נישט, אָבער צומאָל פלעג אויך דאָס דריקן אפשר ווייל ווען מ'איז אינגאנצן אליין איז די איינזאמקייט א קלאָרערע און איינציייטיק א שווערערע ווי יענע וואָס מע לעבט איבער לעבן עמעצן וועלכער שטערט זי, די איינזאמקייט, מיט פראגעס, מיט אויפמערקזאמקייט, מיט דעליקאטער זאָרג. אויך איר טאטן האָט נישט געשטערט איר פארזיצן. אָנגעהויבן האָט עס מיט זיין פלוצעמדיקער איינגעשפּארטקייט אין א פראגע וואָס האָט געדארפט אָנגיין נאָר זי. קיינמאָל האָט ער זיך נישט געמישט אין איר לעבן, אָבער דאָס מאָל האָט ער. אפילו נישט געוואָלט הערן, אזא שפּאן קאָן ער נישט און וועט נישט צולאָזן. אייגנטלעך איז נישט געווען די רייד פון קיין שום שפּאן, זי האָט אים געשראָקן מיט.א פאנטאָם, מיט א זייפן־בלאָז. אָנגעהויבן האָט עס נאָך דעם וואָס יאַנעל האָט זי באזוכט ביי איר אין דער היים. זי האָט אים געוואָלט באקענען מיט איר פאָטער, אויך ער האָט דאָס געוואָלט, נישט ווייל ער איז ריטאס פאָטער. ער האָט נישט געהערט צו דעם סאָרט מענטשן וועלכע שליסן איין אין קרייז פון זייערע אינטימע באציונגען, טאטע־מאמע, אָדער אנדערע פאמיליע מיטגלידער. אלס אזעלכע האָבן זיי אים נישט אינטערעסירט. זיך באקענען מיט איר פאָטער האָט ער געוואָלט נאָר צוליב באפרידיקן א נייגערי־קייט. אים האָט זיך געוואָלט זען וויאזוי זעט אויס א פּאָלקאָווניק אין זיין אינטים

לעבן, ביי זיך אין שטוב, דאָרט וווּ ער קאָן נישט באַפעלן, פאַרטיילן אָרדערס און ריטאַ האָט אים געגעבן די געלעגנהייט. איינגעלאַדן האָט זי אים צו אַן אָוונט-מאָל. געקוקט פון דער זייט. מיט יאָנעלן האָט זי זיך געחברט זינט מער ווי דריי יאָר און צייט געהאַט צו קענען זיינע שוואַכקייטן וועלכע האָבן זי אַמוזירט. אין יאָנעלס סביבה האָט זי געהאַט די געלעגנהייט צו באַגעגענען יונגע לייט מיט זייער פאַרשיידענע כאַראַקטערן. באַזונדערס האָבן איר געפעלן די סאַמע „אויסגעהאַלטענע" די „פּרינציפּיעלע" וועלכע טרעטן נישט אָפּ אַ האָר פון זייערע איבערצייגונגען און פּרינציפּן. און פּרינציפּן האָבן זיי פאַר יעדער געלעגנהייט, אַפילו בעתן טרינקען אַ גלאָז טיי. שטענדיק זענען זיי נאָר זיי, דאָס הייסט אַנדערש פון אַלע אַנדערע. פיר און צוואַנציק שעה אין מעת לעת שטייען זיי און רשות פון דער רעוואָלוציע, פון דער געשיכטע. וווּנדערן פלעג זי צומאָל זייער געפיל פאַר היעראַרכיע. אַ העכער שטייענדיקער האָט זיך געקאָנט אַסך דערלויבן און קיינער זאָל נישט וואַגן עפּעס פרעגן; פאַרקערט, טאָמער האָט עמעצער געוואַגט איז מען אים באַפאַלן מיט פאַרטיק צוגעגרייטע עפּיטעטן אַז אָפּוואַשן זיך האָט אויסגעזען אוממיגלעך. זיך פאַרטראַכטן דעריבער האָט זי אַפילו נישט געפּרוווט ווייל זי האָט זיך נישט אימפּליצירט אין זייערע אַקטיוויטעטן. זי איז נישט מער ווי אַ צושויער. ביז גאָר האָט זי אַמוזירט יאָנעלס צוגאַנג. ער איז נישט געווען אינגאַנצן אַזוי. די „געשיכטע" דאָס איז געווען ער — זיין בלוט און פלייש. נישט ער האָט איר געדינט, ער איז געווען די געשיכטע גופא. אפשר דערפאַר האָט ער זיך דערלויבט מער ווי אַנדערע. דאָס האָט אים צומאָל געקאָסט אָבער ער איז געבליבן קאָנסעקווענט מיט זיין אופן, דאָס האָט געהערט צו זיין אָנשויאונג. זיך מישן אין זיין פּריוואַט לעבן האָט ער געהאַלטן פאַר נישט דערלאָזבאַר; ער האָט געוווּסט אַז פאַראַן אַזעלכע וואָס קוקן קרום אויף זיין חברען זיך מיט ריטאַן; ער האָט אַ פּאָר מאָל געהאַט צו ענטפערן אויף פראַגעס, ער האָט זיך אָבער נישט געלאָזט שפּייען איך דער קאַשע. פאַר טרעטן די דיסציפּלין פלעגט מען איזאָלירן, דאָס הייסט אויסמיידן. אין זיין פאַל האָט מען זיך צוריקגעהאַלטן אפשר צוליב דער פאַמיליע — ווידער לאַקס.

צו יענער צייט איז נאָך יאָנעל געווען איבערצייגט אַז ווי באַלד די מאַכט און די פאָרמען פון אויסאיבן זי וועט געשטעלט ווערן אויף אַנדערע יסודות וועט זי באמת קאָנען אויסגעאיבט ווערן פון אַ יעדער דינסט-מויד. אַזוי אַז זיין נייגעריקייט איז נישט געווען דער פאָלקאָווניק אַלס "מאַכט-האָבער", אים האָט פשוט אינטערעסירט זייער לעבנס-שטייגער. ווען ריטאַ האָט אים אָנגעזאָגט אַז אין אַ וואָך אַרום וועלן זיי צום אָוונט-מאָל זיין ביי איר, דאָס הייסט ביי איר פאָטער אין שטוב און אין זיין אָנוועזנקייט, האָט ער זיך תיכף אָנגע-

הויבן גרייטן צום געשעעניש. אויפן צווייטן טאָג איז ער זי געקומען אָפּנעמען פון דער שניידערקע טראָגנדיק א שפּאָגלנייעם קאפּעליוש. „ווי איך האָב דעמלט געקאָנט לאכן און וויאזוי ער האָט זיך געקאָנט ברוגזן‘‘, דערמאָנט זיך ריטא. געקומען צום אָוונטמאָל איז ער מיט בלומען. ריטא האָט קוים איינגעהאלטן א געלעכטער, זי האָט אים נישט געוואָלט פארשטערן דעם יום-טוב. שוין ביים אריינגיין אין פּאָדערצימער האָט ער ארויסגעוויזן זיין באוואונדערונג פאר דער פּריצישער אויסשטאטונג, פארן מעבל פון סאלאָן, פאר די קאנדעלאברן, דאָס עס-צימער מיטן לאנגן טיש און בענקלעך כּסדר — ווי ער האָט זיך שפּעטער דערוווּסט — קיפּענדאָל, די גאבארדינען, די פירהאנגען. מיטן פּאָלקאָווניק איז דער שמועס געווען א „פּאָליטישער‘‘. ריטאן האָט איבעראשט יאָנעלס צוריקגעהאלטנקייט. ס׳איז נישט געווען קיין שפּור פון פערזענלעכע אָנגריפן קעגן איר פאָטער. ער האָט נישט מער ווי גאנץ באשיידן און ענטפערנדיק אויף פראגעס אויסגעלייגט זיין מיין וועגן אומפארמיידלעכן גאנג פון דער געשיכטע. נישט פון גרעבער און באגראָבענע — ווי מע פלעג רעדן אויף די פארזאמלונגען — איז דאָ גע-ווען די רייד, נאָר פון אן אָביעקטיווער איבעראנדערשונג וואָס געשעט אויסער די מענטשן, אלנפאלס אויסער די וואָס געפינען זיך ביים טיש.

ווען איר פאָטער האָט זיך אָנגעהויבן אינטערעסירן מיט אירע דערגריי-כונגען אויף דעם אוניווערסיטעט האָט עס זי שאָקירט. וואָס האָט געקאָנט גע-שען ער זאָל פארלאָזן די אים אזוי פּאסיקע „נאָנשאלאנס‘‘, זיין פּריצישן האלב-פוילענץ. ער האָט געפונען צייט זי איינצושליסן אין זיין טעגלעכן פּראָגראַם — א קאווע ביי קאפּשאן, א מיטאָג אין לוקסוס-רעסטאָראן אטענע, א רייט פאר-טיע אין די שכנותדיקע וועלדער. זי האָט ליב געהאט פארברענגען מיט איר פאָטער און שטיפמאמע. דער שמועס איז שטענדיק געווען א לייכטער, א שוי-מיקער, וועגן אלעם און וועגן גאָרנישט. כאָטש א גרויסע טייל פון זייער צייט האָבן זיי פארשווענדעט אויף מאָדערנע פארברענגעכצן און פארפליכטונגען זענען זיי געווען פינקטלעך אינפאָרמירט מיט דעם וואָס סע געשעט אין דער טע-אטער-וועלט, אין די ליטעראַרישע קרייזן, אין דער כטודענטן סביבה. צו-מאָל האָט זיך געדאכט אז זיי ווייסן צופיל.

— מיר שטערן דיר נישט? מיר רויבן נישט אוועק דיין צייט, האָט ער זי גע-פרעגט בשעת א שפּאציר אין וואלד רייטנדיק זי א טונקל-רויט פערד און ער א שווארצן אָגער.

— ווען סע זאָל מיר שטערן וואָלט איך געזאָגט. פארוואָס מיינסטו?

— כ׳האָב געהאט דעם איינדרוק אז דיין צייט איז א פארקנסטע, האָט ער געפּרוווט איראָניזירן.

ריטאַ האָט נישט פאַרשטאַנען דעם ווונק.

— פאַרקנכט צו וועמען?

— צו וועמען און צו וואָס...

— דאָס פאַרשטיי איך שוין לגמרי נישט.

— אויב ס'איז שווער צו פאַרשטיין איז אַ סימן איך נאַר מיך אָפּ, אַז ס'איז אַ טעות. ריטאַ איז צוגעשטאַנען ער זאָל איר קלאָר מאַכן וועגן וואָס ער רעדט, אָבער ער האָט לייכט באַרירט מיט די שפּאָרן דעם פּערדס ריפּן און איז אוועק אין אַ גאַלאָפּ מיט וועלכן ס'האָבן אים מקנא געווען אַ סך רייטער.

דירעקט האָט ער געשטעלט די פראַגע נאָך עטלעכע טעג און נישט בעת אַ רייטפּאַרטיע, נאָר אין דער היים, ווו נישט ער און נישט זי קאָנען פּטור ווערן מיט לייכט באַרירן דעם פּערדס ריפּן.

— וואָס האָסטו בדעה מיט אים?

— מיט וועמען, האָט זיך געוווּנדערט ריטאַ ווייל אויף אַזאַ שמועס מיט איר טאַטן האָט זי זיך נישט געריכט. ער האָט זי קיינמאָל נישט געפרעגט וווהין זי גייט, ווי אַזוי זי פאַרברענגט איר צייט, צי דאָט זי אַ פריינד, און דאָ גאָר פּלו־צעם אַזאַ פראַגע. און דאָס געשעט אין אַ מאָמענט ווען אירע באַציונגען מיט יאָנעלן געפינען זיך אין אַ קילבלעכער זאָנע; מע באַגעגנט זיך זעלטענער און ווען שוין יאָ איז די אַטמאָספער אַן אָנגעלאָדענע. זיי האָבן זיך דערפון קיין פּראָבלעמען נישט געמאַכט ווייל זיי זענען ביידע געווען זיכער אַז ס'איז אַ שטי־מונגס פראַגע; סע וועט אפשר אָנהאַלטן אַ וואָך, אפשר צוויי, נאָך דעם וועט מען זיך ווידער באַגעגענען, זיך ווידער געפינען... ריטאַן האָט עס אין אַ געוויסער מאָס אַמוזירט, זי איז געווען זיכער מיט אירע געפילן און איבערצייגט אַז אויך יאָנעלס צו איר זענען אַזעלכע וואָס גאָרנישט איז אימשטאַנד זיי צע־טרייסלען. דאָס הייסט נישט אַז זי האָט אַמאָל געטראַכט אַז צווישן זיי קאָן עס קומען צו חתונה האָבן, אַזויווי סע פירט זיך אין איר וועלט.דער געדאַנק פון חתונה איז איר געווען לגמרי פרעמד, ער האָט זיך נישט אַריינגעפּאַסט אין איר אופן פאַרשטיין, באַנעמען אירע באַציונגען מיט אַ פריינד. מיט אַ חבר חברט מען זיך און אויב די פאַרבינדונג איז אַזאַ וואָס קאָן נישט אויפגעלעזט ווערן, צו וואָס דאַרף מען די חתונה. ס'האָט אויסגעזען אַ ווילדקייט אָנצוהענגען אַ קייט אויף אַ פריי צוזאַמענלעבן אַן מאַטעריעלע פאַרפליכטונגען, אָן אַ מוז צו קומען יעדן טאָג אין דעם זעלבן צימער. מע קומט ווייל מע וויל, ווייל דאָרט וואַרט אויף דיר דער וועלכן דו באַגערסט און נישט ווייל עמעצער צווינגט עס דיר אויף מיט אַ פינגערל. באָטש אַזוי האָט זי געענטפערט:

— וואָס איך האָב בדעה? חתונה האָבן. דער ענטפער האָט נישט געהאַט אין זיך קיין שום להכעיס. ער האָט געקלונגען ווי דער סאַמע נאַטירלעכסטער, ווייל אַזאַ איז די באַציונג, אַ גוטמוטיק אינפאָרמאַטיווע. פרעגסט מיך, ענטפער איך דיר לאַיאַל אָן הינטערגעדאַנקען, אַזויווי סע פירט זיך צווישן אונדז פון שטענדיק.

— דאָס קאָן נישט געמאָלט זיין! האָט כמעט אויסגעשריגן דער פאָלקאָווניק און זיך כאַפנדיק אַז ער האַלט זיך נישט אין די הענט, אַז דער טאָן איז נישט, דער געהעריקער האָט ער זיך תיכף אַנטשולדיקט. זיי מיר מוחל, ריטאַ. פאַרשטייכט די לאַגע איז אַזאַ אומגעלומפּערטע אַז ס'האָט מיך אַרויסגעבראַכט פון די כלים. וואָס דיר קאָן איינפאַלן !... זי האָט געפּרוווט עפּעס זאָגן, האָט ער איר אַרויפגעלייגט אַ פינגער אויפן מויל: שאַ, נישט איצט. לאָז אויף אַן אַנדער מאָל ...

צו קיין אַנדער מאָל איז עס נישט געקומען.

די קילע זאָגע האָט צו פיל אָנגעהאַלטן. נאָך דעם איז יאָנעל פאַרשוווּנדן און זי איז געבליבן געטריי אירע געפילן סתם אַזוי. ס'איז געוואָרן אַ געוווינהייט צו וואַרטן אויף יאָנעלן, ווייל אַנדערש קאָן נישט זיין, ער מוז זיך אין אַ טאָג באַווייזן מיט זיין באַקאַנטן שמייכל, מיט זיין ברונז-פליישיקער נאָז, גלייך זיי וואָלטן זיך נעכטן געוועזן צעטיילט אָדער גאָר גלייך זיי באַגעגענען זיך צום ערשטן מאָל.

„געטריי ווי דו איז קיינער'', האָט ער געזאָגט. „אויב ס'איז נישט ציניש וואָסזשע דען איז עס?'' האָט זי זיך געפרעגט. „כ'האָב געטראַכט ער איז פשוט ערלעך... וואָס הייסט ערלעך? מיט וועמען ערלעך?'' זי האָט זיך דערמאַנט די יאָרן תיכף נאָך דער מלחמה. ער האָט זיך אומגעקערט אָבער צו איר איז ער נישט געקומען אפילו נישט פרעגן ווי אַזוי זי לעבט נאָך דעם איבערקערעניש. ער האָט געוווּסט וועגן אַלעם וואָס ס'איז געשען מיט איר פאָטער דעם פאָלקאָווניק, פון די בילבולים וואָס מ'האָט אויף אים אויסגעטראַכט און נישט גערירט מיט קיין פינגער; ער האָט געוווּסט אַז מ'האָט ביי זיי צוגענומען די שטוב מיט אַלעם וואָס ס'האָט זיך דאָרט געפונען, ווייל אַנדערע איז געפעלן געוואָרן אי די שטוב אי דאָס מעבל, אַנדערע וועלכע האָבן געדאַרפט אַ פאַרטיקן געשמאַק און דער פאָלקאָווניק איז געווען באַקאַנט מיט זיין סובטילן געשמאַק. זאָל זי נישט געווען ראַטעווען וואָס ס'האָט זיך געלאָזט, זאָל זי נישט געווען ממש אַרויסרייסן אַ טייל פון די זאַכן, וואָלט זי געווען אויסגעגאַנגען פאַר הונגער. זי האָט זיך דערמאַנט נאָך אַ מאָל אין דעם אַלעם און זיך צום ווער ווייסט וויפלטן מאָל געפרעגט פאַרוואָס זי פילט נישט צו אים קיין שנאה. „אָן אמת, פאַרוואָס?'' האָט זי זיך געהערט רעדן מיט זיך אַליין, זיך אַרומגעקוקט צי קיינער פון די פאַרבייגייער האָט זי נישט געהערט. זיך איבערצייגנדיק אַז קיינער גיט

איר נישט אָפּ קיין שום אויפמערקזאמקייט האָט זי א לאך געטאָן און זיך געכאפט אז אויך לאכן מיט זיך אויף דער גאס קאָן אויפמערקזאם מאכן אומגעבעטענע. „צוויי מאָל א שונא", האָט זי זיך דערמאנט. דאָס ערשטע מאָל ווען ס'האָט אָנגעהויבן די מלחמה. „און דאָס צוליב אים". פארפאלן געוואָרן איז ער א סך פריער, סע זענען פארביי געצייג יאָרן זי זאָל צייט האָבן צו ווערן די פארזעסענע מויד, אָבער די דעמלטיקע מאכט-האָבער האָבן אין אים ניט געוואָלט פארגעסן און זי איז געוואָרן א נאציאָנאלער שונא. „דעמלט א נאציאָנאלער און נאָך דעם א קלאסן-שונא". דעמלט האָט מען זי פון איר פאָכטן אויף דעם אוניווערסיטעט נישט ארויסגעווארפן. „דער טאטע, דער פאָלקאָווניק". נאָך דער מלחמה האָט מען זי יאָ אָפּגעזאָגט: „א טאטע, א פאָלקאָווניק!" און זי האָט געמוזט לעבן. האָט זי געוואשן טרעפּ אין אלטע בלאָקן, צומאָל אויך וועש ביי די נייע בעלי-בתים, ביי אזעלכע ווי ער.

ווען מ'האָט אים, יאָנעלן, ארעסטירט, האָט מען זיך ווידער דערמאנט אין איר. מ'האָט זי גערופן אָפּליינגן עדות. זיינע חברים האָבן געדארפט א גבית-עדות דווקא פון איר — ס'איז דאָך נישט מיגלעך זי זאָל נישט זאָגן וואָס נאָר מע וועט וועלן נאָך דעם וואָס ער האָט זיך מיט איר אזוי אויפגעפירט. אייגנטלעך האָט זי קיין סך נישט געדארפט זאָגן, אלץ איז געווען צוגעגרייט, פארטיק פאָרמולירט, זי האָט נישט מער ווי געדארפט לייגן די חתימה. דער פאקט אליין וואָס סע קאָן וועגן אים עדות זאָגן א קלאסן-שונא. וואָס איר חתימה וועט פיגורירן אין דאָסאר איז דאָך געגנוג פאר א באשולדיקונגס אקט. „צי ווייסט ער דאָס?" זיי האָבן וועגן דעם קיינמאָל נישט גערעדט. ער האָט קיינמאָל נישט געפרעגט און זי האָט נישט דערציילט, נישט וועגן דעם אז מ'האָט זי גערופן און אויך נישט פון דעם וואָס ס'איז איר אויסגעקומען אויסצושטיין, די בטראַשונקעס, די אומענדלעכע אנקעטעס, גאנצע שעהען מיט נישט מער ווי איין פראגע. ניין, לאנג האָט עס נישט געדויערט. „ס'איז געווען ווייזט אוים צו שפּעט". ס'האָט לאנג נישט געדויערט וויל מ'האָט באפרייט אויך איר פאָטער.

„נאָך דעם האָב איך אים אויפגעזוכט. צוליב וואָס? ביי זיך האָב איך ווייזט אוים מיט אים חתונה געהאט נאָך דעמלט ווען כ'האָב געזאָגט מיין טאטן אז כ'וועל דאָס טאָן, אין יענעם מאָמענט איז די חתונה, ווייזט אוים, צושטאנד געקומען. א מאָדנע חתונה". מיט דעם געדאנק האָט זי געעפנט די טיר פון איר בוידעם-צימערל. שמאָל קוים זיך ארייננצושלייכן, א היץ דערשטיקט צו ווערן. געווען איז עס אמאָל א צימער פאר דער דינערשאפט. היינט וווינט זי דאָ. נאָך א טאָג ארבעט קומט זי אהער זיך אויסרוען. דעם גאנצן טאָג פארברענגט זי ביים שרייב-מאשין איבערצוזעצן פון און שרייבן אין דריי שפּראכן. קיין צימער קאָן זי נישט באקומען. „איך באצאָל דעם נייעם קלאס, דעם אמתן באלע-

באָס, פאר דעם וואָס כ'האָב אין די יונגע יאָרן געלערנט אין לוקסוס אויף זיין חשבון". אזוי זאָגט יאָנעל אויך אצינד. „א מאָדנע ערלעכקייט. און דאָך איז ער ערלעך. אָדער איך משוגע!" אצינד האָט זי געקאָנט לאכן אויף א קול. אין צימערל איז געווען ריין, אויפגערוימט. זי האָט צוגעטראכט ספּעציעל אויכגע־האנגענע שאפקעלעך און קעסטעלעך כדי די פיר איילן זאָלן דאָך אויסזען ווי א צימערל פאר א מענטשן און נישט קיין שטייג. „האלטן האָט מען אונדז גע־דארפט אין שטייגן ווי ווילדע חיות".

ריטא איז געגאנגען זען צי איז קיינער נישט אין דעם פון אכט בוידעם צימערלעך געמיינזאמען באָד־צימער, דאָס געפינענדיק פריי האָט זי זיך געאיילט נעמען א דוש.

זי איז צוריקגעקומען אין איר שטייג־צימערל אָן אָפּגעפּרישטע, זיך אויס געצויגן אויפן שמאָלן בעטל, א פיר געטאָן די לאנגע פינגער איבער די בריסטן און היפטן, פעסטגעשטעלט אז די מוסקלען האָבן נאָך אין זיך עפּעס פון איר מיידלישער קראפט, און א צופרידענער שמייכל האָט זיך געשפּרייט אויף איר פּנים.

„אזא היץ, אפילו מענער האָבן נישט דעם כוח צו באמערקן א שיינע לי־ביע ווען זיי שלעפּן זיך איבער די גאסן". זי האָט א לאך געטאָן, דער עכאָ פון לאך איז געבליבן אין צימערל און זי האָט זיך מיט אים א צייט געשפּילט.

„מיין איינציקער פּארטנער", איז איר געקומען אויפן רעיון און זי האָט זיך געשפּיגלט אין זיינע בלויע אויגן, געצערטלט זיין קינדיש גלאט פּנים.

# 5. קאָמפּליצירט... שרעקלעך קאָמפּליצירט

נאָך דעם וואָס ריטאַ האָט פאַרלאָזט דאָס צימער האָבן יאָנעלן נאָך אַ לאַנגע צייט געקלונגען אין די אויערן זיינע לעצטע ווערטער, לאַנגזאַם פאַרלירנדיק זייער ערשטן פּונאַויבנאויפיקן זין. „אייגנטלעך וועמען געטריי", האָט ער זיך געפרעגט און די געטרייישאַפט ווען וועלכער ער האָט גערעדט אַזוי האָפערדיק איז זיך ווי צעפלאָסן, געוואָרן אינגאַנצן אַן אַבסטראַקטע. „זיך אַליין ווייזט אויס, אירע אייגענע דעראינערונגען". דאָס אומרעכט איז געווען צו אויף דער האַנט אַז מע זאָל קאָנען אָוועקמאַכן. „פאַרוואָס נישט אונדזערע? פּרוּוען, זאָגט מען, זענען קאָנסערוואַטיווער. און מענער? פאַראַן אויך מענער". איצט האָט ער געפילט אַ סאָרט קנאה צו יענע פון וועלכע ער פלעג חוזק מאַכן איבער זייער סטאַבילקייט. אַמאָל האָט עם אים אויסגעזען נאַריש, אָפּגעשטאַנען, פּראָווינציעל. ער האָט אפילו „אויסגעאַרבעט" אַ טעאָריע אין שייכות מיט דער כטאַביל־קייט אַלס אַ פרעמדע דערשיינונג פאַרן מענלעכן מין. „אייגנטלעך וואָלט זי געהאַט געגוג מאָטיוון מיך פיינט צו האָבן אָדער לכל הפּחות מיך פאַראַכטן. ס'איז דאָך נישט מיגלעך זי זאָל קיינמאָל נישט טראַכטן צו דעם אופן וויאַזוי איך האָב מיך באַצויגן צו איר טאַטן און טאַקע צו איר גופא אין די שווערע צייטן פון אָנהייב ... פון אונדזער אָנהייב און זייער סוף". אים איז איינגעפאַלן אַז ווען ער זאָל געווען אָפּגעבן מער צייט און אויפמערקזאַמקייט דער אַנטוויקלונג פון זייערע באַציונגען וואָלט ער שוין לאַנג געווען אַנטדעקט דעם פּאָדעם שנאה אין איר געטריי זיין אים, איז אים אָבער געווען ליבערשט ווען דעם נישט צו טראַכטן, ס'איז געווען לייכטער און באַקוועמער.

„באַקוועמער אויך איר?" האָט ער זיך געפרעגט. „זי ווייסט נישט ווי שווער ס'איז געווען ..." ער האָט געפּרוווט אויך איצט זיך אַליין אָפּנאַרן און תיכף דערפילט די פאַלקשייט פון געדאַנק און פון די אַרגומענטן וואָס ווערן געוויינטלעך אָנגעווענדט. ס'איז אַ סאָרט באַדינגונגס־רעפלעקס פון אַלע יענע וואָס צוויי־

פלען אין די רעזולטאטן און קיינמאָל אין זייער אייגענעם צוגאנג, אין זייער שטעלונג און פראקטיק וואָס האָט געפירט — קיין חילוק צי מער אָדער ווייניקער אימפּליצירט — צו רעזולטאטן אין וועלכע מע צווייפלט. אָבער זיך לגמרי אָפּטרייסלען... זוכן א מקלט אין צוויי ווערטער ווי „פּערזאָנען-קולט" וואָס דארפן אלץ אָפּווארפן אויף אן אומבאשטימטן ארויף ווען אין דער ווירקלעכקייטן איז ער געליגן און ליגט אין זיי — אין די קליינע און קלענערע „פּערזאָנעלעך" וואָס האָבן זיך מחיהדיק געהילט אין קולט פון זייער אומבארירלעכקייט, פון זייער אומבאגרענעצט באוואָפנט זיין מיט אלצווייסעריי צוליב וועלכן זיי האָבן געדארפט און זיך געשאפן א גרויסן אלצווייסער, אזוי ווי די גלחים א גאָט. די קרענק איז געווען אן אלגעמיינע און בלייבט כל זמן די קירך איז א קירך, דער טעמפל א טעמפל און דער מעטשעט א מעטשעט — אויף נישט צו רעדן ווי נאָר וועגן די וואָס זענען נענטער. וועגן דעם האָט ער אצינד נישט געטראכט, נישט ווייל דער געדאנק איז אים געווען פרעמד, נאָר אים האָט זיך געדאכט אז אהער, צו זיין אייגענעם פאל, פאסט ער נישט, דאָ גייט עס נישט מער ווי אין פערזענלעכע באציונגען און דערצו סענטימענטאלע צווישן צוויי מענטשן, באציונגען וועלכע האָבן קיין שום פארבינדונג מיט דער סאָציאלער זייט.

„זי מיינט איך ווייס נישט אז זי האָט געמוזט אָפּלייגן עדות", איז אים נעקומען אויפן רעיון און ער האָט זיך נישט געכאפט אויף וויפל דאָס איז סותר זיין פריערדיקן געדאנק. „כ'ווייס אפילו פאר וועמען. מ'האָט געזוכט דעם שורש און יענער וואָס האָט זי גערופן איז געווען א מומחה אין געפינען וואָרצלען". די וואָרצלען האָט ער געזוכט אין אמאָל ווייל דאָס האָט געדארפט אויפקלערן דעם היינט. די מאמע לעבט שוין לאנג נישט, די שוועסטער זענען נישט געווען דאָ, האָט מען געפונען זי. „זי האָט קיינמאָל נישט דערמאנט וועגן דעם דאָס געהערט צו איר שטאם — ריטעריש..."

ער איז ווידער אומגערעכט געווען צו איר. ברוגז פאר זוכן דעם שורש אין זיין פאל האָט ער אים געזוכט אין איר פאל. איז אָבער שווער צו האָבן טענות צו א קראנקן מענטשן וואָס דארף רו ווי די לופט ווייל דער דאָקטער זאָגט — מיטן הארץ איז זיך נישט צו שפּילן, וועלן מיר אים נישט טרייבערן, וועלן מיר אים לאָזן פארענטפערן מיט לייכטע און צומאָל לייכטזיניקע געדאנקען דאָס וואָס איז נישט צו פארענטפערן. די פראגע באשטייט דאָך נישט אין זייערע אזוי צו זאָגן אינטימע באציונגען צו וועלכע ער רעדוצירט זיי, נייערט צו דעם ברייטן פארנעם פון מענטשלעכע באציונגען.

„אפשר האָב איך געדארפט עפּעס טאָן כאָטש אויף זי צו פארזיכערן מיט א וווינונג מיט א מענטשלעך צימער. דאָס וואָלט זי געווען אָנגענומען דער נסיון וואָלט געווען צו גרויס זי זאָל אים ביישטיין. ס'איז דאָך פּשוט א רח..."

אפילו אין געדאנק האָט ער זיך נישט דערוועגט ענדיקן דאָס וואָרט. זי וואָלט זיך געפילט באַליידיקט ביז גאָר און וואָלט געווען גערעכט. זי געהערט צו דעם כּאָרט מענטשן וואָס פאַרטראָגן נישט קיין רחמנות, וועלכע מיטלייד עקלט. פון קיינעם אויך נישט פון אים, אפשר פון אים אמווייניקסטן און מיט א פאַרוואָס, און אויך נישט פון איר גופא. זי געהערט דעם סאָרט מענטשן וואָס האָבן מיט זיך נישט קיין מיטלייד ווייל דאָס הייסט זיך לאָזן פאלן ביזן אָפּגרונט אין די אייגענע אויגן, שלום מאכן מיטן געדאנק אז מ׳איז אימשטאנד אזוי צו פאלן. דאָס איז א ספּעציעלער סאָרט מענטשן אזא וואָס ווייסט נישט פון קלאַנען, קלאסן, שיכטן און גרופּירונגען. מע געפינט זיי אומעטום, אפשר אין א גרעסערער מאָס אין אירם גלייכן. אויפן פאַרוואָס וועלן אפשר פּרוּוון ענטפערן פּאָצפּסיכאָלאָגן, אָבער דער פאקט בלייבט און איז אים, יאָנעלן, אפשר מער באקאנט ווי אנדערע. א צייט לאנג איז ער געווען איבערצייגט אז דאָס מיט דער סופּערווערדיקער האלטונג פון די פראנצויזישע אדל-לייט בעת דעם צערעכענען זיך מיט זיי פון דער רעוואָלוציע איז אן אויכטראכטעניש, די פאנטאזיע פון שרייבער, א לעגענדע געשאַפן פון זייער נאָכוווּקס. ער האָט אָבער געהאט די געלעגנהייט זיך צו איבערצייגן אז ס׳איז נישט אזוי, אז צווישן די „געוועזענע“, צווישן די „סי דעוואַן“ האָבן זיך אויך דאָ געפונען און נישט ווייניקע וועלכע האָבן זיך באצויגן מיט אבסאָלוטער פאראכטונג צום טויט און נאָך מער צו זייערע שליחים. אפשר זענען די שליחים געווען דער גורם פון אָט דער טיפער פאראכטונג. דאָס איינציקע וואָס האָט זיי פארדראָסן איז געווען וואָס די קויל ווערט אָפּגעשאָסן, אָדער דאָס שטריקל געצויגן, פון נישט געוואַשענע הענט... נישט פון זייער גלייכן.. יאָ, געווען אזעלכע...

ביי דעם געדאנק האָט ער פארגעסן ריטאַן. געפילט א מאָדנע מידקייט און באשטימט זיך צולייגן. די מידקייט האָט אָנגעוואָרפן א שרעק. זי איז געווען אן אַלטע באקאנטע. דאָס ערשטע מאָל האָט ער זי געפילט ביי די פראנצויזן מיט זייער פּירדייאיקן סינדראָם. ביי די דייטשן איז עס געווען דריי רייען אין פּירעק, ביי די פראנצויזן פיר רייען אין דער טיף. אזוי איז געשען ווען ער איז געקומען צו זיי אין פּלען כאָטש אין קיין מלחמה מיט זיי איז ער נישט געווען. דאָס געהערט צום אבסורד פון די מאָדערנע צייטן — מע מוז נישט זיין מיט עמעצן אין מלחמה אז מע זאָל זיך פּלוצעם געפינען אלס זיין קריגס-געפאנגענער. אפשר איז דאָס געשען אויך אמאָל. זענען דען אלע די וואָס יפתח איז איבערגעפאלן, גערויבט און גענומען אין געפאנגענשאפט געווען מיט אים אין מלחמה? שווער צו וויסן וויאזוי ער האָט זיי באהאנדלט — אלעם וויסן קאָן מען נישט — אָבער אז ער האָט זיי גענומען אין געפאנגענשאפט איז זיכער — זיי האָבן געהערט צום רויב.

אזוי אז ס'איז נישט קיין מוז סע זאָל זיין א מאָדערנער אויפטו, אָבער דאָס לייקנט נישט אָפּ דעם פּיררייאיקן סינדראָם וואָס האָט אים אויפגעגעסן די נערוון.

דריי מאָל א טאָג האָט מען זיך געמוזט אזוי אויסשטעלן. איין מאָל האָט ער שטייענדיק אין דער ריי דערפילט א ווייטיק אין נאקן, א ווייטיק וואָס האָט אומרחמנותדיק געקוועטשט, א משא וואָס האָט זיך אָנגעזעצט אויפן נאקן און געדריקט גלייך ווי די לייטער וואָס פירט אין הימל האָט דאָ געפונען איר אָנשפּאַר און די צוויי צווישן וועלכע ער איז געשטאַנען האָבן אים באַצייטנס אונטערגעכאַפּט אונטער די אָרעמס און אים געהאַלטן כמעט א שטייענדיקן ביז מ'האָט באַפוילן: רייסט די רייען און די רייען האָבן זיך געריסן, זייער שטראָם האָט אים דערטראָגן אין באַראַק און דאָרט האָט ער זיך אויפגעכאַפּט ערשט נאָך דעם וואָס ער האָט געזונקען א לאַנגע צייט אין אָנדנאָיקן גרוב וואָס רופט זיך שאול־תחתיה פון וואַנען ס'האָט אים שווינדל־שנעל ארויפגעצויגן און א שליידער געטאָן אויפן פּריטש צוגעדעקט מיט דער זעלבער דעק מיט וועלכער ער הילט זיין קערפּער צומאָל אויך איצט. אַצינד ליגט זי אויף זיינע פיס, און אַלטע אָפּגעריבענע שיטערע דעק פון וועלכער ער קאָן זיך נישט טיילן. דעמאָלט איז עס געשען צום ערשטן מאָל. ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט איז געזעסן לעבן אים דער דאָקטער. ער האָט געוואָלט וויסן פּינקטלעך וויאַזוי ער האָט דערפילט די מידקייט און וואָס ווייסט ער אז ס'איז מיט אים געשען נאָך דעם. אָבער צופיל האָט ער פון אים נישט געקאָנט ארויסבאַקומען ווייל אויפן אָרט פון אן ענטפער זענען געקומען ווי אן אָבסעסיע יאָנעלס פראַגעס ער האָט נאָר געוואָלט וויסן וויאַזוי ער איז אוועק פון אַפּעל און זיך אויפגעכאַפּט פון קאָשמאַר אויפן פּריטש; וווּ איז ער געווען און פאַרוואָס פעלט אים א צייט וועלכע איז אַהינגעקומען ער קאָן נישט וויסן וווּהין און וואָס האָט דאָס צו טאָן מיטן קאָפּווייטיק וואָס מוטשעט ווי קיינמאָל נישט. דער דאָקטער האָט פעסטגעשטעלט אז דאָס קאָן נאָר זיין א פאָרם פון עפּילעפּסיע — א קראַנקייט וואָס וואַרפט אָן א שרעק און זעלטן ווער סע רופט זי ביים נאָמען גלייך זי וואָלט האָבן אָדער ברענגען מיט זיך אַזוינס וואָס שטאַמט פון שוואַרצע כוחות אין וועלכע מע גלייבט נישט נאָר פאַר וועלכע ס'איז בעסער זיך צו היטן, מיט זיי נישט האָבן צו טאָן; דערפאַר זאָגט מען „דאָס אַנדערע חולאת", אָדער די „קרענק פון הייליקע" און נאָך אַזעלכע צונעמענישן וואָס דאַרפן באַווייזן אז אין דער קראַנקייט ליגט דאָך עפּעס א סוד צו וועלכן דאָקטוירים וועלן נישט דערגיין, ווייל ס'איז אויף יענער זייט און אַהין וועלן זיי זיך קיינמאָל נישט דערשלאָגן...

א צווייט מאָל איז עס געשען אין מאַרק. ער איז געפאָרן, מיט זיין מאַשין, איינקויפן גרינס, אויפס, פלייש און אַלץ וואָס א מענטש דאַרף האָבן כדי צו

באַפרידיקן די עלעמענטאַרסטע באַדערפענישן וועלכע הייבן געוויינטלעך אָן מיט עסן. רעסטאָראַנען האָט ער נישט ליב, אים איז ליבערשט אַליין צוגרייטן און דאָס נישט נאָר דערפאַר ווייל ער ליידט פון אַ געוויסער קאַרגשאַפט נאָר גיכער צוליב זיין שוואַכקייט צו קעכלען. ס׳איז ביי אים אַן אַלטע שוואַכקייט אָבער דאָס הייסט נישט אַז ער טויג דערצו. ער מיינט אַז יאָ, כאָטש ניין און ניינציק מאָל פון הונדערט געלינגט אים נישט. שולדיק איז פאַרשטענדלעך יעדעס מאָל עפּעס אַנדערש: איין מאָל דאָס פלייש אַן אַנדער מאָל די רייז צי די מייערן צי די פּעטרעשקע אָדער גאָר דער קריפּ; די קאַרטאָפל צו יונג, די גרויפּן צו גרויס, דער רייז צו אַלט און שטענדיק ברענגט ער אַלס ראיה, אַלס דעם שטאַרקסטן אַרגומענט אויף צו באַווייזן זיין גענויטקייט אין קולינאַרער קונסט דאָס איינציקע מאָל פון הונדערט ווען ס׳איז אים געלונגען אָפּקאָכן האַרטע ... אייער, אַזעלכע וואָס וואָלטן נישט פאַרשעמט דעם טיש אַפילו פון אַזאַ באַקאַנטן פיינשמעקער ווי העריאָ ... איז ער געפאָרן מיטן אויטאָ איינקויפן.

... אַ שווערע שטילקייט אין דער וווינונג. ס׳איז ווייזט אויס שפּעט. דעם זון הערט מען נישט, מסתמא שוין אַוועק אויפן אוניווערסיטעט, אָדער ער איז די נאַכט נישט געווען דאָ. יאָנעל לאָזט זיך פּאַמעלעך אַראָפּ פון בעט, גייט ווי געוויינטלעך צום שפּיגל, זען וואָס די נאַכט האָט מיט זיך אָנגעבראַכט — אַרום די אויגן גרויסע שוואַרצע רינגען, דאָס הייסט שלעכט געשלאָפן. „ווער ווייסט מיט וואָס פאַרא לאַקעטקעלעך זיך אָנגעשטאָפּט נעכטן אין אָוונט, האָבן זיי געמוטשעט״, פּרוווט ער זיך נעמען אויף דער העצקע און פילט אַז סע העצקעט זיך נישט, אַז עפּעס איז נישט בסדר. ער לאָזט זיך אין קיך צוגרייטן אַ קאַווע און דאָ בלייבט ער שטיין אַ געפּלעפטער: די קיך איז פול טשערעפּעס און טשערעפּלעך. ווער האָט געקאָנט צעברעכן דאָס גאַנצע געפעס? גנבים, נישט אַנדערש ווי גנבים! דער זון זאָל געווען פאַרברענגען מיט זיינע חברים און זיי האָבן צו פיל געטרונקען. ס׳איז נישט זייער טבע. אפשר ווייל ס׳איז נישט איז זייער טבע האָבן זיי איבערגעכאַפּט די מאָס, זיך נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון וואָס זיי טוען. סע קאָן נישט זיין. נעכטן איז ער דאָ נישט געווען, אַצינד איז ער אויך נישטאָ. ער זאָל געווען קומען שפּעט, וואָלט איך געווען געהערט. ניין! ס׳איז אויסגעשלאָסן. אָדער ... ווער קאָן וויסן? שוין ווידער? נישט מיגלעך. ס׳איז נישט מער די צייט. אַצינד טוט מען עס נישט. און אפשר... ניין, זיי לאָזן נישט אַזעלכע גראָבע שפּורן. סיידן ... סיידן מע וויל אָנוואַרפן אַ שרעק. ניין, דערביי האַלט עס נישט. כ׳וואָלט געווען דערשמעקט ... ער איז אַריין אין צימער, אַרום אויפן באַלקאָן, אַראָפּגעקוקט אויף דער גאַס און דאָ איז די געשיכטע געוואָרן נאָך קאָמפּליצירטער — נישטאָ דער מאַשין. גנבים, זיכער גנבים. ער

האָט אָנגעקלונגען אין דער מיליץ, געמאָלדן אַז מ'איז אים איבערגעפאַלן, אָנגעמאַכט שאָדן און אוועקגעפירט דעם אויטאָ. געגעבן דעם נומער און אַלע איבעריקע איינצלהייטן אַזוי ווי ער האָט זיי זיך פאָרגעשטעלט. ס'איז פאַרביי נישט מער ווי האַלבע שעה און מ'האָט אים צוווישן געטאָן אַז זיין מאַשין שטייט אין מאַרק, אַז די שליסלען זענען אין באָרד; דער אויטאָ איז גאַנץ סע זעט נישט אויס עמעצער זאָל זיך געווען אַרום אים פאָרען אויסער דער בעל-הבית. די גאַנצע מעלדונג האָט געקלונגען ווי אַן אומגעהייערער גלאָק, ער האָט זיך דערזען אויפן מאַרק איינקויפנדיק און ... און ווייטער גאָרנישט, אַ הויל, ביז היינט אינדערפרי ווען ער איז אַראָפּ פון בעט. ווער האָט אים געבראַכט אַהיים? ווען האָט מען אים געבראַכט? ער איז ווייזט אוים געקומען אַליין אָבער אויף וועלכן וועג געדענקט ער נישט. ער איז ווייזט אוים געגאַנגען מיטן כוח פון אינערציע אויף באַקאַנטע וועגן; פון מאַשין האָט ער פשוט פאַרגעסן. ער איז ווידער אַריין אין קיך, געוואָלט זען וואָס פאַרא שאָדן ער האָט אָנגעטאָן ווי אַזוי איז עס געשען, אפשר וועט ער זיך דאָך עפּעס דערמאַנען. אין אויער האָט געקלונגען אַ פּלאַצן פון טעלער, דאָס האָט ער ווייזט אוים זיי צעבראָכן. ווען, פאַרוואָס? ער קאָן זיך נישט דערמאַנען. צעבראָכן זענען נישט מער ווי דריי טעלער; אויפן פאַרלאָשענעם גאַז שטייט אַ קליין טאַוועלע. אפשר האָט ער צוגע-גרייט אייער? ניין, נישטאָ קיין סימן פון אייער-שאָלעכץ. ער האָט געפילט אַז דאָס זוכן מאַכט אים גערוועז, אַז סע באַפאַלט אים אַ שווערע בלייערנע מידקייט האָט ער זיך צוגעלייגט אויפן בעט, אַ צי געטאָן איבער זיך די זעלבע אָפּגעריבענע דעק און לאַנג געזוכט די פאַרלוירענע צייט, ווייל אויב ער געפינט זי נישט וועט אים דער הויל איינשלינגען ...

דאָס דריטע מאָל זעט אים אוים צו זיין דאָס ערגסטע, כאָטש געדויערט האָט עס נישט מער ווי אַ פּאָר מינוט האָט עס אויסגעזען יאָרן. אַז ס'האָט גע-דויערט נישט מער ווי אַ פּאָר מינוט ווייסט ער באַשייד ווייל געשען איז עס אין אויטאָבוס. און ער ווייסט פּינקטלעך די שטרעקע, צווישן וועלכע סטאַנציעס. אויפגערעגט האָט אים אַן אינטערוועניץ וועגן זון. שטענדיק איז אים אויסגע-פאַלן שווער צו קומען מיט בקשות. געגאַנגען איז עס נישט מער ווי אין באַזיי-טיקן אָדער אויסמיידן פאַרשפּעטיקונגען וואָס ווערן פּראָוואָצירט פון דער ביראָ-קראַטיע. אָנקומען אין אַזאַ פאַל מוז מען פאַרשטייט זיך צו אַ פאַרביסענעם ביראָקראַט וועלכער האַלט אַ לעקציע ווייניקסטנס אַ האַלבע שעה וועגן דער פאַר-שאָלטענער ביראָקראַטיע וואָס טאָרמאָזירט אַלעם וואָס רירט זיך קוים און וועגן דעם אַז מע מוז טאָן אַלץ זי צו ליקווידירן און דערנאָך בלייבט עס ביי דעם וואָס געווען. אָבער ווייל מ'איז געקומען מיט אַ בקשה מוז מען צושאָקלען מיטן קאָפּ,

באַיאָען אלץ וואָס ער זאָגט, אָננעמען אלע פלאַטשיקייטן פאר הויכער פילאָ-
סאָפיע און אוועקגיין מיט א געפיל פון שפלות און א שטארקן קאָפּ-ווייטיק.
אזוי איז עס געשען. אוועקגעגאנגען ביז דער נאָענטסטער זעברא, איבער-
קרייצט דעם וועג, גענומען דעם אויטאָבוס, געווען אין אפריקאנישע זאמדן,
אין שפאנישע בערג, געפלויגן איבער דער טאיגא, געזען דריי און דרייסיק טויזנט
לאָסן און לאָסיכעס יאָגן איבער דער ווייסער טונדרא, זיך פארטשעפעט אין שפּיץ
פון עומר-מאָסקייע, געזוכט דעם אלעקסאנדריער טורעם, און... מאָריץ האָט
געפרעגט: יאָנעל וואָס זעסטו אוים אזוי מיד'?

צו אַט די דריי פאלן האָט ער געטראכט נישט מער ווי א רגע און ארויפגע-
צויגן אביסעלע העכער איבער די פיס די אָפּגעריבענע דעק. „זינט ווען טראָג
איך מיך מיט איר ארום? סע וואָלט צייט זיין ארויסווארפן אויפן מיסט‟. ארויס-
ווארפן וועט ער נישט האָבן דעם כוח, די דעק וועט בלייבן דאָ אויפן בעט ביז
זיין לעצטן אָטעם.

... מ'האָט געקלונגען ביי דער טיר. לאנג געקלונגען. יאָנעל האָט נישט גע-
ענטפערט. די שטימונג איז נישט געווען אזא אויפצונעמען נישט געבעטענע
געסט. נאָך א צייט האָט געקלונגען דער טעלעפאָן. ער האָט סוף כל סוף אויפ-
געהויבן דאָס טרייבל. א מבול זידלערייען און באליידיקונגען פון סאמע דנאָ
האָבן אים דערפרייט ביז גאָר. דער זעלבער וואָס האָט געקלונגען ביי דער טיר
האָט אָנגערופן טעלעפאָניש. אויף אים האָט ער זיך נישט געריכט. דער גאסט איז
ביי אים שטענדיק געווען א יום-טוב. מ'האָט פארבראכט צוזאמען בעל-כרחא
א סך-הכל פון זיבן יאָר וויפל פרעהם מאָגערע קי, איז דער בעל-כרחא געווען
פרייוויליק און די מאָגערע קי פעטע. ער וואָלט געזאָגט אז זיין פריינד האָט גע-
כפלט זיין לעבנס-אינהאלט איז אים דאָס וואָרט געכפלט אומבאקאנט, אינגאנצן
פרעמד. אפשר ווען ער זאָל וויסן וואָס פארא ראָלע דאָס שפּילט ביי איינעקע גאָר,
גאָר איידעלע, זייער סובטילע פּאָעטן וואָלט ער אים פאָרגעוואָרפן וואָס מ'האָט
נישט פארבראכט כאָטש א חודש דאָס אויפצוקלערן ווייל אזוי האָט ער אים
פאראָרעמט.

נאָך דעם וואָס יענער האָט געענדיקט מיט דער תוכחה איז זיין ענטפער
געווען נישט מער ווי: קום! ער איז פאמעלעך אראָפּ פון בעט געעפנט די טיר
און ווידער געגאנגען צום בעט זיך אויסציען — דער שמועס קאָן זיין נאָר א
לאנגער. דער גאסט איז א בארעדעוודיקער און ער, יאָנעל, אן אים שטענדיק
גרייטער צוהערער. באגעגנט האָבן זיי זיך דאָס ערשטע מאָל אויף א בלאָטיקן
וועג — געטריבענע אין א מארש פון אן אָנצאָל קילאָמעטערס. געגאנגען איז
מען א צייט שווייגנדיקע ווייל רעדן האָט מען געמעגט, קיינער האָט נישט פאר-

באַטן. געקוקט האָט מען איינער צום צווייטן זייטיק. ווען ס'איז געווען צו קוקן.
אָבער ווייל יאָרן זענען נישט מער ווי פאַרווישטע סימנים און אָנגעצייכנט זע-
נען נאָר יענע וואָס זענען מיילשטיינער, איז כדאי דאָ צו דערמאָנען דאָס יאָר.
געשען איז עס אין 1936 אָדער 1937. מייל-שטיינער זענען ביידע, דאָס ערשטע
פאַר דער אַלגעמיינער געשיכטע פון דער צווישן מלחמות צייט דאָס צווייטע נאָר
פאַר זיי אויב ס'איז באמת געשען אין צווייטן. דאָס אפשר אויך דערפאַר ווייל
פאַר יאַנקלען איז עס דער מאָמענט אין וועלכן זייענדיק ווייטער איינער וואָס טראָגט
די וועלט-געשיכטע אין זיך, אין ער שוין דעמלט נישט געווען דער זעלבער.
דאָס באַגעגעניש מיט דעם נייעם פריינד האָט געשוואַכט און געשטאַרקט אָט די
שטעלונג זיינע. געשוואַכט ווייל זיין איך—עקזיסטענץ האָט באַקומען די בונט-
קייט פון אַלעם וואָס איז צייטווייליק און פאַריבערגייענדיק און געשטאַרקט ווייל
אויך די אייביקייט איז נישט איינפאַרביק ווען דער בליק צו איר איז נישט פאַר
טונקלט פון פאַרגעשריבענער באַגרענעצטקייט.

— מיך רופט מען אַרקע. קומען קום איך פון שטעפּאַנעשט.

— יאַנעל פון לאַבארד.

— הייסט עס אַ האַלבער גוי.

— פאַרוואָס אַ האַלבער?

— ווייל די צווייטע העלפט איז אַ יידישע.

— כ'וואָלט נישט געזאָגט. דאָס ביסל וואָס געווען איז געבליבן אַרונטער, אַזוי ווייט אַז כ'האָב עס פאַרגעסן.

— זאָלסטו נישט געווען פאַרגעסן וואָלסטו געווען אַ גאַנצער ייד.

— מיר דאַכט אַז כ'האָב נישט געהאַט וואָס צו פאַרגעסן אַזוי ווייניק ווייס איך דערפון.

— האָסט אַ טעות. ויסן ווייסטו גאָרנישט. דער האַלבער וואָס אין דיר איז מסוגל צו פאַרשטיין. מער דאַרף מען נישט. ווען וועסט פאַרשטיין מעגסטו זיך אָפּזאָגן — וועסט כאָטש ויסן פון וואָס.

אַזוי האָט יאַנעל אין די צייטיקע יאָרן באַקומען אַ טאַטן, זיך באַרייכערט מיט אַ קאָנקרעטער מאַמען, אַזוי האָט די צווייענדיקע באָרד באַקומען אַ זין — געווען אַ צעריסענער מענטש. אים צו איבערצייגן וויאַזוי אַ מענטש קאָן זיין צעריסן האָט ער מיט אים געקנעלט אַ זעקס שורהדיק משל „קלינגט דער זייגער דריי". לאַנג האָט געדויערט דאָס קנעלן ווייל מ'האָט געדאַרפט אויכטייטשן יעדעם וואָרט באַזונדער; צוערשט דעם פשוטן אויסערלעכן באַטייט און ערשט נאָך דעם, דעם אינערלעכן, דעם מיט דער נשמה פאַרבונדענעם. „זיצט ביי זיך

אין צימערל'', האָט ער אָנגעהויבן טייטשו פאַרקערט, וואָס הייסט א צימערל, וויפל דאַרף מען ביז פון צימער ווערט א צימערל, סע זאָל זיך צוזאַמענגיסן ווערן איינס מיט דעם וואָס זיצט אין דעם, ער זאָל פילן דאָס צימערל אין זיך כדי ער זאָל קאָנען זאָגן „ביי זיך'', ערשט ווען מע דערגרייכט צו אָט דער מדרגה קאָן אָנהייבן א פאַרפרעמדונג. דאָס געפיל פון זיין און נישט-זיין אין דער זעלבער צייט, דאָס געפיל פון צעבראָכנקייט און גאַנצקייט און די גאַנצקייט א דרייפאַכע ... די מאַמע האָט גאָר געהאַט נישט נאָר הענט נאָר א היכל צווישן די הוילן פון אירע הענט ווען זי האָט מיט זיי באַדעקט די אויגן צום ליכט-בענטשן האָט גערוט א הייליקייט אַזאַ וואָס רופט זיך שכינה, אין וועלכן מע מוז נישט גלייבן אָבער דאָס צוגעמען ביי דער מאַמען טאָר מען נישט. מענטשן זוכן מושלען ביים ברעג ים, לייגן זיי צום אויער ווילן הערן עפּעס פון דעם וואָס בלייבט נאָך דעם וואָס דער מושל איז מער נישטאָ און דו האָסט געהאַט לעבן דיר די טייערסטע הענט אין דער וועלט. ווייל דער מאַמעס גלעט געפינסטו נישט ביי קיין שום פרוי, ס'איז נישט דאָס זעלבע, ס'איז נישט ליידנשאַפט, ס'איז נישט פייער, ס'איז עפּעס וואָס האָט כמעט קיין נאָמען ווייל סע דאַרף אים נישט, דערפאַר אליין דאַרף מען זיין באַהיט און נישט פאַראָרעמען די הענט, זיך נישט דערוועגן מכחיש זיין, לייקענען די הייליקייט וואָס באַזעצט זיך אין זיי פרייטיק צו נאַכט אַזוי אַז אַלע זאָלן זי זען, ווייל געפינען געפינט זי זיך דאָרט, די הייליקייט, אַלע טעג פון דער גאַנצער וואָך, ווען זיי גיבן א גלעט, ווען זיי טראָגן אונטער א גלאָז מילך, ווען זיי געבן א לאַקעטקעלע אָדער אַן אויסגעדאַרט שטיקל ברויט וואָס זיי האָבן באַהאַלטן פון זייער הונגער כדי סע זאָל בלייבן צו שטילן דיינעם.

ארקע האָט אַזוי לאַנג גערימן די נשמות אויף שטיקער ביז ער האָט זיך אין א טאָג דערלויבט באַרירן אויך לאַקס נשמה און יאַנעל האָט נישט רעאַגירט ווייל ארקע האָט זיך געקאָנט דערלויבן אַלעס. מיט דער צייט האָט יאַנעל זיך מער נישט געקאָנט אָפּטיילן פון דעם „וועלט-אויכטייטשער'' ווי ער פלעג אים רופן כאָטש איינשטימיק מיט אים איז ער אינגאַנצן נישט געווען. צומאָל פלעג ער זיך מתוודה זיין אַז די וועלט אַזוי געזען איז אפשר אינטערעסאַנטער אָבער זי פאַרלירט פון איר עפיציענץ. זיין אַרגומענט איז נישט געווען זיינער, נייערט א ציטאַט: פאַראַן מוזיק וואָס איז געפערלעך פאַר א רעוואָלוציאָנער צוליב איר שיינקייט. געמיינט האָט מען ווייזט אויס דערמיט אַז זי צערייכט, זי צעוואַרפט דעם ווילן און דעם גייסט, רייסט אים אָפּ פון די הויפּט רינגען, צעקייטלט אויפן אָרט פון שטאַרקן די קייט. אויף אָט דעם אַרגומענט פלעג ארקע ענטפערן מיט א פראַגע: זאָג, איך פאַל אַרויס פון דער ריי? אויף דעם האָט מען נישט געקאָנט

ענטפערן ווי נאָר מיט א פּעסטן, ניין! ווייל ארקע איז שטענדיק געווען דאָרט ווו ס'האָט זיך גענייטיקט איינער ווי ער — דאָס לעבן אָפּצוגעבן.

אזוי האָט זיך יאָנעל באקענט מיט עפּעס פון דער געשיכטע פון זיין פאָלק און אויב ער האָט זיך טראָץ דעם נאָך אלץ נישט דערקלערט אלס ייִד, האָט ער דאָס נישט געלייקנט. ער איז און איז נישט ווייל ס'איז נישט וויכטיק. ער איז א „וועלט-בירגער" לאחר המעשה, ווייל דער באגריף האָט לאנג פארלוירן יעדן באטייט, פארקערט ער האָט באקומען עפּעס אזעלכעס וואָס האָט געשמעקט מיט ייִדישקייט און האָט זי אָנגעהאנגען, די ייִדישקייט אפילו ווען מ'האָט זי נישט געוואָלט. אָבער דאָס איז פאר ארקען געווען גענוג. ער גופא איז געווען פון די וואָס האָט נישט געפּראַלט מיט זיין ייִדישקייט. אויך ער האָט זיך דערלויבט צו זיין א „וועלט-בירגער" וויסנדיק אז ער לעבט אין א וועלט וואָס וויל דעם סאָרט בירגער נישט אָנערקענען ווייל אין בעסטן פאל פעלט ער איר נישט און אין ערגסטן שטערט ער איר.

— האָסט פארשלאָסן די טיר? האָט געפרעגט יאָנעל ווען ארקע האָט זיך באוויזן.

— פארשלאָסן, פארוואָס ענטפערסטו נישט?

— כ'בין נישטאָ אינדערהיים.

— פארוואָסזשע האָסטו יאָ געענטפערט?

— כ'האָב געוווסט אז דו ביסט עס.

— און ווען כ'האָב געקלאַפּט אין דער טיר?

— האָב איך נישט געוווסט. אגב, פון וואנען, האָסטו געוווסט?

— באַנעגנט ריטאן.

— אהא!

— וואָס איז עס פאר אן אהא?

— טרייבער מיך נישט. בעסער זינג.

— וואָס זאָל איך דיר זינגען?

— וואָס דו ווילסט, אלע דיינע לידער זענען איצט פאר מיר א רפואה.

ארקע האָט אוועקגעדרייט דעם בליק. שוין ביים אריינקומען האָט ער געזען אז יאָנעל איז ווייט פון זיין בקו. אָבער אויב ער רעדט וועגן רפואות איז א סימן אז ס'איז ערגער ווי סע זעט אויס; פאַרראַטן זיין באזאָרגטקייט האָט ער נישט געוואָלט און דערפאר אויסגעמיטן א באגעגעניש פון זייערע בליקן וואָס האָבן צווישן זיך קיין סודות נישט געהאַלטן. ארקע האָט געטראַכט ווהין אים פירן ער זאָל שעפּן אביסל כוח, לאנג געטראכט, אפשר צו לאנג.

— גו, האָט אים געאײַלט יאָנעל.

— אהיים װילסטו?

— פאַרװאָס ניט? סע קאָן דערװאַרעמען.

צו הילף איז דאָס מאָל געקומען יעקב, אפשר אויך װײַל דאָס ליד איז גע-טראָגן פון אַן אײדל זײ נאָענט געשטאַלט. און ארקע האָט געשעפּטשעט:

שניי דערצײלט א מעשה,
די אויגן מיר פארקלעפּט.
עס האָט אמאָל א יידל
פונקט ביים שליאך געלעבט...

אזוי האָבן זײ געריטן אויפן רוקן פון לייכטן פערד איבער הײמישער מאָל-דעװישער געגנט ביז:

קאלך־װײס װערט דאָס יידל
קוקט און גלייבט זיך ניט:
יאָ, עס איז דער נוצרי —
װי ער איז א ייד...

. . . . . . . . . .

„א גוט שבת! זאָגט ער,
שטעקט אריין דעם קאָפּ
און די שטים פארחלומט
קלינגט מיט יעדן טראָפּ.

— בלייב דאָ, האָט אים שטיל איבערגעשלאָגן יאָנעל.

— װאָס איז געשען?

— װײַטער קומט גלעד און הײנט װיל איך ניט דעם „גאָרניט איז געשען נאָך".

— פאַרװאָס?

— איבער דעם „נאָך"... מיאוס דער טאָג אויך אזוי... קאָמפּליצירט, שרעקלעך קאָמפּליצירט און צו קיין סך־הכל קומט עס ניט.

זײערע בליקן האָבן זיך באגעגנט און געבליבן אײנער אין צװײטנס גאנצע זיבן יאָר...

# 6. און וואָס פריער?

זייערע בליקן האָבן איבערגעכלעטערט זיבן יאָר.

— און וואָס פריער? געפרעגט האָט ארקע, איבעררייסנדיק דעם לאנגיאָריקן שמועס.

— קומט אוים אז וואָס ווייטער ווייסטו ... מע קאָן זאָגן א גליקלעכער מענטש. כאָטש טײלווײז ... אָט איך, ווײס נישט וואָס פריער און אויך נישט וואָס ווייטער. אפשר וואָלט דער פריער אויפגעקלערט דעם ווייטער.

— מיר דאכט אז דאָס וואָס פעלט דיר אצינד אמוויניקסטן איז פילאָסאָפירן. מיין פראגע איז געווען גלאט אזוי. מיין פאָרטייל באשטייט אפשר אין דעם וואָס איך קאָן מיך אויסלאָדן מיט א פרעמד ליד.

— ניין, ארקע-לעבן ...

ארקע איז געוואָרן אויפמערקזאם. ביז איצט, נאָך אזויפיל יאָרן באגעגענען זיך כמעט יעדע וואָך — דער געדאנק האָט זיך קיינמאָל נישט באפרייט מער ווי א מעת-לעת פון צווייטנס אָנוועזנקייט אויף גאָטס-וועלטל — ביז איצט האָט ער אים קיינמאָל נישט געזאָגט „ארקע-לעבן‟: דאָס איז נישט נאָר דער אויסדרוק פון א טיפער נאָענטקייט, נאָר אויך פון א גרויסער נויט, פון אן אומבאהערשבארן באדארף. ארויפקומענדיק האָט ער געטראכט בלייבן נישט מער ווי א פאָר מינוט, זען וואָס ער טוט, מיט וואָס מע קאָן זיין באהילפיק און אים לאָזן זיך אויסרוען, איבעררעדן ער זאָל דאָך נעמען פון יענע פילן וואָס האָבן אים צוגעגעסן און איינשלאָפן אויף א פאָר שעה, אפשר ביז מאָרגן. אצינד אָבער האָט ער געביטן זיין מיינונג. דער אויספיר איז געווען אז נישט שלאָפן וועט אים העלפן, נאָר טראכטן אויף א קול, שוויגן אויף א קול, וויינען (אויב סע וויינט זיך אים) בלחש נישט איינשלינגען אלע טרערן, איינינקע פון זיי ארויסשטאמלען באגלייטן מיט רירן די ליפן סע זאָל ווערן פארשטענדלעכער, פון-הארץ-אראָפּ-רעדנדיקער, שעלטן, חרטה האָבן, חשבונען, חיבורן און סילוקן אויף א קול.

— ניין, ארקע-לעבן, כ׳וויל נישט אָפּקומען מיט א ווערטל. פארשטייסט, די וועלט קומט אָפּ מיט א שפּריכוואָרט — דריי ווערטער אין וועלכע מ׳האָט אריינגעשטאָפּט דעם עקספּערימענט פון ווער ווייסט וויפל דורות. מע זאָגט: ער זעט נישט דעם וואלד איבער די ביימער, מע זאָגט אויך פארקערט: ער זעט נישט די ביימער מחמת דעם וואלד, ביידע זענען אמת, אָבער זיך פארטראכטן דעריבער האָב איך ווייזט אוים קיין צייט נישט געהאט, אָדער זיך נישט גענומען. זאָל מיך עמעצער פרעגן אין וואָס באשטייט דיין לעבן אָדער פון וואָס באשטייט דיין לעבן, וואָס וואָלט איך געקאָנט ענטפערן? אָט אצינד פרעג איך מיך אליין און סע קומט מיר פאָר אז כ׳האָב זיך נישט אין וואָס אָנצוכאפּן. סע גייט מיר נישט אין אויסדרוקן אין ווערטער. אין געדאנק, אין געפיל גייט עס. פארשטייסט וואָס כ׳וויל זאָגן? כ׳וואָלט געוואָלט פילן א גאנצקייט, כ׳זאָל קאָנען זאָגן: כ׳זיץ פעסט אויף מיין בענקל, ס׳האָט פיר פיסלעך, כ׳זיץ דערויף און פיל מיך זיכער, אָדער גיצנדיק דיינס א וואָרט — דערהויבן .אזעלכעס האָב איך דאָ נישט לאנג געהערט פון מיינעם א פריינד. ער איז צופרידן מיט זיך, זיין איבערצייגונג איז אז אבּיסעלע חרטה קאָן אלץ פארגלעטן. ניין, נישט חרטה, ער רופט דאָס תשובה. כ׳מוז אָנערקענען אז כ׳האָב דעם זין פון וואָרט קיינמאָל נישט אינגאנצן פארשטאנען. כ׳האָב דערצו דווקא יאָ געטראכט ווייל ס׳איז מיר אויסגעקומען מאָדנע; סע ליגט נישט אזוי פיל אין דער חרטה, אין דעם וואָס דאָס אָפּגעטועטע רייסט פון דיר שטיקער, וואָס די קרבנות פון דיין טועכץ לאָזן דיך נישט רוען, סע זעט מיר אוים אז סע ליגט מער אין איבערבעטן זיך מיט איינעם וואָס האָט נישט געליטן, אין געווינען פארגעבונג פון איינעם וועלכער קאָן דיר מוחל זיין און וועט דיר מוחל זיין ווייל ער איז א שותף צו דיין זינד, ווייל ער האָט דאָס געקאָנט אויסמיידן; וועסט אפשר פארשטיין מיין, ווי דו זאָגסט, גוישן קוק, אָבער אזוי זע איך דאָס. פאסטן, נעמען אויף זיך כלערליי שטראָפן ווי שווייגן, זיך שלאָגן מלקות כדי צו געווינען פאר א שותף גאָט אליין, אָדער אפשר אים איבערציינגן אז די שולד איז גאָר זיינע ... ניין, ביי מיר איז גאָרנישט פעסט. נישט מיינע זינד מוטשען מיך, זיי זענען צום איבערטראָגן. אָט ריטא ... אויך דאָס האָט זינדיקע זייטן. אָבער איך מיין אינגאנצן, אלעם און דאָס אלעם איז עפּעס א מראקע. אָט פלאקערט אויף א פייערל אָט פארלעשט עס זיך, אָט איז דער וואלד פארפלייצט מיט זונען-שטראלן, אָט ליגט ער אין נעפּל ...

— רוען דארפסטו, אויסרוען.

— לאָז אָפּ מיטן רוען. מיט דעם בין איך אָפּגעקומען ריטאן ... אָפּגעקומען ... אָט דאָס איז אויך מראקעדיק. פארוואָס אָפּקומען. זי האָט געלייגט ביי מיינע פיס, ממש ביי מיינע פיס, איר גאנץ לעבן. אלץ מקריב געווען אָט דעם

נעשמאַלט ...ס׳איז נישט צום פאַרשטײן װי װײניק כ׳האָב געקאָנט שעצן מענטשן, טאַטן, דערשײנונגען, דו אַרקע, מוזסט װיסן — איך בין אַ שרעקלעכער עם־הארץ ...

— אָט האָסטו דיר אַ נײַעס! אַזױפֿיל צײַט האָטו געדאַרפֿט דאָס צו אַנט־דעקן? אַרקע האָט געװאָלט פֿאַרלײכטערן זײַן פּלוצעמדיקע װידוי מיט אַן איראָניע.

— װידער נײַן. ס׳איז אױף דער האַנט. ס׳איז מער װי פּראָסט אַן עם־הארץ. דו האָסט געפֿרעגט: און װאָס פֿריער? דאָס האָט מיך אַ שלײדער געטאָן ביז לאָ־באַרד דאָרט איז דאָך דער סאַמע „פֿריער‟. נו, װאָס מײנסטו האָב איך פֿון דאָרט מיטגעבראַכט? אַן „אינזיכיסט‟, אָבער נישט װי יענע װעגן װעלכע דו האָסט מיט מיר גערעדט, װעלכע האָבן געהאַט אױף זײער אופֿן אַ גאַנצקײט, נאָר ע־פּעס אַ קריפּל. אין זיך האָב איך געטראָגן די געשיכטע; די גאַנצע װעלט־גע־שיכטע האָט אָנגעהױבן און זיך אױסגעלאָזט מיט אַ בידנער שלעכט באַלמע־לאָבעטער באַמבע. באַהיט זאָל איך זײַן פֿון מינערן דעם זיכרון פֿון מײַן ברו־דער. דאָס קאָן איך נישט. אין דעם זין בין איך געבליבן אַן אױפֿריכטיקער, פֿרומער, געטרײַער פּריסטער לעבן טעמפּל פֿון מײַן גאָט. און דאָך ... װען ס׳איז מיר געקומען אױפֿן געדאַנק לאַבאַרד, זענען זײ — כ׳װײס נישט פֿאַרװאָס — אַרופֿגעקומען פֿון זיכרון פֿינצטערנישן צװײ — װי געװײנטלעך לאַקס און אַ קלײן שײגעצל.

געװען איז עס סוף װינטער. ס׳האָט שױן אָנגעהױבן בלאָזן אַ פֿרילינג — װינטל, אָבער דער שנײ איז נאָך געלעגן אױף די דעכער און אױף די גאַסן. אױף די דעכער אַ פֿינקלדיק — בלױלעכער און אױף די גאַסן אַ גרױלעכער, פֿאַר־גרױט פֿון שליטנס און פּאָסטעלעס. אַ פֿולע לבֿנה, אַ שרעקלעך קאַלטע מיט אומרו אָנװאַרפֿנדיקע פֿלעקן.

— מע פֿלעג זאָגן משה רבינו אָדער יהושע בן נון.

— דאָס פֿלעגט איר זאָגן..איך האָב דערפֿון נישט געװוסט. אָט אַפֿילו אַזאַ פּשוטע קינדערישע פֿאַנטאַזיע איז מיר נישט געװען באַשערט, איך בין װײַזט אױס שױן דעמלט געװען „באַפֿרײַט‟ פֿון אַזעלכע אַבערגלױבענישן, אָבער נישט פֿון פּורים־יום־טובֿ. אַרקע האָט געװאָלט זאָגן „פּורים איז קײן יום־טובֿ און קדחת קײן קרענק‟, אָבער באַצײַטנס מותר געװען, דאָס װאָלט יאָנעלן געװען באַלײ־דיקט און מיט רעכט. אַ װילד פֿרעמדער האָט געקאָנט זען אַז אים ברענט און בראָט און ער פּרוּװט זיך אַרױסרײַסן פֿון אַ קאָשמאַר.

מיר זענען געגאנגען איבער די גאסן פארשטעלטע, דאָס הייסט מאסקירטע, אָבער אָן מאסקעס אויפן פנים. דאָס איז דעמאָלט געווען פארבאָטן. די פּאָליציי האָט פארבאָטן טראָגן מאסקעס אויף דער גאס ווייל דאָס וואָלט געגעבן די מעג־לעכקייט גנבים און כוליגאנעס זיך פריי באוועגן. וואָס פארא גנבים און וואָס פארא כוליגאנעס אין לאָבארד ווייס איך נישט. כ׳דערמאָן מיך נישט מע זאָל געוועז רעדן צו יענער צייט אין „גרוים-לאָבארד“ וועגן מאָרד און רויב. דו קענסט נישט לאָבארד, דיר איז די געגנט נישט באקאנט. א שטעטל פארלוירן אין סטעפּ. נאקעטע פעלדער, און כדי די נאקעטקייט זאָל זיין בולטער צעוואָרפענע ווייט איינער פון צווייטןביימער. זומער דאכט זיך אז די פלאכקייט און די צוגעפּלעט־שקייט פון לאנד קומט פון דער היץ וואָס דריקט מיט טויזנטער טאָנען אָנגע־היצטער, שרפהדיקער לופט וועלכע קוועטשט און דערקוועטשט אלעס. ווינטער איז די זעלבע פלאך פון איין האָריזאָנט צום צווייטן א ווייסע און איבער דער ווייסקייט בלאָזן ווינטן — א וואָי פון טויזנטער טשאטעס וועלף. זיך לאָזן אין וועג אפילו בייטאָג, נאָר נאָך מער ביינאכט, האָט מען זיך נישט געלאָזט. דאָס האָבן זיך דערלויבט נאָר פריצים מיט יאגד-ביקסן, שליטנס און גוטע פערד צו פארברענגען אָדער פּויערים מיט קליאטשעס זוכן עפּעס פארן מויל, סוחרים האָבן דאָס נישט געטאָן.

איבער די גאסן זענען מיר געגאנגען גרופּעסווייז, דריי-פיר קינדער, און אונדזערע קאָסטיומען זענען באשטאנען פון פּויערישע קאָזשוכן, מאנטלען און קוטשמעס איבערגעקערטע אויף דער לינקער זייט, פארקערט אָנגעטאָנע שיך, דער מאמעס אן אלטער פארטיך אָדער איינגעהילט דאָס פּנים מיט א שאלעכל. אָנ־געקלאַפּט אין א טיר האָט מען תיכף ברייט געעפנט. ווי דו שטעלסט דיר פאָר איז מען צו קבצנים נישט געגאנגען, סיידן עפּעס א קרוב וועלכן מ׳האָט נישט געקאָנט אויסמיידן מע זאָל אים נישט באליידיקן. געגאנגען איז מען נאָך שלח-מנות — האָמענטאשן, באקלאווא, פלאָדן און צומאָל א באנקעל. וואָס פארא קינד זאָגט זיך אָפּ פון אזא פארברענגעכץ? בין איך מיטגעגאנגען. מיר זענען אָנגעקומען צו אנטשל דעם אָקסן-סוחר. באקאנט אין שטאָט אלס א ייד א גביר און א קינדער ליבהאָבער. ביי אים האָט מען געוואוסט איז די מתנה א שיינע, מע גיט עסן און דערצו א פולע זשמעניע זיסקייטן. ביי אים גייט עס נישט מיט: היינט איז פּורים מאָרגן איז אויס, גיט מיר א האָמענטאש און וואַרפט מיך ארויס. ביי אים מוז מען צוערשט ענטפערן אויף פארשידענע פראגעס, מע מוז זינגען א לידל, צו־מאָל גיין א טענצל, און אנטשל קוועלט אָן. נישט נאָר ער אליין, נאָר דער גאנצער עולם וואָס געפינט זיך ביי אים מוז אָנקוועלן פון די „קינדערלאך“. פּורים זע־

נען ביי אים שטענדיק געווען א סך געסט. די שטוב איז געווען פארפלייצט מיט ליכט. גרויסע לאָמפּן מיט אין אלערליי קאָלירן פינקלדיקע גלעזער, רעגנבויגנס אָן א שיעור. אפשר ווייל געווען א קינד, נאָר מיר זענען געבליבן פאר די אויגן שיינע, שיינע־פרויען פון א מעשהלע ארויסגעגנבעטע, באהאָנגענע מיט צירונג פון קאָפּ ביז פיס. ווער ווייסט וויפל גלאָז ס׳איז געווען דערין נאָר מיר האָט זיך אויסגעדאכט אז אויף זיי האָט געהאנגען נאָר גאָלד און זילבער און דימענטן און אלע האָבן זיך אזוי הארציק געפרייט אז ס׳איז זיי נישט געווען צום דערקענען, די ווייבער פון תבואה־הענדלער, פעדערן־אויפקויפערס, וואָל־זאמלער, אָקסן־סוחרים וועלכע וועלן מאָרגן אריבערשרייען פון איין זייט גאס אויף דער צווייטער: „מאדאם צירל, אָדער יענטע, אָדער חנה, א גלאָז פּאפּשויע מעל קאָנט איר מיר באָרגן?‘‘ אָבער אין דער פורים־נאכט זענען אלע געווען עכטע פרינצעסינס.

מיר, די קינדער, האָבן אין יענער נאכט באקומען אפילו צו א קעלישקל ווישניק — ווי גרויסע. פלוצעם א בריזג און א גרויסע שויב האָט זיך א וואלגער געטאָן אין פּיצפּיצלעך און אין מיטן צימער א שטיין. אלע זענען געבליבן ווי געליימט אפשר אן אייביקייט. כ׳ווייס נישט וויפל ס׳האָט געדויערט נאָר איינער פון די אָנוועזנדע איז אריינגעקומען האלטנדיק ביים אויער א שייגעצל אין מיינע יאָרן.

ער האָט געוואָרפן דעם שטיין. אנטשל דער אָקסן־סוחר האָט אויף אים לאנג געקוקט, געפרעגט צי ער האָט שוועסטערלעך, ברידערלעך, אים געגעבן א טאָר־בעלע מיט זיסקייטן און געהייסן גיין אהיים.

— א פארביסענער, האָט ער געזאָגט, נאָך זיין אוועקגיין. מסתמא וועט ער ווערן א קוזיסט...

אצינד, ווען דו האָסט געזאָגט „און פריער‘‘, זענען זיי ביידע אויסגעוואקסן, לאקס מיט דער פארלוירענער האנט ביי א פריערדיקן אטנטאט און דאָס שייגעצל מיטן שטיין. אין אנטשל דעם אָקסן־סוחרס שטוב האָט אפשר דער בריזג פון שויב אָפּגעקלונגען מיט דעם זעלבן עכאָ ווי לאקס באָמבע אין פּאָדוואָל.

„אזא פארגלייכן געשעענישן איז א מדרגה צו וועלכער מע גרייכט נאָר אין מאָמענטן פון חשבון־הנפש‘‘, איז איינגעפאלן ארקען. געזאָגט האָט ער:

— דאָס פּאסט נישט פאר א האָמאָ־פּאָליטיקום, יאָנעל! דו ביסט דאָך שטענדיק געווען מער א פּאָליטישער מענטש איידער א פּאָעט.

— נישט דאָ ארקע־לעבן איז דאָס פּלאַץ פאר איראָניע און דערצו פּלאטשיקע־ניין. שטעל דיר פאָר אז אזא עם־הארץ ווי כ׳בין איז מיר דאָך עפּעס געבליבן פון

געהערט און געזעגנט. סע וואָלט אפשר בעסער געווען סע זאָל נישט בלייבן. פּאר געלערנטע איז עס פּשוטער, זיי געפינען א פּרעצעדענט, אן ארגומענט, א פּארגלייך אין דער געשיכטע און גייען ווייטער. כאָטש ... כ'האָב געקענט א פילאָסאָף; געקענט האָב איך אים נאָך איידער ער איז געוואָרן א פילאָסאָף. מיר זענען געווען כמעט חברים. א שמאָלער אזא. ווען כ'דערמאָן מיך דעם אימפּעט מיט וועלכן ער האָט פארטיילט די פלוגבלעטלעך. דו געדענקסט דאָך, דיר זענען באקאנט יענע זומער נעכט און נאָך מער ווינטער נעכט ווען מע פלעג גיין איבער פּוסטע גאסן און וואַרפן די פּאַפּירלעך אין פארשלאָפענע הייף. אוי, ווי מיר האָבן דעמלט פיינט געהאט הינט! ... שטעל דיר פאָר אז אויך דאָס האָט זי געטאָן, ריטא, צוליב מיר. ניין, זי איז נישט געווען אויף אזוי ווייט באפליגלט פון „אידעאל" אז זי זאָל מקריב זיין א פּראָסטיקע ווינטער-נאכט ווען מע קאָן זיצן לעבן פייערל פון קאמין מיט א גוט בוך אין האנט, אָדער גאָר לייענען די סודות פון ברענענדיקע העלצער, מיט שוועבן דורך ווינט און פייער געלייטערטע מחשבות אין אומבאקאנטע אָדער נאָר אזוי באקאנטע וועלטן. דאָס האָט זי געטאָן צוליב מיר, געוואָלט האָבן נאָך עפּעס געמיינזאמס מיט איר „אפּאָלאָ" — און נארצים האָט זיך געלאָזט דינען — האָט זי מקריב געווען אזא נאכט. דער שנייִ איז געליגן לעבן די הייף אין גרויסע קופּעס וועלכע מ'האָט גע־דארפט אויסמיידן נישט ווילנדיק וואָס אָדער ווער סע וואַרט אויף דער אנדערער זייט. זי, אן אויסגעפּוצטע ווי שטענדיק, מיט איר שטראַמען גאנג ווי סע פּאַסט פאר א מיידל וואָס האָט געלערנט אין א פּאַנסיאָן ווו אויסער די געוויינטלעכע דיסציפּלינען האָט מען אויך דורכגעמאכט קורסן וויאזוי זיך אויפצופירן אין געזעלשאַפט און אויף דער גאס, וויאזוי א מענטש פון זייער סביבה מוז גיין אז מע זאָל וויסן, אז ער אליין זאָל וויסן, וווהין ער געהערט. מיר האָבן זיך צעטיילט ביים אָנהייב פון צוויי פּאַראַלעלע גאסן און באשטימט זיך באגעגענען ביים אנ־דערען עק ריינע, אָן שום קאָמפּראָמיטירנדיקע מאטעריאַלן. איך וואַרט פינעף מינוט, צען, מער וואַרטן טאָר מען נישט, מע דארף עוקר זיין, אזא איז דאָס געזעץ פון קאָנספּיראַציע. אויך די טעאָריע דארף איך דיר נישט אויסלייגן, דו ווייסט זי, דו קענסט זי, האָסט מיט איר געלעבט כאָטש נישט שטענדיק איינ־שטימיק.

— פון וואַנען נעמסטו דאָס? ארקען האָט דאָס זייער געוווּנדערט. דו האָסט עס מיר קיינמאָל נישט געזאָגט, האָט ער פאָרגעוואָרפן מיט געלעכטער.

— ס'האָט זיך נישט געוואָלט אמפּערן. יעדער דיספּוט איבער אזא פראַגע פלעג דאָך פירן צו איבעררייס און איבעררייסן האָב איך נישט געוואָלט. און שפּעטער ... שפּעטער האָט מען דאָך וועגן דעם סיי ווי נישט געדאַרפט רעדן

ווייל ווענט האָבן אויערן און צו מאָל ווי דיינע — תּלמודיסטישע, דאָס הייסט פּיל געפּערלעכערע. איך אָבער בין נישט געווען נישטאיינשטימיק און אויך נישט איינשטימיק, כ'האָב פּשוט נישט געטראַכט דעריבער... שטיי איך אַזוי צען מינוט און באַשטים דווקא נישט אַוועקגיין, נאָר זיך לאָזן פון צווייטן עק אויפן געסל וואָס צוגעטיילט ריטאַן, זען פון ווייטנס וואָס דאָרט געשעט. פון הינטער אַ קופּע שניי איז אויפגעשפּרונגען אַ חברה־מאַן מיט אַ מעסער אין האַנט און מיט אַ מיאוסן שמייכל צישנדיק ווי אַ שלאַנג: „אַצינד ביכטו מיינע, שיינע! אַנו לייג זיך אַוועק, אויפן שניי האָט עס אַ באַזונדערן טעם, וועסט זיך איבערצייגן". שרייען טאָר מען נישט, הייבט מען אָן שרייען וועקט מען די איינוווינער, ווייל ווי דו ווייסט איז מען געגאַנגען אויף אַזעלכע אַקציעס שפּעט אין דער נאַכט ווען אַגענטן און פּאָליציסטן זענען מיד, זוכן ערגעץ אַ ווינקעלע וווּ מע קאָן כאַפּן אַ דרימל, אין די הייזער כראָפּעט מען, דער שלאָף איז זיס, אַלטע לייט דרייען זיך נאָך נישט פון איין זייט אויף דער צווייטער. שרייען הייסט אויפוועקן אַט די אַלע שלעפערס, זיי אַרויסברענגען פון שטוב, די פלוגבלעטלעך ליגן פרישענקע אין הויף און וויפל פון זיי זענען גרייט דיר העלפן אָדער גאָר פאַרקערט. ריטאַ איז געשטאַנען אַ שטומע, נישט געוווּסט וואָס אָנצוהייבן. ער האָט דערהערט מיינע טריט און איז אַנטלאָפן.

— און ריטאַ? זי האָט געחלשט?

— האָסט אַ טעות. זי האָט געשפּאַנט לעבן מיר מיט איר פּריצישן גאַנג. האָסט זיכער באַמערקט איר גאַנג — אַן איידעלער. זי איז דער דריטער אָדער דער פערטער דור, צייט געהאַט באַקומען עפּעס פון ספּעציפיש אַדלדיקן. ס'איז נאָך פריש, נישט פאַרוועלקט ווי ביי די יאָרהונדערטער אַלטע פאַמיליעס ביי וועלכע דאָס „בלויע" בלוט איז גרינלעך־פאַרפוילט. אַזאַ איז דאָס לאַנד, יונג און געזונט. זיי זענען נאָך נאָענט פון קוואַל, דערפאַר אפשר זענען זיי טראָציקע, אָבער שוין צייט געהאַט צודעקן דעם פּויערישן אָפּשטאַם מיט אַ שיכט איידלגעפּאַטשקעטקייט וואָס איז נאָך נישט פאַרפאָרן אין לעכערלעכן סנאָביסם. אַ פּאָר מינוט זענען מיר געגאַנגען שווייגנדיקע. „אָט, אַ לײדאַק!" האָב איך אַ וואָרף געטאָן, און זי רויק גלייך ווי ס'איז גאָרנישט געשען: „פאַרוואָס אַ לײדאַק? דאָס איז זיין לעבן, אַזוי פירט ער זיך, אַ וועלט איבערקערן וויל ער נישט. זאָל ער וועלן וואָלט ער דאָס נישט געטאָן מיט פלוגבלעטלעך. אָבער אים געפעלט עס אַזוי, אפשר נאָר אַזוי. איבערקערן די וועלט ווילסטו און דערצו צוליב אים פון זיינעט וועגן. האָסט כאָטש אויסגענוצט דעם מאָמענט אים אַ פרעג טאָן צי איז ער איינטשימיק?" יאַנעל האָט זיך אויפגעהויבן און געבליבן אויפן בעט זיצנדיק. פאַרמאַכט דאָס מויל איינגעזאָטעמט נאָר מיט דער נאָז. דאָס האָט גע-

זאָגט ריטאַ האָט ער ווייטער געטראַכט אויף אַ קול. נישט מער, ווייל מער איז זי נישט אָנגעגאַנגען. ס'איז נישט איר זאַך, ס'איז מיינע.

נאָך דעם, אַ לאַנגע צייט נאָך דעם, האָב איך מיך נישט איין מאָל פאַרטראַכט דעריבער, געזוכט אַן ענטפער. אַ לאַנגע צייט האָב איך געמיינט אַז דער ענטפער ליגט ביי דער אינטעליגענץ, ביי ביכער שרייבער פון היינט און אַמאָל. דאָ האָב איך דערפילט וואָס פאַר אַן עם־הארץ איך בין. נישט פאַרשטאַנען. זייער ענטפער איז מיר געבליבן פרעמד, פול סתירות, פאַר מיין תפיסה אַ צו קאָמפּליצירטער. איבערהויפּט ווען זיי ווערן באַוואַכטזיניק פון זייער ווערט. דאָס הייכט פון דעם ווי זיי שאַצן זייער ווערט. וועסט אפשר נישט גלייבן, דאָס איז געווען מיינער אַ סוד וועגן וועלכן כ'האָב קיינמאָל מיט קיינעם נישט גערעדט, נישט געהאַט דעם מוט זיך מיט עמעצן טיילן. ווען עמעצן האָב איך געקאָנט זאָגן אַז מיך האָט פאַראינטערעסירט קבלה. מע וואָלט געווען געלאַכט פון מיר און מיט רעכט. פון דער גאַנצער געשיכטע בין איך אַרויס מיט אַ ציטאַט. דער וועלכן מע שרייבט צו דעם זוהר זאָל געווען זאָגן: אויב אויף דער וועלט זענען פאַראַן נישט מער ווי צוויי מענטשן וואָס זענען אימשטאַנד צו פאַרשטיין דעם באַשאַף זענען די צוויי ער גופא מיט זיין איינציקן זון. דעם כמעט ציטאַט ברענגט אַ מאָדערנער בעל־קבלה, אַן אוניווערסיטעטס פּראָפעסאָר וואָס וויל איינרוימען אַז אויב היינט זענען נאָך דאָ אַזעלכע אויסדערוויילטע איז ער זיכער איינער פון זיי אויב נישט דער איינציקער. וואָלט דאָס געווען נאָר זייער צוגאַנג ... קוק דיך אַרום, אַרקע, קוק דיך אַרום, סע ווימעלט מיט די אויסדערוויילטע וואָס ווייסן בעסער פון דיר וואָס דיר פעלט ... זיי לערנען דיך תורה און מיט וואָס פאַראַ שטעל! וואָלטן זיי ווייסן וואָס פאַר אַ עם־הארצים זיי זענען וואָלט אפשר געווען האַלבער אומגליק. ניין. נאַרישקייטן. לאָמיר זיך בעסער אומקערן צו מיין פילאָסאָף. דאָס איז ווי מע זאָגט אַ שטיק פון לעבן, אַ געשעעניש בלוט און פלייש. אַזאַ איז זי די טאָג־טעגלעכקייט פאַרשטייסט יאָ אָדער נישט זי בלייבט סיי ווי אַזאַ ווי זי איז. דאָס וועט דיר זיין אינטערעסאַנטער, דאָ פאַרמישן זיך גאָר אַנדערש דער פריער מיטן ווייטער. דער איז דיר אפשר נענטער. זיך דערמאָנט אין ריטאַן צוליב די פלוגבלעטלעך. מיט אים איז אויסגעקומען צו פאַרטיילן אָפטער ווי מיט ריטאַן. זי האָב איך מיטגענומען נישט מער ווי איין מאָל אין אַ שעת הדחק, נישט געקאָנט אַנדערש אויסקומען. מיט אים איז עס געווען אַנדערש. די געפערלעכע אַקציעס האָבן אים אויסגעפּעלט, אַזוי האָט ער זיך געפילט נוציקער, אי זיך אי דער געזעלשאַפט, אי דער געשיכטע. וואָס פאַראַ צוציאונגס קראַפט זי קאָן האָבן די געשיכטע, כמעט די זעלבע וואָס די מאַכט, נאָר אַנדערש. דעם וועלכן סע ציט די מאַכט דערקענט מען פון אָנהייב. ער אַנטוויקלט זיך ווי אַ האָן אויף אַ הינער־לייטער.

ער הייבט אָן מיט שמעקן. מיט א שטיל קוואקען, ער באקענט זיך מיטן אויפ-
שטייג און שמייכלט אונטער, מאכט זיך פלאץ אפילו ווען קיינער שטערט אים
נישט מיט קוואקען אין די זייטן, אָט רעכטס אָט לינקס. שפאנט פון איין כטאָל-
ביקל אויפן צווייטן מיט א סאָרט גוטמוטיקן שלום-עליכם, גלייך זיך אנטשולדיקנ-
דיק וואָס ער שטערט. מאכט זיך עמעצער זאָל אים יאָ שטערן, אים שטיין אין
וועג, איז זיין אופן א פשוטער: ער ווארפט אראָפ. איז עס א „זי" איז מיט א
שטוים אין דער זייט, איז עס א „ער" איז מיט א פאָר שנעלע צוויק אין קעמעלע
אז דאָס בלוט זאָל גיסן. אָפגעטאָן, אָפגעווישט דאָס פיסקל אין א פארקאקט
סטאָלביקל, די בכבודיקייט בלייבט די זעלבע. ווען ער קומט אָן אויבן אויפן
אייבערשטן סטאָלביקל, הייבט ער אָן גיבן לשון. נישט מער דאָס מה-יפית קוואַ-
קעלע. ניין! ער הייבט אָן גיבן קאָרטן אויף א גאָר אנדערן אופן, ביז ער באמערקט
אז די לייטער איז נישט די איינציקע, אז איבער איר איז אן אנדערע. דאָס קלע-
טערן הייבט אָן פונסניי מיט א שארפן קוקוריקו אויף אראָפ און מיט א מה-יפית-
דיק קוואקען אויף ארויף. ווידער א קוואַ-קוואַ שמייכעלע רעכטס, א קוואַ-קוואַ
שמייכעלע לינקס, ווידער א רוק אין דער זייט ווען ס'איז א „זי", ווידער א צופ
אין קעמעלע ווען ס'איז אן „ער". אזוי זעט זי אוים די גיריקייט נאָך מאכט.
אימשטאנד איז מען צוליב דעם ... אָבער מיין שמאָלן יינגערמאן איז די מאכט
געלעגן אין לינקן ארבל, אים האָט געצויגן די געשיכטע. דאָס איז א גאָר אנדער
געפיל. די געשיכטע ציט אנדערש. דאָס איז א סאָרט קרעבס. זי פארגנבעט
זיך פאמעלעך אויפן נאקן, עסט זיך איין ווי א פיאווקע און נאָגט. געפינט אן
אָדערל, זויגט זיך איין פאוואָלינקע, מיט צייט (דערפאר איז עס געשיכטע) ביז
דאָס אָדערל ווערט אירס, און דעמלט איז מען א פארפאלענער מענטש. יעדע באַ-
וועגונג, יעדעס וואָרט, יעדער אָטעם איז אירער און נאָר אירער. זי פארשקלאפט,
נעמט אָפ די געדאנקען. אויסניכטערן דערפון קאָנען נאָר שרעקלעכע אויפשוי-
דערונגען, אויפטרייסלונגען. אָט דער שמאָלער חבר מיינער איז געגאנגען אויף
א וועג וואָס האָט זיך אים געדאכט דער בעסטער, דער ריכטיקסטער. אויב די
גוליע וואָס זיצט אויפן נאקן איז איינשטימיק איז דאָך נישטאָ וואָס צו טראכטן;
אלעס איז אין בעסטער אָרדענונג, אלעס אנטוויקלט זיך לויטן פאָרגעזעענעם
פון אפריער אָנגעצייכנטן וועג; מע זעט בעשיינפערלעך ווי מענטשן ווערן פון
טאָג צו טאָג גליקלעכער — אן אלגעמיינער אויפשוווּנג. מיין שמאָלער יינגער-
מאן — א פילאָסאָף, ווי כ'האָב דיר געזאָגט — האָט איבערגעוויזן מיט טויזנט
און איין ארגומענטן אז די כשורהדיקייט ליגט אין מהות פון דער געשיכטע אזוי
ווי זי זעט אוים אצינד. די הארמאָניע צווישן יחיד און כלל איז אזא פערפעקטע
אז זיי פאלן צוזאמען ווי צוויי איינמאָסיקע, פיין געשליפענע אייבערפלאכן — נישט

צו צערייסן. און ס'איז געקומען צום ערשטן שאָק. שולדיק אין דעם איז געווען די טאָכטער. איין טעכטערל, האָט ער זי ליב ווי די אויגן אין קאָפּ. דערצו האָט ער נישט געדאַרפט קיין פילאָסאָפיע, דערצו איז אים גענוג געווען זיין מאַמע פון וועלכער ער האָט געירשנט די ווייכע יידישע מאַמע-נשמה.

— טאַטע, האָט זי אים דערציילט גלייך זי וואָלט זיך באַרימען מיט אַ גאָר גרויסער אַנטדעקונג, טאַטע, דו ווייסט, פאַראַן קינדער וואָס קענען נישט דעם טעם פון אַ מאַראַנץ.

— פון וואַנען ווייסטו?

— זיי האָבן מיר געזאָגט.

— ווער האָט דיר געזאָגט?

— מיינע חברטעס פון קלאַס. זיי האָבן מיך געזען עסן אַ מאַראַנץ האָבן זיי מיר געזאָגט.

— ביסט געגאַנגען אין שול מיט אַ מאַראַנץ?

— וואָסזשע, מע טאָר נישט?

— ניין, ניין! ווער זאָגט מע טאָר נישט, האָט ער זיך פאַרטיידיקט. ער האָט זיך געשעמט מיט דער אומגעלומפּערטער פראַגע און איינצייטיק זיך געכאַפּט אַז אַזוי איז טאַקע איינגעפירט — דעם קינד גיט מען קיינמאָל נישט מיט אין שול דאָס וואָס קען אויסזען אַ לוקסוס.

ביי דעם איז עס געבליבן. אים אָבער האָט אָנגעהויבן מוטשען זיין האַר-מאָניע. נאָך אַ צייט איז דאָס טעכטערל געקומען מיט אַן אַנדער סורפּריז.

— טאַטע, וועסט מיר מוחל זיין, כ'האָב גענומען פון דיין ביבליאָטעק אַ בוך פון מאַרקוזע.

— ס'איז נישט פאַר דיר טעכטערל. צו פרי. דו וועסט נישט פאַרשטיין, וועסט זיך נישט פאַנאַנדערקלייבן.

— אמת, האָט זי געענטפערט, דערפאַר איז עס אינטערעסאַנט.

— מיט וואָס?

— ער צווינגט מיך טראַכטן. דו נישט. ביי דיר איז עס אַ מעלאָדראַמע אָן טרערן, ביי אים אַ טראַגעדיע אָן טויטע.

מיין שמאָלער ייִנגערמאַן האָט פּלוצעם פעסגעשטעלט אַז זיין טעכטערל איז אַרויסגעוואַקסן פון „מיני“, אַז זי איז שוין אַ גרויסע. אין יענער נאַכט איז דער טיש-לאָמפּ געווען טונקעלער, די אותיות האָבן זיך נישט געשפּרייט ווי שטענדיק זיי האָבן זיך אָנגעהויבן קריגן. ער האָט אוועקגעלייגט די פען און אויפן אָרט צו גיין שלאָפן, האָט ער אונטערגעוואָרפן האָלץ אויפן פייער פון קאַמין. מיט די ערשטע פלעמעלעך האָבן זיך באַוויזן פראַגעס. דער נאָכן

האָט אָנגעהויבן ווי טאָן, ער האָט דערפילט די געשיכטע ווי זי נאָגט, ווי טיף זי האָט זיך איינגעזויגן אין זיין בלוט.

יאָנעל האָט לאַנג געשוויגן. ארקע האָט פארגעסן אז ער איז איינגנטלעך דאָ מבקר־חולה צו זיין יאָנעלן, אז דער הויפּט צוועק פון זיין פּרעזענץ איז צו שאפן אן אטמאָספערע פון אבסאָלוטער רו, אז דאָס איז זיין פליכט.

— נו, האָט ארקע נאָך א צייט געפרעגט.

— וואָס, האָט זיך געוואונדערט יאָנעל, זיינע געדאנקען זענען געווען ווייט, ערגעץ אנדערש, אפשר ביי זיין אָבעזן פריינד דעם מוזיקער. אהא, האָט ער זיך דערמאנט. מיין שמאָלער פריינד? ער זוכט זיין אָפּשטאם. ס'איז א לאנגע געשיכטע. זיין טעכטערל האָט ווייזט אוים דערפירט דערצו. אָבער לאָמיר דאָס לאָזן אויף מאָרגן. כ'בין מיד. אצינד מיין איך איז דאָך בעסער כ'זאָל מיך איבערשלאָפן. פארגעס נישט א צי טאָן די טיר...

# 7. א בליק – אן אייביקער באגלייטער

ארקע האָט אים געפונען אן אויסגעבאָדענעם און ראזירטן. א קוים-קוים בעז ריח האָט אויסגעפילט דאָס צימער. דאָס נעכטיקע איז פארגעסן געוואָרן, נישט איין שמועס איז געבליבן א נישט פארענדיקטער.

— גוט וואָס ביסט געקומען. כ'בין נישט אויפגעלייגט צו שוואך-מיניקע וויזיטן. צו זיין זיכערער וועלן מיר אנטלויפן.

— פון וועמען ווילסטו אנטלופן, פון מיר צי פון דיר?

— כ'האָב נישט געטראכט דערצו, נאָר אויב דו ווילסט — פון ביידע. צו איניק זענען אונדזערע געדאנקען. לאָמיר זיך פשוט אויסבאָדן אין דער נאַטור.

ארקע האָט נישט געוווסט וואָס ס'איז בעסער: אָפּראָטן פון איבעריק באַוועגן זיך, צי זיך מאכן נישטוויסנדיק. יאָנעלס אויסזע איז געווען פון א געזונטן מענטשן. א פרישער, אן אויסגערוטער, א זאָרגלאָזער. „בעסער אים לאָזן באשטימען, האָט ער ביי זיך באשלאָסן, אויב ער פילט זיך בכוח, זאָל ער לויפן."

נישט ווייט פון יאָנעלס הויז איז איינער פון די שענסטע פארקן אין בוקארעשט. די איינוווינער פון שטאָט ווילן ער זאָל זיין איינער פון די שענסטע אין דער וועלט. פאראן אזא שטאָט פאטריאָטיזם וועלכן ס'איז שווער איבערצושפארן. ער האָט זיינע חנעוודיקע זייטן. געוועזן, זאָגט מען א שטאָט וואָס האָט זיך געלויבט און בארימט מיט אלץ וואָס איז געווען אירס, אלס דאָס שענכטע גרעסטע און בעסטע אין דער וועלט ביז איר ביר איז געוואָרן דאָס ביטערכטע און אירע קארליקעס די גרעסטע וואָס מ'האָט אמאָל געזען. דער פארק אָבער, אפשר נישט דער שענסטער אין דער וועלט, איז דאָך זייער א שיינער. שטייט אין מיטן שטאָט מיט אלטע רייך באצווייגטע ביימער און בלומען אָן א שיעור. זעצט מען זיך אונטער א בוים ווערט מען פארלוירן אין א וואלד; געגוג צו לאָזן דעם בליק בלאָנדזשען שוועבט ער איבער יאפאנישע, פערסישע, צי גאָר דרום-אמעריקאני-

שע בלומען־גערטנער מיט זייער פילפארביקייט, צארטקייט, מילדקייט אָדער אין א פייערדיקן תאווה־טאנץ אז סע דאכט זיך אָט, אָט וועט די גאנצע וועלט צעטאָפּעט ווערן. א קינסטלעכער טייך מיט בונט געפארבטע לאָדקעס, דעם בליק ציען נישט אזוי די לאָדקעס ווי די מיידלעך וואָס זיצן אין זיי — סאמע יונגע און סאמע שיינע. ווען ס'איז אויפגעלייגט אויף דער נשמה זענען זיי אלע די שענסטע און דאָס הארץ דאָס ברייטסטע — מע וואָלט זיי אלע וועלן טוליען צו זיך. דאָס נאָך מער עלטערע מענטשן, אזעלכע ביי וועלכע דאָס געפיל איז נישט חמור־אייזעליש נאָר ווייך־נאָסטאלגיש, אומשולדיק ווי ביי א צעניעריק יינגעלע. אפשר איז אויך דאָס געווען איינע פון די סבות וואָס האָבן געוועקט אין יאָנעלן דעם באגער צו שפּאצירן אין פּארק. אין זיין פאַל איז אפשר דאָס צעניעריק־יינגלישע געפיל לגמרי אויסגעשלאָסן, גיכער דאָס אנדערע, אזא איז ער — אן אלטער בעל־עבירהניק. צו מאָל איז עס קאָמיש, צו מאָל אפילו לעכערלעך, און צו מאָל דאכט זיך אז אים פּאסט עס; אפשר נאָר זיינע נאָענטע פריינד ווייל זיי באוויליקן אים אזא ווי ער איז מיט זיינע טעאָריעס וועגן מאנצבילישן מין. נישט אלע זענען דערוואקסן צו דער מדרגה פון אויסגעשלאָסענער מאָנאָגאמיע. ווער ווייסט צי ס'איז א מדרגה אפילו ביי די הייליקסטע? זיי וועלן זיך דאָך נישט האלטן דערוואקסענער פון דודן און שלמהן. זיך פּאררופן אויף יצחקן קאָן מען נישט ווייל זיין לעבן איז הוילע סודות — געקוילעט און נישט דערקוילעט, גע־בענטשט און נישט דערבענטשט, און דערצו א שוואכע ראיה.

זיי זענען אוועק שפּאצירן, זיצן אויף א באנק, זיך שפּיגלען צוזאמען מיט די ביימער אין טייכל, זייערע אין וואסער געגנידערטע געשטאלטן זאָלן אָננעמען די קאָמישסטע פאָרמען וואָס וועלן איינפאלן די אויף דער אייבערפלאַך זיך שפּילנדיקע מאָרשטשינעס.

— דו האָסט געלייענט ניקיטאַס לעצט ליד, האָט געפרעגט ארקע נישט אראָפּנעמענדיק דעם בליק פון וואסער.

— צו גרוים זענען דיינע פּרעטענציעס צו א קראנקן מאַן.

— כ'האָב פארגעסן אז ווען סע לוינט דיר ביסטו טויט־קראנק.

— צוליב וואָס לייענען אז כ'האָב ווער סע זאָל מיר נישט נאָר לייענען, נאָר אויך קאָמענטירן. אן אנדערש מאָל וואָלט אים ארקע געווען אָפּגעפאָרן, דאָס מאָל איז ער אָפּגעקומען מיט אן אָפּוועזנדיקן שמייכל. אים האָט נאָך געקלונגען אין אויער די טרויעריק־שעפּטשענדיקע שטימע פון דער וואָס האָט מיט דעם ליד געבישופט טויזנטער און צענדליקער טויזנטער צושויער פאַרליי־ענענדיק דאָס ליד מיט אן אָוונט פריער אין א טעוויפּראָגראם. ער האָט דאָס נישט געקאָנט פארגעסן. דער גורם איז אפשר געווען א באמערקונג.

— אַ מאָדנע ליד, עפּל ,בלעטער, שאָטנס, פייגל רופן אים צו אַ דין־תורה, זיי ווערן אַ בית־דין. ניין, כ'וועל דיר נישט קאָמענטירן ווייל כ'בין נישט אימשטאַנד. צו שווער פאַר מיין השגה. כ'פאַרשטיי דאָס נישט. כ'האָב דאָס ליד נישט געלייענט נאָר געהערט. ס'האָט דעקלאַמירט אַ גרויסע אַקטריסע, אַ זייער גרויסע אַקטריסע און כ'האָב געפילט אַז זי פאַרשטייט יאָ, נישט נאָר זי פאַרשטייט נאָר זי פילט די טראַגיק פון זיינע ווייטיקן פון זיין שרעקלעך ליידנדיקער נשמה. דאָס איינציקע אָבער וואָס ס'איז איר געלונגען מיר העלפן פאַרשטיין איז געווען אַז ער געפינט זיך אין אַ טרערן טאָל. אָבער נישט דאָס האָב איך דיר געוואָלט זאָגן. געווען דערביי בין איך נישט אַליין נאָר מיט אַ העכערן פונקציאָנאַר פון קולטור פראַגעס. אים איז עס צו מיין גרויס דערשטוינען געווען לייכטער, ער איז אָפּגעקומען מיט: כ'פאַרשטיי נישט אַזעלכע פערזן און ווייס נישט צוליב וואָס מע דרוקט זיי און וואָס טויג דעקלאַמירן פערזן וואָס נוצן קיינעם נישט; ער האָט נישט באַמערקט, נישט געקאָנט זען דאָס בעשיינפּערלעכסטע: אַז פאַר אים געפינט זיך אַ מענטש וואָס פאַרשטייט זיי, וועלכער דאַרף זיי ווי דאָס לעבן.

יאָנעל האָט נישט געהערט אַרקעס רייד. ער האָט זיך פאַרקוקט אויף אַ לאָדקע פון וועלכער ס'האָבן אַרויסגעהאַנגען לאַנגע שוואַרצע האָר. די לאָדקע האָט זיך קוים באַוויגן געטריבן פון די כוואַליעס וואָס ס'האָבן געמאַכט מיט די וועסלעס יונגטלעכע פון אַנדערע שיפלעך. ער איז געווען זיכער אַז דווקא דידאָזיקע האָר געהערן דער שענסטער פון אַלע וואָס געפינען זיך אין דעם מאָמענט אויפן טייכל. אים זענען נישט אָנגעגאַנגען די בלעטער, פייגל, עפּל און שאָטנס וואָס קאָנען ווערן אַ בית־דין. זאָלן זיי זיך דאָרט משפּטן וויפל זיי ווילן צו קיין תכלית וועט עס סיווי נישט קומען. אָט, עפּעס אַנדערש וואָלט זיין ווען פון שיפל הייבט זיך אַ שיין מיידל און זיי בייטן נישט מער ווי איין בליק. וויפל אַזעלכע איינאונאיינציקע בליקן האָט ער באַגעגנט, וויפל פון זיי זענען פאַרווישט געוואָרן, שווימען אין אַ נעפּל. אייניקע זענען געבליבן. אפשר דאַכט זיך אים נאָר. געווען אַזעלכע ביי וועלכע ס'האָט זיך געוואָלט בלייבן אויף אייביק, אפשר ווייל זיי האָבן געדויערט אַ רגע. צי איז נישט דער איינציקער, אמתער בליק — אַ נישט קלאָרער, אַ פון אָנהייב פאַרווישטער — געווען יענער וועלכן ער האָט באַגעגנט ווען ער האָט געפילט ווי אַ טויט־שטויב ליגט זיך לאַנגזאַם אויף זיין פּנים. ס'איז געווען דאָס זעלבע אַש־פאַרביקע שטויבעלע וואָס האָט זיך פון אינערגעץ אַ שיט געטאָן אויפן געזיכט פון דעם פון אונטער די טראַמוויי־רעדער אַרויסגעצויגענעם ייִנגעלע בשעת ער האָט אויסגעהויכט דאָס לעבן און אַלע אַרום האָבן אַרויסגעשטאַמלט: טויט!?

... אלט איז ער געווען א יאָר זעכצן. אין עלטער ווען אלעם מוז ווערן גבורה. געפאָרן איז מען אויף אן עקסקורסיע אין די צפון-בערג. כאָטש נישט זייער הויכע אָדער ווייל נישט זייער הויכע און שפּיציקע האָבן זיי איינגעזאפּט די שפּורן פון עלטער-עלטער-זיידעס וואָס זענען געטריבן געוואָרן מיט רוימישע בייטשן זוכן אין זייערע אינגעווייד גאָלד און קופּער. מיילנווייז ציען די גאַלע-ריעס פון זינט יאָרהונדערטער פאַרלאָזענע גאָלד און קופּער גרובנס — שמאָלע און ברייטע, נידעריקע און הויכע, מיט און אָן ווידערקולות, שטאָק-פינצטערע און אויך אזעלכע אין וועלכע צייט, רעגן און שניי האָבן געדלובעט ביז זיי האָבן אויסגעהאַקט פענצטערלעך און שפּארינעס דורך וועלכע סע זיפּט זיך א שטראַ-לעכל געגנוג צו פארפינצטערן שאָטנס און פארוואַנדלען סקאַלעס אין כימערעס. פילצאָליקע לעגענדעס און מעשיות זענען געבוירן געוואָרן אין פארבינדונג מיט אויסטערלישע געשעענישן אין די פארלאָזענע גרובנס וועלכע פאָדערן פון צייט צו צייט קרבנות. קרבנות זענען געווײנטלעך פארבלאָנדזשעטע וואָס לאָזן זיך פארנארן אין די טיפקייטן פון שאָטנס און שרעטעלעך. אויסטערליש האָט אויסגעזען דאָס לאָזן זיך פארנארן און אזוי האָבן זיך אָנגעהויפּט אין די גרובנס אומגליקלעכע נשמות און פּאַלאַצן פון ריטער וואָס זוכן א תיקון אָדער גאָר א נקמה אין די לעבעדיקע פאר ווער ווייסט וואָס פארא קעגן זיי באַגאַנגענע חטאים.

ווייניק זענען אין דער געגנט אזעלכע וואָס פארמאָגן די נייטיקע געניטקייט זיך אויסצופּלאָנטערן אין געוועב פון די גאַלעריעס. אזוי אז ווען מ׳איז אָנגע-קומען אויפן פּלאַץ האָט דער לערער געוואָרנט די גרופּע עקסקורסאַנטן זיך נישט צו דערווייטערן, קיינער זאָל נישט פארלאָזן דעם פון אים אָנגעוויזענעם וועג. גע-גאַנגען איז מען מיט סאָסנעווע פאַקלען אויף צו באַלויכטן דעם וועג און דער לע-רער האָט דערציילט און דערציילט. ער האָט דערציילט וועגן דעם וויפל גאָלד די רוימער האָבן דאָ געפונען נאָך דעם וואָס זיי האָבן באַזיגט די דאַקן, ווי אזוי זיי האָבן ווייטער עקספּלואַטירט די גאָלד און קופּער גרובנס אויסנוצנדיק די אָרטיקע באַפעלקערונג. יאָנעל און זיינער א חבר האָבן זיך ווייניק צוגעהערט צום לערערס רייד, זיי זענען געווען פארנומען מיט סילוקן אן אַלטן חשבון. טיילגענומען אין אויספלוג האָט יאָנעל צוליב דעם חבר. מיט דער גימנאַזיע האָט ער קיין שייכות נישט געהאַט. דער חבר זיינער איז געווען א גימנאַזיסט, איינער פון ריטאַס קאָלעגן. יאָנעלס פריינד איז ער געוואָרן אויף אזויפיל אויף וויפל זיי פלעגן זיך צו מאָל באַגעגענען און האָראַציו — אזוי האָט ער געהייסן — פלעג פרווון אוועקשטעלן יאָנעלן אין ווינקל מיט זיינע קענטעניש. ער האָט נישט געוואָלט שלום מאַכן מיטן געדאַנק אז עפּעס א ציין-טעכניקער זאָל זיך אריינשמוגלען

אין זייער גוזעלשאפט. צווישן זיי האָט זיך געשאפן א שפּילקע-באַציונג. ווי נאָר מ׳האָט זיך געטראָפן האָבן גלייך אָנגעהויבן פליען פּיילן, אזוי ביז דאָס שפּיל האָט אָנגעהויבן פעלן יעדן איינעם פון זיי. אזוי אז איבערצייגן יאָנעלן אָנטיילצונעמען אין דער עקסקורסיע איז האָראציון נישט שווער געווען. דאָ אויפן פלאַץ איז אים איינגעפאלן א שפּיל טאָן מיטן איינגעשפּארטן ייִנג וואָס וויל נישט פארשטיין אז זיין פלאַץ איז נישט אין ריטאס און איר גלייכנס געזעלשאפט, און דער איינפאל איז געווען א שרעקלעך כמעט מערדעריש לייכטזיניקער. ווען דער לערער האָט דערציילט וועגן די אויסטערלישע געשעענישן וואָס קומען צו מאָל פאָר אין די שאכטעס, האָט יאָנעל — דער איינציקער וועלכער האָט נישט געמוזט זיין איינשטימיק — א וואָרף געטאָן: איינגלויבענישן מיט וועלכע מ׳האָלט די מאסן אין פינצטערניש. יאָנעל האָט נישט פארשטאַנען דעם פאָלקלאָריסטישן ווערט פון לעגענדעס, דער לערער האָט אים געשענקט אן איראָנישן שמייכל און האָראציו האָט געפרעגט:

— דו וואָלסט זיך ריזיקירט אויף א שפּאציר אין די שאכטעס?

— פארוואָס נישט?

— האָסט נישט מורא?

— אויב סע וועט זיך מיר פארגלוסטן א שפּאציר, באַגעגענען מיר זיך ביים ארויסגאַנג. יאָנעל האָט געשמייכלט ארויסרופעריש.

— בעסער נישט, האָט זיך ארויסגעכאפּט האָראציו ווייל א רגע האָט אים געשראָקן דער געדאַנק צו זיין דער גורם פון אזא אוואַנטורע; אָפּרעדן האָט ער נישט געפּרוווט ווייל דער ווילן אָנצולערנען דעם אלצווייסער איז געווען שטאַרקער.

ארונטער בלייבן פון דער ראַשיקער גרופּע וואָס איז געווען פארנומען מיט כלערליי פראגעס און מיט באַווונדערן דער נאַטורס אויפטועכצן אין די ערד טיפעניש, איז נישט געווען שווער. יאָנעל האָט גענומען עטלעכע סאָסנעווע קלעצלעך, שוועבעלעך האָט ער געהאט און זיך שטיל אָפּגעטשעפּעט פון די איבעריקע. ער איז לאַנג נישט געגאַנגען און דער נצחון האָט א ווונק געטאָן. א לייכטיקע גאַלעריע צווישן צוויי הויכע ווענט וואָס פירט אויסער די גרובנס ווי ער קומט נאָר ארויס פון צווישן די ווענט איז ער זיכער אויפן פרייען פעלד. פון דאָרט איז נישט מיגלעך ער זאָל נישט זען די חברה און ווי נאָר זיי וועלן זיך באַווייזן וועט ער זיי אַנטקעגן גיין אן ארויסגעפירטער פון שאכט פון א נאָך צוויי טויזנט יאָר פון בישוף אויפגעוואַכטער שקלאַפן וועלכע איז פונקט אזוי יונג ווי דעמלט ווען די רוימער האָבן זי געבראכט אהער פון איבעריא. די גאַלעריע

האָט אָבער נישט געפירט אויפן פרייען פעלד נייערט צום אריינגאנג אין אן אנ־דער שאכטע. און דאָ האָט אָנגעהויבן זיין בלאָנדזעניש.

ווען די גרופּע איז ארוים פון גרובן האָט קיינער נישט געפרעגט אויף יאָנעלן. זיי האָבן אים פּשוט פארגעסן, אזוי די גימנאזיסטן אזוי דער לערער. דער איינ־ציקער וועלכן ס׳איז אויסגעקומען שווער זיך פון דאנען אָפּצורייסן איז געווען האָראציו. געזאָגט האָט ער אָבער גאָרנישט. דאָס מאָל האָט זיך אים געוואָלט גלייבן אין יאָנעלס פעיקייטן, אין זיין אלצווייסעריי. זאָל זיך אין יענעם מאָמענט געווען באווייזן יאָנעל וואָלט ער אים געהאלדזט פארן גאנצן עולם, סע וואָלט אים נישט געארט דער חוזק־שמייכל פון זיינע קאָלעגן און פון לערער. „זיי פאר־שטייען דאָך גאָרנישט. וואָס ווייסן זיי וואָס פארא חברה־מאן יאָנעל איז!״ יאָנעל האָט זיך אָבער נישט באוויזן און דאָס איינציקע וואָס ער האָט געקאָנט טאָן אויפצוהאלטן די גרופּע איז געווען באווארפן דעם לערער מיט כלערליי פראגעס. דער לערער האָט געענטפערט ביז ער האָט זיך געכאפּט אז האָראציוס פראגעס וואַרטן נישט אויף זיין ענטפער, אז ערווארפט זיי גלאט אזוי כדי צו באווייזן זיינע קענטעניש אָדער גאָר אויספּרוּוון אים, דעם לערער. ער האָט א קוק געטאָן אויפן זייגער און באשלאָסן אז ס׳איז צייט גיין צו דער באן. באין ברירה האָט האָראציו געזאָגט אז זיין חבר וועלכן ער האָט מיטגעבראכט איז געבליבן אין דער שאכטע.

דער לערער האָט זיך אומגעקערט מיט דער גרופּע, געזוכט א שעה, געזוכט צוויי זיך איבערצייגט אז זייער טירחה איז אן אומזיסטיקע און באַשטימט צוויסן טאָן די לאָקאלע אָרגאנען און מיט דער גרופּע תּלמידים אָפּפאָרן. ער האָט איבער־צייגט אויך האָראציון אז בלייבן דאָ און ווארטן ביז מע וועט געפינען זיין פריינד האָט קיין זין. די שאכטיאָרן וועלן אים לייכט געפינען און ער וועט קומען מיט דער באן דעם צווייטן טאָג.

— דיין פריינד וועט דערפון האָבן א גרוים פארדינסט, האָט דערקלערט דער לערער, האלטן זיך קלוגער פון אלעמען און נישט שטענדיק צום בעכטן.

אפשר האָט דער ארגומענט מער ווי אלע אנדערע איבערצייגט האָראציון און ער איז אָפּגעפאָרן מיט דער גרופּע.

יאָנעל האָט אָנגעצונדן א קלעצל און איז אריין אין דער שאכטע ווייסנדיק באשייד אז ער האָט געפונען א קורצערן וועג. פון דאָ מוז פירן די גאלעריע גלייך צום אויסגאנג. ער איז געגאנגען א צופרידענער מיט זיך, נישט קוקנדיק רעכטס, נישט לינקס, נישט פרווונדיק פארגעדענקען דעם וועג טאָמער וועט אויסקומען זיך אומקערן. ער איז אזוי אָפּגעגאנגען אין א טויט־שטילקייט צען מינוט אָדער א שעה. פּלוצעם האָט זיך געהערט א קלאנג גלייך עמעצער האָט געוואָרפן א שטיין. דער עכאָ האָט זיך געשלענגלט איבער די גאלעריעס באלד נענטער באלד

ווייטער ביז ער האָט זיך ערגעץ געלייגט. יאָנעל איז א רגע שטיין געבליבן און
דערפילט א מידקייט אין די פיס. „ווייזט אוים ב'גיי שוין א לאנגע צייט‘‘, האָט
ער א טראכט געטאָן. דאָס העלצל האָט געהאַלטן ביים אויסלעשן. ער האָט גע-
וואָלט דערביי אָנציגדן א צווייטס, עס האָט זיך אינגאנצן אויסגעלאָשן. די גאַ-
לעריע איז פארזונקען אין איר שטענדיקער פינצטערניש און שטילקייט. ער
האָט אָנגעצונדן א שוועבעלע און ביים קנאק פון פאָספאָר א ציטער געטאָן. א
שמייכל האָט זיך געלייגט אויפן ווינקל מויל ער האָט חוזק געמאכט פון ציטער.
ווען דער פאקל האָט זיך צעברענט האָט ער אים אויפגעהויבן העכער פון קאָפּ
זען דעם וועג פאָרויס און געבליבן א רגע אין פארלעגנהייט — ער איז געשטאנען
אויף א פלאץ וו ס'האָבן זיך באגעגנט צוויי גאלעריעס. וווהין גיין האָט ער נישט
געוווסט. ער האָט נישט פארגעדענקט די ריכטונג פון וואנען ער קומט. „ס'איז
נישט אזוי פשוט‘‘, איז אים איינגעפאלן מיט אן אָנהויב פון פארדראָס אויף
האָראציו דעם בעל-גאווה. „זאָלן זיי אביסל ווארטן, זאָלן זיי זיך שרעקן‘‘. ער
האָט נאָך נישט געוווסט אז די שרעק דארף זיין זיינע. ער האָט באשלאָסן אז די
גאלעריע רעכטס מוז זיין די ריכטיקע, די וואָס פירט צו אן אויסגאנג. דאָס צווייטע
העלצל האָט זיך געענדיקט און די גאלעריע פירט אלץ ווייטער, קיין עק זעט מען
נישט. געדאכט האָט זיך אים אז ער גייט שוין אזוי א טאָג. „וואָלט געווען כאָטש
א שפּארונע, אן אָפּשיין וואָלט מען אפשר געקאָנט וויסן וואָס סע טוט זיך אויבן‘‘
האָט ער געטראכט און ביי דעם געדאנק דערפילט אז ס'איז דאָ אן אויבן און אן
אונטן און אז ער געפינט זיך אין דעם „אונטן‘‘ פון וועלכן מע מוז ארוים. דער
אונטן איז א פארנארערישער. ער פירט נישט אינערגעץ אָדער ווער ווייסט
וווהין און ס'איז אים באפאלן א שווערער אומרו. געבליבן זענען נישט מער ווי
צוויי העלצלעך. „נאָך גוט וואָס דאָס פּעקל שוועבעלעך איז פול‘‘ און די פעסט-
שטעלונג איז אים געווען אן אומגעלומפּערטע. זיך נישט אָפּגעבנדיק קיין חש-
בון האָט ער אָנגעהויבן שפּאנען לאנגעזאמער. דערפילנדיק א גרויסע מידקייט
אין די פיס און אן אָנהייב פון הונגער האָט ער זיך אוועקגעזעצט אָפּרוען און
איז איינגעשלאָפן. א שווערער שלאָף, אָן חלומות ...

ווען ער האָט זיך אויפגעכאפּט פון שלאָף האָט ער נישט געקאָנט פאר-
שטיין וואָס אזוינס ס'איז מיט אים געשען. ארום און ארום שטאָק-פינצטער.
„ווו איז אהינגעקומען דאָס פענצטער?‘‘ האָט ער זיך געפרעגט, דערפילט דעם
נאקעטן באָדן, זיך דערמאָנט און ס'האָט באהערשט א שרעקלעכע מורא. ער האָט
א רוף געטאָן, זיין קול איז אוועק הילכנדיק איבער די גאלעריעס; געדאכט האָט
זיך אז דאָ נישט ווייט, פון דער אנדערער זייט גייט א פאראלעלע גאלעריע און
יענע פירט זיכער צום אויסגאנג. אָבער ווו באגעגנען זיי זיך? ווו איז א דורכ-

גאַנג? ווו איז דער טויער וואָס עפנט זיך פון איינער אין דער צווייטער? נישטאָ וווהין צו גיין. די ביינער טוען וויי. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן, זיי ווידער געעפנט. קיין שום אונטערשיד. אפשר איז ער גאָר בלינד געוואָרן? מיגלעך ער זאָל זיצן ביים ברעג תהום. זיך א ריר טאָן טאָר מען נישט, טוט מען זיך א ריר פאַלט מען אין אָנדנאָ. ער האָט א טאַפּ געטאָן ארום זיך, דערפילט דאָס העלצל, זיך דערמאַנט אז ער האָט שוועבעלעך. ער האָט אָנגעצונדן א שוועבעלע, גענומען א העלצל, דאָס פלעמל האָט באַלויכטן א טייל פון דער גאַלעריע. „מע וואָלט געדאַרפט גיין צוריק, צו דער ליכטיקער, צו דער וואָס האָט געפירט אהער, האָט ער געטראַכט. אָבער וווהין גיין? רעכטס, לינקס. פאַרלוירן יעדע אָריענטירונג.” ער האָט זיך אויפגעהויבן, זיך עטלעכע מאָל געדרייט ארום זיך און אָנגעהויבן גיין אין דער ריכטונג צו וועלכער ער איז געבליבן מיטן פנים. ער איז אזוי געגאַנגען ביז ס'האָט זיך געענדיקט דער פאַקל. געבליבן איז נישט מער ווי איינער. דער הונגער האָט גענאָגט, דאָס גיין האָט קיין זיכערן ציל. די איינציקע האָפענונג קאָנען זיין מענטשן. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט כמעט א באַרויקטער; פילנדיק אז ס'איז אָפּהענגיק פון גורל זענען די כוחות געוואָרן ווייניקער און ס'האָט זיך אים געוואָלט נישט מער ווי וויינען. טרערן זענען נישט געקומען, די אויגן האָבן געברענט.

דריי מאַנשאַפטן צו דריי געניטע שאַכטיאָרן האָבן זיך געלאָזט אין די גרובנס אים זוכן, געזוכט א טאָג, געזוכט צוויי, געזוכט דריי. גאָרנישט. מער זוכן האָבן זיי געהאַלטן האָט קיין זין. זיי האָבן גענישטערט אין אלע זיי באַקאַנטע ווינקלען אין פון יאָרהונדערטער פאַרלאָזענע גאַלעריעס. די לאָקאַלע אָרגאַנען האָבן מוותר געווען. „ער איז נישט דער ערשטער און נישט דער לעצטער”.

נישט ווייט פון די גרובנס האָט געוווינט אן אַלטער שאַכטיאָר מיט זיין אייניקל. א מיידעלע פון א יאָר צוועלף. זייער איינציק פאַרברענגעכץ זענען געווען שפּאַצירן איבער די גאַלעריעס. ער פלעג איר דערציילן די געשיכטע פון יעדער איינער און דעם סוד וואָס זי באַהאַלט. אין דאָרף פלעג ער גיין זעלטן. געלעבט האָט מען פון דעם וואָס דאָס שטיקל ערד ארום דער כאַטע האָט געגעבן. ס'האָט געגעבן ווייניק און מיט ווייניק האָט מען זיך באַגנוגט. פון דאָרף־געוועלבל פלעג ער קויפן איין מאָל אין צוויי וואָכן א פּעקל ביליקן טאַבאַק. ס'האָט געקלעקט ווייל ער פלעג דאָס מישן מיט געטרוקנטע קאַרטאָפל־בלעטלעך. אויפן צווייטן טאָג, נאָך דעם וואָס די שאַכטיאָרן האָבן מוותר געווען, אויפגעגעבן יעדע האָפענונג, האָט ער געשיקט דאָס מיידעלע קויפן זיין געוויינטלעכע ראַציע טאַבאַק. דער דריטער טאָג אז ער רויכערט הוילע קאַרטאָפל־בלעטער, אפשר וועט מען

אים געבן אויף בארג. אין געוועלבל האָט דאָס מיידעלע געפונען מער קונים ווי געוויינטלעך. סע זענען געווען עלטערע ווייבער וועלכע האָבן זיך נישט געאיילט. גערעדט האָט מען פון געשעעניש, פון לעצטן קרבן וועלכן די שאכטעס האָבן איינגעשלונגען, נישט ווי געוויינטלעך א היגן, נייערט א שטאָטישן. שוין פינעף טעג אז ער איז אין די גרובנס און קיינעם איז נישט געלונגען אים געפינען. דאָס מיידעלע האָט געאיילט אהיים דערציילן דעם זיידן די לעצטע נייעס. ער האָט אויסגעהערט צוגרייטנדיק א ציגייער ווי זיין שטייגער איז געווען, פאמעלעך מיט געדולד פון צייט צו צייט א שמעק טוענדיק דעם טרוקענעם טאבאק. דאָס מיידעלע האָט געווארט, נישט געשטערט דעם זיידן אין זיין עבודה. איר האָט זיך געוואָלט דער זיידע זאָל עפּעס זאָגן, איר האָט זיך געוואָלט אז ער זאָל געפינען דעם שטאָט-מענטש וואָס האָט געוואגט זיך לאָזן אליין איבער די גאלעריעס. ער אָבער האָט געשוויגן, געדרייט א ציגייער אין א קוקורוז בלאט, פארצויגן דעם רויך טיף, טיף אין די לונגען און ארויסגעלאָזט צוויי געדיכטע וואָלקנס פון די נאָזלעכער אָבער נישט ארויסגעוויזן ווי שטענדיק די הנאה וואָס דער ציגייער פארשאפט אים.

— נישט גוט דער טאבאק? האָט זיך געוווּנדערט דאָס אייניקל.

— פארוואָס נישט גוט? ווער זאָגט עס? פארקערט, זייער גוטער טאבאק. ער האָט פארצויגן א צווייט מאָל און איבערגעחזרט, זייער גוטער טאבאק. אזעלכן האָבן זיי נישט געבראכט זינט א לאנגער צייט... וויפל טעג זענען עס זינט ער איז דאָרט. זאָגסטו?

— פינעף.

— אין וועלכער שאכטע זאָגן זיי איז ער געבליבן?

— די ווייבער האָבן געזאָגט אין דער פערטער.

— וואָס האָט ער דאָרט געזוכט?

— זיי זענען געווען א גאנצע גרופּע.

— און איבערגעלאָזט.

די פערטע שאכטע איז פארלאָזט געוואָרן מיט א סך יאָרן צוריק. די באלעבאטים האָבן געזאָגט אז דער פּראָצענט סטעריל איז צו גרויס און פארמאכט דעם גרובן. דעמלט זענען א סך שאכטיאָרן געבליבן אָן ארבעט און צווישן זיי אויך דער אלטער. אויסזיכטן אויף אן אנדער ארבעטס-פּלאַץ האָט ער נישט געהאט און באשטימט זיך באגניגן מיט דעם וואָס סע וועט געבן דאָס שטיקל ערד. דאָס אייניקל איז נאָך דעמלט נישט געווען קיין יתומה, א יתומה איז זי געוואָרן שפּעטער.

— אין דער פערטער זאָגסטו.

— מיר זענען דאָרט געווען, זיידע, ס'איז יענע מיט די מערסטע שפּורן פון די רוימישע צייטן.

— און פון מיינע ... אוודאי געווען ...

ס'האָט אָנגעהויבן צופאַלן די נאַכט. דאָס מיידעלע האָט זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן אויף דעם זיידנס באַשלום.

— ס'איז שפּעט, האָט זי אים געפּרווט אונטערהעלפן. אָט פאַלט צו די נאַכט.

— אין שאַכטע איז קיינמאָל נישט שפּעט, דאָרט איז אייביקע נאַכט ... זועלן מיר גיין אַ קוק טאָן. נעם מיט דיר אַ פלאַש וואַסער.

— וואַסער, האָט זי זיך געחידושט, וואָס גאָר פּלוצעם וואַסער?

— ער וועט דאַרפן, דער שטאָטישער. ער וועט דאַרפן ...

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

דאָס ליכט פון פאַקל איז געפאַלן אויף זיין פּנים. דאָס מיידעלע האָט דערזען דעם טויט-שטויב און אַ ווייסן לאָק.

— ער איז טויט?

— נישט אַזוי לייכט שטאַרבט מען. ער איז פאַרחלשט. גיב אַהער די פלאַש.

די אויגן האָט ער געפּנט אין כאַטע אויסגעצויגן אויף אַ בעט פון ברעטער. זיי האָבן באַגעגנט דעם מיידעלעס נייגעריקן און נצחון בליק וועלכער איז געבליבן אין אייביקער באַגלייטער.

יאָנעל האָט אַ פיר געטאָן די האַנט איבער די האָר, געזוכט דעם ווייסן לאָק, פאַרגעסנדיק אַז פאַר דער צייט איז די גאַנצע טשופּרינע ווייס געוואָרן. פון דער לאָדקע האָט זיך אויפגעהויבן אַ שטאַרק געפאַרבט פּנים. ער האָט אויסגעשאָסן אַ געזונט געלעכטער.

— וואָס לאַכסטו אַזוי ווי פון זין?

— דו קענסט האָראַציון?

— האָראַציו? קיינמאָל נישט געהערט. דאָס הייסט ...

— ניין, ניין! נישט יענעם. האָסט גאָרנישט פאַרלוירן.

„מאָרגע, האָט געטראַכט יאָנעל, כ'האָב אים מער קיינמאָל נישט באַגעגנט. ער האָט זיך ווייזט אוים איבערצייגט אַז איך וויים מער פון אים און אויסגעמיטן. ער האָט נישט ליב געהאַט מערווייסערם ...''

# 8. אליין, פריקרע...

די זון האָט באוואָרפן דעם פּארק מיט סנאָפּעס פייער. די באזוכער זענען שוין לאנג אוועק זיך אויסבאהאלטן פון דער זון אין צימערן מיט ארָאָפּגעלאָזטע שטאָרן. געבליבן זענען נאָר ארקע מיט יאָנעלן יעדער מיט זיינע געדאנקען, ארום זיי ביימער מיט אויסגעפּארעטע בלעטלעך, בלומען מיט ארָאָפּגעלאָזטע קרוינען און דער פּארק פּוסט אין היגערפלעט ווי אן איבערגעפרעסענער שלאנג. ס'איז צייט געווען גיין אהיים. ארקע האָט באגלייט יאָנעלן ביז צום איינגאנג פון הויז. דאָ האָט זיך יאָנעל פון אים אָפּגעזעגנט אין איילעניש, געגעבן אָנצוהערן אז ווייטער דארף מען נישט. ארקע האָט אים נאָכגעקוקט ביז ער איז פארשוואונדן מיט לאנגזאמע טריט אויף דער טרעפּ. אים באגלייט אין געדאנק ביז ער האָט געעפנט די טיר פון דער וווינונג, זיך נישט אָפּגעשטעלט אין פּאָדערצימערל אראָפּצוציען די שיך נאָר אריינגעגאנגען גלייך אין שלאָפצימער, זיך צעוואלגערט אן אָנגעטאָענער אויפן בעט, געבליבן ליגן אויף דער פּלייצע אָן געדאנקען אָדער מיט ווייסע ווי די סטעליע.

„פריקרע אליין ...'' איז איינגעפאלן ארקען. „אפשר דער זון ...'' האָט א בליץ געטאָן אָבער נאָר ווייל ס'איז פאראן אויך א זון. ער האָט געוואָלט וויסן אז אזא מיגלעכקייט איז נישט אויסגעשלאָסן, אָבער ער האָט געוואוכט אז גיכער נישט. „פון אָנהייב האָט עס זיך נישט איינגעגעבן ... א משונה געשיכטע ...''.

די פריינדשאַפט מיט יאָנעלן איז אן אלטע. נישט שטענדיק געווען די זעלבע. די ערשטע צייט איז עס געשען אין מארשן, אָדער ווען מ'האָט געקלעטערט איבער בערג זיך ארויסצורייסן פון „קעסלען''. שפּעטער איז זי געווען א טאָגטעגלעכע אָבער נישט דווקא ווייל ס'האָט זיך געוואָלט. דעמלט איז עס געווען אזוי ווייל ס'האָט זיך גיכער געמוזט. דעם גאנצן מעת-לעת אין די זעלבע דלד-אמות.

„אַן אויסגעפּאָרענער‘‘, טראַכט אַרקע וועגן זיך און נעמט אויף מיט אַ גוט־מוטיקן שמייכל זיין בלאָנדזשען איבער דער וועלט אַ שפּאַר ביסל יאָרן. „ווען נישט יענער אַרויספּאָר וואָלט מסתּמא דער גאַנצער וועג געווען אַן אַנדערער‘‘, קומט אַ געדאַנק צוזאַמען מיטן באַווייזן זיך פון ערשטן אַרויספּאָר. דעמאָלט האָט עם געהייסן, אַנטלאָפן. ס׳האָט באמת אַזוי אויסגעזען. אַוועק איז ער מיט אַ יידישער טעאַטער—טרופּע וואָס איז אָראָפּגעקומען אויף אַ גאַסטראָל, די אַקטיאָרן האָבן אים פאַרכישופט און זיי האָט געפעלן דאָס ייִנגעלע וואָס קאָן פון זיי נישט אָפּרייסן זיינע פאַרכישופטע בליקן. האָבן זיי פאַר אים געפונען אַ פּלאַץ אין וואַגאָן. „ווען נישט יענער אַרויספּאָר ווער ווייסט אין וואָס פאַרא פאַרוואָרפן שטעטל ב׳וואָלט זיך געווען פאַרשפּעט און דאָרט געבליבן פאַרשטעקט אין דער בלאָטע‘‘.

ער טרייבט איבער, דער טעמפּעראַמענט ביי אים איז נישט אַזעלכער וואָס זאָל זיך געווען לאָזן „פאַרשפּעטן‘‘. געבוירן אין אַ טראַדיציאָנעל־וועלטלעכער שטוב האָט ער גענאַשט פון אַלעמען. אפשר איז דאָס וואָס כאַראַקטעריזירט אים אַמבעסטן — אַ נאַשער. ווי אַלע נאַשערס נישט לאַנג געבליבן איבער דעם זעלבן טעפּל. צו אַביסל חומש און גמרא האָט געצוואונגען דער טאַטע. אפשר וואָלט דער טאַטע זיינער געווען געבליבן אַ שמירה־ייִד, האָט ער אָבער געהאַט אַ שאַרפן שכל און אויגן וואָס קוקן טיפער ווי נאָר פון אויבנאויף. דערצו האָט ער אָפּגעהאַנגען אַ לאַנגע צייט פון דער קהילה. שיין, פיין באַלעבאַטיש־אויסגעפּרעסט זעט אויס די קהילה ווען מע הענגט נישט אָפּ פון איר, כל־זמן דאָס שטיקל ברויט איז נישט אין אירע הענט. באַהיט גאָט דער גראַד פון דחקות זאָל אָפּהענגען פון אירע רעדל־פירער. דעמאָלט קריכט אַרויס ווילדקייט און עם־הארצות פון איר זיידענעם אָדער אפילו באַשטריימלטן אייבערשלאַק. אַזוי אַז זיין טאַטע איז געבליבן ביי זיין טראַדיציאָנעלן שטייגער, אָבער קיינמאָל נישט פאַרקלאַפּט די טיר דער וועלטלעכקייט. אַרקע איז אַ צייט געזעסן ביי טאָג איבער דער גמרא און פאַרנאַכט האָט ער זיך געלאָזט אין „קולטור־ליגע‘‘ אויסהערן די קלוגע שמועסן פון דער חברה וואָס פלעג קומען אַהין נאָך אַ שווערן און לאַנגן אַרבעטס־טאָג אין פאַבריק. גערעדט האָט מען וועגן דעם וויאַזוי סע וואָלט געקאָנט זיין בעסער ווי ס׳איז. פּינקטלעך וויאַזוי האָבן זיי ווייזט אויס נישט געוווסט און דערפאַר האָט עם אויסגעזען אַז זיי פילאָסאָפירן. מיט גרויסן ברען האָט זיך געפירט אַ מחלוקת וועגן קונכט. וואָס די קונסט האָט זיי אַזוי געברענט פאַרשטייט ער עד־היום נישט, נאָר דאָרט האָט ער געהערט דאָס ערשטע מאָל אַז סע קאָן קומען צו שנאה צווישן אַזעלכע וואָס האַלטן אַז קונכט מוז זיין לשם קונסט און אַנדערע וואָס זאָגן אַז זי מוז האָבן אַ טענדענץ. פאַרוואָס דאָס מוז דערפירן

צו שנאה האָט ער נישט פארשטאנען, נאָר ווייל ס'איז אזוי אָדער אויב ס'איז אזוי, האָט אויסגעזען אז דערפון הענגט אָפּ די צוקונפט פון דער גאנצער מענטשהייט. אין איינעם אָן אָוונט האָט זיך אין שמועס אריינגעמישט א שפּעטער, א חוזקמאכער, געוואָלט איבערצייגן דעם עולם אז דער מענטש איז אזוי ווייט פון ווייסן אז ער קאָן נישט זאָגן באשייד צי ווייס איז ווייס און שווארץ שווארץ. האָבן זיך די געמיטער אזוי צעברענט אז ס'איז שיער נישט געקומען צו פּעטש. צו פּעטש איז עס נישט געקומען, אָבער צו ערגערס יאָ, ווייל מ'האָט זיך אָנגעהויבן איבערוווארפן מיט „איכטן" און אָנהענגען עמעצן א פאלשן „איסט" איז געווען צו מאָל גלייך מיט אריינוווארפן אין חרם.

געלייענט האָט ארקע אלעם וואָס סע פלעג אים אריינפאלן אין די הענט, אָבער זיך אָפּשטעלן אויף עפּעס מיטן צוועק צו דערגרונטעווען האָט ער קיינמאָל זיך נישט אָפּגעשטעלט. ס'האָט נישט געהערט צו זיין כאראקטער און אין אלגעמיין האָט ער מער ליב געהאט תורה שבעל-פה — ליבערשט איז אים געווען הערן איידער קנעלן. דערפאר האָט ער נישט פארלוירן א פּאָרטראג, א ליטערארישן-פּראָצעס, א דעבאטע איבער פארשידענע אקטועלע אָדער היסטאָרישע פּראָבלעמען. געפעלן האָט אים ליטעראטור, פּאָעזיע. פארליבט איז ער געווען אין שטיינבארגן מיט זיינע משלים, געפונען אין זיי די העכסטע מדרגה פון פּאָעזיע. אויף זיך לאנג בויערן דעם קאָפּ מיט מארקס צי גאָר באָראָכאָוו האָבן ביי אים נישט געקלעקט קיין כוחות. מיט איין וואָרט — א נאשער. פארזוכט, פּאָסמאקעוועט אָבער צום תמצית זיך נישט דערשלאָגן. אפשר איז דערפאר אויך זיין וועג געווען אזא פארפּלאָנטערטער: נישט קיין ציוניכט און אָנגעקומען קיין פּאלעכטינע, נישט קיין קעמפער און אָנגעשפּארט אין אן ארמיי וואָס איז געווען איבערצייגט אז זי שלאָגט זיך וועגן בעסטן און שענכטן. פון אָט דער ארמיי איז עס געקומען צו דער פריינדשאפט מיט יאָנעלן. דאָ האָבן זיי זיך באגעגנט.

א געשלאָגענע, האָט די ארמיי פארלאָזט דאָס לאנד, אריבער א גרענעץ און איז אן אנטלאָפענטע, געטריבן געוואָרן צו די ברעגעס פון מיטלענדישן ים, אויף דעם פּליאזש פון סאן-סיפּריען אָדער ארזשעלעס, קיין נפקא-מינה, ביידע דאָס זעלבע: זאמד, ווינטן, קעלט, נאקעטקייט, הונגער און א ים וואָס בושעוועט. לויט מע זאָגט שפּרייטן זיך היינט דאָרט מאָדערנע פּליאזשן אויף וועלכע סע בראָטן זיך און סע ברענען זייער הויט רייכע מענטשן און בילד-שיינע פרויען. מיגלעך. די וועלט האָט זיך דאָך אזוי פיל געביטן אין די עטלעכע צענדליק יאָרן וואָס זענען פארביי פון יענעם טאָג ווען זיי זענען אהין אָנגעקומען און ווו דער איינציקער וואָס האָט אויסגעזען צו אָטעמען מיט שלום און מיט, אויב נישט גוטמוטיקייט איז כאָטש גלייכגילטיקייט לגבי זיי, אויף יעדן פאל נישט מיט

שנאה, איז געווען דער הימל. פארגעדענקט האָט זיך א בילד וואָס די צייט קאָן נישט בליאקעווען. פארקערט, וואָס מער סע בלייבט ארונטער אַלץ בולטער קריכט עס אויף דער אויבערפלאַך פון זיכרון.

געשען איז עס קאַיאָר. יעדן טאָג פלעגן די ערשטע זונען־שטראַלן, אַדעך נאָך פריער, די ערשטע ליכט־שאַרף וואָס טרעגט אויף די נאַכט מיט וועלכער סע קלעפּט די נאכט צום טאָג, באַגעגענען דריי געשטאַלטן אויף דער וואך. דאָס זענען געווען יאַנעל, פרידמאן און ארקע. יאַנעל, ווייל ער האָט געהאַט א שלי־חות. צו יענער צייט איז ער געווען דער געטרייער שומר פון איינעם וואָס האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט די היסטאָריע — דעם גאַנג פון דער וועלטס געשיכטע. גערופן האָט מען אים קאַנטשו. א זון פון א פויער איז ער געקומען אַלס ייִנגל אין שטאָט לערנען א מלאכה. אין די יאָרן פון גרעסטן עקאָנאָמישן קריזיס וואָס די וועלט האָט אדורכגעמאכט אין דעם יאָרהונדערט איז ער געשטאַנען אין סאמע שפּיץ פון א גאָר גרויסן שטרייק — א שטרייק וואָס וועט אריינברענגען אין דער שטרייקן—געשיכטע א גרויסע צאָל טויטע. פארמשפּט געוואָרן צו צוואַנציק יאָר תפיסה, האָט קאַנטשו אויפגענומען דעם פסק־דין מיט געלעכטער און אויס־גערופן צו די ריכטער: וואָס פארמשפּט איר צו מערערע יאָרן וויפל סע זענען אייך באַשערט צו רעגירן?! פאר אזא אויסגעשריי האָט ער באקומען נאָך א יאָר און אײנצייטיק דעם טיטל — העלד. דער טיטל איז פארפעסטיקט געוואָרן נאָך נישט מער ווי צוויי יאָר ווען ס'איז אים געלונגען אנטלויפן פון תפיסה. אויך ער איז געקומען אין דער זעלבער ארמיי וואָס האָט געמיינט אז זי שלאָגט זיך וועגן בעסטן און שענסטן און שוין דעמלט געוווסט מער פון א סך אנדערע וועגן וואָס מענטשן שלאָגן זיך געווייינטלעך. דאָ, אויפן ברעג ים, אויף דעם פון ווינטן געמוטשעטן פּליאַזש, האָט מען פאר אים געזאמלט דעקן, אויפגעשטעלט פון זיי א געצעלט אויסגעשפּרייט אנדערע אויפן זאמד, סע זאָל אים נישט אדורכנע־מען די פייכטקייט און די קעלט, באַשטימט א וואַך מע זאָל אים היטן סע זאָל אים נישט געשען קיין שלעכטס. דער הויפּט פון דער וואך איז געווען יאַנעל, און ווייל ער האָט געוווסט אז די געפערלעכסטע מאָמענטן אויפן פראָנט זענען פאר־נאכט ווען די נאכט באַזעלטיקט דעם טאָג און קאַיאָר ווען דער טאָג רייסט זיך ארויס פון דער נאכט, פלעג ער אין די סכנהדיקע מאָמענטן האַלטן פערזענלעך די וואך, פערזענלעך אָפּהיטן דעם טרעגער פון דער וועלטס גורל.

גאָר אנדערע זענען געווען די סבות וועלכע האָבן געטריבן פון נאָסלעכן געלעגער פרידמאנען. וויפל מאָל מע דערמאנט זיך אין אים, אפילו אזעלכע וואָס גלויבן נישט אין גאָט, מוזן זיי אויסרופן: ווי פארפלאָנטערט זענען דיינע

װעגן אַלמעכטיקער! דאָס איז װײַזט אױס דער אײנציקער ענטפער אױף דער פראגע: װי קומט ער אהער?

א הױכער, א שלאנקער, א ברײטער שטערן, א שמאָלע נאָז, א װונדערבאר געטעסעמטע זי זאָל פּאסן צו זײַן אײדל פּנים, רײן-ראסיקע סעמיטישע שטריכן פֿון אײנעם װאָס מוז אָנגעהערן דעם שטאם פֿון אברם אין מאָמענט װען ער האָט באשטימט בײטן דעם נאָמען אױף אברהם, אױסמײדנדיק דודס, שלמהס און אַלע איבעריקע הארעמס װעלכע האָבן מיט זיך אָנגעבראכט האָרבאטע נעז און רױט באװאקנסקײט. דער כנען-פּרינץ שטײט אױף קאיאָר װײל ער װיל זען זײַן אײגענעם אחרית-הימים. געקומען איז ער אין דער ארמײ װײט פֿון קאָנטשוס געדאנקען, נעענטער צו די פֿון דעם פּשוטן עולם, אָבער אנדערש. ענטפערס אױף פראגעס האָט ער געזוכט אין ביכער. די צײַט איז געװען א שטורעמדיקע און פראגעס האָבן זיך אָנגעהױפּט איבער דער מאָס. דער ענטפער אױף זײ האָט אױסגעזען צו ליגן לינקס, אפשר אױך דערפאר װײל לינק האָט געהײסן פארלאָזן די פיר װענט און דעם טיש-לאָמפּ און טײלנעמען אין די כאָציאלע שלאכטן דירעקט. דער באשײד אױפֿן געפּלאָנטער פֿון פּראָבלעמען האָט געלאָקט מיט זײַן פּשטות און פרידמאן האָט זיך געלאָזט פארנארן אין געשפּין פֿון פּאָליטיק-טוגעלן. ער איז אױפגענומען געװאָרן מיט גרױס כבוד, מער װי ער דאָט זיך געקאָנט פּאָרשטעלן אױב און װען ער זאָל געװען טראכטן צו אן אױפנעם. פארקערט. ער האָט דערצו נישט געטראכט װײל נישט אױפגענומען װערן האָט ער געװאָלט נאָר זיך צוזאמענשמעלצן מיט דער מאסע װאָס װערט באװױלהט, עקספּלואטירט און װעמענס רעכט סע װערן געטרעטן מיט ספּעציעל דערצו צוגעטראכטע שטיװל. זענען אָבער אױפגעשװימען נײַע פראגעס און די ענטפערס האָבן בײַ אים געקאָנט נישט מער װי ארױסרופן א מינערװערטיקײטס געפיל: ער איז נישט אימשטאַנד צו באנעמען, תּופס צו זײַן די טיפקײט פֿון דער פּשטות װײל ער האָט זיך צו פיל געגריבלט אין ביכער, צו פיל פארבראכט מיט אבסטראקטע באגריפן. די װירקלעכקײט איז רײַכער און פארשידנארטיקער און אײנציטיק פּשוטער װי ער האָט זיך פאָרגעשטעלט. אױף תּופס צו זײַן מוז מען נעמען א האמער, א רידל צי זאָל זײַן אפילו א נאָדל אין האנט. „זײ זענען גערעכט, כ'בין א צו קאָמפּליצירטער אינטעלעקטואל,‘‘ פלעג ער אָפט טראכטן. ער איז געגאנגען אין פאבריק, װי געװײנטלעך ײדיש-אָפּשטאמיקע אין א טעקסטיל-פאבריק. זענען בײַ אים די שיצן געפלױגן פֿון דער קעטע, געריסן די פעדים און נאָך צװײ װאָכן ארבעט האָט ער באקומען צװײ פינפער װײל דאָס איבעריקע איז אװעק אױף שטראָף. צװישן די ארבעטער האָבן זיך נישט געפונען אזעלכע װאָס זאָלן ארױסהעלפן — „װאָס זוכט ער דאָ, דער אינטעליגענט?‘‘ כאָטש ס'האָט זיך

נישט געלייגט אויפן שכל איז ער געווען און געבליבן א פרעמדער. דער פּראָלעטאַריאַט האָט נישט באַוויליקט אים שענקען זיין צוטרוי.

סע קאָן קלינגען מאָדנע, אָבער אים האָט עס שרעקלעך געמוטשעט. ער האָט געפילט אז דער באָדן וועלכן ער האָט געזוכט און געפונען ווערט לויז ווי נאָר ער באַטרעט אים. דאָ איז אונטערגעקומען די אַרמיי, די זעלבע וועגן וועלכער, א סך האָבן געזאָגט אז זי שלאָגט זיך וועגן שענכטן און בעסטן און ער, פרידמאַן איז געווען איבערצייגט אז ס'איז אזוי וויל אזוי איז עס געווען. שווער איז געווען צו קלעטערן אויף בערג מיט א ביקס אויפן אקסל א נישט געגעסענער און נישט געטרונקענער; שרעקלעך שווער איז געווען צו בלייבן נעכט נאָך נעכט אונטער א הימל וואָס בייטאָג ברענט ער און ביינאַכט קריכט פון אים א קעלט אין אלע איברים. ער האָט אָנגעהויבן הוכטן. אצינד, ביים ברעג ים, אָן א דאַך, איינגעהילט מיט א דינער דעק אויפן פייכטן זאַמד איז געוואָרן א סך ערגער.

ער איז נישט דער איינציקער. צווישן די הונדערט טויזנט פּליטים, די גרעסטע טייל סאָלדאַטן, א טייל פון זיי מיט וווּנדן איז גרויס די שטערבלעכקייט. יעדן אינדערפרי זאַמלט מען די טויטע און מע טראָגט זיי באַגראָבן אויף יענער זייט לאַגער. צוויי לעבעדיקע טראָגן א פאַרשטאַרטן קערפּער גלייך זיי וואָלטן טראָגן א ברעט. אין דעם מאָרגן-ליכט שפּיגלט זיך די קאָלאָנע אויפן האָריזאָנט ווי א געמעל פון מצרישע פּיראַמידן. פרידמאַן קוקט אויף דעם אויכטערלישן טויטן-מאַרש וואָס ווערט געשפּילט אָן סטרונעס און אָן טרומייטערס און דאָך הילכט ער אין זיינע אויערן גלייך ער וואָלט זיך געפינען אין א גלאָקן טורעם אונטערן גרעסטן גלאָק. ער ווייסט אז אזוי וועט אויסזען דער סוף און ער וויל באַנעמען זיין פּאַרנעם כל-זמן ער קאָן נאָך שטיין א זייטיקער, א צושויער. ער באַגלייט די טויטע מיט א בליק וואָס ברענט פון אויסן און פון אינעווייניק ווייל די טעמפּעראַטור לאָזט נישט נאָך און דער הוסט מוטשעט. בשעת ער קוקט אויף דער קאָלאָנע הוסט ער נישט. ער באַהערשט דעם הוכט ווייל ער וויל בלייבן א נישט באַמערקטער אָדער ער פירט גאָר אונטער יעדן פרימאָרגן זיין אייגענעם נשמה-לאָזן גוף, גיט אים אָפּ דעם לעצטן כבוד אויף דעם לעצטן וועג ווייל ווער ווייכט צי עמעצער וועט אים אונטערפירן מיט דער זעלבער אָפּוועזנקייט ווי ער גופא.

ניין, דער טויט שרעקט אים נישט. ער האָט זיך צוגעווינט צום געדאַנק אז סע מוז קומען און וויל נאָר סע זאָל זיין בלחש, ווייל ס'האָט זיך אין אים דערוועקט א בענקשאַפט נאָך יענע צייטן ווען ער איז געזעסן צווישן פיר ווענט, געלייענט וועגן אלץ און אלעם און אויך וועגן דעם אז אריבערטרעטן די לעצטע שוועל קאָן מען און מע דאַרף מיט ווערדע. אצינד פאַרשטייט ער עס מער ווי שטענדיק און וואָלט געוואָלט אז אזוי זאָל עס געשען, אז זיין גוף זאָל אים נישט שטערן צו

מאַכן דעם לעצטן שפּאַן פון דאָ אַהין, ריין, רויק, אפשר מיטן געדאַנק צו זיין איינציקער שוועסטער וואָס וועט אין יענער מינוט טראַכטן צו אים, און אַזוי מוז עס זיין ווייל זי וועט אים באַגלייטן אַזוי ווי ער וויל — בלחש.

דער טאָג אין וועלכן צוויי לעבעדיקע האָבן אויפגעהויבן פרידמאַנס קערפּער אַזויווי בוי־אַרבעטער הייבן אויף אַ ברעט וואָס זיי דאַרפן פאַר דער רישטאָוואַניע, ביי דער פאַר קאַיאַר ליכט און אים אַוועקגעטראָגן אין דער מערב־זייט פון לאַגער, האָט אויף זיך נישט געלאָזט לאַנג וואַרטן.

געשטאָרבן איז ער בלחש.

דער דריטער איז אַרקע, ווייל אים וואַרפט עס אַרוים פון געלעגער דעם ערשטן. ס'האָט זיך ביי אים געשאַפן אַ באַזונדערער חוש פאַר דעם אויפשטייענדיקן טאָג: אין דאַנטעסקע פאַרבן און בילדער. שפּרינגט ער אויף ווי נאָר סע הייבט אָן שאַריען אויף טאָג. צעטרייסלט די גלידער און שטייט אַ פאַרשטיינערטער נישט אָפּרייסנדיק דעם בליק אי פון מזרח ווו דער טאָג רייסט זיך אַרוים פון דער נאַכט, אי פון מערב ווו דער טויט שוועבט פאַרביי אין אָרעמער פייערלעבקייט באַגלייט פון אַלע די וועלכע וועלן קומען און דערוואַרט פון אַלע וועלכע זענען אין אים פאַרשוואונדן.

דאָ האָט זיך פאַרפעסטיקט זיין פריינדשאַפט מיט יאַנעלן. אים האָט אַמוזירט דער ערנסט מיט וועלכן ער היט אָפּ זיין דימענט — קאַנטשו. איבער אַלע האָבן געהאַנגען פאַרשיידענע שווערדן וואָס האָבן געקאָנט פירן צו אַ פאַטאַלן סוף. ווייניקער ווי איבער אַלע, איבער קאָנטשון. אים האָט מען פאַרזאָרגט מיט אַ גוט אויסגעבעט געצעלט, אים האָט מען פאַרשאַפט אַלעס נייטיקע ער זאָל נישט ליידן פון הונגער, אים האָבן שטענדיק באַגלייט אַנדערע צוויי סע זאָל נישט געשען אַז עמעצער זאָל אים שטערן אין וועג און קאָנטשטון איז געוואָרן קלאָר אַז סע קומט אים ווייל ער איז אַ העלד און אויך אַ פילאָסאָף. נישט איין מאָל איז איינגעפאַלן אַרקען אַז קאָנטשו איז מער ווי אַלץ אַ געבוירענער אַקטיאָר, אַז זיין גורל האָט געדאַרפט זיין אויף דער סצענע און ער איז פאַרקערעוועט געוואָרן פון יענעם שטרייק. דאָס איבערהויפּט דעמלט ווען ער פלעג האַלטן „לעקציעס״.

דער ערנסט מיט וועלכן ער האָט געקאָנט אויסלייגן שעהען־לאַנג הוילע באַנאַליטעטן, דער טאָן, דער שטעל, דאָס שאַפן אַ שטימונג מיט לאַנגע פילזאָגנדיקע פויזעס, די באַוועגונגען, דאָס מאָדולירן די שטימע איבערגייענדיק פון טיפער דראַמאַטיק צו בייסיקן סאַרקאַזם און סאַטירע האָבן געווירקט אויף די צוהערער אַז זיי האָבן פאַרגעסן אין אינהאַלט. אַרקע האָט זייער גיך פאַרלוירן יעדע אַכטונג פאַר דעם סאָרט באַשעפעניש, זיך געוואונדערט וויאַזוי אַנדערע גיבן זיך נישט אָפּ קיין חשבון פון דער ליידיקייט, אָדער ... אָדער זיי האָבן געהאַלטן די

לעגענדע פאר נייטיק. יאַנעלס דרך־ארץ האָט אים פארוויילט מער ווי דער פון אַלע אַנדערע. דאָס אויך ווייל יאַנעלן האָט געפּאַסט אזא צוגאַנג, ער האָט געשמאַט פון זיין צוגאַנג, פון זיין געוווינהייט צו לעבן מיט דער געשיכטע און קאָנטשו האָט פאַרשריבן אַ בלעטל אין דער שטרייק־געשיכטע און אויך אין דער געשיכטע פון פּאָליטישע פּראָצעסן אין זיין לאַנד.

נעכטער איז געוואָרן זייער פריינדשאַפט נאָך פרידמאַנס טויט, ווען דעם טאָג האָבן באַגעגנט נאָר צוויי, און אפשר פריער ווייל פריינדשאַפט ווערט נישט געבוירן נאָר פון געמיינזאַמע ליידן און פריידן. אפשר אַמוויניקסטן פון געמיינזאַמע טועכצן. מענטשן קאָנען אָפּזיין יאָרן אויפן פראָנט, אין לאַגערן, אין פאבריק און צו קיין פריינדשאַפט זאָל עס נישט קומען. פריינדשאַפט ווערט, ווייזט אויס, געבוירן פון אַ בליק, אַ שמייכל אָדער גלאָט פון אומגעריכט אנטדעקן זיך. די בליקן באַגעגענען זיך און... זיי וועלן זיך שטענדיק זוכן, סע וועט ווערן אַ באַדאַרף צו טיילן זיך מיט אַלץ און מיט אַלעמען. אזוי איז עס אויך געשען מיט זיי. דער פאַרוואָס איז געבליבן אויסער זיי און זיי האָבן אים נישט באַדאַרפט.

אזוי ווי ארקע האָט אים געקענט האָט ער געוווּסט אז וואָס סע פאַכט וויניקער פאַר יאַנעלן איז שאַפן אַ פאַמיליע, אוועקגעבן אַ טייל פון זיין צייט אַ פרוי, קינדער. דאָס נישט ווייל זיין צייט איז געווען אזא פרייזפּולע, כאָטש יאַנעל האָט זי געהאַלטן פאַר זייער טייער, לויט אים האָט זיך געדאַכט איז זי, די צייט זיינע, געווען שטענדיק געווידמעט פּראָבלעמען וואָס שטייגן איבער דעם אינטערעס פון איינצעלנעם, פון אינדיווידו. נישט דאָס איז אָבער געווען די סבה פון ארקעס מיינונג. אים איז געווען באַקאַנט יאַנעלס שטאַנדפּונקט וועגן דער באַציונג מאַן־פרוי. ער האָט געהאַלטן אז זי שטאַמט פון זייער ווייט, אז זי איז אַ בירושהדיקע. אַ געגנע פון אייביקן בחור האָט זיך אין אים פאַרבלאָנדזשעט און טוט זיך אירס. ווי נאָר ס'האָט זיך געענדיקט די מלחמה, אָדער נאָך פריער, דעמלט ווען דאָס לאַנד האָט געלעבט מיט דער לאָזונג: „אַלץ פאַרן פראָנט, אַלץ פאַר דעם נצחון", איז יאַנעל געשיקט געוואָרן פון די העכערע אינסטאַנצן אַלס פּאָליטישער אָרגאַניזאַטאָר אין זיין געבורטס־אָרט — קיין לאָבארד.ביידע האָבן זיך דערקענט. דאָס שטעטל איז געבליבן דאָס זעלבע נאָר אַן אויסגעטאָנס, אַ נאַקעטס. נאַקעטע זענען געשטאַנען די ראַפּטן אין די קלייטן, נאַקעט איז געווען דער מאַרק נישט קיין איבערגעלאָדענע וועגענער מיט ווייץ, קאָרן, פּאָפּשויעס, זעק מיט ניס, האָניק־לאָגלען, קראַנצן רויטע ציבעלעס וואָס מע גרייט זיך צו שיקן איבער גאָר דער וועלט, נישט קיין מאַריקען פון אָקסן וואָס דאַרפן פאַרלאָדן ווערן

אין וואַגאָנען און אָפּגעפּירט ווערן צו די גרויסע שעכט-הייזער פון ווייטע מעטראָפּאָלעס. ס׳איז ווי נאָך א שרפה. אָבער דאָס שטעטל, די מענטשן זענען צום דערקענען און ער האָט זיי דערקענט. אויך אים האָט מען דערקענט. לאָבארד האָט נאָך נישט אינגאַנצן פאַרגעסן דעם נאָמען לאַקס. די צאָל פון יענע וואָס האָבן אים אמאָל פאַרשאָלטן איז געוואָרן קלענער. דערצו האָט בייגעטראָגן די צייט פאַרווישנדיק די שרעק וועלכע ס׳האָט אמאָל אָנגעוואָרפן זיין טאַט און דער פּראָצעס. אצינד נאָך דעם זיג, ווען די קומענדיקע וועגן האָבן זיך געשניטן אין א גאָר נייער ריכטונג האָט מען געמיינט אז סע וועט גאָר זיין א כבוד תּארן שטעטל וואָס דאָ איז געבוירן געוואָרן איינער וואָס האָט געוואגט. שוואכע, זייער שוואכע פּאָליטיקער זענען געווען די לאָבארדער איינוווינער, צו זיי איז נישט דערגאַנגען אז אין פּאָליטיק קאָן זייער אָפט געשען אז דאָס וואָס היינט איז גוט זאָל אויף מאָרגן פאַררעכנט ווערן אלס א פאַרברעכן. האָט מען יאָנעלן אָפּגעגעבן גרויס כבוד, צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ צו זיינע רייד און געטאָן אזויווי מ׳איז געווינט געווען צו טאָן זינט לאָבארד איז לאָבארד. סע מוז צוגעגעבן ווערן אז דער כבוד וועלכן מ׳האָט אים אָפּגעגעבן און דאָס צושאָקלען מיט די קעפּ האָט יאָנעלן געפעלן. ער איז נאָך געווען ווייט פון יענע צייטן ווען ער וועט האָבן פאַרשטענדעניש פאַר די ווערטער הבל-הבלים. משפּטן דערפאַר איז אים שווער וויל מענטשן דאַרפן א סך, זייער א סך ביז זיי באַקומען פאַרשטענדעניש פאַר ווערטער וואָס זענען געזאָגט געוואָרן פון א מלך מיט טויזנט ווייבער און ווער ווייסט וויפל פּאַלאַצן. זיי גלייבן אים נישט ...

ווען יאָנעל פלעג דיקטירן דער דאַקטילאָגראַפן זיין טעגלעכן ראַפּאָרט פאַרן צענטער — די צייט איז געווען אזא וואָס דער צענטער האָט געוואָלט וויסן וואָס סע געשעט אין יעדן לאַנד-ווינקל נישט נאָר יעדן טאָג נאָר יעדע שעה און גענווסט האָט ער עס פון אזעלכע ראַפּאָרטן וואָס פלעגן שטראָמען אין די טויזנטער פון אומעטום — פלעג ער דיקטירן זיך דרייענדיק איבערן צימער מעשה נאַפּאָלעאָן. א מיטלוווקסיקער, א פעסט געבויעטער האָט עס אים געפּאַסט — מיט א שמייכל, אָבער דאָך געפּאַסט. די ערשטע פּאָר טעג האָט ער אין ברען פון קאָמפּאָנירן — דער ראַפּאָרט איז אים פאַר געווען א סאָרט סימפּאָניע — נישט באַמערקט מיט וואָס פאַר אן אנטציקונג די דאַקטילאָגראַפן שלינגט זיינע ווערטער, מיט וואָס פאַרא דרך-ארץ, כמעט מיט ליבע, זי קלאַפּט אָפּ יעדעס וואָרט וואָס קומט ארויס פון זיין מויל, גלייך סע וואָלט קומען גלייך פון בארג סיני. געוווינט סע זאָלן איר דיקטירן די פרישע לאָקאַלע אקטיוויסטן ביי וועלכע צונויפשטעלן א פראַזע איז געווען שווערער ווי צוזאַמענשלעפּן שטיינער ווען א פּיראַמידע, האָט זי איבערראַשט ביז גאָר דער קוואַל פון וועלכן סע האָבן

געשפּרודלט מיט אזא אימפּעט די ווערטער ביי יאָנעלן, ווען ער האָט באַמערקט איר פאַרכישופטקייט איז אים אויפגעפאַלן דאָס ביז איצט נישט באַמערקטע חנעוודיקע פּנימל וואָס איז לכּל הדעות ווערט מע זאָל זיך אין דעם שפּיגלען א פּאָר מינוט. ער איז נישט ביינעשטאַנען דעם נסיון — און אפשר איז עס פּאַר אים קיין נסיון נישט געווען, נייערט דאָס נאַטירלעכסטע פון אַלע נאַטירלעכקייטן — א גלעט געטאָן איר פריש בעקעלע און זי האָט עס ווייך אָנגעשפּאַרט אין זיין דלאָניע. אזוי האָט ער זיך דערוווּסט אז מע רופט זי מאַריא. נאָך אין זעלבן, אָוונט אָפּגעפירט אהיים — א קליין צימערל אין וועלכן זי האָט געוווינט אליין זי איז נישט קיין לאָבאַרדער, זי איז אהער געקומען נישט לאַנג פון יאס זוכן אַרבעט, ווייל זי איז א יתומה, די עלטערן זענען אומגעקומען אין דער צייט פון די שלאַכטן אַרום יאס. אזוי האָבן זיי פאַרבראַכט כמעט א חודש ביז מ'האָט יאָנעלן אַרויסגערופן אין צענטער און דאָרט פאַרהאַלטן.

אין צוויי חדשים אַרום האָט זיך אין צענטער באַקומען א בריוו פון לאָבאַרד געשריבן מיט האַרצרייסנדיקע ווערטער וועלכע האָבן דערציילט וועגן גרויסן אומגליק וואָס האָט געטראָפן דעם מחבר, א פּשוט פּאָלקס-מיידל וואָס האָט גע־לייגט אַלע אירע האָפענונגען און האָט געשענקט איר גאַנצן גלויבן דעם נייעם וועג, געהאַט פולן צוטרוי צו די וואָס ברוקירן אים מיט זייער ערלעכקייט, מיט זייער שוויים און וועגן נויטיק מיט די אייגענע ביינער, און דאָ האָט זיך געיאָוועט א מענטש געשיקט פון סאַמע צענטער פון יענעם פּלאַץ וווּ עס געפינען זיך די בעסטע זין און טעכטער פון פאָלק, פון דאָרט פון וואַנען סע דאַרף קומען נאָר ליכט און פרייד, און אָט דער מענטש האָט איר אָנגעטאָן די גרעסטע בושה, איז קענען איר באַגאַנגען דאָס גרעסטע פאַרברעכן וואָס נאָר אַן אויסוואוּרף קאָן באַגיין קעגן אַן אָרעמער בתולה און יתומה, דערצו... און זי איז אין דריטן חודש.

אונטערגעשריבן האָט מאַריא.

געווען איז עס אין א צייט ווען די קאָמפּעטיציע צווישן די פּראָגרעסיווע און רעאַקציאָנערע כּוחות — דעמלט האָט מען מער נישט געזאָגט שטרעמונגען נייערט כּוחות, ווייל אזוי האָט עס מער געווירקט, ס'האָט אויסגעזען אַן אמתע מלחמה — האָט צוליב פּאָליטיש-טאַקטישע צוועקן זיך אָפּגעוויקלט אויך אויפן גע־ביט פון מאָראַל און אפשר צום אַלעם ערשטן אויף דעם געביט. יעדע פּאָליטישע גרופּירונג דאַט זיך געוואָלט באַווייזן פאַר די מאַסן אַלס די אויטענטישסטע פאָר־שטייערין פון א כמעט מאָנאַכן מאָראַל. זיך האַלטן אין א צייט פון גרויסע איבער־קערענישן ביי אַלע צען געבאָט איז נישט מיגלעך, ווייל ווי באַוווּסט קלויבט מען נישט איבער אין אזעלכע מאָמענטן דאָס כּלי־זין אָבער עובר זיין אויף לא

תנאוף — כאָטש אין דעם פאַל איז עס נישט געווען פינקטלעך — איז דאָס ערגסטע, ערגער פון שלעכט, ווייל דאָס איז דאָס בעסטע מיטל עמעצן צו קאָמפראָמיטירן און כאָטש ווייניק האַלטן צו דעם געבאָט מיט אַלע הונדערט פּראָצענט, אָדער ווייל מע האַלט נישט זייער דערפון, דערקלערן זיך אַלע אַלס די גרעכטע אָנהענגער פון אָט דעם געבאָט.

א   ברייטער שמייכל האָט זיך געגאָסן איבער ארקעס פנים ווען ער האָט זיך דערמאָנט וויאַזוי ס'האָט אויסגעזען יענער פּראָצעס. יאָנעל איז געשטאַנען בעני בפתח, ווייל וואָס, וואָס, נאָר ארגומענטן האָט ער נישט געפונען. דער אמת איז אַזאַ ווי ער איז, ער לייקנט אים נישט, אָבער די טראַגעדיע זעט אים נישט אויס אַזוי טראַגיש. זיין גליק איז געווען וואָס ער האָט נישט ארויסגעזאָגט זיין אינטימע מיינונג, די וועלכע ער האָט אָנפאַרטרויט ארקען און וועלכע איז באַשטאַנען פון צו יענער צייט כופר-בעיקרדיקע געדאַנקען. ער האָט געוואָלט פרעגן דאָס בית-דין פאַרוואָס מע קלאַמערט זיך אַזוי אין מיטלעלטערלעכע קליינבירגערלעכע אָנשויאונגען, נאָר געזאָגט האָט ער דאָס נישט, זאָל ער דאָס געווען זאָגן וואָלט שוין דעמלט געווען אַן ענדע צו זיין גאַנצער קאַריערע. אַזאַ שטאַנדפּונקט האָט מען לייכט געקאָנט אָנהענגען די שרעקלעכסטע אַטריבוטן: אַוואַנטורע, קליינבירגערלעכע איבערפלעכלעכקייט, פּריצישע אויסגעלאַסנקייט, בורזשואזע גרינגשעצערישקייט, באַוווסטזיניקע פּראָוואָקאַציע און אַ וועלט מיט איסטן און איזמען. ער אָבער האָט געזאָגט נישט מער ווי אַז די טראַגעדיע איז נישט גרויס, ער האָט די גאַנצע צייט געטראַכט דערצו, ער איז גרייט מיט איר חתונה צו האָבן — ארקע וועלכער האָט זיך געפונען אין אַ ווינקל האָט צוגעגעבן אין געדאַנק „כדת משה וישראל” און קוים באַהערשט זיין געלעכטער — ווייל זי איז אַן איבערגעגעבענע. דאָס בית-דין האָט באַשטימט אַז חתונה האָבן מיט איר, אַז נעמען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון זיין טאַט איז נישט קיין שטראָף נאָר אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט און דאָס מוז ער טאָן תיכף. וואָס שייך אַ שטראָף וועט מען נאָך טראַכטן.

אַזוי איז יאָנעל געוואָרן אַ באַווייבטער און נאָך אַ פּאָר חדשים אַ טאַטע פון אַ זון, דער זעלבער צו וועלכן ארקע האָט געטראַכט אַז סע וואָלט געווען אַ יושר ער זאָל זיך געפינען אין אַזעלכע מאָמענטן לעבן זיין טאַטן, און ער געפינט זיך נישט. ארקעס געדאַנק וועגן יושר איז אין דעם פאַל גיכער אַן אַבסטראַקטער אָבער נישט איינער וואָס קאָן זיין אַ פועל-יוצא פון דער קאָנקרעטער פאָטער-זון באַציִונג. אַזעלכע האָט זי נישט אינגאַנצן געקאָנט זיין. דאָרו — אַזוי הייסט יאָנעלס זון — איז אויפגעוואַקסן געוואָרן פון אַן אַנדער טאַטן. נישט מער ווי אַ יאָר נאָך דער חתונה האָט זיך יאָנעל פון מאַריאַן אָפּגעגט. מאַריאַ האָט נישט

געקאָנט שלום מאכן מיט יאָנעלס שטייגער און מ׳איז זיך צעגאַנגען. ווען דאָרו האָט אָנגעהויבן גיין אין דער פאָלקס-שול פלעג ער פארברענגען די וואקאציעס ביים פאָטער און ס׳האָט אים געפעלן. ווען ער איז געוואָרן א גימנאזיסט האָט ער זיך אָנגעהויבן פרעגן פארוואָס איז עס געקומען צום שיידן זיך. די פראגעס זענען געבליבן אין אים, קיין ענטפער האָט ער נישט געפונען. אויב אלס שילער האָבן אים געפעלן די פאָר וואָכן וואָס ער פלעג פארברענגען מיט א טאטן וועלכן ער זעט נישט א גאַנץ יאָר, האָבן זיי אים אלס גימנאזיכט מער נישט פארוויילט און נאָך א פאָר טעג פלעג ער זיך אומקערן צו זיינע קאָלעגן. אצינד איז ער סטודענט. ער האָט א בעט אין סטודענטן-היים און א צימער ביים פאָטער. ער קומט ווען ער וויל, איבערהויפט ווען סע פארגלוסט זיך אים באגעגענען מיט אנדערע סטודענטן אָן דער אויפזיכט פון לערער. די באציונגען צווישן זיי זענען קיל-בלעכע אין קיין איינער פוןביידע געפינט נישט פאר נויטיק אָדער א וועג זיי צו פארענדערן צום גוטן. שולדיק איז אפשר מער יאָנעל וויל ער פרווט נישט גע-פינען א קאָנטאקט מיטן זון. אפשר וואָלט דאָרו געווען אימשטאנד תופס צו זיין יאָנעלס שטייגער, אפשר וואָלט ער פארשטאנען זיין באזונדערקייט — אויב די רייד זענען פון א באזונדערקייט — פון זיין חברן זיך מיט פון אים אסך יונ-גערע מיידלעך. געשעט אז דאָרו זאָל זיך באגעגענען אין פאָטערס הויז מיט א מיידל אין זיינע יאָרן וועלכע שפילט די ראָלע פון דער הויזווירטן און וויל אויס-נעמען אין זיינע אויגן מיט אונטערטראָגן א זיסעקייט, א קאווע, צי גאָר א שנאפס האָט ער דאָס געפיל אז דאָ קומט פאָר אָן אינצעסט און סע וואָלט זיך אים וועלן אָננעמען דאָס מיידל ביי די האָר, זי אָפּגיסן מיט קאלט וואסער און ארויסהענגען צום טרוקענען אויפן באלקאָן. אויב סע דערפירט נישט צו דעם דארף עס יאָנעל פארדאנקען דעם פשוטן מיידל וואָס ער האָט באגעגנט אין לאָבארד און וועלכע איז נישט נאָר אָן איבערגעגעבענע נאָר אויך מיט גרויסן שכל-הישר און האָט געטאָן אלץ אז דאָרו זאָל שטאָלץ זיין מיט זיין טאטן — זי האָט אים געמאָלט א פארגאנגענהייט וואָס האָט געקאָנט זיין נאָר א העלדישע, זי אויסגעפולט מיט גע-שעענישן און איבערלעבונגען וואָס רופן ארויס ביי יונגטלעכע באוווּנדערונג. אזוי האָט ביי דאָרון זיין טאטע באקומען א צווייזייטיק געשטאלט: א געוועזענער העלד און אן איצטיקער עובר-בטל. אן עובר-בטל איז מען מוחל, אָבער צו טאטע-זון באציונגען האָט עס נישט געקאָנט קומען און נאָך וויניקער צו חברישע. יאָנעלס מיינונגען האָבן אים נישט אינטערעסירט, זיי האָבן אים גענודיעט. א פריינדלעכער פון דער נאטור, אָנגענעמע מאניערן, סימפאטישע שטריכן האָט ער אויסגעמיטן גראָבקייטן. געשעט אז יאָנעל זאָל האָבן א פאָטערלעכן איינפאַל, פרוון פארפירן א שמועס, געבן עצות, זיך טיילן מיט זיין אייגענער עקספעריענץ,

מאכט דאָרו דעם אָנשטעל אז ער הערט זיך איין מיטן גאנצן ערנסט, אָבער אין דער ווירקלעכקייט איז ער אָפּוועזנד. זיינע געדאנקען זענען פארנעמען מיט פּראָגעם סטודענטישע — פרעמדע דעם עלטערן דוד.

„אליין ... פריקרע ... זייער פריקרע", איז געווען ארקעם אויספיר. ס'איז אים געווען א שאָד יאָנעל ...

## צווייטער טייל

# פון יאָסל צו יאָסיף דאַווידאָוו

## 1. דער מולד

גנענדל קאָן קיין אויג נישט צומאכן. זי איז אין די הויכע חדשים. לויט איר חשבון איז שוין לאנג צייט. די נאכט איז הייס און שרעקלעך דושנע. הייסע נעכט זענען אין די קאנטן — בארגיקע — נישט אָפטע, אפילו אום תמוז זעל־טענע. איר דאכט זיך אז אזא היץ איז נאָך קיינמאָל נישט געווען. עפּעס שרעקט זי.

ניין, נישט די קימפּעט. דאָס איז ביי איר נישט די ערשטע, געלויבט איז גאָט, שוין די פערטע, דריי מיידעלעך האָט זי געבראכט איר שמואל דודן. א נאָמען נאָך זיין מאמע עטל, נאָך זיין באבע דבורה, און נאָך זיין רבינס באָבע — נאָך דער אלטער רביצין פייגאלע וואָס האָט זיך געפּעלט צוריק מיט פיר יאָר און די חסידים האָבן געהאלטן פאר א כבוד און ייחוס צו קאָנען נאָך איר א נאָמען געבן, ווייל זי איז געווען א גרויסע צדקת און דאָס ברענגט שפע און ברכה אין שטוב און איז א סגולה צו אלעמען. דער רבי איז דערמיט צופרידן און אליין פילט מען זיך גלייך ווי אביסעלע נענטער צום הויף וואוהין מע פאָרט צוויי מאָל א יאָר. אוודאי וואָלט זי אים געדארפט און געוואָלט געבן א זון. נישט נאָר פאר אים, נאָר טאקע אויך פאר זיך. וואָס סע הייסט א זון דארף מען נישט זאָגן, איעדער ווייסט עס אליין. שמואל דוד האָט דאָס קיינמאָל נישט געזאָגט. ער וועט קעגן גאָט און זיין ווילן נישט זינדיקן אזוי אז יעדע געבורט איז אויפגענומען געוואָרן מיט גרוים שמחה. די פרייד איז יעדעס מאָל געווען א גרויסע אָבער מיט א שטשער־בעלע, מיט א דרינדשעלע, מיט א הינטער־קול.

די געבורט שרעקט זי נישט. ס׳האָט זי קיינמאָל נישט געשראָקן, זי האָט זיך פארלאָזט אויף גאָטס באראָט. אויך דאָס מאָל שרעקט זי זי נישט. דאָס וואָס שרעקט

זי איז עפּעס אנדערש: עפּעס א געדאַנק, אַן אומבאַשטימטער אַזאַ. פּונקט וואָס קאָן זי נישט זאָגן. ס'איז א געדאַנק וואָס קאָן נישט אָנגעטאָן ווערן, אָדער לאָזט זיך נישט אָנטאָן מיט ווערטער. ער שוועבט. אָט, אָט און זי ווייסט שוין פּינקט־לעך וואָס דאָס איז און תיכף איידער זי אויספּייעט אים כאַפּן איז ער שוין ווידער פאַרשווינדן, שוועבט ער שוין ווידער אין דער פינצטער א נישט קלאָרער און די צייט זעט אויס צו זיין גאָר, גאָר גאָענט. מע וואָלט אפשר געדאַרפט א קרעכץ טאָן שמואל דוד זאָל פרעגן: „הא? ווי פילסטו דיך״? און זי זאָל אפשר טאַקע זאָגן אַז מע וואָלט אפשר געדאַרפט צווויסן טון דער הייבאַם. דאָס לעצטע מאָל האָט זי אויך אזוי געטאָן, געשוויגן, געשוויגן און ווען זי האָט שוין יאָ געזאָגט און שמואל דוד האָט געאײַלט צו חיה דער הייבאַם איז זי טאַקע געקומען לאחר המעשה. אמת זי האָט זיך נאָך געפּאָרעט א צייט אַרום איר, גלייך די געבורט וואָלט געשען ערשט נאָך איר קומען, אין איר אָנוועזנהייט, מיט איר הילף אָן וועלכער קיין יידיש־קינד קאָן דאָ, צווישן אָט די בערג, אויף דער וועלט נישט קומען און גנענדל איז שוין געווען בכוח צו מאַכן דעם אָנשטעל, מיט א שוואַכן, בלייכן, קוים־קוים שמייכל, אַז אַזוי איז עס, אַז טאַקע אַצינד גייט זי צו קינד. דאָס מאָל אָבער איז איר דער בויך צו שווער און דערצו דער געדאַנק וואָס באַמבעלט זיך אין קאָפּ און פּינקטלעך וואָס ער וויל זאָגן אָרער חס וחלילה אָנזאָגן ווייסט מען נישט. שרעקט ער, און די שרעק איז פּונקט ווי ער אַן אומבאַשטימטע, און ווי אַלץ וואָס אומבאַשטימט נאָך שרעקלעכער, דרייט זי זיך איבער פון דער פּלייצע אויף א זייט, מיטן פּנים צו שמואל דודס בעט, אפשר וועט אַזוי ווערן לייכטער, אפשר וועט אַזוי ווערן קלאָרער, ווייל שטענדיק ווען זי פילט שמואל דודן אין דער נאָענט ווערט אַלץ זיכערער, שלומדיקער. אויך דאָס מאָל איז עס אַזוי. דער געדאַנק איז גלייך אַוועק אין די טיפקייטן פון דער נאַכט, דער ווייטיק וואָס זי האָט געפילט בעת דעם איבערדרייען זיך אויף א זייט איז אויך אַוועק. „גלייכער וואָס כ'האָב אים נישט איבערגעוועקט, האָט זי געטראַכט, גלייכער וואָס נישט אַרויסגעלאָזט א קרעכץ, נישט אומזיכט געשטערט זיין שלאָף, ער שלאָפט דאָך אַזוי ווייניק. זיצט ביז שפּעט אין דער נאַכט איבער ספרים, שטייט אויף איידער די הענער קרייען און ווידער צו א ספר. דעם גאַנצן טאָג לויפט ער זיך נעבעך אָן נאָך פּרנסה״. זי קוקט זיך איין צום קעגנאיבערדיקן בעט, אויפן ציכטיק־ווייסן קאָפּ־קישעלע שיילט זיך אויס א שוואַרצער קאָפּ האָר און א לאַנגע ווייסע, שניי־ווייסע באָרד.

א וועלט וווּנדערט זיך איבער דער ווייסער באָרד וואָס באַזוימט שמואל דודס יונג פּנים. דאָס איז זי ווייס געוואָרן אין דער צייט פון א קראַנקייט, א משונה—מאָדנע קראַנקייט, אויף אַלע פוסטע וועלדער. גרויסע היץ, וויקלעניש

אין נאסע לײלעכער, ס'איז געקומען צום רײסן קברים, אין אײן נאכט איז די באָרד װײס געװאָרן און אויף אינדערפרי האָט עס אָפּגענומען װי מיט דער האנט. קײנער האָט נישט געקאָנט דערגײן װאָס עס איז געװען. דאָקטוירים האָבן זיך נאָך דעם געװעױטלט אז װען סע זאָל נאָך געװען דויערן א טאָג װאָלט אויך דער אָפּ װײס געװאָרן. ער האָט א טבע צו זאָגן: „דעם קאָפּ האָט מען מיר געלאָזט א יונגן'', כאָטש אין זײנע אײגענע טיפּענישן האלט ער אז ס'איז עפּעס א צײכן, א װונק פון העכערע װעלטן אפשר אויף א שליחות װאָס שטײט אים פּאָר. דאָס זאָ ּכ ער אָבער קײנעם און קײנמאָל נישט װײל ער װײכט פון ספרים, װעגן װעלכע מע רעדט װײניק, אז אזעלכע זאכן דארף מען פארשװײגן.

שמואל דוד איז א ײנגערמאן מיט אן אלטן שטײגער, אָדער מיטן שטײגער פון אן אלטן. דאָ אין זײן געגנט איז ער נישט קײן אויסנאם. דאָ זענען פאראן הונדערטער און טויזנטער אזעלכע װי ער. אזעלכע װי ער אין שײכות מיטן שטײגער אין אלגעמײן, דאָס הײסט מיטן זיצן שעהען לאנג איבער ספרים, מיטן דאװענען דרײ מאָל א טאָג, מיטן גײן צװײ אָדער דרײ מאָל א װאָך אָדער גאָר יעדן אינדערפרי אין מקוה, מיטן דחקות אין פרנסה, מיט צער גידול ... בנות, װײל קײן זון האָט ער נישט און דאָס מוטשעט זײן געמיט. פאָרװורפן מאכט ער קײנעם נישט, נישט דעם װאָס כאשטימט דעם גורל פון יעדן באשעפעניש און אויך נישט גנענדלען. ער האָט זי האָלט, גנענדלען, כאָטש קײנמאָל װען ער זאָגט הנך יפה רעיתי װעט אים נישט אײנפאלן אז דאָס קאָן מײנען זי; דער געדאנק װעט אים נישט טראָגן ערגעץ אנדערש װי נאָר צו דער שכינה אפילו װען ער זאָגט: על משכבתי בלילות בקשתי ... גנענדל איז עפּעס אנדערש. זי איז דאָס לעבן אָן װעלכן מען קאָן נישט לעבן. פאר דער חתונה האָט ער זי נישט געקענט, כאָטש געװאוינט האָבן זײ כמעט בשכנות. אנדערע האָט ער אויך נישט געקענט. דאָס האָט נישט געהערט צו זײנע געדאנקען פארנומעכצן. ער װאָלט נישט געקאָנט זאָגן אז דאָס איז א פארשפּעטיקטער שטײגער, אז דאָס איז אן איבערגע-פּלאנצטער געדאנקען-גאנג פון ת''ח אויף תר''עד. נײן אזוי איז עס פון װעלט באשאף באשטימט געװאָרן און אזוי דארף עס זײן. באשטימונגען פון דער צײט האָבן בײ אים א זײער קלײנע װערט, זײ זענען נישט מער װי פון מענטשן צו-געטראכט כדי זיך צו באװעגן פון — ביז. ער האלט אז װען גאָט האָט באשאפן די װעלט האָט ער אויך באשאפן אײנמאָל פאר אלעמאָל די צײט װעלכע שטײט אזוי פון דער רגע װען ס'איז ארויסגערעדט געװאָרן: און סע זאָל זײן ליכט. אזוי אז די צאָלן 1648 צי גאָר 1914 האָבן קײן שום װערט נישט סײדן ... סײדן זײ שטאמען פון א פּסוק און זײ שטעלן מיט זיך פאָר אן אָנזאָגעכץ, א התראה. דאָס

ווייל לויט שמואל דודס מיינונג איס ספירה געקומען שפּעטער, אַז אויך פון גאָט געשענקטע ,אָבער שפּעטער.

דאָס הייסט אָבער נישט אַז שמואל דוד שטויכט אָפּ אפּריאָרי, פון אָנהייב, יעדן אופן וואָס איז נישט זיינער. ווי מאָדנע סע זאָל נישט אויסזען, האָט ער אין דעם זין ארייגעשפּאנט טיף אין יאָרהונדערט אין וועלכן סע וויקלט זיך אָפּ זיין שווער סתירהדיק לעבן. מיט דעם איז ער אפשר יאָ אַן אויסנאַם ווי אויך מיט דעם וואָס דאָס וואַרטן אויף אַ זון — די האָפענונג אַז דער וואָס לעבט אייביק וועט אים נישט פארגעסן האָט ער נישט פארלוירן — דאָס וואַרטן אויף אַ זון האָט אים פארפירט אויפן וועג פון גימטריאות און סימנים. דאָס האָט אים, שווער צו זאָגן פארוואָס, געפירט אויף אַ מאָדנעם וועג — פון אָפּגעבן אַ באַזונדערן ווערט דעם מולד. אפשר איז אין דעם שולדיק דער הימל פון אָט דער בארגיקער געגנט. אין זיין יאָגן נאָך פרנסה האָט ער נישט איין מאָל געמוזט אדורכשפּרייזן מיט געאייַלטע אָדער ווייניקער געאייַלטע טריט די וועלדער פון ארום. ווען ער פלעגט, נאָך עטלעכע מייל וואַלד-פינצטערניש ארויפקומען אויף אַ שפּיץ נאַקעטן בארג און דער הימל האָט זיך געשפּרייט אַ לויטערער, פלעגט ער בלייבן שטיין אי איבערצוכאַפּן דעם אָטעם, אי זיך ליובעווען מיט די מיליאָסן אזוי ווייטע און דאָך נאָענטע שטערן, ווייל ווי קליין זיי זאָלן נישט זיין באַלויכטן זיי די נאַכט. זייער אָפט דערמאָנט ער זיך אַז ווען ער איז געווען אַ קינד, אין גאַנצן אַ יאָר זעקס אָדער זיבן, האָט אים זיין טאַטע מיטגענומען אויף אַ נסיעה אין דער נאָענטער שטאָט. געפאָרן זענען זיי מיט אַ וועגעלע, טאַקע מיטן אייגענעם פערד און וועגעלע מיט וועלכן מע פלעג זיך ארויסהעלפן ביים באַארבעטן די צוויי לאַנצן ערד וואָס מ'האָט צו יענער צייט פארמאָגט. ער געדענקט נישט צי האָט מען געפירט אין שטאָט פּוטער, מילך און סמעטענע צי גאָר אַ פאָר קוישן אונגערישע פלוימען. דאָס וואָס געווען אין וועגעלע איז מיט דער צייט פארנעפּלט געוואָרן, נישט מער ווי אַ בערגלידיקער ברעזענט מיט וועלכן מע פלעג געוויינטלעך איינדעקן די סחורה. אזוי איז עס געווען: כל זמן די מילך, דער קעז און די פּוטער זענען געווען אין שטוב איז עס געווען דאָס וואָס ס'איז — מילך, קעז און פּוטער, אין מאָמענט אָבער ווען מע האָט דאָס אַלעס געלאָדן אין וועגעלע איז עס געוואָרן סחורה. צוגעדעקטע מיטן ברעזענט זענען די קאַנעז, טעפּלעך, לאָדישעס, ערדענע און הילצערנע שיסעלעך געוואָרן אַ מאָדנע בארגלדיקער פּייכאַזש וואָס רופט זיך סחורה און קאָן אויסגעביטן ווערן אויף קעראָסין, זאַלץ, פּידקאָוועס, אקעראייזנס און צו מאָל אויך אויף אַ האַלב היטל צוקער, צוויי הערינגעס, אַ האַלב פונט מאַסלינעס, צי גאָר ראָזשינקעס און אנדערע לאַקעטקעס מיט וועלכע שמואל דודס טאַטע פלעג דערפרייען דאָס גאַנצע הויזגעזינד.

ארויסגעפֿאָרן איז מען פֿאַרטאָג. שמואל דוד — דעמלט נאָך שמואלעקל דער שוואַרצער, שפּעטער, מיט יאָרן וועט ער ווערן שמואל דער רויטער, ווייל זיין באָרד ביז זי איז געוואָרן א ווייסע און פֿון שמואלן איז געוואָרן רבי שמואל דוד, איז זי געווען א רויטע — האָט פֿאַרבראַכט כמעט דעם גאַנצן טאָג אויפֿן וועגעלע, געקוקט מיט ברייט געעפֿנטע אויגן אויפֿן מאַרק, זיך געוווּנדערט וואָס די שטיבער אויף די גאַסן זענען אזוי נאָענט איינע צו דער צווייטער, נישט פֿאַרשטאַנען ווי אזוי מע קאָן זיך אויספּלאָנטערן אין דעם געטומל און — איינציטיק אָפּגעהיט פֿערד און וועגעלע. אהיים איז מען ארויסגעפֿאָרן פֿאַרנאַכט. נאָך א קורצער צייט האָט אָנגעהויבן דער וואַלד — דער זעלבער וואָס אינדערפֿרי אָבער אינגאַנצן אַן אַנדערער. די נאַכט האָט געהילט אין כּישוף. און דער כּישוף איז געווען פֿול שרעקלעכע סודות. געזעסן איז שמואליקל אָנגעשפּאַרט מיטן פּלייצקעלע אין טאַטנס — ווי אים האָט זיך געדאַכט — ברייטן פֿון אַלץ באַשיצנדיקן רוקן. אזא גרויסע פּלייצע האָט געהאַט שמשון הגיבור. נישטאָ וואָס מורא צו האָבן פֿאַר ווילדע חיות, דער טאַטע וועט זיי צערייסן אויף שטיקער. די נאַכט האָט אָבער געהילט נישט נאָר אין פֿינצטערניש, נאָר אויך אין קילקייט. דאָס קילעניש האָט זיך ארייננגעגנבעט אונטער די קליידער, צווישן שטרוי מיט וועלכן דאָס וועגעלע איז געווען אויסגעבעט. דעם טאַטן האָט ווייזט אוים גענומען א דראָזש און ער האָט א דראָבנעם צימער געטאָן. פֿון צווישן די ביימער האָבן מער נישט געלויערט ווילדע חיות; אוים לייבן און לעמפּערטן, אוים בערן און וועלף. פֿון צווישן די ביימער קוקן גאָר שאָטנס. שאָטנס צערייכט מען נישט ווי א לייב, אָדער א וואָלף.

שמואלעקל האָט אויפֿגעהויבן די אויגן צום הימל — הוילע פֿינצטערניש, נאָר פֿון צייט צו צייט ציטערט אויף צווישן די בלעטער א שטערנדל, א דערשראָקנס, א נישט זיכערס אזא, א קוים-קוים לעבעדיקס. דאָס פֿערדל שלעפּט שווער די פֿיס. שמואלעקל האָט זיך נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון אז דאָס פֿערדל ציט אזוי שווער דאָס וועגעלע ווייל זיי פֿאָרן באַרג-ארויף. אים האָט עס אויסגעזען גלייך נישט געזעענע באַשעפֿענישן פּענטען דאָס אָרעמע פֿערדל, מוטשען עס, שטערן זיי אין וועג און דערפֿאַר גייט, פֿון צייט צו צייט, איבערן טאַטנס פּלייצע א דראָבנער דראָזש.

פּלוצעם איז דער וואַלד פֿאַרשוווּנדן. איבער דעם נאַקעטן באַרג-שפּיץ האָט זיך געשפּרייט א טיפֿער שוואַרץ-בלויער הימל באַשיט מיט מיליאָנען שטערן. און זע א נס — די קליינינקע שטראַלעכלעך, די קוים פֿינטלענדיקע שטערנדלעך וואַרפֿן אזא גרויסע ליכט! אוים שאָטנס, אוים שרעק!

מיגלעך אז דעמלט איז אין אים געבוירן געוואָרן דער נייגער און דער סודותפֿולער אינטערעס צו די שטערן אין הימל, און אפֿשר אויך פֿון דאָ דער אינ-

טערעס פאַרן מולד, ווייל די לבנה איז דאָך אויך אַ כאַרט שטערן און דערצו איינער וואָס ווערט יעדן חודש פונסניי געבוירן.

קיינער, אויך נישט גנענדל, וועט קיינמאָל נישט וויסן וועגן שמואל דודס געגנג אין די סוף חודש-נעכט. גנענדל האָט זיך צוגעוווינט צו שמואל דודס אויפ־שטיין אין דער נאַכט, זיך אַרויסכאַפּן אויפן הויף און צומאָל פאַרגעסן זיך אומ־צוקערן. נישט ווייט פון זייער הויז איז דאָס בית-המדרש-שטיבל, און אויב פון דאָרט האָט געשיינט אַ שטראַלעכל האָט עס אים אַ צי געטאָן אַהין. וואָס פאַרא זין האָט זיך אומקערן אין בעט ווען מע קאָן זיצן און אַריינקוקן אין אַ ספר, זוכן און געפינען באַשייד פאַר כאָטש אַ טיילעכל פון די אָנצאָליקע סודות אין וועלכע ס׳באַדט זיך די וועלט. גנענדל האָט שלום געמאַכט מיט איר מאַנס אופן ווייל ער איז דער מאַן און קיין דעות — איבערהויפּט אין נשמה ענינים — דאַרף מען אים נישט זאָגן. ער שעפּט דאָרט כוחות פאַר דעם פאַרוואָגלטן לעבן אין וועלכן דאָס-פּרנסה פאַרנעמען שטענדיק צופיל צייט. דערצו איז עס דאָך אויך פאַר איר — ווייל גנענדל האָט געגלייבט אין עולם-הבא און נאָר אין אַזעלכער אין וועלכער זי מוז און וועט זיין צוזאַמען מיט און אַ טייל פון אים אין זיין זכות.

דאָס האָט געוווּסט גנענדל מיט איר גאַנצן מהות.

אַזוי ווייסט זי אויך איצט ווען זי ליגט מיט אָפענע אויגן, קוקט צום קאָפּ־קישעלע פון וועלכן ס׳שיילן זיך אויס שמואל דודס שוואַרצע האָר, הערט זיך איין צו זיין שטילן שנאָרכן און איז צופרידן וואָס דער וויטיק איז געווען נישט מער ווי אַן אויסדראַכטעניש און דאָס איבער דעם געדאַנק וואָס האָט זיך גע־באַמבלט און אָנגעוואָרפן אַ שרעק. אַ נאַרישע שרעק. זי זעט ווי ער וועקט זיך איבער, לאָזט אַראָפּ די פיס פון בעט גלייך אין די שיך, גייט אין ווינקל וווּ סע שטייט אויף אַ טאַבורעטקע דער עמער וואַסער און דערנעבן אויף אַ פוס-בענ־קעלע אַ שיסל. שעפּט אַ קוואָרט וואַסער, גיסט זיך אָפּ די נעגל, ציט אויף זיך די קאַפּאָטע און לאָזט זיך מיט שטילע טריט אויפן הויף. „דאָס באַוועגט ער זיך אַזוי שטיל ער זאָל מיר נישט שטערן", טראַכט זי און לאָזט אים מיינען אַז אַזוי איז עס, אַז מיט זיין אויפשטיין, מיטן וואַסער גיסן און מיט דעם אי־בעריקן האָט ער איר נישט געשטערט די רו אין וועלכער זי נייטיקט זיך אַצינד ווען סע שטייט איר פאַר אַזאַ שווערער פּרווו.

אַרויס פון שטוב איז שמואל דוד אַ רגע שטיין געבליבן. אַ קיל ווינטעלע האָט אַ וויע געטאָן צווישן די לאַנגע פּעדים פון זיין ווייסער באָרד זי אַ שאַר טוענדניק לינקס. פרישע לופט האָט אַ גלעט געטאָן די נאַקעטע ברוסט. ער האָט

אויפגעהויבן די אויגן צום הימל, געוואָלט אפשר זאָגן א תפילה, נאָר דערזעענ-
דיק די טיפע לויטערקייט האָט אים באהערשט א שרעקלעכע פרייד, א פרייד צו
וועלכער זיין נשמה האָט נאָך ביז איצט קיין מאָל נישט זוכה געווען זיך צו דער-
הויבן און ער האָט געפילט, אָדער גאָר געהערט, אז דאָס מאָל וועט ער זען מיט
די אייגענע אויגן דעם מולד — די געבורט פון א נייער לבנה.

ער טוט דאָס נישט ווי אמאָל ווען מ׳האָט אויף אזא אופן באשטימט דעם
גאנג דורך דער צייט פון די חודש-טעג און אויך יענע אין וועלכע מע וועט דאר-
פן פראַוועון יום-טוב. דאָס איז נישט זיין חוב — ער וואָלט אפשר נאָר אזא חוב
אויף זיך נישט גענומען. ער איז צו גרויס. ער וויל נישט מער ווי האָבן פשוט
די זכיה צו זען דאָס וועגן וועלכן זיינע אורעלטערן פלעגן קלעטערן אויף בערג
און נישט אליין — ווייל זיי האָבן געמוזט האָבן עדות כדי דאָס פעסטשטעלן
די הייליקע טעג זאָל זיך נישט מיסד זיין אויף נאָר איינעם וואָס האָט געזען, ווייל
דער מענטש איז אונטערגעוואָרפן דעם טעות. מיט דעם געפיל אז דאָס מאָל וועט
עס אים געלינגען האָט ער זיך געלאָזט צום בארג-שפּיץ אויף וועלכן ער האָט
ביז איצט נישט איין מאָל געקלעטערט און דאָרט אָפּגעזעסן שעהען — לאנג
אויסשפּירנדיק דעם הימל.

... צוערשט האָט ער געהערט א שטיקלייט וואָס קוילערט זיך פון די נאָענטע
הייכן אין די ווייטע, אין די אומענדלעכע, ביז זי ווערט אויפגעלעזט אין איין,
אין כאָאָס, צו זיין געדאנק איז דערגאנגען אז ערגעצוו געשעט א פארבאשאף
און ס׳איז אים איינגעפאלן אז ער וואָלט זיך געדארפט ווארפן מיטן פנים צו
דער ערד. ער איז בייגעשטאנען דעם נסיון. צוריקקערנדיק זיך פון אין-סוף
האָט די שטילקייט גענידערט איבער טאָלן און איר ווידערקול האָט געצויגן
ווי א פרילינג-ווינטל מיט א קוים הערבארן לאנגן שששש ... אונטערגעשטראָכן
פון א גרילץ. דאָס האָט געזונגען איר שירה א הינטער דעם מאָרגנשטערן בא-
האלטענע גריל. ביים זעניט האָבן זיך געזאמלט כמארעס. דאָס גערויש פון זייער
קאָכעניש איז דערגאנגען ביז גאָר נאָענט פון פלאץ ווו שמואל דוד איז געזעסן
מיט אויסגעגעגלאָצטע אויגן. פלוצעם האָט זיך פון די וואָלקנס אויסגעטיילט א
זילבערן הירשעלע מיט בריליאנטענע הערנערלעך און גאָלדענע קאָפּעטקעלעך,
דאָס הירשעלע איז געשפּרונגען מיט אימפּעט פון איין כמארע צו דער צווייטער
ביז ס׳איז אריינגעשפּרונגען אין ברייט צעעפנטן מויל פון אן אָנגעהויערן מאָ-
גערן שווארצן וואָלף. דאָ האָט זיך באוויזן א בופלאָקס, גרויס ווי דער שור-
הבור מיט א גריווע פון זעקס הונדערט זעקס און זעכציק איילן און הערנער ווי
דריי-יעריקע ביימער פארשפּיצטע ביז גאָר, ער האָט דורס געווען דעם וואָלף
אים גענומען אויף די הערנער, געוואָלט אויסמאַריקען זיין נצחון האָט אָבער

א שמואל דודן אומבאקאנטע חיה, אזא וואָס מע קאָן נישט באשרייבן. ווייל איר אָנהייב אין איר עק פארלירן זיך אין אין-סוף, אייגעשלינגען דעם בופלאָקס. די מזלות האָבן זיך אָנגעהויבן דרייען אין א ווילדן קאראהאָד זינגענדיק שירה, די חיה האָט געפּלאצט און פון אירע אינגעווייד ן האָט זיך ארויסגעקוילערט א זילבער קיילעכל, זיך געדרייט, געדרייט ביז זיך אויסגעצויגן אין א דין שלענ-געלע וואָס האָט זיך אויסגעלייגט אין אן אָנהייב פון א האלב-קרייז. עלף שטערן האָבן זיך געבוקט שעפּטשענדיק: געבוירן, געבוירן, געבוירן געוואָרן א נייע לבנה. שמואל דוד האָט זיך אויפגעכאפּט פון כישוף און צו זיין גרויס וואונדער האָט ער געהערט זיינע ליפּן שעפּטשען: ואחד עשר כוכבים משתחוים לי, זיך דערמאנט אז דאָס איז אן אלטער חלום, אז דער חלום האָט געשפּילט א גאָר גרויסע ראָלע אין דער געשיכטע פון זיינע אור— זיידעס און נישט פארשטאנען וואָס דאָס קאָן האָבן צו טאָן מיטן מולד. מיגלעך דאָס זאָל זיין א ווונק וואָס באַ-לאנגט אים... ער האָט זיך געלאָזט פירן פון זיינע נישט זיכערע טריט אויפן וועג אהיים און נישט געקאָנט אָפּרייסן דעם בליק פון ליכטיקן שלענגעלע מיטן דינענקן אין צווייען געשפּאָלטענעם צינגעלע וואָס האָט געפּויזעט ביים הימל אָנהייב. אומגעריכט איז געקומען אויפן געדאנק גנענדל, דערמאָנט אז די צייט איז ביז גאָר נאָענט, אז סע וואָלט געווען א יושר ער זאָל זי נישט לאָזן אליין. ער האָט געאיילט די טריט. „אויב סע וועט זיין א בן-זכר וועט ער מוזן הייסן יוסף“, איז אים איינגעפאלן און ערגעץ אין א ווינקל מוח האָט געסטראשעט א שלענגעלע. „וואָס פארא שייכות האָט אהער נחש?“ האָט ער זיך געפרעגט און תיכף פארגעסן. אָנגעקומען נאָענט צו דער שטוב האָט ער געזען אז אלע פענצטער זענען באלויכטן און פארשטאנען אז עפּעס איז געשען. אין איילעניש האָט ער זיך פארטשעפּעט אין א שיך-בענדל, שיער נישט געפאלן. אויף דער טיר האָט אויף אים געוואַרט חיה די הייבאַם.

— וואו זענט איר עס פארפאלן געוואָרן, רבי שמואל דוד? סע קומט אייך א גרויסער מזל-טוב. ס'איז א יינגעלע!

— מיט מזל זאָלט איר לעבן, האָט ער געענטפערט און געלאָפן גרייטן קוויט-לעך אויסצוהענגען ארום דער קימפּעטאָרינס בעט און אויף די פענצטער און טירן.

דעם יינגעלע האָט ער א נאָמען געגעבן יוסף.

צוויי וויכטיקע זאכן האָט שמואל דוד נישט געוווּסט:

ראשית, אז מיט טויזנט אכט הונדערט פיר און זיבעציק יאָר צוריק האָט דער מולד פון חודש אָב אויסגעזען פּינקט ווי דער וועלכן ער האָט געזען בשעת

דער געבורט פון זיין זון, און אז געבוירן געוואָרן איז דעמלט נישט דער יוסף צו וועלכן ס׳האָבן געפירט זיינע געדאנקען נאָר גאָר יוסף בן מתתיהו הכוהן, דער שפּעטערדיקער יאָסעפוס פלאוויוס.

והשנית, אז מיט נישט מער ווי א פּאָר צענדליק יאָרן פאר דער געבורט פון זיין זון האָט א געלערנטער — וואָס וועט נאָך לאנגע שטרויכלונגען אויפ־געגומען ווערן ווי א תנאי פון וועמענס ווערטער מע טאָר קיין אות נישט רירן, נאָך דעם געלייקנט ווערן און שפּעטער ווידער גערעכנט ווערן פאר א נביא — נאָך אסך נישט געשלאָפענע נעכט און לאנגע מוטשענישן אין וועלכע ער האט געפּרוווט דערגיין צו די סודות וועלכע סע רעגירן די קרומקיילעכדיקע מענ־טשלעכע געשיכטע, אָנגעשריבן פאָלגנדיקע ווערטער וואָס קאָנען אָנגענומען ווערן אלס אן אקסיאָמע:

„העגעל באמערקט ערגעץ אז אלע גרויסע געשעענישן און פערזענלעכקייטן וואָס האָבן א וועלטגעשיכטלעכן ווערט באווייזן זיך, אזוי צו זאָגן, צוויי מאָל. ער האָט פארגעסן צוצוגעבן: דאָס ערשטע מאָל אלס א טראגעדיע און דאָס צווייטע מאָל אלס א פארס״..

## 2. ביי שמואל-דודן וואַקסט אַן עילוי

אַ נאָמען געגעבן האָט שמואל-דוד זײַן זון יוסף.

ווי באַקאַנט איז דער נאָמען געקומען אויף דער וועלט ווען אַ לאַנגיאָריקע אומגליקלעכע עקרה האָט געבוירן, נאָך לאַנג וואַרטעניש, איר ערשטן זון. אַ פאַרבלענדעטע פון נס, האָט זי נישט געוווּסט פאַר וואָס פריִער צו דאַנקען דעם באַשאַפער פאַר דעם וואָס ער האָט פון איר אָפּגעטאָן די בושה און דעם גרויסן ווײ פון אומפרוכפּערדיקייט, צי גאָר פאַר דער האָפענונג אַז זי וועט געבוירן נאָך און נאָך, דערלעבן געבן איר מאַן און באַשיצער אַ גאַנצע טשאַטע קינדער ווי סע פּאַסט פאַר אַ מאַנצביל פון דער מזרח וועלט. פון איר צווייטײַטנדיקן דאַנק און תפילה איז געבוירן געוואָרן דער נאָמען יוסף. צווייטײַטיק איז אויך דער גורל פון די יוספס וואָס האָבן געלאָזט אַ שפּור אין דער געשיכטע. דאָס קלעטערן אויף דער לייטער פון אומשטאַרבלעכקייט איז געווען פאַרבונדן מיט צאָלן אַ גרויזאַמען צינז — פאַרפרעמדט ווערן פון אייגענעם פאָלק. אַזוי יוסף בן יעקב דער זון פון רחל, אַזוי אויך להבדיל יוסף בן מתתיהו הכוהן. כאָטש ס'איז נישט אין דער טבע פון זאַמלער פון די דערציילונגען צו להבדילן און בלי-נדרן, דאָס לאָזט ער מיט פאַרגעניגן די רבנים, וואָס נוצן עס עד היום צו זייער פּרנסה, אין דעם פאַל אָבער פילט ער אַז מע מוז. נישט אַזוי מחמת דעם וואָס צווישן יידן האָבן זיך באַוויזן נאָך דרײַ טויזנט פיר הונדערט יאָר פון ערשטן און קנאַפּע צוויי טויזנט יאָר פון צווייטן ספרים-ברענער, ער האָפט אַז זיי וועלן נישט באַמערקן דאָס אַוועקשטעלן די אויבן דערמאָנטע יוספס איינעם נעבן צווייטן אפילו מיט אַ להבדיל מחיצה, ווײַל אויב יאָ כאַפּט אָן אַ שרעק נאָר בײַם געדאַנק צו וואָס מע קאָן זיך דערוואַרטן פון אַזעלכע בריאות. ניין, נישט די מורא איז די סבה, ער האַלט באמת אַז דער אונטערשיד צווישן זיי איז אַ גוואַל-דיקער; כאָטש דער מקור איז אין תוך גענומען אפשר דער זעלבער: די גירי-קייט צו קריכן אויף דער לייטער פון אומשטאַרבלעכקייט. דער להבדיל ווערט

בארעכטיקט מיט דעם וואָס ביים צווייטן האָט עס דערפירט צו פאַרראַט. דאָ אָבער זענען געזאַמלט געוואָרן פאַרצייכענונגען וועגן אַ יוסף וואָס לעבט אין אַנדערע צייטן — צייטן אין וועלכע דער נאָכאַנאַנד פון פאַרפאַרעמדונג, פאַרראַט, תשובה און איבערצייגונגס-טוישונגען איז אַזאַ גיכער, אַזאַ שווינדלענדיקער אַז ס'איז שווער זיך פאַנאַנדערצוקלייבן ווען ס'איז איינס און ווען דאָס אַנדערע.

ווען יאָסעלע — אַ געפּעסטעטער און געצערטלטער פון מאַמע און שוועסטער — איז אַלט געוואָרן דריי יאָר, האָט אים שמואל-דוד אָנגענומען ביים הענטעלע, צוגעפירט צום טיש, אַוועקגעזעצט אויף אַ בענקל, אונטערגעלייגט אַ קישעלע, דעם קינדס קעפּל זאָל זיין העכער פון טיש, אַוועקגעלייגט פאַר אים אַ סידור מיט גרויסע אותיות און אָנווייזנדיק אויף איינעם פון זיי, געזאָגט: דאָס איז אַן אַלף. ער האָט געוואָלט זיין דער ערשטער וואָס לערנט מיט זיין בן-יחיד דעם אַלף-בית, דער וועלכער עפנט פאַר אים דעם וועג וואָס פירט צו דער תורה. ווי גרויס איז אָבער געווען זיין פאַרווונדערונג ווען יאָסעלע האָט געענטפערט:

— און דאָס איז אַ בית...

„זאָל דער מלאך געווען פאַרגעסן אים אַ שנעל טאָן אונטערן נעזעלע?“ האָט זיך געפרעגט שמואל דוד באַטראַכטנדיק דאָס אייבערשטע ליפּעלע, און נישט באַמערקנדיק דאָס געוויינטלעכע גריבעלע האָט ער זיך דערמאַנט אין יענער מולד-נאַכט, אין דעם פאַר קיינעם נישט אויסדערציילטן סוד, און אַ רגע געבליבן אין פאַרלעגנהייט. אָבער נישט מער ווי אַ רגע. אים איז איינגעפאַלן אַז דאָס קאָנען זיין די שוועסטער צי גאָר די מוטער וועלכע זאָלן אים האָבן געוויזן אַ פּאָר אותיות כדי זיך באַרימען מיט דעם קינדס חכמה.

ער האָט אים אָפּגעפירט אין חדר.

ס'האָט לאַנג נישט געדויערט און אין דער געגנט — אַ געגנט אין וועלכער אויך די דערפער זענען געווען איינגעטונקען אין תורה — האָט מען אָנגעהויבן רעדן וועגן שמואל-דודס זינדל. דעם נאָמען יאָסעלע שמואל-דודס האָט מען אָנגעהויבן אַרויסרעדן מיט אַ באַזונדערער האָפענונג. אַזוי איז עס געווען ביי יידן נישט נאָר פון יענער געגנט — ווי באַלד ס'האָט זיך באַוויזן אַ קעפּל האָט מען געטראַכט אַז עילוי, און אויב אַן עילוי וועט ער זיכער זיין אַ צדיק. אַ צדיק מוז ברענגען אַ ישועה און ישועות האָבן יידן געדאַרפט אומעטום און אין אַלע צייטן.

יאָסעלע האָט געשמט מיט זיין חריפות, מיט זיין שאַרפן געדאַנק, מיטן אופן פון איינזאַפּן און איבעראַרבעטן אין אייגענעם מוח די שווערסטע מפורשים און מדרשים, אויף אַ מעסערשאַרף אַרויסגעזאָגטע השערות, מיט זיין אויסערגע-

זוויינטלעכן זיכרון. געגוג געווען דאָס מינדסטע אָנצוהערעניש, קוים א ווונק אז ער זאָל דערפון ארויסלייענען, אפילו פאר למדנים, איבעראשנדיקע מסקנות. צו מאָל האָבן זיך אפילו די מלמדים געשראָקן פאר זיין געוואגטקייט. אין אנדערן וואָלטן זיי אפשר אָפּגעשטויסן, אויב ניש׳ט געוואָרפן אין חרם, פאר אזעלכע געדאנקען, יאָסעלע אָבער איז דאָך נישט מער ווי א קינד...

געוואקסן איז יאָסעלע שטאָלטנע, זיך אויכטיילנדיק פון די איבעריקע קינדער מיט זיין כמעט אטלעטיש קערפערל — א נישט זייער אָפטע דערשיינונג אין חדרים און ישיבות — מיט זיין קלאָרן בליק, מיט זיין שטענדיק אויפגעהויבן קעפעלע. אויכטערליש איז אויסגעקומען זיין אייבערשט ליפעלע — א גלאטס, אָן דעם שניטעלע וואָס צעטיילט עם געוויינטלעך אין צווייען און וואָס דארף זיין דער לעצטער באריר פון מלאך איידער מע באווייזט זיך אויפן עולם התחתון, אויף גאָטס ווערטל ווו מ׳איז געצוווּנגען פארברענגען א צייט, אדורכמאכן כלארליי נסיונות און זיך אומקערן אין הימל א געלייטערטער. דאָס גלאטע ליפעלע האָט געגעבן זיין פנים א מאָדנע אויסדרוק, אָן אומבאשטימטן אזא. צו מאָל ווען זיין בליק איז געווען אָנגעשטרענגט, אויף עפּעס קאָנצענטרירט האָט ער אויסגעזען אָדלעריש. דעמלט איז נאָך מער אויפגעפאלן די גלאטקייט פון דער אייבערשטער ליפּ און האָט געפירט דעם געדאנק נישט צו מלאכים מיט זייערע מעשים נאָר גיכער — באהיט זאָל מען זיין — צו שדים מיט זייערע אָפּטועכצן. קיינער האָט אָבער ניט געוואגט דאָס ארויסזאָגן מיט ווערטער מחמת דער מורא אז סע וואָלט געקאָנט פארשאטן; מע וואָלט דערמיט געקאָנט דערוועקן בייזע גייסטער, זיי אויפמערקזאם מאכן אויף א פּנימהלע, אויף א שפּעלטיקל דורך וועלכן זיי זאָלן זיך פארגנבענען צו דער נשמה פון א כשר יידיש קינד. דאָס אויך דערפאר ווייל די געגנט איז געווען אזעלכע ווו א חוץ תורה האָבן אויך געהערשט די פארשיידנסטע אייגגלויבענישן.

אין דער היים, פאר דער מוטער און שוועכטער, איז ער געבליבן יאָסעלע דער בן־יחיד און אָן עילוי דערצו. פלעגן זיי אים פעכטען איבער גאָר. דאָס האָט אים ביז א צייט געפעלן, ביז דעמלט ווען זייערע ווייכקייטן האָבן אין אים אָנגעהויבן וועקן מאָדנע געפילן. דאָס האָט אפשר אין א גרויסער מאָס גורם געווען דער אופן מיט וועלכן דער מלמד האָט געפּרווּט אויסטייטשן פארשידענע שטעלעס אין דער גמרא. אויסמיידן זיי איז אים נישט איינגעפאלן, ווייל אויב מע לערנט די מסכתא נדרים אָדער גיטין דארף מען גאָרנישט איבערהיפּערן. א צוועלפיעריק יינגל איז מסוגל אלעם צו פארשטיין, און אין דער גמרא זענען נישט פאראן זאכן וואָס קאָנען פארפירן דעם געדאנק. דאָס איז פאר די מלמדים פון יענע צייטן און פון יענער געגנט געווען א זעלבסטפארשטענדלעכקייט. אזוי

אז „ההוא נואף דעל גבי ההאי...'' איז איבערגעזעצט געוואָרן גאַנץ פשוט: „אַ חמור-אייזל וואָס איז געקומען צו אַ אשה ער זאָל מיט איר מזנה זיין...'' קיינעם פון די תלמידים איז נישט איינגעפאַלן צו פרעגן וואָס איז אַזוינס אַ חמור-אייזל און אויך נישט וואָס הייסט מזנה זיין. עפּעס האָט זיי שוין אונטערגעזאָגט אַז אַזעלכע שאלות פרעגט מען נישט, אָבער שטורקען זיך אונטערן טיש האָט מען זיך געשטורקעט, און די פאַרשידנסטע געדאַנקען האָבן זיך געמישט אין זייערע קעפּלעך. ערגער איז עס געווען ווען ס'איז געקומען צו: „אָמר עולא עלובה כלה שזנתה בתוך חופתה'' — פאַרשעמט איז אַ כלה אַ חצופה וואָס האָט מזנה געווען אונטער דער חופה. דאָ איז די פראַגע געוואָרן אַ גאָר נאָענטע. אַ כלה איז אויך די עלטערע שוועסטער, די וואָס ווייזט אים אַרוים די גרעסטע ליבע, וואָס שפּילט זיך מיט אים מער ווי אַלע אַנדערע. אַזוי אַז ווען זי פּלעגט דריקן זיין קעפּל צו איר ברוסט האָט עס אים געוואַרעמט די געבליטן און געדאַכט האָט זיך אַז סע געשעט דאָס ערגסטע, נאָר זאָגן דאַרף מען נישט. דערצו איז עס גאָר אָנגענעם. פון דאָ שטאַמט אפשר דאָס וואָס מיט אַ סך יאָרן שפּעטער, דעמאָלט ווען ער וועט זיין אַ מאַן מיט אַ געוויסן מצב אין דער געזעלשאַפט, וועלן אייניקע וועגן אים זאָגן אַז ער איז אַ נואף, כאָטש דערווייַזן האָט דאָס קיין מאָל קיינער נישט געקאָנט. אָבער דאָס וועט זיין שפּעטער. אַצינד איז ער דער שפּיגל פון דער ישיבה, דער יונגער תלמיד-חכם וואָס וועט באַרימט מאַכן נישט נאָר זיין שטעטל נאָר אויך זיין געגנט.

ביי דרייצן יאָר איז יאָסל שמואל-דודם נישט געווען מער אַ קניפּ-אין-בעקל-יינגעלע נאָר אַ מענטש וועלכן מ'האָט אָפּגעגעבן אַן אָרט אין שיל, ס'איז אויסגעקומען אַ באַזונדער פאַרגעניגן און שוין אַביסעלע אַ כבוד אים זען זיצן לעבן זיך אפילו אין מזרח. אָפט פלעג געשען סע זאָל אים אַרויפרופן טאַקע אַהין אין מזרח נישט אַבי ווער. אין מזרח געפינען זיך אויך אויפגעקומענע גבירים, עם-הארצים, מענטשן מיט אַ רענדל-בייטש, אָבער נישט פון דעם סאָרט זענען געווען יענע וואָס האָבן געוואָלט האָבן יאָסעלען לעבן זיך. פאַר די אויפגעקומענע איז די שטאָט אַ געקויפטע, אָן אייגנטום מיט וועלכן מע טיילט זיך נישט. זייער גאַנצער ייחוס באַשטייט פון דער שטאָט, קאָנען זיי נישט לאָזן עמעצער זאָל באַטרעטן זייער פּאָסעסיע, כאָטש אויפהענגען אַ שילדל וואָס זאָל וואָרענען „פאַרבאָטן, ס'איז פּריוואַט'', קאָן מען אויך נישט, סע פּאַסט נישט. לאָזן זיי דאָס פילן אָן אַ שילדל. די וואָס רופן יאָסעלען לעבן זיך זענען פון אַן אַנדער שניט, יידן וואָס געפינען נאָך צייט אפילו אין אַ מיטוואָך אַריינקוקן אין אַ ספר, אָדער גאָר אַזעלכע וואָס טוען זיך אָן די מי אויפצושטיין פיר אַזייגער פאַרטאָג און לערנען זייער דף-יומי אין דער היים אָדער אין בית-מדרש. יאָסעלעם אָנוועזנ-

הייט דערמאָנט זיי אין יענע צייטן ווען זיי האָבן אליין פארבראַכט אין ישיבה, ווען זיי זענען נאָך נישט געווען באזאָטלט מיט עול פרנסה, האָבן זיך געקאָנט קוויקן מיט א וואָרט, זיצן שהען לאנג פארבלענדטע פון א געדאנקען-בליץ. האָבן יאָסעלען לעבן זיך האָט געשאפן מיגלעכקייט צו א פלוצעמדיקן נישט דערוואַרטן זאָג פון וועלכן סע זאָל א גיס טאָן יענע ווונדערלעכע פליסיקייט וואָס צעשפרייט זיך אין אלע איברים ווי אמתע מים-חיים, וואָס פארשאפט דעם וואָס טרינקט דער ערשטער אזא פארגעניגן גלייך ער וואָלט באַרירט דעם כסא-הכבוד.

שמואל-דוד האָט געשעפּט נחת פון זיין זון אָבער אייגנצייטיק האָבן אים געמוטשעט סתירהדיקע געדאנקען. זאָרגן האָט אים פארשאפט דעם יינגלס אופן. געדאַכט האָט זיך אז די לויבגעזאנגען וואָס ווערן איבערגעחזרט אין יאָסעלעס אָנוועזנקייט זענען נישט מסוגל אים העלפן זיך אָפּשלאָגן פון גאווה וואָס דער-גייט צו מאָל ביז דער גרענעץ פון חוצפה. אים האָט אויך נישט געפעלן דאָס ליובעווען זיך פון עלטערע בכבודיקע יידן מיט יאָסעלעס חכמה. דאָס האָט נישט געקאָנט העלפן צום בחורס ערנכט. צו פרי האָט זיך אים געדאַכט האָט ער אָנגע-הויבן קוקן אין ז׳הר, צו פרי זיך געלאָזט אויף א שכאָל כטעזשקעלע וואָס פירט לענגאוים א געפערלעכן תהום.. ער דאָט זיך געהאלטן אן עצה מיטן רבין, די ענטפערס זענען אָבער געווען נישט זייער קלאָרע, אָדער אפשר נאָר פאר אים נישט קלאָרע. ער האָט נישט געוווכט ווי אזוי אים נעמען שטרענגער אין די הענט. דער בחור איז אלט איגנאַנצן נישט מער ווי פופצן יאָר און סע געפינען זיך אזעלכע וואָס רעדן וועגן סמיכות. וואָס איז דאָס אייַלעניש מיט סמיכות? דאָס קאָן דאָך אוודאי נישט מער ווי שטויסן אים אין דער נעץ פון גדלות. אָדער אפשר זענען די וואָס רעדן דערפון נישט פארגינערס, מענטשן וועלכע פאר קנאה זענען זיי אימשטאנד יענעם קאליע מאכן, אָנטאָן א רעה, האָפן אז אויף אזא אופן וועט דער בחור נכשל ווערן. ער האָט אָנגעהויבן טראַכטן אז ס׳איז אפשר צייט דעם בחור פארקנסן, ווייל דער מאנצביל האָט זיך אין אים געצייטיקט; ער האָט געמיינט אזמיט קויפן פאר אים א שטאָט אין שיל וועט ער אים צוקאָווע צו אן אָרט ער זאָל נישט וואָגלן אין מזרח, אמת צווישן זייער אָנגעזעענע בעלי-בתים, תלמידי-חכמים אָבער דערמיט נאָך געפערלעכער פארן אויספורעמען פון זונס כאראקטער. פון דער אנדערער זייט איז אים געווען שווער צו באהערשן דעם יצר-הרע, ווייל וועלכן טאַטן פארשאפט נישט פארגעניגן ווען ער זעט ווי זיין אייגן קינד, זיין בלוט און פלייש, זיין בן-יחיד איז אזא געלונגענער, טראָגט אויף זיך אזא קעפּל, אזא שארפן מוח פאר וועלכן סע עפענען זיך ברייט די טויערן פון צו גאָט און צו לייט; דאָס איז דאָך א גוואלדיקער צושטייער אויך

צו שידוכים פאר זיינע שוועסטער. מיט אַזעלכע געדאנקען האָט זיך ארומגעטראָגן שמואל-דוד ביז דער ראש-הישיבה האָט אים פארבעטן צו זיך.

שמואל-דוד האָט פארשטאנען אז דאָס קאָן זיין אין פארבינדונג מיט א שידוך און ס'האָט אויסגעזען בדרך הטבע, ביי די יאָרן טראכט מען וועגן א תכלית, די צייט לויפט און בן שמונה-עשרי לחופה הייסט דאָך נישט אז מע דארף װארטן ביז דער לעצטער מינוט, אָדער גאָר וועגן סמיכות און דאָס רופט ארויס א צווייענדיק געפיל, פון איין זייט ביי קנאַפּע זעכצן סמיכות זאָל נישט פארשאטן — די סטרא — אחרא רחמנא לצלן — און פון דער צווייטער זייט איז ער דאָך דאָס לכל הדעות ווערט. מיטן ראש הישיבה איז ער געווען נאָענט, פאר אים האָט ער געקאָנט אויסלייגן אלע זיינע האָפענונגען ווי אויך זיינע ספקות. אָבער גרויס איז געווען זיין ווונדער ווען דער ראש הישיבה האָט אים אויפגענומען מיט: זאָג דיין פסוק, שמואל-דוד. א רגע איז ער געבליבן אין פארלעגנהייט. וואָס קאָן דאָס הייסן? וואָסזשע ער איז עפּעס א ייִנגעלע? וואָס גאָר פלוצעם איז אים איינגעפאלן? נאָך מער האָט אים איבערראַשט ווען ער האָט זיך געהערט שעפּטשען די ווערטער: העזו בני בנימין מקרב ירושלים ... הערנדיק די ווערטער האָט דער ראש הישיבה אָנגעהויבן שפּאנען אַן אויפגערעגטער איבערן צימער. ער האָט לאנג געשפּאנט אין א פּיינלעך שווייגעניש. ס'דאָט אויסגעזען אז איןביידנס געדאנקען האָבן זיך אָפּגעשטעלט די וויטערדיקע ווערטער: כי רעה נשקפה מצפון ... כאָטש ארויסגערעדט האָט זיי קיינער נישט. געקומען איז מען דאכט זיך רעדן וועגן גוטע סמנים, און פלוצעם: ווייל אַן אומגליק לויערט פון צפון-זייט! א לאנג שווייגן האָט געצויגן איבער דעם חדר: אין דער שטילקייט האָבן אָפּגעקלונגען דעם ראש-הישיבהס שטילע טריט גלייך א פּאָלק כאָלדאטן וואָלט דאָ מארשירט. נאָך א צייט איז דער ראש-הישיבה שטיין געבליבן, זיין בליק האָט אויפגעלויכטן.

— נו, שמואל-דוד, וואָס ביכטו געבליבן אזוי אָפּגהענטיק? ווארטכט איך זאָל דיך בעטן זיך זעצן? אויב אזוי בעט איך דיך.

— כ'וויים, אזוי זיך, געדאנקען.

— לאָמיר אָפּלאָזן די געדאנקען און בעסער כאַפּן א שמועס.

האָט מען גערעדט וועגן פרנסה, וועגן דער עלטסטער טאָכטער וואָס דארף באלד גיין אונטער דער חופה, וועגן דעם אז די וועלט איז נישט מער דאָס וואָס געווען און אז אירע וועגן זענע עפּעס אַזעלכע אז מע מוז זיך פארלאָזן אויף גאָטס באראָט. צעטיילט האָט מען זיך מיט א פּשרה, האלב אזוי און די אנדערע העלפט וועט מען זען.

אזוי אז וועגן א שידוך איז כמעט אָפּגערעדט געוואָרן און וואָס שייך סמיכות קאָן מען נאָך צוווארטן.

מיט אסך יאָרן שפּעטער, מיט זייער אסך יאָרן שפּעטער וועט יוספן באנג טון וואָס אין יענעם טאָג איז נישט באַשטימט געוואָרן אַז בילכער איז אפשר דאָך סמיכות איידער דער שידוך. דאָס נישט דערפאַר ווייל ער וועט דאָס דאַרפן כדי צו פאַרנעמען דעם פּאָכטן פון אַ רב ערגעץ אין אַ וועלט־שטעטל, נאָר מער דערפאַר ווייל די וועלט מיט וועלכער ער וועט האָבן צו טאָן, אָדער מיט וועלכער ער וועט קומען אין קאָנטאַקט ווי מע וועט דעמלט זאָגן, כאָטש אַ וועלטלעכע וועט זי אָפּגעבן גרויס כבוד יענע פון זײַנס גלייכן וואָס האָבן אין זייער ייחוס בריוון חוץ אַ פּאָר אָנגעשריבענע בענדער אויך דאָס גרויסע פאַרדינסט וואָס ביי נישט מער ווי זיבעצן יאָר האָבן זיי באַקומען סמיכות.

דעמלט האָט אים דער טיטול נישט געפעלט, ווייל פאַר דער צייט איז געשען אַזעלעכס וועגן וועלכן שמואל־דוד האָט נישט געוווּסט. אים זענען נישט געווען באַקאַנט יוספס קווענקלענישן, זײַן אָפּווייכן פון נאָר תורה אין זײַן אופן באַנעמען די וועלט. מיט זײַנע צו אַלעם אָפענע אויגן האָט יוסף דערפילט אַז פאַרשטיין מוז מען אויך דאָס וואָס געשעט אויסער די בית־מדרש ווענט און ער האָט זיך אָנגעהויבן איינקוקן צום טאָגטעגלעכן לעבן פון אַרום. ער האָט געפּרוּווט פאַרשטיין די פון בית־דין שטיבלעך אַרויסגעגעבענע היתרים וועלכע האָבן דערלויבט דאָס נישט דערלויבטע ווייל אַנדערש איז אויסגעקומען, האָט מען נישט געקאָנט, ווייל ווען נישט האָט דאָס געקאָנט הייסן כמעט דער אונטערגאַנג. אַזוי האָט ער שלום געמאַכט מיטן מאָדנע היתר צו האַנדלען מיט געגנבעטער סחורה. אָרעמקייט און הונגער זענען צו יענער צייט געווען אַ באַשטענדיקער באַגלייטער פון גרעסטן טייל יידישע פאַמיליעס. זיך באַקענענדיק מיטן לעבנס־שטייגער פון די פון אַרבעט און מאַטערגיש פאַרהאָרעוועטע מענטשן איז אים נאָענט געוואָרן זייער שפּראַך און זייער שטייגער, איינצייטיק זענען אים אָבער געוואָרן אָפּגעפרעגטער יענע היתרים וואָס האָבן געשטאַמט פון די זעלבע בית־דין שטיבלעך, היתרים דורך וועלכע דאָס לעבן פון די צו אָרעמקייט פאַרשקלאַפטע איז געוואָרן נאָך שווערער און ביטערער. דאָס האָט אים אויפגעטרייסלט און געצווונגען זוכן אַן ענטפער.

דער ענטפער איז נישט געקומען, אָדער נישט אינגאַנצן געקומען פון די ספרים דערצו האָבן זיי נישט געקלעקט. דער באַדינג אין וועלכן ס'האָט זיך אַנטוויקלט יענער געדאַנקען־גאַנג איז געווען אַן אַנדערער. ער האָט געפילט אַז איצט מוז מען האָבן עפּעס מער. דער „עפּעס מער'' האָט ער געפילט ליגט אין פון פרומע האָרעפּאַשניקעס געקנייטענע בלאַטעס, אין זייערע וואָגלעגישן, אין זייער איבערגעגעבנקייט צו אין סקריפּענדיקע וועגענער געשפּאַנטע קאָבילעס ווי צו זייערע אייגענע קינדער, אין זייער האַלטן מיט אַלע כוחות די איינגעפירטע

מנהגים וועלכע זיי האָבן באטראכט אלס איין מאָל פאר אלע מאָל פון גאָט גע־געבענע און אלס אזעלכע מוז מען מיט זיי אויף אייביק שלום מאכן. דעם „עפּעס מער“ אָדער אפשר נישט מער ווי עפּעס נאָך, האָט זיך אים געדאכט, געפינט מען אין די אזויגערופענע מעשה־ביכלעך אויף וועלכע דאָס בית־מדרש האָט געוואָרפן שיער נישט א חרם... אָט די ביכלעך האָט יוסף אָנגעהויבן שלינגען זיך באהאלטנדיק פון טאטע־מאמע, אָפּגערעדט פון זיינע מלמדים. די ביכלעך האָבן געבראכט מיט זיך אזוינס וואָס איז אים ביז איצט געווען אינגאנצן פרעמד. אין זיי האָט זיך דער גאנצער מענטשלעכער מהות געשפּיגלט פארקערט און אויסגעזען אמתר. די טאָגטעגלעכע גרויקייט האָט אין זיי באקומען פארבן וואָס ער האָט ביז דעמלט נישט געאנט. פלייש, בלוט און ביינער זענען נישט נאָר א לבוש פאר דער פון גאָט געשענקטער נשמה, זיי האָבן גאָר זייער אייגענעם ווערט. ס'איז דערגאנגען אזוי ווייט אז אָן אָט דעם פלייש און בלוט זאָל די נשמה אויסזען א פרעמדע, א קאלטע נישט זייער פילזאָגנדיקע דערשיינונג און אויס־געליידיקטע פון איר אייגענעם זין. אויב אן אינגאנצן אבכטראקטע האָט זי דאָך גאָרנישט געמיינזאמס מיט איר טרעגער; אויב איר איינציקע שטרעבונג איז צו ליגן אונטער דעם כסא הכבוד, וואָס קאָן זי אָנגיין דער אָרעמער גוף מיט זיינע מוטשענישן. ניין, אזא נשמה איז א טרוקענער בוים, אָן צווייגן, אָן בלעטער, א בוים וועלכן די ווינטן בלאָזן פארביי, א פּאווע אָן פליגל, אָן פעדערן און אָן דעם גאָלדענעם געשפּין.

די ביכלעך האָבן געכישופט, זייער זאפט האָט פארשיכורט און געוועקט אין אים א באגער צו שרייבן אזוי ווי ס'איז אין זיי געשריבן. וועגן דעם אָבער מוז מען ווייזט אוים אוועק...

און יוסף האָט באשלאָסן נעמען א בינטעלע אונטערוועש און זיך לאָזן אין וועג...

# 3. א מאָדערנער ויברח.

פאראַן אין רומעניש, אפשר אויך אין אַנדערע שפּראַכן, א שפּריכוואָרט: „מע ווערט נישט א נביא אין אייגענעם לאַנד". שטאַמען שטאַמט דאָס שפּריכוואָרט פון גאָר אַלטע צייטן. מיגלעך דער ערשטער זאָל געווען זיין משה וועלכער האָט געמוזט אַנטלויפן קיין מדין, נישט ווייל ער האָט מורא געהאַט פאַר די מצריים, נאָר פאַר זיינע אייגענע שטאַם-ברידער וואָס האָבן נישט געקאָנט פאַרטראָגן אפילו זיינע א פּשוטע עצה, וואָס איז אפילו קיין עצה נישט געווען, נישט מער ווי א פראַגע: למה תכה רעך — וואָס פאַרא נוצן קאָן דיר ברענגען זיך שלאָגן מיט איינעם וואָס קאָן זיין דיין פריינד? דאָס זעלבע איז געשען שפּעטער מיט ישוע בן יוסף וועגן וועלכן סע ווערט דערציילט אַז נאָך איידער ער איז דערוואַקסן צו ווערן א נביא האָט ער שוין געמוזט אַנטלויפן פון בית-לחם קיין מצרים, פון וואַנען מע קאָן דרינגען אַז די הויפּט זאַך איז נישט די ריכטונג וווהין מע לויפט, נאָר גאָר דאָס לויפן — דער ויברח אַלס אַזעלכער. דאָס ווערט אויך באַשטעטיקט מיט דעם וואָס אַנטלויפן האָט אויך געמוזט דער וואָס שטייט ביים וויגעלע פון איסלאַם — דער ערשטער און גרעסטער פון זיינע נביאים — און די וואָס גלייבן אין אים לייגן דעם גרעסטן אַכט אויפן טאָג פון זיין ויברח אויף אַזוי ווייט אַז זיי ציילן די יאָרן אָנהייבנדיק נישט פון באַשאַף נאָר פון טאָג פון זיין אַנטלויפן. געווען אויך אַזעלכע וואָס האָבן געפילט אַז זיי שטייט פאָר א שליחות פון גאָר גרויסן פאַרנעם און אויף זיך גרייטן דערצו זענען זיי פאַרשוווּנדן פון דער היים, זיך א לאַנגע צייט אָפּגעזונדערט אין די טיפקייטן פון וועלדער כדי זיך נענטער באַקענען מיטן מיין פון בראשית און אויף אַזאַ אופן געווינען די פעיקייט צו פאַרשטיין און אפשר צו מאָל מסוגל זיין זיך באַהעפטן מיט דער שיין פון באַשעפער. אַזוי האָט געטאָן, לויט מע דערציילט, דער בעל-שם-טוב. אַזוי האָט אויך געטאָן דער יונגער מאַרקס, דער קינפטיקער נביא פון אַן אַלוועלטלעכער וועלט-אָנשויונג.

אנטלאָפֿן איז אויך יאָסל, שמואל-דודם איינציקער זון, ווייל אין אים האָט זיך דערוועקט אַ רוף.

מיט אַ בינטעלע וועש אונטערן אָרעם און מיט הינטער די אויערן פֿאַרשאַרטע פּאות האָט זיך יוסף אַראָפּגעלאָזט אין דער שטאָט צ. ווייל דאָרט האָט געזאָטן מיט יידיש לעבן.

נישט לייכט איז אים אָנגעקומען אויסצוקלייבן די שטאָט צ. צו יענער צייט איז דער הר סיני געווען ווארשע. דאָרט האָט זיך געפֿונען דער יידישער אָלימפּ, די געטער-נעסט פֿון יידישן טראַדיציאָנעלן און מאָדערנעם דענקען. אפֿילו די אָפּגעפּאָרענע אויף אנדערע וועלט-טיילן האָבן זיך פֿאַררופֿן אויף ווארשע און געהאַלטן אַז זייער קיום איז אָפּהענגיק פֿון זיך טובלען פֿון צייט צו צייט אין דער דאָרטיקער לופֿט. נעמען אויף זיך דעם ריזיק זיך לאָזן קיין ווארשע האָבן געקאָנט אָדער געוואגט נאָר אויסדערוויילטע. פּאַר אַ טייל פֿון זיי האָט דער אָלימפּ געעפֿנט די טויערן פֿון אייביקייטס היכל, אַנדערע זענען פֿאַרלוירן געגאַנגען, נישט אויסגעהאַלטן דעם פּרוּוו, פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין חסידים אָדער פּשוט אָפּגעפֿאַלן. די קרוין פֿון עיר ואם בישראל האָבן געטראָגן אויך אַנדערע שטעט ...

(דאָ מוז איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל געעפֿנט און געשלאָסן ווערן אַ פּאַראַנטעז. קרוינען שטעט מיט דער באַצייכענונג עיר ואם האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס אַ זייער גרויסער און שרעקלעכער טעות. גאָרנישט איז נישט געבליבן פֿון „אם‟. אויף אַזויפֿיל גאָרנישט אַז מע מוז טראַכטן אַז ס'איז גאָר קיינמאָל נישט געווען. שווער צו וויסן וואָס פֿאַרא כּוח האָט געפֿירט די האַנט פֿון אַ זעצער אַן עם-הארץ און אים דערהויבן צו דער מדרגה פֿון נביאות דעמלט ווען ער האָט אוועקגעשטעלט אויפֿן אָרט פֿון דער „מעם‟ אַ „שין‟ און געלאָזט די אלף אַ נאַקעטע. די צייט האָט באַוויזן אַז אַ פּתח (פּאַסעך) האָט געפּאַסט פּונקט אַזוי ווי אַ צרה (ציירע). צו יענער צייט איז עס אָבער געווען אָנגענומען).

באַקרוינט מיט דער באַצייכענונג זענען געווען אויך לאָדזש, זשיטאָמיר, ווילנע, באַרדיטשעוו, קראָקע, אָדעס, און נאָך און נאָך. זענען אָבער אַ טייל געוואָרן איינגאַנצן נישט צוגענגלעך און אַ טייל אויסער די גרענעצן פֿון לאַנד. אַזוי אַז ביים פֿאַרלאָזן די היים-שטאָט האָט זיך יאָסל געמוזט באַגנוגענען מיט צוויי ריכטונגען. ביידע האָבן געפֿירט איבער די בערג: איינע קיין מזרח-דרום און די צווייטע קיין מזרח-צפֿון. אין מזרח-מזרח-דרום האָבן זיך געפֿונען יאַס, קעשענעוו, באָטאָשאַן ווי אויך שטעטלעך מיט אַן אַביסעלע שטומפּיקער יידיש-

קיט. איז געבליבן די ריכטונג מזרח-צפון-צפון, דאָס הייסט די שטאָט צ. דאָ האָט ער זיך אראָפּגעלאָזט מיטן געדאנק זי איינצונעמען, נישט מער ווי מיט א יאָר דריי, אפשר פיר, פאר דער צווייטער וועלט-מלחמה.

אין יענע צייטן האָט מען צ. גערופן „קליין-ווארשע‘‘, דער כטרי אָבער איז געווען א גאנץ אנדערער. נישט די זעלבע העוויות ביי די אָרטאָדאָקסן, נישט דער זעלבער שטעל ביי די משכילים און נישט דער זעלבער ברען ביי די רעוואָלוציאָנערן. דאָ, אין צ., איז דאָס לעבן געפלאָסן אין טייך-קאָרעטע, נישט איבערגיסנדיק די ברעגעס. די שטאָט וואָלט זיך ליבערשט גערופן „קליין-ווין‘‘, געווען א צייט ווען זי דאָט אהין געהערט, ווען זי האָט פון דאָרט געצויגן איר געשטאלטונג. דאָ האָט מען נישט געטראָגן „דייטשע‘‘ קליידונג, דאָ איז מען אין אזא קליידונג געבוירן; די משכילים זענען נישט צוגעקומענע און די השכלה נישט קיין אריבערגעבראכטע: מענדעלכאָן איז איר אייגן בלוט און פלייש.

אויך געשעפטן מאכט מען דאָ אנדערש: א וואָרט איז א וואָרט, קיינעם רופט מען נישט פון גאס, קיינעם שלעפּט מען נישט ביי די פאָלעס. ביי קאָנטאָרן זיצן באברילטע, אויף פארזאמלונגען קומען צוגעשפיליעטע. אזוי האָט עס אויסגעזען ביז נאָך דער ערשטער וועלט-מלחמה, ביז דעמלט ווען ווין איז געבליבן מחוץ און דער שטראָם איז געוואָרן א נייער, א שטראָם וואָס האָט אָנגעבראכט א נישט געשליפענעם, א מער פּראָסטאקעשן אָדער פּרימיטיוון עולם. וואָס צום זאָגן ווערט געזאָגט מיט שרעקלעכער פּשטות, און אויב ס׳איז צום אויספייפן ווערט געפייפט מיט פיר פינגער אין מויל ווי אויף דער טאלעקע בעתן פאשען די פערד. דאָס האָט די ערשטע צייט ארויסגערופן גרינגשעצערישע תנועות און אן עטוואָס אפּיטרופּסישן צוגאנג מצד די איינגעזעסענע, מצד די תושבים וועלכע האָבן דורות לאנג אויסגעפורעמט זייער אייגענעם אופן, זייער אייגענעם פּרצוף. ס׳איז אויסגעקומען א כאָרט איגוואזיע וואָס לאָזט פלעקן אויף דעם זויבערן סערדעט. מיט דער צייט האָט מען זיך צוגעוווינט, אפשר אויך דערפאר ווייל טרוקעניש האָט זיך אויסגעשיידט פון וואסערן און צוויי וועלטן האָבן אָפּגעוויקלט זייער לעבן, ווי זיי האָט זיך געדאכט, אויף פאראלעלע רעלסן. ווי זיי האָט זיך געדאכט, ווייל אין דער ווירקלעכקייט האָבן זיי זיך אויף אזוי ווייט באאיינפלוסט אז פון דער מחיצה וואָס האָט זיי אָפּגעטיילט איז געבליבן נישט מער ווי א שיטערע רעשעטע דורך וועלכער ס׳האָבן זיך געקאָנט פריי באוועגן אפילו מיטלוווקסיקע וואלפיש.

אראָפּגעקומען אהער ... ניין! דאָס וואָלט געווען א גראָבער טעות! אהער קומט מען נישט אראָפּ, אהער איז מען עולה, ווייל מיר האלטן נאָך ביי יענע יאָרן

זוען אין „עיר ואם" האָט מען געגלייבט מיט דער שלמותדיקער איבערצייגונג אַז אַזוי איז עס און אַזוי וועט עס בלייבן און דערפאַר איז אויך גע שאַפן געוואָרן — ווי שטאַרק מע זאָל דאָס נישט געווען וועלן אויסמיידן — אַ געוויסע היעראַרכיע צווישן די „מאַמעס", און די שטאָט צ. האָט פאַרנומען אַ בכבודיק פּלאַץ אין אָט דער היעראַרכיע. אַזוי אַז מע וועט מוזן זאָגן: אָנגעקומען אַהער האָט יוסף אַ צייט געבלאָנדזשעט פון איין הייפעלע צום צווייטן. זיך נישט געקאָנט אָפּרייסן פון זיין אַמאָליקער סביבה וועלכע האָט אויך דאָ געהאַט אירע „שטיבלעך" און אויך נישט געקאָנט מוותר זיין אויפן רוף פון די אַנדערע. ביידע, סיי די „שטיבלעך" סיי דאָס נייע די „פּאַראַיינגען" און „ליגעס" — זענען אים אויסגעקומען פרעמדלעך, קילבלעך, האָבן אויסגעזען „שטייפע מאָנטעפּיאָרעס" אין שוואַרצע ראַמען און דערצו פון קיין איין פליג נישט באַ... רירטע. ביי ביידע האָט גלייך ווי געהערשט די זעלבע דיסציפּלין דער זעלבער אופן פון אונטערוואַרפן זיך געוויסע געשריבענע און נאָך מער נישט געשריבענע רעגלען. געדאַכט האָט זיך אים אַז פאַנאַנדערקלייבן זיך וואָלט מען געקאָנט דורך בעסער פאַרשטיין דאָס פון וועלכן מ'איז אַוועק — די היים. אַריינדרינגענדיק טיפער אין דער אַלטער היים וועט אפשר געלינגען ציען אַ פּאַסיקל, מאַכן אַ סך-הכל, געפינען גרענעצן, אויסלייגן אויף וואָגשאָלן, פאַרגלייכן. געדאַכט האָט זיך אים אַז צו גרינגעשעצעריש איז דער צוגאַנג צו זיין אַלטער היים מצד דעם היגן עולם וואָס האַלט אַז ער געפינט זיך אויף אַ גאָר אַנדערער מדרגה, אויף אַזוי ווייט אַז ס'איז שוין קיין רייד נישט פון מדרגות נאָר פון וועלטן. דאָס האָט איינצייטיק פאַרדראָסן ווייל זיין היים איז אַזאַ וועלכע מע דאַרף נישט אָפּקומען מיט אַ: „אַהאַ, יענץ פאַרוואָרפענע ווינקל..." ניין, דאָס איז נישט גערעכט און אַזאַ אומגערעכטיקייט טאָר מען נישט צולאָזן. קעגן דעם מוז מען עפּעס טאָן, און דער מוז פאַלט צום אַלעם ערשטן אויף די פון דאָרט אָפּשטאַמיקע. ס'איז אַ יושר מע זאָל וויסן אַז זיין היים איז אַ פילפאַרביקע, אַז דאָרט האָט אפשר דער רעגנבויגן מער פאַרבן ווי דאָ כאָטש באַרימען, באַרימט זיך קיינער נישט דערמיט.

גאָר פרי, נאָך דעמאָלט ווען ער איז געווען יאָסעלע שמואל-דודס מיט אַ קניפּ אין בעקל, האָט זיך אין זיין הערצעלע פאַרגענבעט די גלוסטונג צו זאָגן. זיין חלום איז געבוירן געוואָרן אויפן וועג וואָס פלעגט אים פירן פון שטוב אין בית-מדרש. ווי פרי ער זאָל נישט געווען אַרויסגיין פון שטוב, זענען שוין די הייזער געווען לעבעדיקע, פון לאַנג אויפגעוואַכטע. אויף די טאַרנאַצן האָט עס שוין געווימלט מיט טרעסען קאָבריצן, אויסקלאַפּן קישן אָדער גאָר גיסן פּאָמויעס פון טונקל-גרויע עמערס. טאָן פלעגן דאָס מיידעלעך אין זיינע יאָרן. מיידעלעך

מיט נאָך נישט פאַרצנועהטע בליקן. זיי פלעגן אים באַמערקן. זיין שטאַלטנע גאַנג האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן און זיי פלעגן בלייבן א רגע שטיין. דאָס קישן אָדער דער עמער פון דער האַנט פלעג איבעררייסן זיין טראַיעקטאָריע און בלייבן א טיילעכל פון א רגע אַפּהענטיק, אימפּאָנדעראַבל, גלייך ווי די ערד זאָל זיי געווען אויפהערן צוציען. יאָסעלע האָט געפילט דאָס גליטשן פון די בליקן איבער זיין כמעט אַטלעטיש קערפּערל, דאָס גופלע האָט אָפּגעענטפערט מיט א מאָדנע וואַרעמקייט, מיט אן אויכטערלישן ציטער. און נישט צום פאַרשטיין פאַרוואָס דער געדאַנק איז געפאַלן איבער שיר-השירים. דעמלט האָט ער אָנגע-הויבן חלומען וועגן א נייעם פּירוש צום אַלטן געזאַנג. ס'האָט זיך אים געדאַכט אַז אַלץ וואָס איז אים באַקאַנט פון דעם וואָס ס'איז געזאָגט געוואָרן איז צו איינגעהילט אין נעפּלען; אַז דעם מענטשנס נאָענטקייט צו גאָט, אַז זיין ענלעכ-קייט מיט דער געטלעכקייט באַשטייט פון אַן אַלע איברים באַהערשנדיק געפיל, פון קאָנצענטרירן אין איין באַשעפעניש דעם גאַנצן באַשאַף. געבליבן איז עס ביי געדאַנקען וואָס האָבן געמוטשעט טאָג און נאַכט. פון זיך מיט עמעצן טיילן האָט קיין רייד נישט געקאָנט זיין. ער האָט דאָס נישט געוואַגט אַפילו מיט די נאָענטסטע חברים. אויך פאַר זיי איז עס געווען א סוד ווייל זיי קאָנען ווער ווייסט ווי אַזוי אויספּלאַפּלען און... דאָס וואָלט געווען פאַר די ישיבה-בחורים א גע-לעגנהייט אָפּצוחוזקן פון בחורל וואָס האַלט זיך באמת פאַר אן עילוי, און פאַר די מלמדים — תלמידי חכמים מיט א שם — וואָלט עס זיכער אויסגעזען א שרעק-לעכע חוצפּה, און ביי וועמען? ביי זייערן א תלמיד און דערצו ביי איינעם מיט וועלכן זיי נעמען זיך איבער! האָט ער זיין דראַנג באַצווונגען און געהאַלטן אין זיך. אַזוי ביז די מעשה-ביכלעך. דעמלט איז דער געדאַנק פון זאָגן געוואָרן א מער קאָנקרעטער. ער האָט געפילט אַז ער איז דאָס בכוח, אַז אַזוי, אויב נישט בעסער, וואָלט ער זיכער אויך געקאָנט.

אין דער שטאָט צ. האָט דער זאַמען אָנגעהויבן שפּראָצן, שפּאַרן פון אַלע פּאָרעס. דאָ דאָט דעמלט געלעבט און געשאַפן א גאַנצע פּלעיאַדע שרייבער און דיכטער, דאָ האָט מען זיך געקאָנט באַקענען מיט כּטילן און שטעלונגען, מיט טיפקייטן און הייכן, דאָ דאָט מען געקאָנט וואַגן זיך באַווייזן אויף דער סצענע מיט א פּאָר בלעטלעך אין האַנט, הערן דאָס ווידערקול צו דער אייגענער שטימע, דעם אָפּקלאַנג פון אינערלעכן רוף אין פרעמדע הערצער, זיך איבערצייגן אַז די געשעפענסטער וואָס לאָזן נישט שלאָפן טראָגן מיט זיך א וויברירונג וואָס ציטערט אויף איידעלע כטרונעס. דאָ האָט געקאָנט געשען אַז צום נאָמען זאָל זיך אָנטשעפּען א „ל'', א „ניו'' אָדער א „לע'', און ווען פון איציק איז געוואָרן איצעניו, פון וועלוול — וועלוועלע, פון יעקב — יאַנקעלע און פון יאָסל —

יאָסעניו האָט דאָס אויך געהייסן א גוואלדיקער שפּאן אויפן וועג צון דער טיר פון היכל.

דער שפּאן איז אים געלונגען.

... די מענטשן-ריידלעך וואָס האָבן זיך געהיצט ארום דער געביידע פון „מאָרגן—רויט“ האָבן צוגעזאָגט אן אָנגעלאָדענעם אָוונט. אן אָנלאָדעניש וואָס פירט נישט צו מחלוקת נאָר גיכער צו טאָלעראַנץ. טיילגענומען אין אָוונט האָט א ברייטע גאַמע ריכטונגען. דער אָוונט איז געווען א לינק-צענטערדיקער. ווי באוווסט איז דער באגריף צענטער אן אומבאגרענעצטער. די גרענעצן זע-נען אזוי ווייט, פארפלאָנטערן זיך און פארלירן זיך אין אזעלכע נעפּלען, אז ביי די זוימען טרייט מען אריבער פון איין ריכטונג צו דער צווייטער זיך קיין חשבון נישט אָפּגעבנדיק. דערפאר זענען דעם צענטער אזעלכע אויסגעשפּראָכענע שונאים סיי די גאָר לינקע, סיי די גאָר רעכטע. זיי האַלטן אז צענטער איז א סאָרט חולאת וואָס פארפּעסטעט און פאראומגליקלעכט די וועלט. אין בעסטן פאל זע-נען די וואָס געהערן אָן צום צענטער נאַיווע בהמות. דאָס האָט אפילו אמאָל גע-זאָגט א גוטער-ייד. געווען איז ער מער א ירושהדיקער גוטער-ייד, דאָס הייסט אביסעלע א פארבלאָנדזשעטער. דער אויסדרוק פון א מארידן-קראַנקן איז גע-ווען איינגאַנצן א רבנישער, אויך דאָס קליינע עטוואָס שווארצע בערדעלע וואָס האָט געפּאסט צו זיין קליינוווקסיקייט איז געווען רבניש — אזא בערדעלע האָט זיך געדראכט האָט געמוזט האָבן אויך דער טריסקער, אויך דער לייכטער נעפּל וואָס האָט שטענדיק געשוועבט איבער זיינע קלוגע אויגן איז געווען א רבני-שער, זיין אופן אָבער איז נישט געווען איינגאַנצן. איז געשען ער זאָל פרעגן א יינגעלע וואָס פלעג צו מאָל לערנען א בלאט גמרא אין בית-מדרש און נאָך מער זיך שפּילן אויפן הויף און ער, דער גוטער-ייד, פלעג שטיין ביים פענצטער און קוקן מיט פארגעניגן צום יינגעלעס שפּיל, איז געשען ער זאָל אים פרעגן: דיר זאַלמענדל וואָס געפעלט מער, רעכטס צו לינקס? געפרעגט האָט ער ווייל אין יינגעלעס משפּחה זענען געווען פארטרעטן ביידע ריכטונגען סיי די לינקע סיי די רעכטע. דאָס יינגעלע האָט געענטפערט נישט אזוי פון איבערצייגונג ווי צוליב דעם אז ער זאָל שוין זיין א גרויסער און האָבן זיין אייגענעם מיין: איך האָב ליב די מיט, נישט רעכטס און נישט לינקס. דער גוטער—ייד האָט געשמייכלט און כאָטש ער האָט געוווסט אז דער ענטפער איז צום באווייזן: אָט-בין-איך-גאָר-אנדערש-ווי-מע-קאָן-זיך-פאָרשטעלן, האָט ער אים געפרווט מיטגעבן א עצה אין לאַנגן לעבנס-וועג: ניין, נישט גוט אזוי זאַלמעלע. מענטשן, האָט ער געזאָגט, גייען אויף דער רעכטער זייט אָדער אויף דער לינקער, אין דער מיט גייען בהמות. דאָס מאָל אָבער, אין דעם אָוונט, האָט מען מותר געווען אויף

דער אָפּשאַצונג, און די לינק-צענטערדיקע פאַרזאַמלונג האָט צוזאַמענגעבראַכט א גרויסן המון. געקומען איז מען צוליב די דעקלאַמאַציעס, פאָרלעזונגען און רעדעס פון די כאַ״ע געהויבענע אין שטאָט. גרייט איז מען געווען אויפצונעמען מיט פאַרגעניגן יעדן שפּיציקן געדאַנק נישט נעמענדיק אין אכט קעגן וועמען די שפּיצן זענען געווענדט.

יאָסעלע האָט באַשטימט אַז אַצינד איז די צייט, אַז אויב ער וויל פון יאָסעלע זאָל ווערן יאָסעניו, מוז ער אויף דעם אָוונט איבערלייענען די פּאָר זייטלעך מיט וועלכע ער טראָגט זיך אַרום שוין אַ לענגערע צייט.

דער שטייגער וועלכן ער האָט געשילדערט, האָט פאַרכאַפּט דעם עולם מיט זיין באַזונדערקייט און פאַרביקייט, און ער, דער עולם, האָט באַצאָלט מיט לאַנגדויערנדיקע אַפּלאָדיסמענטן. ווייל חוץ דעם מעשהלע איז אויך געפעלן געוואָרן דער מחבר מיט זיינע אָנגענעמע שטריכן.

אַזוי איז געבוירן און באַשטעטיקט געוואָרן זיין ערשטע דערציילונג...

# 4. א שפּאַן צוריק

גרענעצן האָבן זיך אָנגעהויבן באַוועגן. צוערשט איז געווען א שרעקלעכער רעש, א היכטעריע האָט פאַרכאַפּט א פאָלק און זיך געוואָרפן ווייט איבער די גרענעצן. איבער די פריערדיקע, די נאָך א מלחמה באַשטימטע. גרענעצן גערעכטע — גרענעצן אומגערעכטע. נאָך דעם זענען געווען מאַרשן — פּויקן, טרומייטערס, שטיוולקלאַפּעריי און א ווילד געשריי. א הייזעריק געשריי, א פאַרשי־כורטס. שפּעטער זענען געקומען טריאומף־מאַרשן. אויסגעפּוצט עטלעכע טוי־זנט מאַן, זיי אויפגעזעצט אויף גרויסע א שרעקלעכן רעש מאַכנדיקע מיט האַר־מאַטן באַוואָפנטע מאַשינען און א לאָז געטון איבער שאָסייען. איידער דער רעש האָט זיך געלייגט האָבן שוין געשאַלט פון צענדליקער טויזנטער ברוכטן לידער וועלכע האָבן באַזונגען דעם גרויסן נצחון. פעלקער האָבן זיך איבערצייגט אַז זיי האָבן אויף דעם נצחון געוואַרט זינט די וועלט איז א וועלט און די פעלקער, פעלקער. נאָך דעם האָבן די האַרמאַטן געשאָסן, באָמבעס זענען געפאַלן פון הימל, דאָס געזאַנג איז געוואָרן אַן אייגוואָרטיקס: טויט, טויט, טויט...

אין דעם געטומל איז שווער געוואָרן פאָראויסצוזען ווי אַזוי וועלן די גרענעצן אויסזען מיט א טאָג שפּעטער, וועמען וועלן געהערן שטעט און דערפער, פעלדער און וועלדער, וועלכע וועט זיין די אָפיציעלע שפּראַך, וואָס פאַרא מונדירן וועלן זיך באַווייזן איבער נאַכט אויף די גאַסן, ווער וועט אויסקלייבן דעם בוידעם אָדער דעם קעלער און ווער דעם גלות. די סכנה האָט געהאַנגען נישט נאָר איבער די קאַנטן אין וועלכע סע געפינט זיך די שטאָט צ. נייערט אויך ווייט, ווייט אַרום און נישט נאָר ווייל די לענדער זענען קליינע און די שטאַמען פּיל־צאָליקע, געקנעטעטע, געמישטע און געלייטערטע אין יאָרהונדערטער אינוואַזיעס פון כלערליי נאָמאַדע פעלקערשאַפטן וואָס דאָבן דאָ געלאָזט א טייל פון דער צו זייערע פערדס טלאָען געקלעפּטער ערד און פון די אין רייטערס האַלב־נייסטער אָנגעהויפטן אומרו און אנגסט. די סכנה האָט געהאָנגען אויך איבער לענדער

וועמענס גרענעצן ציען איבער פארשידענע ערדטיילן און וועמענס באפעלקערונג איז כחול הים. אין אזעלכע עפּאָכעס וואקסט די פארפרעמדקייט און פאראייג־זאמטקייט פון באשעפעניש וואָס רופט זיך מענטש און סע הייבט אָן זוכן דעם גרויסן באשיצער — די מאמע.

יאָסל האָט באשטימט אז ס׳איז צייט זיך אומקערן אהיים, אין אזעלכע צייטן איז גלייכער צו זיין צוזאמען. שבת אחים האָט זיך געבאָמבלט איז נישט נאָר א שלוש־סעודות ניגון אויך נישט נאָר ווייל ס׳איז אָנגענעם צו זיין מיט נאָענטע, מיט אייגענע; ס׳איז גאָר א מוז, א נויטבאדארפטיקייט. פאראן צייטן ווען געפּי־נען דעם געהעריקן ריטם איז א לעבנס־פראגע. געפינען דעם ריטם איז מיגלע־לעכער צווישן אייגענע, לעבן הערצער מיט א באקאנטן קלאַפּ. אזוי איז עס גע־ווען שטענדיק אין שווערע צייטן, און אז די צייטן וואָס קומען וועלן זיין שווערע האָט קיין צווייפל נישט געקאָנט זיין. שווער איז געווען זיך פאָרשטעלן ווי גרויס די צרה וועט זיין און וואָס פארא כוחות וועלן זיין נייטיק זי איבערצולעבן.

אהיים איז ער געקומען נישט מער מיט הינטער די אויערן פארשאָרטע פּאות, נאָר איננאנצן אָן פאות. כאָטש אויסערלעך האָט זיך געדאכט אז אלץ איז אראָפּגעוואָרפן האָט טיף אין הארצן אין א גרויסער מאָס געוועלטיקט דער אמאָל. און ווייל דער אמאָל איז געווען אזוי טיף איינגעוואָרצלט, ווייל אלץ וואָס ער האָט געזען און איבערגעלעבט האָט געפּאסט דעם דאָרט, דער שטאָט און דעם עולם מיט וועלכן ער דאָט פארבראכט אין צ. אָבער נישט דעם דאָ, נישט דעם געבורטס־אָרט וועלכעס ער האָט זיך פאָרגעשטעלט א פארגליווערטס, אן איינגעשלאָפענס אזוי ווי ער האָט עס פארלאָזט, האָט אים געוווּנדערט ביז גאָר דאָס וואָס ער האָט געפונען. אזא כאָרנע פארענדערונג אין אזא קורצער צייט איז אים געווען נישט פארשטענדלעך. ס׳איז דאָס זעלבע און דאָך נישט דאָס זעלבע. פאר דער צייט האָט זיך ארייננגעוועבט א פרעמדער פאָדעם — א שטענז פאָדעם — אין לעבן און שטייגער. מע באגעגנט נאָך לעבן אָן איבערגעלאָדענעם וואָגן א יידן מיט די פּאָלעס אין גארטל אָבער זיין גאנג האָט נישט מער דעם ווער־דיקן אויסזע, דער ניגון איז געדעמפּט אין מיט א כל־נדרי ציטער, די כאָרד איז טונקעלער, איש־גרוילעך; אפילו שמואל שורענער, דער לאנגיאָריקער אלמן מיט פארדרייטע וואָנצעס אויף ארויף — רויטע ווי דעמבענע בלעטער אין שפּעט־הארבסט — איז נישט מער דער זעלבער. ווען ער שפּאנט אין מיטן גאס אן אויס־געשטרעקטער מיט זיין גאנצער לענג האָבן זיינע זעלנערישע פאָדעשוועס נישט מער דעם זעלבן אָפּקלאנג. וויפל ער זאָל זיך נישט ציען אין דער הייך העלפט נישט — ער זעט אויס קלענער. ער קוקט מיט חשד אויף די נאָך מער געבויגענע שטי־בער אָנגעשפּארטע איינע אין דער צווייטער די גאנצע לענג פון גאס און אים דאכט זיך אז זיי טראָגן אין זיך עפּעס א סוד, זיי איז באוווכט א דראָונג וואָס הענגט

איבער דער שטאָט, דערציילן האָבן זיי מורא סע זאָל נישט אָנוואַרפן א שרעק, נישט ארויסרופן א פּאַניקע, האָבן זיי זיך פאָרגענומען עוקר זיין מיט די איינווינער מיט אלעמען אפשר אין איינער פון די נאָענטע נעכט. בלייבט ער פון צייט צו צייט שטיין, דרייט די וואָנצעס אויף ארויף און ברוגזט זיך: וואָס איז דאָס פאַרא סודען זיך? דער עולם קוקט אָבער נישט אויף די הייזער נייערט אויף שמואל דעם געוועזענעם שטאָט-גיבור און זאָגט: נעבעך...

זיינע פריערדיקע חברים מיט וועלכע ער האָט צוזאַמען געקוועטשט די בענק זענען פאַר דער צייט געוואָרן באַווייבטע, פאַרנומענע מיט דאגות פּרנסה, מיט האָדעווען א הויזגעזינד. באַגעגנט מען זיי זענען זיי שטענדיק געאיילטע, נישטאָ קיין צייט נישט אינדערפרי נאָך שחרית, נישט אין אָוונט נאָך מעריב. שטענדיק מוז מען ערגעץ א לויף טאָן עמעצן כאַפּן אָדער באַגעגענען, פאַרשפּעטיקן טאָר מען נישט ווייל... פּרנסה איז אַן ערנסטע זאַך. אין שיל בלייבן נאָר גאָר אלטע, פון יענע וואָס פלעגן אַמאָל ליב האָבן א שמועס טאָן מיטן גאָר יונגן יאָסעלע. זיי פּרוּוון אויך אצינד, איז אָבער זייער שמועס אַן אויסגעוועפּטער, א שימלדיקער. שווער זיך ארייננצופלעכטן אין אלגעמיינעם שטראָם ווייל אויך ער איז, ווייזט אויס נישט מער דער זעלבער קוקט ער זיך איין נעענטער, מוז ער צוגעבן אז די איינטאָניקייט איז גיכער אַן איבערפלעכלעכע, אז אזוי זעט עס אים נאָר פון אויבנאויף. אויך דאָ האָבן זיך באַוויזן שטרעמונגען, אָדער אפשר זענען זיי געווען שוין פריער נאָר ער האָט זיי נישט באַמערקט. אין זיינע פאָרשטעלונגען וועגן דעם היים-אָרט — אין דער צייט ווען ער איז געווען אין צ. — האָט זיך אים געדאַכט אז די כאַמע „לינקע" זענען די אגודהניקעס. אצינד פילט ער אז דאָ קאָכט זיך אויך אנדערש נאָר קיין צוטריט געפינט ער נישט, ער בלייבט א זייטיקער. אפשר אויך דערפאַר ווייל ער טראָגט נישט ווי אלע זיינע געוועזענע חברים דעם עול פּרנסה. ער זעט אים צו זיין דער איינציקער פון זיין דור וואָס בריקעוועט אָן שום זאָרגן, וועלכער פאַרטרענצלט די צייט מיט גאָרנישט. דער אמת איז אַן אנדערער. חוץ דעם דראַנג אהיים, ווייל די צייטן וואָס קומען ווייזן זיך שווערע, האָט אים געצויגן אהער נאָך עפּעס, אַן עפּעס אין וועלכן מע באַשטימט נישט אליין, נישט אין זין פון געפינען אַן אָנשפּאַר, א טועכ׳ז, ווייל פון הוילער לופט לעבט קיינער נישט און זיצן אויפן טאַטנס קאַרק ביי זיינע יאָרן קאָן מען נישט און אויך נישט אין אַן אנדער פראַגע וואָס ווערט מיט יעדן טאָג עיקרדיקער... אהיים האָט שרעקלעך געצויגן — און קיין עצה קאָן ער זיך נישט געבן — א בליק, א לאָק...

*

פאַראַן אַ שפּיל אַזאַ — איקס, מיקס, דריקס. אַ קינדער שפּיל. מע ציט צוויי פּאַראַלעלע ווירעס פון אויבן אַראָפּ איבערגעקרייצט פון אַנדערע צוויי פון רעכטס אויף לינקס אָדער פון לינקס אויף רעכטס. אַזוי שאַפן זיך זעכצן ווינקלען, איין פאַרמאַכטער פירעק און אַכט אָפענע. אַט די פירעקן פילט מען אויס מיט אותיות אָדער מיט ציפערן, ווער ס'ענדיקט דער ערשטער דער האָט געוווּנען. ניין, דאָס שפּיל איז אפשר נישט פּינקטלעך אַזוי, אָבער די אותיות און ציפערן קאָן מען זיך פאָרשטעלן אַלס שטיבעלעך, די ווירעס אַלס גאַסן, די איקס־מיקס־דריקסן אַ פּאָר מאָל פאַרמערן און אַזוי זאָל זיך באַקומען בערך די מאַפּע אָדער די קאַרטע פון דאָרף־שטעטל אין וועלכן שמואל־דוד פירט זיין לעבן מיט גנענדלען, דריי טעכטער און איין זון. אין שכנישן איקס־מיקס־דריקס, אין צפונדיקן פון שמואל דודס געפינט זיך דאָס הויז אין וועלכן ס'איז געבוירן געוואָרן און אויפגעוואַקסן שפּרינצעלע. אין דריטן, אין דער זעלבער ריכטונג, דאָס בית־מדרש, דאָס חדר און די ישיבה. אין די פרילינג, זומער און האַרבסט טעג האָט אויך שפּרינצעלע געטרעסעט די קאָבריצן און נישט איין מאָל זענען זיי איר געפאַלן פון די הענט בעת יאָסעלע פלעג פאַרבייגיין. אין זיין זכרון איז זי געבליבן שפּרינצעלע די צנועה אפשר ווייל שטענדיק ווען ער איז פאַרבייגעגאַנגען האָט זי געקוקט אויף אירע צעקאַליעטשעטע מעשטעס. נאָר איין מאָל האָט זי פאַרשפּעטיקט אַראָפּצולאָזן דעם בליק צי גאָר נישט פאַרשפּעטיקט. ס'איז געקומען די צייט דעם בליק נישט אַראָפּצולאָזן. זי האָט געפאָלגט די צייט און מיט מאָדנע אָפענע אויגן און מיט אַ גרימאַסע וואָס האָט געדאַרפט זיין אַ שמייכל האָט זי נאָכגעקוקט דעם שטאָלטנעם בחור וואָס גייט פאַרביי נישט געאיילט יעדן טאָג אויפן וועג וואָס פירט צו דער ישיבה. אַז נישט אין חדר און אויך נישט אין בית־מדרש האָט זי געוווּסט באַשייד. געוווּסט האָט זי ווייל געקומען איז אויך די צייט צו וויסן. פאַרגעסן האָט זי אַוועקצונעמען דעם לאָק וואָס שוואַרצט איר שטערן, און אפשר אויך דאָס נישט פאַרגעסן ווייל ס'איז שוין געווען צייט זי זאָל קיין מאָל נישט פאַרגעסן אַז איר לאָק איז מלא־חן. ווען דער ווינטער האָט פאַרטריבן אין די הייזער האָט יאָסעלע באַמערקט יעדן פרימאָרגן איר קעפּל ביים פענצטער.

אַצינד איז זי אַ גרויסע און דער שטאָך אין האַרצן ווען ער זעט זי דער זעלבער. כאָטש ער איז פאַר דער צייט געוואָרן אַן אויסגעפּאָרענער, געזען אַ וועלט און ווייסט ווי זיין שטעטל באַשטיין געפינט ער נישט די געלעגנהייט זי

צו באַגעגנען צווישן פיר אויגן, זאָגן און הערן עטלעכע ווערטער. נישט איין מאָל האָט ער צונויפגעשטעלט פּלענער וועלכע האָבן אים גופא אויסגעזען אומגעלומפּערט קינדעריש, ווי אַזוי זיך צו טרעפן אויג אויף אויג מיט שפּרינצען. ס׳האָט אויסגעזען גלייך אַ נישט גוטער זאָל זיך געווען אַריינמישן אין דער געשיכטע און וויל בשום אופן נישט צולאָזן סע זאָל קומען צו אַ באַגעגעניש צווישן די צוויי.

— יוסף, האָט זיך אין אַ טאָג אָפּגערופן שמואל־דוד, און יאָסל האָט געמיינט אַז מיט דעם רופן אים ביים אמתן נאָמען — ביי דעם באַשערטן נאָמען, ווייל מיט אים רופט מען אים אויף צו דער תורה און אויך מיט אָט דעם נאָמען איז ער דער בן — וויל ער אים געבן אָנצוהערן פון אָנהייב אָן אַז דער שמועס וואָס שטייט פאָר אָדער דאָס זאָגעכץ וואָס ער האָט אים צו זאָגן דאַרף אָנגענומען ווערן אַלס זייער ערנסט. ער האָט געוווּסט אַז זיין טאַטע איז נישט זייער צופרידן מיט זיין גאַנצן אופן, מיט זיין בלאָנדזשען ווי אויף אַן עולם־התוהו, מיט זיין נישט צוזוכן עפּעס אַ באַשעפטיקונג און איבערהויפּט מיט זיין אָפּגעבן זיך מיט מעשה—ביכלעך. זיי, די מעשה־ביכלעך, האָבן אפשר זייער ווערט אָבער צו אַ תכלית קאָנען זיי נישט פירן. נישט איין מאָל האָט ער געגעבן אָנצוהערן אַז דאָס אָדער יענץ מוז מען נישט. קיין איבערגעטריבענער קפדן איז ער מער נישט, ער קאָן אויך איינגיין אויף געוויסע קאָמפּראָמיסן; צו מאָל האָט ער אָנגעוויזן אויף דער מאַמען ווי איינער רעדט — זי מוז דאָך אוודאי נישט וויסן וועגן אַלצדינג, סע קאָסט זי געזונט, צו וואָסזשע טויג עס דיר? צו קיין סיכסוכים איז עס נישט געקומען — יאָסל האָט אָנגעהאַלטן אַ מאָס, טראַצן, טאָן אויף להכעיס האָט ער נישט ליב געהאַט און האָט דאָס קיין מאָל נישט געטאָן. ער האָט געוווּסט אַז ווי טאָלעראַנט שמואל־דוד זאָל נישט זיין וועט ער נישט אָפּטרעטן פון דעם וואָס ער האַלט אַז ס׳איז זיין פליכט אַלס ייד, פון דעם וואָס האָט צו טאָן מיט מהות פון יידישקייט. יאָסל האָט זיך אַפילו מיט דעם געגרויסט, ס׳האָט אים געפעלן ביז גאָר אָט די קאָמבינאַציע פון טיפער פרומקייט, פון עניוותדיקער ערלעכקייט מיט גרויסהאַרציקער טאָלעראַנץ — אַ גאָר זעלטענע דערשיינונג אין זיין טאַטנס סביבה. הערנדיק דעם אָפיציעלן רוף האָט ער זיך געריכט אויף אַן אָנגעלאָדענעם שמועס און אַ טאַפּ געטאָן דעם זכרון, זיך געוואָלט דערמאָנען וואָס אַזוינס ער האָט געקאָנט טאָן וואָס זאָל ברענגען צו אַזאַ כאָרט שמועס.

— יוסף, האָט ער געהערט אַ געפּלעפּטער, אַז דו ווילסט אַזוי גוט זיין, גיי אַריין צו הערש־בערן. כ׳ווייס נישט וואָס ער וויל פון דיר.

„צו הערש־בערן! זע נאָר ווי פּשוט דאָס קאָן זיין! ווי אַזוי איז דאָס מיר ביז איצט נישט איינגעפאַלן?‟ ער דאָט קוים באַהערשט אַ ווילד־משוגע געלעכ־

טער. ארײַנגײן צו הערש־בערן איז דאָך דאָס לײַכטסטע אויף דער וועלט מע דאַרף כמעט נישט קײן תירוץ צו עפֿענען זײַן טיר. זי איז דאָך שטענדיק אָפֿן פֿאַר יעדן מינדסטן קונה, אָנהײבנדיק מיט פּופּצן באָן.

אַז זײַן טאַנטס שיקן אים צו הערש־בערן קאָן דאָבן עפּעס געמײנזאַמס מיט זײַנע געדאַנקען און װײַען איבער שפּרינצען איז אים נישט אײַנגעפֿאַלן.

הערש־בער, שפּרינצעס פֿאָטער, איז אַ סוחר. פּאַסיקער װאָלט אפֿשר גע־װען אַ קרעמער. דאָס נישט װײַל זײַנע געשעפֿטן זענען לופֿטיקע, גיכער צוליב דעם קלײטל. אפֿשר אויך דערפֿאַר װײַל אַ סוחר הײסט אַ מיט װאָג באַזעצטער, אַן אײַנגעװאָרצלטער, און ער איז אין די קאַנטן נישט קײן תּושבֿ, נישט קײן הי געבוירענער. אין די געגנטן שפּילט דאָס „הי־געבוירן־זײַן" אַ גרויסע ראָלע איבערהויפּט װאָס שײך די באַציונגען מצד די תּושבֿים פֿון דער אָרטשאַפֿט, אין כּבֿוד װעלכן מע קאָן באַקומען אָדער װעלכער קומט. זײַן „הי־געבוירן" — איז אַ סאָרט חזקה. אַזוי פֿירט זיך אײגנטלעך אומעטום, אַזוי אויך דאָ. דאָס װאָס אַנדערע באַקומען מיט בלויז געבוירן זײַן אויפֿן פּלאַץ האָט הערש־בער געמוזט דעראָבערן אין אַ שטילן, האַרטנעקיקן קאַמף. אַראָפּגעקומען זײַער יונג, האָט ער געעפֿנט אַ קלײן, מע װאָלט געקאָנט זאָגן אַ פּיצינקעלע, צעלניק־געװעלבל. קלײן איז דאָס געבליבן ביז הײַנט אָבער חיונה ציט ער דערפֿון, װי סע זעט אויס, ברווח. אויפֿגענומען האָט מען אים נישט מיט זײַער אָפֿענע אָרעמס, גיכער גלײַכ־גילטיק. און דאָס איז אפֿשר געװען דאָס ערשטע געװינס, װײַל געװײנטלעך פֿרעגט מען זיך: װאָס האָט אים אָנגעטראָגן, נישטאָ גענוג אָרעמע לײַט אָן אים? אַזוי אַז די גלײַכגילטיקײט האָט ער אויפֿגענומען מיט אַ לויב צו גאָט — ס'האָט געקאָנט זײַן ערגער. געטראַכט האָט מען אַז לאַנג בלײַבן װעט ער נישט װײַל װאָס קאָן מען האָבן פֿון אַזאַ נישטיק צעלניק־געװעלבל? ער װעט אָפּהאַנדלען אַ צײַט, דערלײַגן דאָס װאָס ער האָט מישטײנס געזאָגט מיטגעבראַכט און מוזן זוכן פּרנסה ערגעץ אַנדערש.

דאָס געלט האָט ער נישט דערלײגט. פֿאַרקערט. דאָס קלײנינקע געװעלבעלע האָט ער פּאַמעלעך אָנגעפּראַטעט מיט סחורה. אָן אַ נאָדל, אָן אַ שטיקל צװירן, אָן אַ קנעפּל, אָן אַ שוך־בענדל קאָן מען זיך שװער באַגײן. האָט ער געלײגט אַ פּרוטה צו אַ פּרוטה און אַביסעלע געלט אין דער באַנק װאָס אין שכנישן שטעטל. פֿון דאָרט האָט ער זיך אַראָפּגעבראַכט זײַן זיװוג דווקא פֿון אַ בכּבֿודיקער משפּחה און מיט דער צײַט געװאָרן דער טאַטע פֿון אַ מײדעלע און דער בעל־הבית פֿון אַ שטאָט אין שיל. צו מיזרח האָט עס אים נישט געצויגן, װײַל אַזאַ איז ער, הערש־בער, אַ באַשײדענער, אַן אײַנזאַמער בוים. פּסוקים זענען אים נישט פֿרעמד, נאָר זיך באַרימען, זיך װאַרפֿן דערמיט האָט ער נישט ליב — ער איז

א צוהערער. גיט מען א טרייסל — פאלט, און די פירות זענען דווקא נישט קיין פראָסטע. אליין טרייסלען זיך האָט ער פיינט.

ווען יאָסל האָט אריבערגעטרעטן די שוועל פון געוועלבל, איז אים אנטקעגנגעקומען שפרינצע. איר האָט געשלאָגן דאָס בלוט צו די האָר-וואָרצלען און איז עס אנטלאָפן פון געזיכט. דאָך איז ביידע געלונגען א שמייכל.

— דער טאטע איז אינדערהיים? און געטראכט האָט ער „ביסט שענער ווי שיין".

— ער דאַרף באלד קומען. שטייט נישט ביי דער טיר. קומט אריין. און געטראכט האָט זי: „זע נאָר, זע! ער זעט גאָר אויס צו זיין א שעמעוודיקער".

שפרינצע איז נישט געווען אליין. ביי איר איז געווען צו גאסט וועלוועלע. וועלוועלע, ווייל קליין, איינגעשרומפן און קורצזיכטיק. דאָס איינציקע וואָס ער פארמאָגט גרויס זענען דיברילן. ער איז א כאָרט שטאָטס-אייגנטום. אנדערע שטעט האָבן זייער גאון, זייער באנקיר, זייער אָנגעזעענעם דאָקטער, זייער משוגענעם, זייערס עפעס אן אנדער „יוצא-מן-הכלל", דאָ איז עס וועלוועלע מיט זיין נישטיקייט וואָס ציט אויף זיך די סימפאטיעס פון אלע. וועלעוועלען האָט מען ליב ווייל ער איז אזא ווי ער איז. פון קליינעם גופעלע שפארט אזויפיל נשמהדיקייט אז סע קלעקט צו באלויכטן אלעם ארום. וועלוועלע איז אומעטום אן אָנגעלייגטער גאסט און ער קלייבט נישט איבער. אין איין שטוב קומט ער אָבער מיט גאָר אנדערע געפילן ווי אין די איבעריקע — דאָס איז צו שפרינצעלען. דאָ פילט אויך ער אז זיין נשמה קאָן שיינען און פרווט מיט אלע כוחות אז די שיין זאָל בלייבן אן אינעווייניקסטע זי זאָל בריען — ווייל זי איז א פלאמיקע — נאָר אים.

יאָסלען דאָט געוואונדערט וועלוועלעס אָנוועזנקייט ביי שפרינצען. „וואָס קאָן דאָ ביי אן אליין-שטייענדיק מיידל זוכן א בחור?" ער האָט נישט געפילט ווי אומגעלומפערט סע קלינגט דאָס וואָרט „בחור" ווען ס'איז די רייד פון וועלוועלען. „סע פירט זיך נישט". דער „סע פירט זיך נישט" איז געווען מער זיין אייפערזוכט ווייל אייגנטלעך קומט ער פון ערטער ווו דאָס איז א פון לאנג ארויסגעוואָרפענער מנהג — ער האָט א ריח פון באליידיקן. כאָטש אזוי... וועלוועלע ווידער האָט אים אויפגענומען מיט אן אונטער די ברילן פארלוירענעם שמייכל ווייל ס'איז אים איינגעפאלן אז אזא שטאלטנער כמעט אטלעטישער יינגערמאן און דערצו אזא קלוגער וואָלט אים געפעלן פאר דער צו וועלכער ער שטרעבט און וועט קיינמאָל נישט זוכה זיין. ס'האָט לאנג נישט געדויערט און הערש-בער איז געקומען. ער האָט זיך דערפרייט מיט יאָסלען און אים איינגעלאדן אין א צווייט צימער. דער שמועס איז געווען א זייער כמעט צו קאָנקרעטער.

— איך ווייס, איז הערש-בער גלייך צוגעגאנגען צום ענין, אז איר צילט העכער. פאר דער צייט וואָס איר זענט דאָ נישט געווען האָט זיך מיין פרוי, שפּרינצעס מוטער, געפּעלט.. דאָס געשעפט און די באַלעבאַטישקייט ליידן דערפון איך האָב אייך געוואָלט פרעגן צי וואָלט איר נישט געווען א בעלן מיר צוהעלפן... קיין ספק איז עס נישט, אָבער מער ווי גאָרנישט איז עס דאָך. מע וואָלט געקאָנט זאָגן אז אן אָנהאַלט קאָן דאָס זיין. צייט וועט אייך בלייבן אויך פאר דעם וואָס אייך אינטערעסירט.

דאָס איז געווען אזוי אומגעריכט אז יאָסל — שטענדיק פארטיק מיטן ענטפער — איז געבליבן א רגע אָפּהענטיק, נישט געוווּסט וואָס צו זאָגן.

— כ'וועל אייך זאָגן דעם אמת... האָט ער געשטאַמלט.

— כ'ווייס, האָט אים איבערגעשלאָגן הערש-בער מיט א פריש אָנגענעם געלעכטער, ס'איז אומגעריכט, איך וויל נישט אייער ענטפער תיכף. סע קאָן זיין אויך איבערמאָרגן.

אזוי איז יאָסל געוואָרן א סאָרט אָנגעשטעלטער ביי הערש-בערן און האָט נישט געדאַרפט זוכן קיין געלעגנהייט זיך צו באַגעגענען מיט שפּרינצען. יעדן טאָג האָט אים מער פאַרכאַפּט דאָס מיידל מיט איר פּשטות, מיט אירע שטריכן — האַרטע, גרויסע, אשת-חילדיקע. יאָסל האָט זי די ערשטע צייט חושד געווען אין א „ראָמאַן" מיט וועלוועלען. קענגנזאַצן ציען זיך צו. וועלוועלע איז א שוואַכבענקער, אן אומבאַהאָלפענער, א דערשראָקענער און זי — א זיכערע, א רויקע, אן אָן פּנימהדיקע, ס'האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט, דאָס נאַרישקייט איז געווען צו באַשיימפּערלעך. גאָר גיך האָט ער זיך איבערצייגט אז איר חברען זיך מיט וועלוועלען האָט געדאַרפט זיין א באַווייז פון איר שטאַנדהאַפטיקייט, פון איר געטריישאַפט צו יענער צייט ווען אירע בליקן האָבן אים באַגלייט אויפן וועג צו דער ישיבה, אז זי האָט קיין מאָל נישט מוותר געווען אויפן געדאַנק אז אירע געפילן צו דעם שטאַלטנעם, קלוגסטן פון אלע — יאָסל שמואל-דודס — זענען עכטע, אמתע, טיף איינגעוואָרצלטע, אייביקע, אז זייער אייביקייט איז א פון אין-סוף צו אין-סופיקע. יענער לאָק איז שטענדיק געווען נאָר פאר אים.

און דאָס האָט אים געפעלן. ער האָט זי זייער האָלט געהאַט, ער האָט געגאַרט זי זאָל זיין זיינע, אינגאַנצן זיינע. און אזא איז זי. ער האָט געפילט אז זיין יש באַהערשט זי און אויך דאָס האָט אים געפעלן ווייל ער איז געווען א דאָמינירנדיקער.

ווען ס'איז געקומען צו דער חתונה האָט זיך יאָסל געכאַפּט אז שוין דעמלט ווען זיין טאַטע האָט אים געשיקט אויפזוכן הערש-בערן איז זיין געדאַנק געווען

ביים שידוך. דאָס האָט אַרויסגערופן אַ מאָדנע געפיל. הערש-בער איז נישט
געווען דער מענטש וואָס זאָל מיט זיך פאַרשטעלן אַ פון שמואל-דודן געגאַר-
טער שידוך. נישט דאָס זענען געווען זיינע געדאַנקען און שטרעבונגען אין
שייכות מיט זיין זון — דעם פון אַלע אָנערקענטן עילוי. זיינע שטרעבונגען
זענען געווען אַנדערע. ער האָט געצילט אין אַנדערע ריכטונגען. נישט רייכקייט
האָט אים געלאָקט נייערט ייחוס. הערש-בער איז אין דער געגנט געווען באַלע-
באַטיש, בכבודיק, אָבער וויט פון יענעם ייחוס צו וועלכן ס'האָבן געקאָנט שטרעבן
שמואל- דודס געדאַנקען. געשטערט האָט יאָסלען די מיגלעכקייט אַז מצד זיין
טאַטן קאָן דאָס הייסן אַז ער האָט מותר געווען אויף זיינע פּרעטענציעס צו אים,
צו יאָסלען; אַז זיין ווערט איז געפאַלן אין זיין טאַטנס אויגן. דאָס האָט אים
וויי געטאָן. צוויי מאָל וויי געטאָן. אים איז נישט געווען גלייכגילטיק זיין טאַ-
טנס מיינונג וועגן אים. אים האָט זיך געוואָלט פאַרנעמען אין זיין טאַטנס שאַ-
צונגען דאָס זעלבע אָרט ווי אַמאָל. ווי געטאָן האָט אים דאָס פאַרלוירענע פּלאַץ
און אויך זיין טאַטנס ליידן — ווייל ער איז געווען איבערצייגט אַז שמואל-דוד
ליידט. אַז אַזוי לייכט איז אים דער שידוך נישט אויסגעפאַלן. כאָטש זינט דער
חתונה איז פאַרביי אַ צייט און שפּרינצע איז אים געווען ליב ביז גאָר און הערש-
בער אַ גוטער פאָטער און שווער האָבן אים אַזעלכע געדאַנקען געמוטשעט און
געשטערט צו דער פולקייט פון זיין פאַמיליע-לעבן.

און נישט נאָר...

אָפט האָט אים באַהערשט אַ געפיל אַז עפּעס פעלט אים, אַז ער האָט עפּעס
פאַרלוירן. וויט איז די צייט ווען די שיל און די ישיבה האָבן אויף אים געלייגט
אומבאַשטימטע האָפענונגען גלייך ער וואָלט געווען דאַרפן, מוזן ברענגען אַ
ישועה פון גרויסן באַטייט. אַזאַ וואָס לאָזט זיך נישט באַשטימען מיט ווערטער.
ניין, נישט קיין משיח האָט ער באַדאַרפט ווערן, די שבתאי-צבים זענען שוין
לאַנג פאַרגעסן. אפשר נישט מער ווי אַ שטראַל ליכט אין דער שרעקלעך גרויער
טאָג-טעגלייכקייט. צו מאָל האָט זיך אים געדאַכט אַז ער וואָלט זיך געדאַרפט
אַריינכאַפּן אין בית-מדרש, זיצן אַ פּאָר שעה פאַר אַן אָפענער גמרא, פאַרברענ-
גען מיט תוספות, פּאָלעמיזירן מיטן רמב״ם, אָבער די שוועל פון בית-מדרש
איז ער נישט אַריבערגעטרעטן. ס'האָט אים געשראָקן דער געדאַנק אַז אויך
דאָס קאָן אָניאָגן אַ פּוסטקייט. שטאַרקער, דערנערדיק-שפּיציקער איז געווען
די בענקשאַפט נאָך דער שטאָט צ. דאָרט איז דער סיכסוך געווען לעבעדיקער,
ממשותדיקער. דאָרט האָט ער דאָס ערשטע מאָל געפילט דעם טעם פון גאַנצקייט,
פון זיך דערהייבן ביז צו דער מדרגה פון שאַפן. דאָרט האָט אויפגעלויכטן דער
פונק וועלכן סע טראָגט אין זיך דאָס וואָרט. זיך דערמאַנענדיק דעם אָוונט ווען

ער איז ארויף אויף דער סצענע, ווי אזוי ס'איז פאר אים אויסגעוואקסן א וואלד מיט אויגן... אויגן... און וואס פארא אויגן, וואס פארא התפעלות ס'האט פון זיי געשפּארט ווען ער האט פאָרגעלייענט זיין ערשטע דערציילונג, פלעגט ער אויסוואקסן פאר זיך אליין ווי א באשעפעניש הויל ליכט...

דאָס איינציקע וואָס מע וואָלט געדאַפט טאָן איז אוועקוואַרפן דאָס צעלניק-געוועלבל, נעמען שפּרינצען און אנטלויפן קיין צ. דאָס קאָן מען אָבער מער נישט. פאר דער צייט האָבן זיך גרענעצן ווידער א רוק געטאָן און צ. איז געבליבן אויסער, אָפּגעריגלט אויף ווער ווייסט ווי פיל צייט...

און שפּרינצע?

שפּרינצע האָט געפילט אז יאָסל ליידט. שולדיק אין דעם איז נאָר זי. זי האָט אים פארשלעפּט אין א טויט ווינקל און אים געפּענטעט. ער זעט דאָך אוים ווי א ראַסיק פערד וועלכן מ'האָט געבונדן די פיס, אָט שטרענגט עס אָן אלע מוס-קלען, הייבט אויף דעם שטאָלצן קאָפּ גרייט זיך צום שפּרינג, צום נאַרעוויכטע געלויף איבער אומענדלעכע סטעפּעס, זענען אָבער די פיס געפּענטעט. „און געפּענטעט זיי האָב איך! אז וויי איז מיר!" וואָלט ער עפּעס געזאָגט, וואָלט זי אפשר געקאָנט העלפן, געפינען אן אויסוועג. זי איז גרייט אויף אלעמען. אָבער מיט וואָס זאָל זי העלפן, אז זי ווייסט נישט. ער שווייגט, ער דרייט זיך ארום ווי אין א שטייג. א מקום מקלט פון אירע שווערע געדאנקען האָט זי געפונ-נען אין באַלעבאַטישקייט, אין שטובאַרבעטן. אָט שטייט זי איבער א באַליע וועש, רייבט זיינע העמדער מיט ליבע און איר אונטערוועש מיט שנאה, ווייל זי האָט זיך פיינט באַקומען. זיך, נישט יאָסלען. יאָסלען קאָן זי גאָרנישט פיר-וואַרפן, ער איז מיט איר אויפמערקזאַם, צאַרט. אזוי פיל ווי פיל ער קאָן. זי האָט קיין טענות צו קיינעם. זי האָט זיך פאָרגעשטעלט אנדערש, זיין צערטלעכקייט האָט זי געחלומט אן איידעלערע, אָבער זי באַשולדיקט נישט אירע חלומות. און אויך נישט זיין קילבלעכע צערטלעכקייט. זי קאָן אים נישט פארשטיין. ער איז א געלערנטער, ער שטרעבט צו אזעלכן צו וואָס נאָר ער קאָן שטרעבן, זי איז נישט דערוואַקסן דאָס צו פארשטיין אָפּגערעדט פון ארויסהעלפן. אנדערש וואָלט ער זיך מיט איר געהאַלטן אן עצה. קיין פּרעטענציעס קאָן זי נישט האָבן, זי פארשטייט אז איר געדאַנק איז צו שוואַך אויף זיך מיט איר צו עצהן. וואַשט זי דאָס וועש, גרויסע טראָפּן שווייס קייקלען זיך אויף איר פנים און אויף זייערע שפּורן קליינינקע טרערן.

יאָסל קומט אריין אין קיך נאָך א גלאָז וואַסער אָדער עפּעס איבערכאַפּן. זעט מיט וואָס פארא ברען זי וואַשט, בלייבט ער א רגע שטיין. שפּרינצע מיטן קאָפּ אין מילטער. יאָסל גייט צו, הייבט אויף איר פנים און זיי קוקן לאַנג איינער

דעם צווייטן אין די אויגן שווייגנדיק. אזוי ביז שפּרינצע ווישט די הענט אין פאַרטוך און פאַלט צו צו אים שטאַרק כליפּענדיק.

*

סע זעט אויס מעלאָדראַמאַטיש.

דערווייל לעבט מען נאָך מיט דער מעלאָדראַמע, זאָל מען באַהיט ווערן סע זאָל זיך נאָך דעם פאַרבענקען...

# 5. דער לעצטער שמועס

נישט אמת, יאָסל האָט נישט פאַרלוירן פון ווערט אין זיין טאַטנס אויגן דאָס האָט זיך נאָר אים אַזוי געדאַכט. נישט דאָס איז געווען די סבה צוליב וועלכער שמואל דוד איז איינגעגאַנגען אויף שרכנען זיך צו הערש־בערן.

פון יענער נאַכט ווען ער האָט געוואָרט אַ פּאַרכישופּטער צו זען דעם מולד זענען אַוועק אַסך יאָרן. זאָל ער זיך אַליין אַ פרעג טאָן וועגן יענער נאַכט וואָלט עס אים אויסגעזען אַ ווילדער נישט געשטויגענער חלום, אַז דאָס איז גאָר קיינמאָל נישט געשען. געבליבן ווייט אַרונטער ווי אַ בייזער חלום, אָבער נישט מער ווי אַ חלום, זענען אויך געבליבן די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. אין אַ פּערטל יאָרהונדערט האָט זיך דער שטייגער שטאַרק געביטן: אַ סך ווערטן זענען אָדער האָבן געמוזט איבערגעשאַצט ווערן אויך דאָ אין דעם צווישן בערג פאַרוואָרפענעם ווינקל. געווען אַזעלכע וואָס האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט יעדן בייט, זיך געהאַלטן ביי זייערן מיט גוואַלדיקער עקשנות, זענען זיי אין בעסטן פאַל געבליבן זייטיקע — שאָטנס וואָס דרייען זיך אויף זייער אייגענעם בית־עולם. דאָס האָט פאַרגיכערט זייער אָפּטאָן זיך פון דער וועלט.

חתונה מאַכן דריי טעכטער — און דריי האָט ער געהאַט — האָט געצוווּנגען פאַרבייגן דעם אייגענעם כבוד, מוותר זיין אויף דעם וואָס האָט אָנגעהויבן אויסזען ווי דער שאָטן פון אַ כבוד; אַוועקקוקן פון אייגענעם ייחוס, שלום מאַכן מיט גענג צו וועלכע ער האָט זיך געמוזט צופּאַסן צוליב שלום־בית. דאָ נישט לאַנג איז געקומען די עלטערע טאָכטער זיך באַקלאָגן אויף איר מאַן — לייבל קצב — זי איז אים חושד אַז ער פאַרקוקט אויף כשרות, ער זאָל געווען האָבן געגאַנגען אַזוי ווייט אַז ער האָט פאַרקויפט אַ שטיק זודיק אַלס כשר פלייש. אַזאַ חשד פון אייגענעם ווייב האָט שמואל־דודן אַ שניט געטאָן ביים האַרצן, איינצייטיק האָט אים געוווּנדערט זיין טאָכטערס פלוצעמדיקע כפל־שמונהדיקייט. ער האָט באַוועלטיקט זיין כעס און כמעט רויק געפרעגט:

— ווען איז עס, זאָגסטו, געשען?

— צוריק מיט א צען טעג.

— ביסטו אין דעם אינגאַנצן זיכער?

— נישט אינגאַנצן, טאַטע, האָט זי גלייך ווי חרטה געהאַט וואָס אָנגעהויבן מיט אַזאַ מעשה. זי האָט פּלוצעם זיך אָפּגעגעבן חשבון אַז אייגנטלעך שטעלט זי אין געפאַר איר משפּחהס פּרנסה. נישט אינגאַנצן...

— אויב דו ביסט נישט זיכער, ווי אַזוי זשע וואַרפסטו אַזאַ חשד? טאָמער האָט זיך דיר געדאַכט?

— ער אַליין האָט עס געזאָגט.

— וואָס האָט ער געזאָגט?

— ער האָט געזאָגט אַז אַזוי ווי די געשעפטן גייען קומט אויס צו לייגן די ציין אויף די באַנטעס, וועט באַלד נישט זיין מיט וואָס צו האָדעווען די קינדער. אַז סע האַלט ביי פּיקוח נפש מעג מען אַפילו...

— וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט האָדעווען יידן מיט טריפה? האָט איר איבערגע־שלאָגן די רייד שמואל־דוד. ער קלאָגט זיך פאַר דיר אויף דער פּרנסה, פאַר דיר, די מוטער פון זיינע קינדער, און דו ביסט אים חושד, דיין לייבלעכן מאַן אַז...

א דאָרן אין הארצן איז אָבער געבליבן. ער האָט געטראַכט אַז ווען דאָס זאָל געווען געשען אַן אַנדערס מאָל וואָלט ער מסתמא געווען אימשטאַנד דורס צו זיין נישט געטראַכט, דעם אייגענעם אײדעם. דער דאָרן איז געווען קעגן דער טאָכטער וועלכע קאָן דערגיין ביז אַזאַ אומגעלומפּערטקייט אָבער נאָך מער קעגן זיך גופא, קעגן זיינע אַרגומענטן מיט וועלכע ער האָט זיך געשטילט: ער־שטנס, איז נישט זיכער צי אַזעלכעס איז געשען; צווייטנס, ווער ווייסט איבער וואָס זיי האָבן זיך געקריגט און זי האָט געפונען אַ ווייבערישע נקמה; און דריטנס, אויב על פּי טעות אָדער אין אייַלעניש, אָדער אין אַ עת צרה ווען דאָס דחקות איז שטאַרק צוגעטרעטן האָט ער דאָס יאָ געטאָן איז דאָך שוין סיי ווי פאַרפאַלן, אַ גאַנצע קהילה וועט מען דאָך נישט צווינגען כשרן אָדער גאָר אַרויסוואַרפן דאָס גאַנצע געפעס.

ניין, שמואל־דוד איז נישט מער דער פון אַמאָל און אויך דעם אָרום שאַצט ער מער נישט ווי אַמאָל, אַפילו זיך אַליין שאַצט ער אַנדערש. שולדיק אין דעם איז נישט נאָר דער אָרום, נאָר אויך זיין אייגענע אַנטוויקלונג. „ווייזט אויס אַז דעם מענטשנס שכל, זיין געדאַנקען־גאַנג, טראַכט ער צומאָל, בייט זיך צו־זאַמען מיטן אויפשטייג און צוריקוואוקס פון זיינע איברים, פון זיין כוח''. אַזעלכע רעיונות באַהערשן אים ווען ער גרייט זיך פריטיק פאַרנאַכט אין שיל אַריין, ווייל דעמלט איז גובר דער ווילן אויסצוזען יום־טובדיק און ער טוט אַ קוק אין

שפיגל. די באָ־ד וועלכע איז אַמאָל געווען א חידוש פאר אלעמען האָט פארלוירן פון איר ווייסקייט, זי איז געוואָרן גרוילעך. „דו ווערסט יינגער, שמואל דוד“, ווערטלט זיך צומאָל גנענדל און ער ענטפערט מיט זיך געבן א שטעל. אצינד אויף דער עלטער דערלויבט ער זיך דאָס ווייל ס'האָט אין זיך די זעלבע אומשולדיקייט ווי ביי קינדער. „סטארריי יאק מאליי', פאלט אים איין דווקא אויף אוקראיניש, א־ן טראכטן טראכט ער: „מאָדנע די עלטער — זי מאכט פון שווארץ ווייס און פון ווייס גרוי“. אין מקווה האָט ער באמערקט אז אויך די ליטקעס זענען אָפּגעשוואכט געוואָרן, זיי הענגען אויף די ביינער ווי ליידיקע זעקלעך. און דער גאנג איז אויך געוואָרן שווערער. „וואָס גייסטו אזוי, גלייך וואָלסט טרעטן אויף אייער?“ אויף גנענדעלס באמערקונג, ענטפערט ער מיט א שמייכל, איר אָנטאָן זאָרגן וויל ער נישט, איר דערציילן אז דאָס הארץ קלאפט צומאָל צו גיך און אן אנדער מאָל צו פּאוואָליע וויל ער נישט. שווערע צייטן האָט מען איבערגעלעבט צוזאמען און זי האָט אים שטענדיק געשפּאָרט די מינדסטע אויפרעגונג, די קלענסטע זאָרג. זיך קיינמאָל נישט באקלאָגט אז סע פעלט עפּעס אין שטוב, אז די קינדער, אז האָלץ אויפן ווינטער, אז ס'איז צייט, די מיידלעך זענען אונטערגעוואקסן. זיך שטענדיק פארלאָזט אויף גאָט און אויף שמואל־דודן אז זיי וועלן העלפן. ניין, גנענדל דארף נישט וויסן אז די כוחות לאָזן נאָך. כל זמן מע קאָן דארף מען איר פארשפּאָרן אזעלכע צרות.

א גרויסער טייל פון זיינע אַמאָליקע חברים זענען מער נישטאָ אויף דער וועלט ער דערמאָנט זיך נישט אָפּט אין זיי. אזא איז דער שטייגער — די ערד דעקט צו, פארגעסט מען. נאָר איינעם געדענקט ער — דעם ראש־הישיבה. דאָס נישט נאָר דערפאר ווייל זייער פריינדשאפט האָט זיך געשטארקט ווען ער פלעג זיך כמעט יעדן אָוונט אריינכאפּן אין בית־מדרש און יעדעס מאָל האָט זיך געדאכט — און אפשר איז עס טאקע אזוי געווען — אז מען אנטדעקט א נייעם סוד, אז דער גרויסער אלעם ארומנעמענדיקער סוד אנטפּלעקט א שפּאָגל־נייעם שטריך פון זיין אומענדלעכער פילזייטיקייט, נאָר צוליב איינעם א שמועס וועלכער האָט אויף אים, שמואל־דודן, ארויפגעלייגט א התחייבות, א פליכט וואָס סע וואָלט געווען צייט אויסצופולן, נאָר ווי קומט די קאץ איבערן וואסער אז דער בן־יחיד זיינער איז גאָר פלוצעם אוועק כמעט אָן א זיי געזונט. דער געדאנק אז סע וואָלט מיגלעך זיין ער זאָל זיין צוזאָג נישט האלטן האָט אים זייער געמוטשעט. די הויפּט זאָרג איז געווען וואָס טוט מען אויב ער קערט זיך אום א באווייבטער? דעמלט וועט די שולד זיין אינגאנצן זיינע. אפשר האָט מען געדארפט מיט אים רעדן פאר זיין אָפּפאָרן, אים צווינגען צו אן ערנסטן שמועס, אים דערציילן וועגן דעם וואָס דער ראש־הישיבה האָט נישט מער ווי מרמז גע־

ווען, אָבער פאַר אים, פאַר שמואל־דודן, איז עס געווען כמעט ווי א תקיעת כף — ער איז דאָך איינגעגאַנגען דערויף. דער ראש־הישיבה האָט אים דעמלט געזאָגט:

— זען מוז מען נישט דווקא היגע. דער היגער ייחוס איז אונדז באַוווּסט. פאַראַן אַזעלכע וועגן וועלכע מיר ווייסן נישט און זייער ווערט איז אפשר גרע־סער. ווער קאָן וויסן מיט וואָס זיי זענען אַראָפּגעקומען, וואָס פאַרא מרכבה זיי האָבן באַשטיגן צו קומען אַהער. אָט נעם, שמואל־דוד, דעם צעלניקער, הערש־בערן, א שווייגער, האַ?

— אַזוי זעט עס אויס... א שווייגער און נישט זייער בקי אין...

דער ראש־הישיבה האָט געוואָרפן א כמעט ברוגזן בליק.

— מוז מען האָבן בקיאות אויף צו דינען?... און ווער איז דער בקי?... אפשר איך, אפשר דו?... דו נעמסט עס אויף דיר?...

— חס וחלילה! האָט זיך צוזאַמענגעשרומפּן שמואל־דוד.

— זעסטו?! ביי אים וואַקסט א בת־יחידה...

מער האָט מען וועגן דעם נישט גערעדט, אָבער געבליבן איז עס כמעט ווי א תקיעת־כף אויך נאָך דעם וואָס שמואל־דוד האָט זיך דערוווּסט אַז הערש־בער איז דעם ראש־הישיבהס א ווייטער קרוב. שמואל־דוד איז קיינמאָל נישט דערגאַנגען אַזוי ווייט אַז ער זאָל וואַרפן דעם מינדסטן חשד אַז דער ראש־הי־שיבה האָט געקאָנט האָבן וועלכן ס'איז אינטערעס. „ווער מע וויל, אָבער נישט ער".

ווען יאָסל האט זיך אומגעקערט און דערצו אליין איז שמואל־דודן אַראָפּ א שטיין פון האַרץ. ער האָט דאָס צוגעשריבן דער השגחה, אָבער... השגחה אליין העלפט נישט. וואָס טוט מען ווייטער? ווער ווייסט צי זיי וועלן זיך באַמערקן. עפּעס האָט אים איינגערוימט אַז אָנהייבן מיט שדכנים דאַרף מען נישט. אים האָט אפילו באַאומרויקט שפּרינצעס חברן זיך מיט וועלוועלען נאָך פאַר יאָסעלס קומען אַהיים. ער האָט זיך צוגעקוקט פון דער זייט און פאַרשטאַנען אַז די פריינד־שאַפט צווישן זיי איז נישט אַזאַ וואָס זאָל פירן צו א שידוך. סע זענען פאַרביי א פּאָר חדשים נאָך יאָסלס אַהיימקומען און ער האָט באַשטימט א טאָפּ טאָן הערש־בערן.

— א שידוך איז א גאָט זאַך. אויב ס'איז א זיווג וועט עס סיווי קומען דערצו.

שמואל־דודן האָט אפילו פאַרדראָסן דער קאַלטער ענטפער. סע קומט גאָר אויס אַז אים שטייט נישט אָן. „צוגעזאָגט האָב איך דאָך גאָרנישט", איז אים איינגעפאַלן, „מיט געוואַלד דאַרף מען נישט. אפשר איז עס גאָרנישט באַשערט".

— געטראכט האָב איך, האָט ער געהערט זאָגן הערש־בערן, אז אייער זון וואָלט מיר געקאָנט צוהעלפן אין געשעפט. ווי איך זע האָט ער דערווייל נישט עפעס אנדערש וועט עס אים געפעלן, וואָלטן אלע געווען צופרידן.

שמואל־דודן האָט זיך געדאכט אז הערש־בערס רייד, אזעלכע פשוטע ווי זיי זענען, דארף מען אויסטייטשן. „ווער זענען עס די אלע וואָס וואָלטן זיין צופרידן? וואָס דארף דאָ יאָסלען געפעלן? זיין צעלניק־געוועלבל?“

אָט זענען פארביי כמעט צוויי יאָר זינט דער חתונה און דאָך איז עס עפעס אָן תכלית. אלעס כשורה נאָר אז מע קוקט זיך איין נענטער פילט זיך א נישט שלמותדיקייט אזא, גלייך צווישן זיי וואָלט זיך געפינען א מחיצה. פרעגן איז נישטאָ וואָס. שפרינצע איז א באלעבאָסטע, אן אשת־חיל הלוואי אויף אלע יידן געזאָגט און א יפת־תואר. שמואל־דוד איז אין זיין לעבן אין מוזייען נישט געווען, פון ווענוס נישט געוווּסט, אין פרויענצימערן זיך נישט איינגעקוקט אזוי אז ער האָט נישט געקאָנט אנטדעקן דאָס גריכישע אויף איר פנים און געשטאלט. אָבער אז זי איז שיין און טראָגט מיט זיך א ווערדע — א נישט חוצפהדיקע נייערט אן אמת כשרע — ווי סע פאסט א יידישער טאָכטער, האָט ער געוווּסט. באמערקט האָט ער אויך דאָס וואָלקנדל וואָס שוועבט צווישן זיי. דאָס האָט אים באאומרויקט, פארשאפט גרויס עגמת־נפש. ער וואָלט געוואָלט אן אייניקל... כאָטש...

דער כאָטש האָט געהאָנגען נישט נאָר איבער דעם יונגן פאָרפאָלק, נאָר איבער דער גאנצער משפחה, ווי א דאמאָקלעס שווערד. די צווייטע מלחמה האָט געבושעוועט און יידן זענען געווען אין א שטענדיקער געפאר. ענדערונגען צום גוטן האָט מען נישט געקאָנט פארזען. די האָריזאָנטן זענען געווען געשלאָסענע. די סכנה איז דאָ און קיין הילף זעט אויס איז נישטאָ פון וואנען צו דערווארטן. סיידן א נס...

יאָסל פלעג אָפט אריינקומען. אויך דאָ האָט זיך באמערקט זיין אָפוועזנקייט. ס'האָט אים ערגעץ געצויגן, אָבער נישט אהער און נישט אהיים. אָפקומען פלעג ער מיט א פאָר ווערטער וועגן דעם וואָס איז. שמואל־דודן האָט זיך געוואָלט פארפירן מיטן זון א שמועס, אפשר אויף אזא אופן געפינען אביסעלע מער בטחון אין מאָרגן. האָט ער אלץ אָפגעלייגט, ווייל וואָס קאָן ער אים זאָגן? נישט מער ווי שטארקן די מרה־שחורה, די זעלבע וואָס מוטשעט אים און הונדערטער אנדערע. ער האָט אָבער געפילט אז אויסמיידן קאָן מען נישט און מען טאָר נישט ווייל דער מאָרגן ווערט וואָס אמאָל קאלעמוטנער. זיך באנגיגן מיטן שווייגנדיקן שמועס וואָס פירט זיך צווישן זיי זינט אזא לאנגער צייט האָט אויך

קיין זין. מע קוקט איינער צום צווייטן און יעדער האָט גלייך ווי מורא א וואָרט ארויסצורעדן, גלייך ווערטער וואָלטן געקאָנט גורם זיין מער ווי די געדאנקען וואָס קריכן נישט ארויס פון קאָפּ. ידיעות פון אומעטום שלעכטע וואָס ערגער קאָן נישט זיין. סע דערגייט דערצו אז מע וויל זיי נישט הערן, אפשר וועט העלפן דאָס נישט וויסן. ענדלעך האָבן זיי ביידע נישט אויסגעהאַלטן.

— נו?

— וואָס טאַטע? נאָך א לאַנג שווייגן: האָסט געוואָלט עפּעס זאָגן?

— ווייסעך ...כ'טראַכט ... אָט זענען מיר אַלע א פאַמיליע ... מיר, דיינע עלטערן ... דיינע שוועסטער ...

— דיינע טעכטער און אייניקלעך, האָט יאָסל געוואָלט ארויסהעלפן.

— אוודאי, האָט שמואל-דוד געזאָגט אין אַזא פאַרלעגנהייט אז יאָסלען איז איבערגעלאָפן א דראָזש.

— טאַטע, דו פילסט זיך נישט בקוו ...

— ניין, ניין, כ'פיל גוט. דערווייל פיל איך מיך גוט, האָט ער צוגעגעבן מיט א געלן שמייכל. כ'טראַכט נאָר אז דערווייל איז אַלץ נאָך גאָט צו דאַנקען. לאָמיר האָפן אז מאָרגן בלי נדר וועט אויך אַזוי זיין. וואָלט מען געוווּן זיכער וואָלט דאָך נישט זיין וואָס צו רעדן. סע וואָלט געהייסן אז מע וועט איבערקו-מען. איז מען אָבער מיט גאָרנישט זיכער.

— וואָסזשע טויג עס?

— מע וואַרט מיט געליימטע הענט ... און אז נישט ... כ'טראַכט נאָר ...

— צו מיר?

— צו דיר, צו שפּרינצען, צו אונדז אַלע. דער געדאַנק מוטשעט אז כ'וואָלט דיר געדאַרפט עפּעס זאָגן ... וואָס? כ'ווייס אַליין נישט. אפשר איז דער עיקר וואָס ס'איז איצט צו זאָגן אז מע דאַרף בלייבן א ייד ...

שמואל-דוד איז אַנטשוויגן געוואָרן. אים האָט זיך געדאַכט אז ער האָט געזאָגט צו פיל, אז ער האָט אפשר נישט גענוג איבערגעקייט די געדאַנקען איי-דער ער האָט זיי אויסגעלייגט. ס'האָט אים אויסגעזען אז ער דאָט אים מיט עפּעס באַליידיקט. דאָס האָט ער בשום אופן נישט געוואָלט. ער איז נאָך אַלץ שטאַלץ מיט זיין זונס שאַרפן מוח, מיט זיין אַריינדרינגען אין דעם עצם פון די זאַכן טיפער און העכער פון פּשוטן באַגריף. „ס'האָט זיך זייער געוואָלט האַלטן אַן עצה, פרעגן א מיינונג, אויסהערן א באַטראַכטן געדאַנק, אויפן אָרט פון דעם וואָרף איך גאָר אָן א מורא, סטראַשע איך מיט בלייבן א ייד. רבונו של עולם, וואָס פאַרא צייטן", האָט ער געטראַכט קוקנדיק אויף יאָסלען מיט א טריבן בליק.

— וואָסזשע טאטע, דו צווייפלסט אין מיין בלייבן א ייד? האָט יאָסל נישט אויסגעהאלטן דעם פאָטערס שווייגן.

— חס וחלילה, וואָס פאלט דיר איין? כ'האָב דאָס נישט געזאָגט און נישט געטראכט. א ייד וועסטו בלייבן. ער איז ווידער. אנטשוויגן געוואָרן. ס'איז אים אָנגעקומען שווער צו ברענגען איבער די ליפּן דאָס ווייטערע. ער האָט געהאלטן אז די צייט איז אזא אין וועלכער ס'איז בעסער נישט אַרויסרעדן פארשידענע פסוקים. זאָלן זיי ליגן פארריגלטע צווישן טאָוולען, זאָלן זיי נישט זען די ליכט פון טאָג און זאָל די ליכט פון טאָג נישט זען זיי. ווייל ... דאָך האָט ער גערעדט ווייטער מיט שרעקלעכער ביטערקייט. אזוי האָט ער געקאָנט רעדן נאָר מיטן ראש-הישיבה אין די אָוונטן וואָס זיי פלעגן צוזאַמען פארברענגען אין בית-מדרש. כ'האָב היינט באגעגנט א ייִנגעלע. נישט מיין טבע צו פרעגן ביי קינדער דעם פסוק. כ'ווייס נישט ווי אזוי ס'איז געשען און איך האָב אים דאָך געפרעגט, געבעטן ער זאָל מיר זאָגן דעם פסוק פון טאָג. שטעלסט דיר קוים פאָר וואָס א קינד קאָן איינפאלן. „ושטף ביהודה, שטף ועבר'', גיט ער א זאָג און אויסגעזען האָט עס מיר אז מיט חוצפּה. כ'האָב א טעות געהאט. ס'איז נישט געווען קיין שום חוצפּה. דו געדענקסט דעם פסוק און שטעלסט דיר פאָר וואָס פאר א מורא דאָס קאָן אָנוואַרפן אין אזעלכע צייטן. וואָס פארא שרעק דאָס קאָן אָניאָגן אין גלייביקע הערצער. מיינס איז א גלייביקס. פארפלייצונג צעוואָרפט, צערייסט, שרעקט עם מיך, ווייל ווער קאָן וויסן וואָס סע וועט מיט אונדז ווערן. איך זאָרג שוין נישט פאר מיר, פאר דער מאַמען ... די גרויסע זאָרג זענט איר, דיינע שוועסטער, דיין ווייב, די קינדערלעך. וואָס גאָט האָט אָנגעשריבן זיין פאָלק וועט זיין אויך מיט אונדז ... דאָס מיין איך מיך, דיין מאַמען ... פאר א מענטשן ווי דו איז עס אפשר נישט פונקט אזוי. אנדערע כוחות. רבונו של עולם, מיך שרעקן די פּרוּוון וואָס מע וועט דאַרפן אויסשטיין ... א ייד וועסטו בלייבן. אָפּטרייסלען זיך פון דעם קאָן מען נישט. מיט וועלכע וועגן מע זאָל נישט גיין בלייבט מען א ייד. אָבער, איז דאָס גענוג?

— טאטע, וואָלסט נישט געקאָנט זיין קלאָרער? מיין פארשטאנד העלפט מיר נישט.

— נאָך קלאָרער, זון מיינער?! ווי אזוי קאָן זיין קלאָרער?

ביידענס בליקן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף די גלע פלעקן וואָס אויף זייערע קליידער און לאנג געשוויגן.

ווייזט אויס אז, קלאָרער האָט טאקע נישט געקאָנט זיין.

דאָס איז געווען דער לעצטער שמועס א וואָך פאר דעם וואָס מ'האָט גערופן אלע יונגע יידן אין צוואנגס-ארבעט-באטאליאָנען.

ביז יאָסלס אוועקגיין איז זייער שמועס ווידער געווען א שווייגנדיקער.

# 6. וועלוועלע דעם גרויסנס קורצע געשיכטע

מעלדן האָט מען זיך געמוזט אין דער נאָענטער שטאָט. פון היים־אָרט זענען זיי אוועק אין דרייען: וועלוועלע, משהלע און יאָסעלע. מאָדנע. מיט נישט מער ווי א טאָג פריער זענען זיי געווען יאָסל שמואל־דודס, רבי משה און דאָמנו לופו. איבער נאכט זענען זיי ווידער געוואָרן דער מאמעס קינדער, ווידער דריי יינגלעך, ווידער דעם יישובס קינדער וועלכע מע רופט מיט זייערע קינדער־נעמען. די גאסן האָבן געראשט, הייזער האָבן דערציילט וועגן אומגליק וואָס איז געפאלן פון הימל, אלע די וואָס מ׳האָט נאָך נישט גערופן האָבן גערעדט וועגן דעם אז ... נאָר אין דריי שטיבער איז געווען שטיל. א שרעקלעך שווייגן האָט געגנידערט איבער זיי. מ׳האָט געגעסן וועטשערע שווייגנדיקע ווייל דאָס וואָס געשעט איז נישט מער דאָ נאָר ערגעץ אויף אן אנדער וועלט, ערגעץ אין א „יענער זייט“ וועגן וועלכער מע ווייסט גאָרנישט און אלעס. און אלעס וואָס מע ווייסט קאָן נישט און טאָר נישט ארויסגערעדט ווערן מיט ווערטער אפילו נישט מיט יום־כיפורדיקע. יום־כיפור שרייט מען, רייסט מען איין וועלטן ווייל ס׳איז נאָך פאר דעם פסק־דין. דאָ איז ער שוין געפאלן נאָר פינקטלעך אין וואָס ער באשטייט ווייסט מען נישט, וואָסזשע קאָן מען טאָן מער ווי שווייגן. רעדט מען יאָ ארויס א וואָרט מוז עס זיין א זעלעכס וואָס זאָל ברענגען ליכט און האָפענונג און גלויבן. האָפענונג, ליכט און גלויבן קאָנען ברענגען און האָבן שוין אמאָל געבראכט משהלע, יאָסעלע און וועלוועלע מיט זייער קומען אויף דער וועלט, מיט זייער אומבאהאָלפנקייט, מיט זייער נייטיקן זיך אין ווארעמקייט. איז מען געזעסן שווייגנדיקע ביי דער וועטשערע, נאָך דעם ביזן אויפגיין פון מאָרגנשטערן און אויך ווען מ׳האָט זיי אונטערגעפירט א שטיק וועגס ביז דאָרט פון וואנען מ׳האָט זיך געמוזט אומקערן און גייענדיק אהיים איבערחזרן בלחש זייערע נעמען: משהלע ... וועלוועלע ... יאָסעלע ...

דער וועג איז א באקאנטער. נישט איין מאָל איז מען אויף אים געגאנגען צום וואָך-יאריד, אָדער זען א פעטער, א מומע צי גלאט א פריינד. נישט איין מאָל האָט מען געשלונגען דעם פאָרעך וואָס סע לאָזן נאָך זיך פון נארעוויסטע פערד געטאשטשעטע וועגענער. געדיכטע קוסטעס ביים וועג-ברעג, א יעדע פון זיי א וועגווייזער: פון דעם בלייבט אזויפיל ביז אהיים, פון יענעם אזויפיל ביז אין שטאָט. דאָס מאָל רופן די צייכנס ארוים געמישטע געפילן. ניי זעט אוים א פון ווינטן אויף א זייט געבויגענער בוים, ניי זעט אוים דאָס פלוצעמדיקע פארקערעווען פון שליאך, ניי זעען אוים די פארפראָשעטע קוסטעס. ניי און אייגנצייטיק אלט, נאָענט, היימיש און אויף אמאָל אזוי פרעמד. פון וואנען אזא געדיכטע אָפגעפרעמדקייט אין זייערע פארפלאָנטערטע צווייגלעך, פון וואנען אזויפיל שנאה אין זייערע טונקל-גרינע בלעטלעך? אלץ בלייבט ערגעץ אין אן אומבאַשטימטער געוועזנקייט וואָס וועט פלאטערן און צאנקען אין שטענדיקער אָפּוועזנקייט. זיי גייען שוויינגדיקע, שוין פון אָנהייב מידע. א קנויל פון דעם וואָס געווען און פון דעם וואָס וועט זיין באַמבלט זיך אין קאָפּ. זיי שפאנען פאָרוים מיט צוריקגייענדיקע טריט. פלוצעם בלייבן זיי שטיין, באטראכטן לאנג דעם ארום וואָס איז מיט א טאָג פריער געווען זייערער, גלייכן אוים די רוקנס, קוקן לאנג איינער צום אנדערן גלייך זיי וואָלטן זיך גרייטן אָפּגעבן א שבועה. אפשר האָבן אמאָל דאָ אין מיטן וועג, אויף דעם זעלבן פלאץ, זיך אָפּגעשטעלט דריי דיטער, געקרייצט זייערע שווערדן און געשווירן געהאָרכזאם און טריישאפט זייער פירשט אָדער פרינץ. זיי אָבער זענען פיסגייער אָן געווער און אָן א באַשיצער. דאָס איינציקע וואָס זיי קאָנען קרייצן זענען בליקן געווענדעטע צו א ווייטיקדיקן ארונטער און צו אן איינגאנצן אומבאקאנטן סכנותדיקן פאָרוים וועלכן מע קאָן נישט אויסמיידן, וועלכן מע וועט מוזן אנטקעגנשטיין מיט נאקעטע הענט.

דאָס פעלד איז געוואקסן אין דער ברייט. פארשווונדן דער הימל, אן אומענדלעכע וויסטע וואָס טראָגט זיך מיט זיי אין אָפּגרונט...

„ניין, איז איינגעפאלן יאָסלען, אזוי קאָן מען נישט.‘‘ און ס'האָט אָנגעהויבן ווערן קלאָרער דער שמועס וועלכן ער האָט מיט א וואָך פריער געפירט מיט זיין טאטן.

— אנו, ווייטער געגאנגען! האָט ער אויסגערופן און זיך א לאָז געטאָן פאָרוים מיט זעלנער-טריט. העכער און שטראמער ווי די אנדערע צוויי זעט ער אוים גלייך ער זאָל זיין דער אָנפירער פון מאָדנעם דריילינג. נאָך מער לעבן וועלוועלען, וויל וועלוועלע איז דער קלענסטער און מאָגערסטער פון אלע דרייערצו א קורץ-זיכטיקער מיט גרויסע ברילן וואָס רייטן אויף א צו קליין נעזל.

א צייט זענען זיי ווייטער געגאנגען שווייגנדיקע אָבער די שטימונג איז געוואָרן אן אנדערע, א לעבעדיקערע, דאָס אפשר דערפאר ווייל די צוויי ווערטער וואָס זענען געפאלן האָבן אויסגעפולט דעם חלל און אזוי ארום געבראכט א יעדן פון זיי נענטער צו זיך און צו די אנדערע צוויי.

— האָסטעך געקעכט יאָסעלע, מיר זאָלן דינען אינאיינעם? כ'האָב שטענדיק געמיינט אז מיך וועלן זיי נישט נעמען. ס'האָט מיר אויסגעזען א בושה פאר דער קייסערלעכער ארמיי.

— פון וואנען איז געדרונגען אז זיי האָבן דיך שוין גענומען? האָט זיך געאיילט מיט אן ענטפער משהלע א צי טוענדיק דעם רעכטן אקסל. א טבע אזא ביי אים ווי נאָר ער רעדט ארוים א וואָרט גיט ער א צי מיט רעכטן אקסל גלייך ער וואָלט אראָפּגעוואָרפן א זאק פון פּלייצע. מיגלעך דאָס זאָל זיין בירושה פון זיין טאטן וועלכער פלעג פירן מיטן וואָגן תבואה און א לעבן לאנג אָנגעלאָדן און אָפּגעלאָדן פולע זעק.

יאָסל האָט א קוק געטאָן אויף ביידע און דראָבנע געלאכט. שרעקלעך קאָמיש האָט אים אויסגעזען זייער מיליטערישע אָפּטיילונג, אָבער געזאָגט האָט ער מיט ערנסט גלייך ער וואָלט אלץ געוווּסט פון אפריער:

— זיי וועלן נעמען! זאָרגט נישט, זיי וועלן נעמען... אלע וועלן זיי נעמען

— ביכט טאקע אזוי זיכער? האָט א רוק טוענדיק די ברילן נענטער צו די אויגן געפרעגט וועלוועלע. דער אמת איז אז מיר וואָלט געפעלן מיר זאָלן זיין צוזאמען.

וועלוול האָט ליב געהאט שפּרינצען. דאָס איז געווען א סוד פאר גאנץ בראָד. אָנגענומען איז געווען אז א מיידל האָט נישט וואָס צו קלייבן, אז ווי באלד סע באווייזט זיך א בחור און דערצו א פארזאָרגטער מיט פרנסה איז עס שוין א שמאלץ גרוב. וואָס אזוינס קאָן מיטברענגען שפּרינצעלע פון איר טאטנס געוועלבל, מער ווי איר שיינקייט? קלוגשאפט שאדט נישט אָבער קיין נדן איז עס נישט. אזוי אז וועלוולס אָפּט אריבערטרעטן די שוועל האָבן אייניקע געשאצט ווי געבראָכענע טעלער און זיך אפילו געוווּנדערט וואָס הערש-בער לאָזט ציען די געשיכטע אין דער לאנגער באנק. וואָס קווענקלט ער זיך אזוי לאנג? וועלוול איז א גוטער בעל-מלאכה, האָט גאָלדענע הענט, באריכט מיט זיין זייגערמאכערײי ווייט ארום, האָט זיין אייגן פענצטער ביי וועלכן ער פארברענגט צומאָל ביז שפּעט אין דער נאכט ווייל ארבעט פעלט אים קיינמאָל נישט — א זייגער מוז מען האָבן, וואָסזשע איז צו וואַרטן.

נישט אַזוי האָט עס אויסגעזען וועלוועלען. ער האָט זייער ליב געהאַט שפּרינצן און וואָס מער ער האָט זי ליב באַקומען אַלץ קלאָרער איז אים געוואָרן אַז דאָס וועט זיין אַן אייביקע ליבע וואָס וועט קיינמאָל צו קיין חתונה נישט פירן, ווייל ער איז זי נישט ווערט, איר שיינקייט איז באַשאַפן געוואָרן נישט פון אים באַרירט צו ווערן. ער דרייט זיך אַרום איר ווי אַ פרומער פּריסטער פון יענע ווייניקע וואָס גלייבן אויף אַן אמת אין זייערע געטער און וועלן קיינמאָל נישט פאַרשוועכן די הייליקייט מיט אַן ערדישן באַריר. ווען יאָסל האָט דאָס ערשטע מאָל באַטרעטן די שוועל און געפרעגט אויף הערש-בערן, און ביידע — סיי יאָסל, סיי שפּרינצע — האָבן זיך גערויטלט איז אים איינגעפאַלן אַז דאָס מוז זיין איר באַשערטער. נישט אַזוי ווייל יאָסל איז אים אינגאַנצן געפעלן — אים זענען צופעליק אויפגעפאַלן זיינע עטוואָס צו לאַנגע אָרעמס — נאָר גיכער דערפאַר ווייל שפּרינצע האָט זיך גערויטלט. אָט דעם אים באַקאַנטן קלאַפּ אין האַרצן, וועלכער יאָגט די געבליטן אין פּנים, האָט ער געזען צום ערשטן מאָל ביי שפּרינצען און די חושים האָבן אים אונטערגעזאָגט אַז זי האָט געפונען, אַז איר אויסקלייב איז אַ פון לאַנג באַשטימטער, אַז זי האָט אויף אים געוואַרט.

וועלוועלס צוגאַנג קאָן זיך דאַכטן אַן אויסגעטראַכטער. וועלכער יונגערמאַן אין אונדזערע צייטן לעבט נאָך מיט אַזעלכע ראָמאַנטישע געדאַנקען? דאָס האָט געפּאַסט אין די דרייסיקער יאָרן, אָבער היינט אין פולן גאַנג פון דער צווייטער וועלט-מלחמה, ווען געפילן זענען אויף אייביק באַגראָבן, ווען סע פּראָפילירט זיך אַ וועלט פון כאַפּ-לאַפּ, פון מאַן דאַלים גבר, פון רייס, שלעפּ, רויב און אויסגעלאַסנקייט? איז עס אַ טעות. פאַראַן, פאַראַן וועלוועלעך אויף גאָטס וועלטל און אפילו מער ווי נאָר זעקס און דרייסיק. אַנדערש וואָלט, ווייזט אויס, די וועלט טאַקע אונטערגעגאַנגען. ווייל ווי באַוווּסט האָט אברהם, אין זיין איינשטעלן זיך פאַר סדום, אָנגעהויבן זיך דינגען פון פופציק. אַזוי אַז ער האָט מיט יאָסלס אָנקומען געפילט אַ סאָרט באַפרייאונג, נישט אין זינען ער זאָל געוועזן מותר זיין אויף זיינע געפילן. אויף געפילן קאָן מען נישט מותר זיין. זיי ווערן נישט אויסגעטראַכט אָדער פּראָוואָצירט, זיי ווערן געבוירן פון זיך אין גאַנצן באַשעפעניש און זיי אויסוואָרצלען וואָלט געהייסן פאַרניכטן דאָס באַשעפעניש וואָס טראָגט זיי אין זיך — אַזוי אַז פון מותר זיין האָט קיין רייד נישט געקאָנט זיין. זיין באַפרייאונג איז באַשטאַנען פון אַ סאָרט אָנגרענעצדיקער פרייד וואָס די פון אים פאַרגעטערטע שפּרינצע וועט באַקומען איר תיקון. אַזאַ שיינקייט ווערט נישט באַשאַפן אויף פאַרלירן זיך אין אין-סוף אַ נישט אויסגעלעבטע. און יאָסל איז אים געפעלן. אַ שטאַלטנער, אַ שאַרפער בליק, טראָגט מיט זיך אַ נאָמען. יאָ, ער איז ווערט שפּרינצעס ליבע און על אחת כמה וכמה זיינע, וועלוועלס.

האָט ער אים האָלט באַקומען, צומאָל זיך אפילו געגרייסט מיט דער כלי וואָס פירט אוים זיינע געפילן. מאָדנע, אָבער אמת. שפּעטער, נאָך א צייט פּלעג ער דאָך פילן א געוויסע רוגזה אויף יאָסלען. דאָס פלעג געשען ווען ער האָט געזען שפּרינצען א פאַרזאָרגטע ווייל פאַר אים האָט זי גאָרנישט נישט געקאָנט פאַר־הוילן. אים זענען געווען באַקאַנט אַלע אירע נשמה קנייטשן, זייער רעאַגירן האָט מען פאַר אים נישט געקאָנט אויסבאַהאַלטן. האָט ער באַמערקט אז זי איז נישט שטענדיק גאַנץ, אז פאַראַן מאָמענטן ווען איר פעלט עפּעס און זי איז נישט בכוח דאָס אויסצופילן ווייל אָפּהענגיק איז עס נישט שטענדיק פון איר, און אויב נישט פון איר, הייסט עס פון יאָסלען.

אצינד ווען זיי גייען צום רעקרוטיר־פּונקט, איז ער צופרידן וואָס מ׳איז צוזאַמען, וואָס מיט אים גייט אזא באַשיצער ווי יאָסל. אַט פריער מיט עטלעכע מינוט, ווען ס׳האָט זיך געדאַכט אז אַלץ איז פאַרלוירן, אז מע גייט צו דער עקידה, אז דאָס מאָל וועט זיך קיין מלאך וואָס זאָל אָפּהאַלטן דעם מערדערס האַנט נישט באַווייזן ווייל דער הימל איז פאַרשוונדן, אָט אין יענער שרעקלעכער מינוט איז יאָסל געווען דער וואָס האָט זיי צוריקגעבראַכט צום לעבן מיט צוויי פּשוטע ווערטער וועלכע זענען קיינעם פון זיי נישט איינגעפאַלן, מיט דעם: „אנו, וויי־טער געגאַנגען!” און דאָס פעלד האָט זיך ווידער צוזאַמענגעשרומפּן אין דער געוויינטלעכער גרייס, און דער הימל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבער זיי ווי א באַשיצנדיקע פּאַקרישקע און אויפן הארצן איז געוואָרן לייכטער. דערפאַר האָט ער אזוי האַפּערדיק געזאָגט: מיר וואָלט געפעלן מיר זאָלן זיין צוזאַמען.

אָנגעקומען צום רעקרוטיר־פּונקט האָט זיך געדאַכט אז ס׳איז צו פרי, אז מ׳האָט נאָך געקאָנט פאַרברענגען א צייט אויפן וועג. דאָ אויפן פּלאַץ איז גע־ווען אָנגעזאַמלט א מענגע מענטשן, אַלע יידן. קיין איינער נישט מיט אן אויסזע וואָס זאָל הייבן די שטימונג, אָדער זי כאָטש לאָזן אזא ווי זי איז. אין פאַרגלייך מיט דעם עולם האָט דאָס דריילינג אויסגעזען צו זיין א פריילעכס.

— זייער גיך אָנגעקומען, האָט משהלע אַראָפּגעוואָרפן א זעקל פון פּלייצע. ווייזט אוים מיר האָבן געהאַט קפיצת־הדרך.

— אהער איז ווייזט אוים שטענדיק צו פרי. האָט געזאָגט יאָסל. אין זיין קול איז נישט געבליבן גאָרנישט פון יענעם: „אנו, ווייטער געגאַנגען!”

קוקנדיק אויפן אָנגעזאַמלטן עולם און אויף זיינע חברים איז וועלוועלען געוואָרן פריקרע ...

צוגעטיילט האָט מען זיי צו דעם זעלבן באַטאַליאָן אָבער אין פאַרשיידענע קאָמפּאַניעס. קיינער האָט זיי מער נישט גערופן יאָסעלע, וועלוועלע, און משהלע

נאָר יאָסיף, מאָיסע און לופו און יעדער פון זיי האָט געמוזט אויסשטיין וואָס מ'איז אויסגעשטאַנען, אַליין...

קינדיש נעבעכדיק זעט אויס וועלוועלעס גופעלע אין דער מיט פון אַפּעל־פּלאַץ. באַפרייט פון פיין שפּאַרט פון פּנימל ליכטיקע רו. אומגעהייער גרויס איז די קיילעכדיקע בריל וואָס וואַלגערט זיך נישט מער ווי אַ פּאָר שפּאַן פון זיין טויטן קערפּער. פון רעוואָלווער־רייער שלענגלט נאָך אַ רויכל.

„ס'האָט געדויערט נישט מער ווי אַ רגע", טראַכט יאָסל. „אין איין רגע ווערט געבוירן דורך שטאַרבן, אַ מענטש". ער האָט דאָס געוווסט. נישט איין מאָל אויסגעקומען לייענען וועגן דעם. אַ סך פּאַפּיר איז באַשריבן געוואָרן אויף דעם סוביעקט. אַ סך האָבן געבויגן די קעפּ איבער דער דערשיינונג, געוואָלט דערגיין צום סוד, צום מהות פון באַציונג צווישן קרבן און מערדער, אַריינדרינגען אין דער נשמה פון דעם וואָס גייט צו דער תליה. „דער איינציקער וועלכן ס'איז געלונגען, איז אים איינגעפאַלן, איז געווען ווייזט אויס דאָבטאָיעווסקי ווייל ער האָט זיך אומגעקערט. אפשר אויך אַנדערע אָבער נישט רעדעוודיקע. דאָס ערשטע מאָל אַז סע קומט אויס צו זען מיט די אייגענע אויגן", ער האָט געפילט ווי זיין פילעכץ ווערט טעמפּ...

שוין פון ערשטן טאָג איז וועלוועל געוואָרן דער הויפּט ציל פון סערזשאַנטס איזדיעקעוועץ זיך. ס'האָט אים גוואַלדיק אַמוזירט. אַזאַ קליינענק יידעלע מיט אַזעלכע גרויסע ברילן. דאָס איז געווען אַ מתנה פון הימל. ער איז דער איינציקער אין באַטאַליאָן וואָס האָט געהאַט דאָס מזל צו באַקומען אַזאַ שפּילעכל. אַלע זעען אויס געזונטע, נאָרמאַלע, כמעט דאָס זעלבע ווי ער גופא. מיט אַזעלכע ווי זיי האָט ער זיך נישט איין מאָל פאַרמאַכטן ביים רייטן אָן אַ זאָטל בעת מ'האָט געפּאַשעט צוזאַמען די פערד; אָדער זיך ראַנגלען ווער וועמען, צי גאָר פּשוט מיט די קוליקעס. ס'איז געווען אַ צייט פאַרטרייב וואָס האָט אויסגעמוטשעט און ס'האָט געפעלן. אמת, אויך מיט זיי, מיט די איבעריקע, קאָן ער טאָן וואָס ער וויל און קיינער וועט נישט וואַגן אויפהייבן די האַנט. ס'איז אָבער נישט דאָס זעלבע שפּילן זיך מיט אַ לעבעדיק פייגעלע, פילן ווי סע קלאַפּט דאָס הערצעלע, ווי סע ציטערן די פליגעלעך.

וועלוועל האָט נישט געקאָנט אויספולן די פאַרגעשריבענע נאָרמעס ביים גראָבן טראַנשייען אָדער האַקן קלעצער. אין מאַרש פלעגט ער שטענדיק בלייבן דער לעצטער, ביים לויפן איז ער אַוועקגעפאַלן קוים ציענדיק דעם אָטעם. ער האָט געפילט אַז ער איז פאַרמשפּט, אָבער אַ לאַנגע צייט זיך נישט אונטערגעגעבן, אויסגעשטאַנען אַלע זידלערייען און שלעק. דער עיקר שלעק, סיי צווישן פיר

אויגן סיי פארן באטאליאָן, דעמלט פלעג עס געשען אין אָנוועזנקייט פונעם באטאליאָנס־קאָמענדאנט, וועלכער האָט צוגעשטימט צום סערזשאַנטס אויפפירן זיך — ער האָט פארשטאנען די פאראָרדענונגען און פירט זיי אויס מיט פלייס, וועלוול האָט זיך פארלאָזט אויף גאָט ווייל ער האָט געגלייבט אין זיין כוח. ער גלייבט אויך איצט. ער האלט אז זיך נעמען דאָס לעבן איז נישט קיין מיטל — דאָס קאָן נישט געפעלן דעם באשאפער. צומאָל שווימען ארויף פראגעס: ווי אזוי קאָן גאָטס ווילן זיין דער זעלבער ווי דעם סערזשאַנטס?ביידע ווילן זיי איך זאָל לעבן, דער סערזשאַנט צוליב מיך מוטשען. זאָל דער ווילן צום מוטשען זיין אויך גאָטס? אָדער איז זיין מיין אן אנדערער און איך קאָן אים נישט פארשטיין? נישט מער די צייט ווען ער פלעג זיך באווייזן און אויסלייגן זיין ווילן מיט פארשטענדלעכע ווערטער. אפשר זענען אויך איצט פאראן אזעלכע פאר וועלכע ער טוט דאָס. דאָס זענען אפשר יענע וואָס זענען באצייטנס אנטלאָפן? האָט דען דאָס גאנצע פאָלק געקאָנט לויפן? וועט דען זיין גרינגער די אנטלאָפענע ווען זיי וועלן זיך דערוויסן וועגן דעם וואָס דאָ געשעט, אָדער א״ז געשען? וויפל פון זיי וועלן פארלירן דעם גלויבן און וויפל וועלן האָבן דעם מוט און דעם כוח צו אָנערקענען אז זיי האָבן אים פארלוירן? אפשר וועלן זיי גאָר קומען צום אויספיר אז זיי זענען אויסדערוויילטע, אז זייער שטאם איז אן אנדערער, אז גאָט איז מקריב נאָר יענע וואָס זענען געבוירן כדי צו באווייזן זיין צאָרן?

זאָל זיין געשיכטע געווען דויערן לענגער וואָלט ער אפשר מיטן אייגענעם שכל דערגאנגען צו דעם אז זיין גורל איז אזעלכער וואָס איז ווערט טרערן, ווייל העלפן קאָן מען אים נישט, ווייל געבוירן איז ער פון אדמן און נישט פון געטלעכע באשעפענישן, פון נפילים וועגן וועלכע סע ווערט געזאָגט אז נאָר זיי זענען אויף אייביק אנשי השם, נאָר זיי זענען מענטשן מיט א נאָמען און די איבעריקע ... דער המון ...

דאָס גליק אין וועלוולס גורל איז וואָס ער איז נישט געקומען צו אזעלכע געדאנקען. דאָס האָט אים געראטעוועט פון נידערטרעכטיק פויזען ווי א וואָרעם, און אים געלאָזט בלייבן ביזן סוף נישט מער ווי א מענטש. ווען סע זענען אָנגעפלויגן פייגעלעכע (ווען פייגעלעכע?) אוועקאָנען און דער סערזשאַנט האָט געשריגן מיט אלע כוחות, וואָס די מורא האָט אים נישט פארזאָגט: לייגט אייך, לייגט אייך! האָט וועלוול באשלאָסן אז דאָס איז נישט זיין זאַך, אויב ער איז שוין יאָ אין גאָטס הענט איז מיט אלעמען. אזוי אז ער האָט נישט אויסגעפולט דעם באפעל, ער איז געגאנגען ווייטער מיט לאנגזאַמע טריט ביז ער איז אָנגעקומען צו א בוים זיך געמיטלעך אויסגעצויגן, געקוקט צו די ווילדע פייגל און זיי געראָטן בלייבן וואָס לענגער ווייל ליגן אונטערן בוים איז געווען אָנגענעם ביז

גאָר. ער האָט געוווּסט אַז דער סערזשאַנט וועט אים דאָס נישט מוחל זיין, אָבער איינציייטיק געטראַכט: פון וואַנען איז געדרונגען אַז ער וועט איבערלעבן, סע קאָן דאָך געשען אַ נס און ער זאָל דערהרגעט ווערן.

דער נס איז נישט געשען.

ווען ס׳איז געקומען צום אַפּעל, האָט ער זיך ווידער נישט געאיילט. צו דעם וואָס ער האָט זיך געגרייט איז נישט געווען פאַרוואָס זיך צו איילן. דער סערזשאַנט האָט אים באַפוילן אַרויסגיין פון דער ריי און קומען צו אים. וועלוול איז געגאַנגען מיט פאַמעלעכע טריט און ווען ער איז אָנגעקומען נאָענט צום סערזשאַנט האָט ער אַ רוק געטאָן די ברילן נענטער צו די אויגן און געזאָגט מיט אַ קול צו וועלכן די אָנוועזנדע זענען נישט געווען געוווינט, ווייל דאָס איז מער נישט געווען זיינס, נאָר דעם אַנדערענס, דעמס וואָס האָט שוין אַלץ געוווּנען: שלאָג! וואָס שטייסטו ווי אַ גולם, שלאָג! אַ רגע איז דער סערזשאַנט געשטאַנען אין פאַרלייגנהייט, דערנאָך אַ שמייכל געטאָן און אים דערלאַנגט אַ פּאַטש אַז די ברילן זענען אַראָפּ פון נעזל און געפאַלן נישט ווייט פון וועלוולען. ער האָט זיך נישט גערירט פון פלאַץ נאָר מיט דעם זעלבן באַפעלערישן טאָן, אַן עטוואָס חוזקדיקן אַ פרעג געטאָן: אָבער שיסן האָסטו מורא?!

משוגע פון כעס האָט דער סערזשאַנט אַרויסגעריסן דעם רעוואָלווער פון בייטל און געשאָסן.

אַצינד שטייט דער באַטאַליאָן אין אַ פּערפעקטן פּירעק, דער קאָמענדאַנט איז צוגעקומען נענטער, געקוקט אַ רגע צום טויטן וועלוול און דערנאָך צום סערזשאַנט. ער האָט געזען און געהערט אַלץ אַזוי ווי ס׳איז געשען.

— אידיאָט, זאָגט ער, האָבט אויסגעפּולט זיין באַפעל ווי אַ פּשוטער סאָלדאַט!

די קויל דאָט געטראָפן אין האַרצן. אַזוי איז געווען באַשערט און וועלוול האָט דאָס געוווּכט. קוקט מען זיך איין, זעט מען אויף זיין פּנים די סאַמע אמת־דיקסטע רו.

„ס׳האָט געדויערט איינגעאַנצן אַ רגע, טראַכט, יאָסל, אַזוי ווערט דורך שטאַרבן געבוירן אַ מאַרטירער... אַ סימבאָל... ווי קינדיש נעבעכדיק ער זעט אויס...“ ער זוכט אין געדאַנק אַ פּסוק, ווייל אַזאַ געשעעניש מוז זיין פאַרשריבן אין בוך וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן נאָך פאַרן באַשאַף. ער קאָן נישט געפינען. „אַזאַ פּסוק איז ווייזט אויס נישטאָ“, טראַכט ער און דאָס גאַנצע אויף אויסנווייניק געלערנטע זעט אים אויס אָרעם און נישטיק... סיידן... סיידן דער אויס־טייטש...

# 7. די ערשטע טרעפ

די באַן איז שטיין געבליבן. שוין אַ וואָך אַז זי וואַנדערט און ס'איז נישט צום דערגיין וווּ מע געפינט זיך. נאָך אַלץ אין די סובקאַרפּאַטישע קאַנטן, אָדער גאָר אין פּאָלעסיע. קיין איין מאָל האָט מען זיך נישט פאַרהאַלטן ערגעץ אויף אַ סטאַנציע; אָדער אין מיטן פעלד אָדער אין וואַלד. קיין מענטש האָט זיך נישט באַוויזן אין דער נאָענט מע זאָל אַ פרעג טאָן אָדער זיך משער זיין לויטן גאַנג, לויטן לבוש, לויטן אופן ווי ער טראָגט די משא אויפן אַקסל, אין וואָס פאַרא געגנט מע געפינט זיך. כאָטש זיי, די צוואַנגס־אַרבעטער, וואָלט געדאַרפט זיין אַלצאיינס וווּ זיי געפינען זיך, סובקאַרפּאַטיע צי פּאָלעסיע איז פאַר זיי דער זעלבער רוח מיט דעם זעלבן קאָמענדאַנט, כאָטש אַזוי... אפשר ווייל וויסנדיק האָט מען אַן אַנדער אָריענטירונג און כּל זמן מע ווייסט אַז די לופט וואָס מ'אָטעמט איז פון דער היימישער געגנט, פילט מען זיך דאָך אַביסעלע זיכערער. האָבן זיי אָבער גאָרנישט געוווּסט און אויסגעזען האָט עס גלייך מע וואָלט זיך דרייען אין אַ סאָרט „קיינעמס־לאַנד". אַזוי שלעפּט זיך שוין איבער אַ וואָך דער עשאַלאָן — עטלעכע מיטן צוואַנגס־אַרבעט־באַטאַליאָן אָנגעלאָדענע וואַגאָנען — אין נישט פאַרשטענדלעכע ריכטונגען. עפּעס אַ מאָדנע זאָרגלאָז פאַרעכץ, אָן איבערלעבענישן, אָן אַפּעלן, אָן דעם סערזשאַנטס אָדער קאָמענדאַנטס דרשות. עסן איז ווייניק, קוים אויפן שפּיץ מעסער, דערפאַר אָבער אויך אַרבעט ווייניקער. מע גראָבט נישט, מע קאָרטשעוועט נישט קיין ביימער. פון צייט צו צייט אַ לאַנגער פייף פון לאָקאָמאָטיוו — אַ סימן מע פאָרט ווייטער, אָן אָנזאָג אַז דאָס פּלאַץ וווּ מע וועט דאַרפן שפּרינגען פון די וואַגאָנען אונטערגעטריבענע מיט די קאָלבעס פון דער וואַך איז נאָך ווייט. די וואַך — עטלעכע עלטערע פויערים, מאָביליזירטע אויף הילף־אַרבעט — זיצט אין איר וואַגאָן אַרום אייזערנעם אייוועלע. זיי שפּילן קאָרטן און טראַכטן צו בהמות, כאַזיירימלעך, ווייב און קינדער וואָס אין דער היים, וועלכע נייטיקן זיך אין זיי, און זיי מוזן גאָר היטן די אומבאַוואָפנטע

סאָלדאַטן. אַזאַ אָנשיקעניש — יידן. פון שטענדיק האָבן זיי געוווּסט אַז ס׳איז אַן אָנשיקעניש, האָט מען געדאַרפט פּטור ווערן באַציַיטנס, נישט זיי היטן, זיי נישט לאָזן עוקר זיין אין צייט פון מלחמה. שפּילן זיי קאָרטן — מאָדנע קאַרטאָנדלעך, פאַרשמאָלצעוועטע קוים מע דערקענט אַ מייער פון אַ בערעק — און לאָזן אויס זייער כעס מיט שעלטן. שעלטן, שעלטן זיי אַלעם: דעם פּראָבט, די ראַציע, דעם ווינט, דעם לאָקאָמאָטיוו, די וואַגאָנען, די לופט, די נאַכט, דעם טאָג, דאָס נאַסע האָלץ וואָס זיי וואַרפן אין אײוועלע, דאָס פייער און דעם רויך. זיי שעלטן אָן שנאה, גלאַט אַזוי. אפשר אויך וויַיל די שפּראַך איז צו אָרעם, נישט אימשטאַנד איבערצוגעבן אַלע געפילן וואָס דרייען זיך אין זייערע געדערעם. גרינגער קומט עס אויס מיט אַ שעלט טאָן, ווערט מען אַ רגע אַנדרימלט חלומט זיך דער הויף, דאָס וועגעלע, דער האָן טרעטנדיק אַ הין. כאַפּט מען זיך אויף מיט אַ זידלעריי. זידלען זידלט מען אַלע מלאכים לויט דער ריי, אָנהייבנדיק מיט די קלענערע ביז מע קומט צום גרויסן מיכאל און פון דאָרט ביז גאָט איז שוין נישט מער ווי אַ שפּאַן. אָפּגעזידלט, רוקט מען זיך נענטער צום אײוועלע און מע מאָנט אַ פּאָר „קורווא-קאָרטן“ מע זאָל זיי וואַרפן ביז מע וועט הייסן גיין נעמען דאָס ביסל „דרעק-זופּ“. אַזוי ציען זיך די מעת-לעתן וויַיל אַזוי זעט אויס פאַר זיי די מלחמה. און די באַן אָט גייט זי אָט שטייט זי. סע זעט אויס מע דרייט זיך אין אַ פאַרקאָלדונעוועטן קרייז. כאַפּט מען אַ קוק דורך די שפּאַרעס איז ווידער אַ פּוכט פעלד אָדער ביימער אָן אַ שיעור. פרייליכער, לעבעדיקער ווערט אין וואַגאָן ווען איינער שטעלט זיך אוועק אויפן פּריטש ווי אויף אַ סצענע און באַשרייבט מיט אָבסצענע באַוועגונגען זיין אופן פאָרן זיך מיט זיין פעט ברייט-הינטנדיק וויַיב. דעמאָלט קאַטשן זיי זיך פאַר געלעכטער און די אויגן באַקומען אַ באַזונדער ווילדן גלאַנץ. גאָר אַנדערש זעט עס אויס ווען איינער דערציילט ווי אַזוי ס׳איז געווען אין דער אַנדערער, אין דער ערשטער, וועלט-מלחמה. פון יענע צייטן זענען זיי געבליבן מיט זכרונות וועגן העלדנטאַטן וואָס לאָזן זיך נישט פאַרגעסן אָדער פון בלאָנדזשענישן אין וויַיטע געגנטן. און וויַיל דער צוזאַמענשטעל איז אַ געמישטער פון די פאַרשיידנסטע לאַנד-ווינקלען וועלכע האָבן פאַר דער ערשטער וועלט-מלחמה אָנגעהערט צו אַנדערע מלוכות — אַ טייל פאַרשוווּנדענע, אַ טייל איבערגעבויטע — זענען אויך די דערציילונגען זייערע פאַרשיידנאַרטיקע סיי מיטן ערטיגער סיי מיטן פּייסאַזש. ליב האָבן זיי אויסצוהערן איינעם אַ סאָלדאַט וואָס דאָט אָנגעריכט אין די טראַנשייען פון איטאַליע. ער דערציילט וועגן זוניקע טעג, וועגן בלויען ים, וועגן איילבירט און פייגנביימער אַלץ אַזעלכע אויסטערלישע זאַכן פון וועלכע כע ווערט גלייך וואַרעמער אין די ביינער. דעמאָלט איז זייער בליק אַ קיילעכדיק-פאַרחלומטער

און זיי זעען אוים ווי נארישע קינדערלעך. אין אזא מאָמענט פון חלומות האָט זיך די באַן אָפּגעשטעלט.

דאָס מאָל אָבער איז די באַן נישט שטיין געבליבן ווי געוויינטלעך. א לאַנגער פייף פון לאָקאָמאָטיוו, עטלעכע קורצע און א שאַרפער טאָרמאָז. די וואַגאָנען האָבן צונויפגעפראַלט מיט א שרעקלעכן גרילץ. אלע האָבן זיך א וואָרף געטאָן צו די שפּאַרעס זען וואָס ס'איז געשען, וואָס פּלוצעם אזא ראַפּטום טאָרמאָזירן. דאָס אומגעריכטע שטיין בלייבן האָט אָנגעוואָרפן א שרעק. געוווינט געוואָרן צו שלעפן די צייט אין די וואַגאָנען האָט געשראָקן דאָס אָפּשטייגן.

שטיין געבליבן איז מען אין א וואַלד. דער קרעכץ פון די וואַגאָנען האָט זין געלייגט און מע וואַרט. קיין קול, קיין באַוועגונג, קיין באַפעל, קיינע טריט. א שווערע שטילקייט וואָס דויערט מער ווי די צייט.

— עפּעס אַן אומגליק, זאָגט משה א וואָרף טוענדיק דעם רעכטן אקסל, נאָך דעם וואָס ער האָט קוקנדיק דורך א שפּאַרינע גאָרנישט באַמערקט.

— האָסט זיך געריכט אויף א גליק? יאָסל האָט נישט ליב אז אין אזעלכע אומשטאַנדן זאָל מען רעדן. מע שלאָגט איבער דאָס איינהערן זיך אין דער שטילקייט וואָס ארום און אין די געדאַנקען וואָס יאָגן אין קאָפּ. ס'האָבן זיך דערהערט טריט. די וואַך איז אראָפּ פון וואַגאָן און געלאָפן לענגאויס דער באַן. פון די דייך וואָס זענען צו זיי דערגאַנגען האָבן זיך די צוואַנגס-ארבעטער דערוווסט אז ווייטער פאָרן קאָן מען נישט. עמעצער האָט אָפּגעשרויפט די רעלסן.

די טירן פון צוויי וואַגאָנען האָבן זיך א רוק געטאָן אין א זייט און נאָך איידער זיי זענען געווען אינגאַנצן אָפן האָבן שוין די סאָלדאַטן אָנגעהויבן שרייען: גיכער, גיכער, און סע זענען געפאַלן קלעפּ מיט די ביקסן-קאָלבעס. די העלדן פון דער ערשטער וועלט-מלחמה האָבן געטריבן „הינטישע-זין“, „דרעקיקע בהמות“, „בלוט-זויגער“, „פארעכעוואטע-טייוולאָנים“, „פארקויפטע שקורעס“ פאררירכטן די ליניע. זיי זענען געלאָפן און געפאַלן איבער די לענגאויס דער באַן-ליניע אָנגעוואָרפענע שפּיציקע שטיינדלעך ביז זיי זענען אָנגעקומען אין דער הייך פון לאָקאָמאָטיוו, אויף גיך, אין גאַנג גענומען ווער א לאָפּעטע, ווער א קירקע און ווייטער צו די אָפּגעשרויפטע רעלסן, זיי ווידער אויסלייגן אויף די האָלץ — טראַווערסן. זיי האָבן זיך שוין גענומען צו דער ארבעט ווען פּלוצעם האָט זיך דערהערט א שיסעריי און געשרייען: הוראאא, הוראאא! די איבערראשונג איז געווען אזוי גרוים אז סיי די צוואַנגס-ארבעטער, סיי די וואַך זענען געבליבן א רגע ווי געליימטע. אָבער נאָר א רגע. דער פייף פון די קוילן האָט ווייזט אוים אין די סאָלדאַטן פון דער וואַך דערוועקט רעפלעקסן פון אמאָל. זיי האָבן איבערגעלאָזט דאָס געווער און זיך געוואָרפן זוכן א שוץ אויף דער אנדערער זייט באַן-ליניע פון וואַנען מ'האָט נישט געשאָסן. דעמלט

האָט זיך דערהערט א ווילדער אויסגעשריי: „אין האָנער פון דער קייסערלעכער ארמיי!“ דאָס האָט געשריגן דער „אדמיראל“.

אזוי האָט מען אים גערופן אין צוואנגס-ארבעט באטאליאָן פון ערשטן טאָג ווען ער האָט זיך געיאווועט. ער איז געווען דער איינציקער וואָס האָט ביים איינשרייבן אין די קאָנטראָל-ליכטעס זיך נישט געמאָלדן מיט זיין אייגענעם נאָמען נאָר מיט זיין טאטנס: „דער זון פון איקס מאטראָס אין קייסערלעכן פלאָט!“ אויפמערקזאם האָט דערויף געמאכט דאָס געלעכטער פון די אָפיצירן און אונטעראָפיצירן. אויף דער פראגע: וויאזוי רופט מען דיך? האָט ער זיך געהאלטן ביי זיינעם: מיין טאטע האָט ערלעך געדינט אין קייסערלעכן פלאָט ווי א גוטער פאטריאָט און מיך דערצויגן אין זעלבן גייסט. אזוי האָט דער קייסערלעכער פאטריאָט געקריגן דעם צונאָמען „אדמיראל“ און אצינד ארויסגעוויזן זיין קאָנסעקווענץ: א נעם געטאָן א ביקס, זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד און אָנגעהויבן שיסן. געשען איז עס אזוי אז די וואָס האָבן זיך געפונען נאָענט פון אים האָבן געטאָן דאָס זעלבע. דער עכאָ פון שיסעריי איז געוואָרן א צווייענדיקער און די וואָס זענען איבערפאלן דעם צוג האָבן זיך געמוזט צוריקציען.

ווידער איז געליגן שטיקלייט ביז העט ווייט, נאָר דער לאָקאָמאָטיוו האָט מאָנאָטאָן געריסן שטיקער פון דער צייט זיי צעזויגן אין צוויי, אין פיר, אין זעקס און איינצייטיק אונטערגעוואָרפן דעם פארגליווערטן וואלד סנאָפּעס פארע. די כאָלדאטן האָבן זיך באוויזן פון זייער באהעלטעניש און זענדיק די צוואנגס-ארבעטער באוואָפּענטע געפרווט שמייכלען אונטערטעניק. אין פארלעגנהייט האָבן זיך דערנענטערט די אָפיצירן און אונטעראָפיצירן. מיט זעלנערישע טריט ווי אויף א פאראד איז דער „אדמיראל“ צוגעגאנגען צום קאָמענדאנט כאָלדאטיש געגרוסט און אוועקגעלייגט ביי זיינע פיס דאָס געווער. דאָס זעלבע האָבן געטאָן די איבעריקע. דעם אָפיצירס שמייכל איז געווען אַן אויפריכטיקער ווי אויך דער באפעל מע זאָל באערדן מיט „ערע“ די געפאלענע. ערשט דעמלט האָט מען זיך געכאפט אז דריי פון די צוואנגס-ארבעטער ליגן אומבאוועגלעך לענגאויס דער באן-ליניע.

צווישן די דריי האָט זיך געפונען משה.

אזוי איז יאָסל געבליבן איינער אליין פון די וואָס זענען אוועק צוזאמען מיט אים פון שטאָט-אָרט. און וויל צוויי פון דריילינג זענען אומגעקומען פון קוילן האָט עס אויסגעזען גלייך זיי וואָלטן האָבן אָנטיילגענומען אין בלוטיקע שלאכטן און דער איינציקער העלד וואָס איז געראטעוועט געוואָרן איז ער, יאָסל. נישט נייטיק געווען קיין ברונעמס אין וועלכע מע זאָל זיך אויסבאהאלטן, נישט נייטיק געווען שבועות און גרויזאמע באשלוסן פון זיך נעמען דאָס לעבן אבי נישט

אריינפאלן אין די הענט פון שונא, ווייל אין א געשיכטע וואָס ציילט צענדליקער יאָרהונדערטער זענען די פארמן אָפטער פון די טראגעדיעס.

יאָסל האָט געקוקט צו משהן, צו זיין חבר מיט וועלכן ער איז צוזאמען אַוועק פון דער היים. פאר זיינע אויגן האָט זיך אָפּגעוויקלט דער ביז איצט דורכגעמאכטער וועג — א וועג אָן טריאומף. א רגע האָט ער זיך דערמאָנט אין וועלוועלן אזא ווי ער איז געלעגן אין מיטן אפּעל-פּלאַץ און דאָ ליגט משה א שווייגנדיקער, א זעקל פון אקסל נישט מער ווארפנדיקער וואָס חידושט זיך: עפּעס אָן אומגליק?! יאָסלען האָט געקלונגען אין די אויערן זיין עטוואָס גראָבער ענטפער: האָסט זיך געריכט אויף א גליק? ס'האָט אים באהערשט א מאָדנע געפיל און זיינע ליפּן האָבן געשעפּטשעט: „בין איך שולדיק?... בין איך שולדיק...' ער האָט געוואָלט פארשטיין ווי אזוי דאָס איז געשען און דאָס געשעענע האָט אויסגעזען ווילד זינלאָז. א געשריי „האָנער'', א שרעקלעך שיסעריי, דער לאָקאָמאָטיוו סאפּעט — אָבער וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט משהן? ווי אזוי איז עס געקומען דערצו אז די וואך-סאָלדאטן זאָלן שטיין באַוואָפנטע און שרייען: גיכער, גיכער! און לאָפּעטעס זאָלן ווארפן שטיקער ערד פון גרוב? צוליב וואָס א גרוב? האָט מען נישט גענוג געלאָזט אין מיטן פעלד, אָדער ערגעץ אין וואלד נישט טראכטנדיק אפילו אז מע וואָלט זיי געדארפט באגראָבן? וואָס פּלוצעם א גרוב? א גרויזאמער געדאנק האָט א בליץ געטאָן: האָבן זיי נישט בדעה אונדז אלע דאָ צו באגראָבן סע זאָלן קיין עדות נישט בלייבן. ביי דעם געדאנק האָט אים אָנגעכאפּט א קאָנווולסיווער ציטער וועלכן ער האָט בשום אופן נישט געקאָנט באהערשן. צווערשט האָט מען אונטערגעשמייכלט פון אזא מורא לאחר המעשה, זיך אפילו געווערטלט: אזוי זעען אויס נאָך-מלחמה-העלדן. אפשר איז ער גאָר פארוואונדעט? געווערטלט האָבן זיך אויך אייניקע פון די צוואנגס-ארבעטער — אזא דראָזש איז אָפּט פאָרגעקומען אין זייער באטאליאָן און אז מ'איז איבערגעקומען נאָר מיט דעם האָט מען געהאט כוח זיך צו נעמען אויף דער העצקע, דאָס געהערט צום צוואנגס-הומאָר. אצינד איז אָבער געווען צו פרי פאר איראָניע האָבן זיך געפונען אזעלכע וואָס זאָלן אים אפּפירן אין וואגאָן, אויף אים אָנווארפן דעקן, ער זאָל זיך איבערווארעמען. ס'האָט ווייניק געהאָלפן, ס'האָט מיט אים ווייטער געוואָרפן ווי א קדחות. זיין שטארער בליק האָט זיך אין עפּעס פארטשעפּעט און זיך נישט געקאָנט אָפּרייסן. ווידער האָט זיך איבערגעחזרט דער צוזאמענשטויס און יעדעס מאָל האָט אלץ אויסגעזען אָן שום זין, א בייזער חלום וואָס קאָן נישט האָבן גאָרנישט מיט א ווירקלעכקייט. און דאָך... משה איז געבליבן ערגעץ לעבן דער ליניע אונטער א הויפן קאלטע הרודעס. די רעדער קלאפּן דער לאָקאָמאָטיוו פייפט, שלעפּט קוים די פּאָר בידנע וואגאָנען. וואוהין? צוליב וואָס?

סע וועט לאנג נישט דויערן און יאסלען וועט אויסקומען איבערדערציילן דאס אלעס מיט אלע פרטים, פרטים וואס וועלן זיין א געמיש פון פאנטאזיע, חלום אוןווירקלעכקייט און וועלן עפענען פאר אים א נייעם אופן פון באנעמען די געשעענישן. לאנג וועט דאס נישט דויערן ווייל גאר גיך וועט די באן פארפארן אזוי ווייט פון דער אייגענער און אזוי נאענט פון דעם קעגנערס פראנט־ליניע אז דער וועג צוריק וועט זיין אוממעגלעך און אלע — אפיצירן, אונטעראפיצירן, וואך־כאלדאטן, וואגאנען, לאקאמאטיוו און צוואנגס־ארבעט־כאלדאטן — וועלן גענומען ווערן אין געפאנגענשאפט. דאס סארטירן, סעלעקטירן, קוקן און איבערקוקן וועט צוגיין בערך קורץ און יאסל וועט פארטיילט ווערן אין א לאגער פון קריגסגעפאנגענע ווו סע וועלן זיך געפינען א סך לאנדסלייט, אבער נישט איינער פון זיין שטאט־ארט קיינער וועלכן ער זאל קענען אדער זאל אים קענען פון פריער — אדם אין א געווימל פון כלערליי מענטשן.

דא האבן זיך געפונען נישט נאר רומענער, דא זענען אויך געווען איטאליענער, אונגארן און דייטשן. יעדער נאציע אין די איר פארטיילטע באראקן. פארטיילט צו די רומענער האט יאסל א צייט זיך געפונען אליין. ס'האט זיך נישט געקלעפט. דאס האט באמערקט אויך דער אינסטרוקטאר און כאטש דאס האט גענדארפט ביי אים, ביים אינכטרוקטאר, ארויסרופן א חשד, איז עס נישט אזוי געשען. שווער צו זאגן צי איז עס געווען א שפיל פון יענע וואס א נישט עקזיסטירנדיקער גורל — לכל הפחות וואס באלאנגט דעם אינכטרוקטאר — האט ליב צומאל צו פירן מיט אומגליקלעכע, פאקט בלייבט אז געשען איז עס ווי פארצייטנס — יאסל האט נושא חן געווען אין זיינע אויגן און א באזונדערן פאראוהס און ער האט אים מקרב געווען.

דעם אינכטרוקטארס אויפגאבע איז באשטאנען פון איבערדערציען די פלעניקעס, שאפן פון זיי א נייעם סארט מענטשן וואס זאלן נאך זייער אומקערן אהיים איבערקערן דעם דארט רעגירנדיקן לעבנס־אופן און אויף זיין ארט בויען אן אנדערן. א שווערע אויפגאבע אין וועלכער דער אינכטרוקטאר האט געגלייבט און האט געטאן אלץ וואס ער האט געקאנט אז זיינע איבערצייגונגען זאלן ווערן אייגן די פלעניקעס. איז אבער די מערהייט פון די געפאנגענע פויערים, וועלכע האבן פארבראכט זייער לעבן אויפן פעלד ביים אקערן — אן ארבעט וואס לאזט וויניק צייט זיך איינצוקוקן אין הימל ווייל זי ווערט געטאן מיט א געבויגענעם קאפ. דערצו זענען זיי אנאלפאבעטן. די צורה פון אן אות איז זיי פרעמד. געהילפן אויף דורכצופירן זיין ארבעט האט דער אינכטרוקטאר געזוכט צווישן די ביי וועמען ס'איז נאך עפעס געבליבן פון דער פאלקס־שולע. יאסל איז פאר אים געווען אן אוצר. דאס איינציקע וואס ס'האט אים געפעלט, לויט דעם אינכטרוק־

טאָרם מיינונג, איז געווען אַביסעלע אָפּטימיזם, מער גלויבן אין דער צוקונפט. אים דערנענטערן, אים ווידער וועקן צום לעבן, האָט זיך געדאַכט, קאָן מען מיט א ווערטל, און דאָס ווערטל זאָל זיין אים נאָענט, זאָל דערמאַנען אין זיין אַמאָל ווען דאָס לעבן האָט פון אים געשפּאָרט ווי פון א הירש, זאָל אים אַריינפירן אין זיין היימישער סביבה. דערפאַר פלעג ער צומאָל אין מיטן שמועס אַריינוואַרפן א יידיש וואָרט. אזוי האָט יאָסל אָנגעהויבן מיטאַרבעטן ביים רעדאַגירן די וואַנט־צייטונג — לויטן אינסטרוקטאָרס אָנשויאונג דאָס בעסטע ערשטע און בעסטע מיטל איינפן וועג פון שאַפן דעם נייעם סאָרט מענטשן וואָס דאַרף ברענגען די ענדגילטיקע ישועה דער מענטשהייט. יאָסל האָט אים אויך צוגעהאָלפן זיך גרייטן צו די שמועסן וואָס ער האָט געדאַרפט פירן מיט די פּליניקעס נאָך דער אַרבעט, אין אים דערציילן וואָס אזוינס מוטשעט זייער געמיט חוץ דער הונגער. אז זיי מוטשעט דער הונגער איז קיין צווייפל ניט געווען, דאָס האָט מען אָראָפּגעלייענט פון די אויסגעבאַרטע פּנימער, פון שווערן באַוועגן זיך, פון גלאַנץ אין די אויגן.

— דיך מוטשעט עפּעס, זאָגט דער אינסטרוקטאָר א וואָרט געטאָן אין מיטן א שמועס.

— דאָס וואָס אַלעמען, דער הונגער.

— און אויסער דעם הונגער?

יאָסל האָט זיך צוזאַמענגענומען. „וואָס ווייסט ער?" איז געווען זיין ערשטער געדאַנק. אויב ער ווייסט, פאַרוואָס האָט ער ביז איצט גאָרנישט געזאָגט, אפילו ניט א רמז, אַן אָנצוהערעניש. גאָרנישט. זאָל ער זיך מיט מיר געווען שפּילן די גאַנצע צייט אין קאַץ און מויז? מע קאָן עס נישט זאָגן. ניין! דאָס זיכער ניט איך וואָלט געווען געפילט, דערשמעקט די געפאַר. איז אָבער מיגלעך ער זאָל זיך היינט עפּעס געווען דערוויסן. יעדן טאָג קומען נייע...

— דיך מוטשעט דאָס אָנגעפּרעמדקייט. געפינסט זיך צום ערשטן מאָל צווישן נאָר נישט יידן. דערפאַר איז דיר גרעסער די בענקשאַפט אַהיים. וואָלסט געוואָלט א קוק טאָן כאָטש מיט איין אויג זען וואָס דאָרט טוט זיך. דו ווילסט וויסן וואָס סע געשעט מיט דייניקע. ווער פון די אַלע וואָס געפינען זיך דאָ ווייסט עס יאָ? דיר קומט מער? פאַרוואָס? אתה בחרתנו, דאָ?

ווען נישט דער „האָ" וואָלט אפשר יאָסל ווייטער געווען געשוויגן א באַרויקטער. די פראַגעס האָבן אויסגעשלאָסן די מעגלעכקייט דער אינסטרוקטאָר זאָל עפּעס וויסן פון דעם וואָס מוטשעט אים. דער „האָ" איז אָבער געווען אזא היימישער, אזוי איינגעבאַקן אז ער האָט זיך אונטערגעגעבן דעם פאַרלאַנג זיך מיט עמעצן צו טיילן, עמעצן אויסדערציילן, אַראָפּרעדן פון האַרצן. און ער האָט דער־

ציילט מיט לאנגע פויזעס וואָס געשען אין יענעם טאָג ווען משה איז געבליבן א שט מער.

— אזוי גאָר, האָט דער אינכטרוקטאָר גערעדט צו זיך נאָך א לאַנג שווייגן, ווייל די גאַנצע מעשה איז אים געווען אומגלייבלעך, אזוי הייכט עס, אין אדמי־ראל האָט זיך צעברענט דער פאטריאָטיזם... ווי אין אנדערע די תורה, האָט ער געפרוווט זיך ווערטלן און א חוזק שמייכל האָט זיך צעשיט איבער די פלעקן וואָס האָבן געפרעסן די הויט פון פנים. יאָסלען האָט דער שמייכל פארדראָסן. אויף אַזאַל האָט זיך זיין אכטונג צום אינסטרוקטאָר געמינערט. אים האָט אויך פארדראָסן דער נארישער פארגלייך. פארוואָס זאָל אויך ער חוזק מאכן פון דער תורה. ער דאָט געוונען יאָסלם צוטרוי אויך דערמיט וואָס ער איז געווען פון די ווייניקע פאָליט-ארבעטער וואָס האָבן נישט געלייקנט זייער יידישן אָפשטאם און דאָ אזא אומגעלומפערטער צוגאנג.

יאָסל האָט זיך טועה געווען. דער אינכטרוקטאָר האָט באמת נישט געלייקנט זיין יידישן אָפשטאם, ער דאָט אויך נישט אויסגעפויקט זיין יידישקייט וואָס האָט אים אליין אויסגעזען מער אָן אָפשטאמיקס איידער אָן אייגנס. ער האָט געהאט א מאָדנע פארשטעלונג וועגן זיין אָנגעהעריקייט צו יידן. ער איז אויפגעוואקסן אין א שטוב וו מ׳האָט גערעדט די לאנדס-שפראך געמישט צומאָל מיט יידישע ווערטער; מ׳איז געווען יידן ווייל אלס אזעלכע האָט מען זיי געהאלטן. יידישקייט איז זיי געבליבן פרעמד. מער וועגן יידן דאָט ער זיך דערוווסט אין תפיסה ווו דאָס רוב „פאָליטישע“ זענען געווען יידן. און דווקא אזעלכע וואָס האָבן יאָ געוווכט וועגן פאָלק און זיינע טראדיציעס. אָבער אין זייער וויסן און שטעלונג לגבי זייער אייגענער קולטור דאָט זיך געפלאָכטן א גרינגשעצונג וואָס האָט אים געוווּנדערט, אָבער נישט זייער. די גרינגשעצונג איז געווען אָן אָרגאנישער טייל פון זייער געדאנקען-גאנג, פון זייער אָנשויאונג וועגן דער געזעלשאפט-לעכער-אָרדענונג אין אלגעמיין און וועגן דער נייטיקייט זי איבערצומאכן. ס׳האָט אויסגעזען אז זיי, די יאָ וויסערס, זענען איבערצייגט אז די ענדערונגען צו וועלכע זיי שטרעבן זענען ענג פארבונדן מיט אָפזאָגן זיך פון אלעס וואָס מ׳האָט געירשנט פון פריערדיקע דורות. אזוי זיי, אזוי די אנדערע, ווייל נאָר אזוי וועלן זיך אלע צוזאמענגיסן אין א... אין א וואָס איז שווער געווען צו פארשטיין. שווער איז אים געווען צו פארשטיין ווי אזוי פון אלע טענץ — ווייל ער איז געווען א גרויסער ליבהאָבער פון פאָלקס-טענץ — קאָן בלייבן נישט מער ווי איינער. ער האָט אויך באגעגנט אזעלכע וואָס האָבן זיך אויף אזוי ווייט א-דויסגענומען פון כלל דערגייענדיק ביז באשולדיקן די יידן גופא אין דער שנאה צו זיי. אזא הארטן צוגאנג דאָט ער נישט געקאָנט פארשטיין, ער דאָט ביי אים

ארויסגערופן דעם זעלבן שמייכל וואָס אצינד ווען יאָסל האָט דערציילט וועגן דעם געשעענעם און די אומגעלומפּערטקייט פון נעמען דאָס געווער און דאָס נישט נוצן קעגן טויט־שונא. ער האָט דאָס נישט געקאָנט פאַרשטיין און גריבלען זיך איז אים געווען פרעמד. ער האָט גענומען דעם פאַקט אַזאַ ווי ער איז און געפּסקנט: אומגעלומפּערט און נאַריש, געזאָגט האָט ער:

— אָט אַ פּאַטריאָט, דער אַדמיראַל אייערער, טפו, צו אַלדע רוחות!

דער אינסטרוקטאָר האָט אָפּגעשיקט יאָסלען אין באַראַק. לאַנג געזעסן און געטראַכט אַרום דער געשעעניש און ווען ער האָט באַשלאָסן אַז יאָסל וועט דער־פון נישט ליידן אָנגעהויבן שרייבן די געהעריקע אינפאָרמאַציע וועגן שמועס מיטן פּלעניק יאָסל שמולעוויטש דאַווידאָוו פון באַראַק טאַקטאָ.

אָט דער אינפאָרמאַציע איז געווען באַשערט צו ברענגען יאָסלען אויף דער ערשטער שוועל.

# 8. דאָס הייליקסטע – איבערלעבן

כאָטש א נישט צופרידענער פונעם שמועס מיטן אינסטרוקטאָר איז יאָסל געגאנגען אין באראק א בארויקטער, אראָפּגערעדט פון הארצן. די נאכט איז געווען א פּראָסטיקע, דער הימל א לויטערער. אויף דער נשמה לייכטער. אי-בערטראכטנדיק דעם שמועס האָט ער גאָר אויסגעזען א פריינדלעכער. דער אינכטרוקטאָר האָט ווידער באקומען זיינע מענטשלעכע שטריכן. א מענטש וואָס האָט א סך געליטן און זיין גלויבן איז געבליבן ווי פון אָנהייב, א נישט באריר-טער פון ספקות. מיטגעבראכט נאָך לאנגע יאָרן תפיסה א מאָדנע קראנקייט — די הויט שיילט זיך און לאָזט נישט אָנגענעמע רויטע פלעקן, דאָס בייסעניש איז צומאָל נישט צום איבערטראָגן. אן אנדערער אויף זיין פּלאץ וואָלט שטענ-דיק געוואָרטשעט אלץ ארום וואָלט געפלאצט ווי שויבן אונטער א האָגל, ער אָבער האָט פאר יעדן א שמייכל, א גוט וואָרט. זאָרגט — וויפל מע קאָן אין לאגער באדינגונגען זאָרגן — פארן גאנצן באשטאנד, צום אלעם ערשטן זע-נען זיינע געדאנקען פארנומען מיט דעם אז די מאָראל פון די פלעניקעס זאָל נישט פאלן. סע זאָל זיי נישט באהערשן א מרה-שחורה, יענע פארצווייפלונג וואָס דערפירט צום רופן צו הילף דעם טויט. יאָסל האָט זיך געכאפּט אז ער טראכט צום אינכטרוקטאָר נישט נאָר מיט דרך-ארץ, נאָר מיט א געוויסער ליבע. ס'האָט זיך אים געוואָלט זיין נוציקער ווי ביז איצט. זינט ער ארבעט אונטער זיין אָנ-פירונג האָט ער צייט געהאט זיך באקענען מיט דער קולטור-ארבעט וואָס ווערט געפירט צווישן די קריגס-געפאנגענע. א שווערע ארבעט ווייל ס'איז שווער און קאָמפּליצירט צו געפינען א וועג צו זיי. זיי זענען גקומען פאר-טיק מידע, אויסגעמוטשעטע פון פראָנט, נאָך דעם פון לאנגן מארש ביז אהער. וועלכן סאָלדאט וואָס איז געפאלן אין פלען איז נישט באקאנט דער מארש פון די פראָנט ליניעס ביז אין הינטערלאנד. ס'איז א מאָדערנע גאָלגאָטע נאָר אנדערש, ווייל דאָ ווערט געשלעפּט דער אייגענער קערפּער אָן א נשמה. די נשמה איז גע-

בליבן ערגעץ ווייט ארונטער אין שוצנגרוב און דער גוף פרווווט אויסשטיין א נשמה־לאָזע קעלט, הונגער און א שרעקלעכע מידקייט, א מידקייט אזא וואָס ליבערשט זעט אוים דער טויט. און דאָ, אין לאַגער, זענען באדינגונגען אזעלכע וואָס קאָנען נישט אויסוואָרצלען די אויפן פראָנט אָנגעזאמלטע ווילדקייט. פאַרקערט. שטעכל־דראָט, קעלט און הונגער. דער טאָג הייבט אָן מיט אויסטיילן די ראציע ברויט — שטענדיק א צו קליינע, און שוין באווייזן זיך חיהשע אינסטינקטן. יעדע האנט וואָס שטרעקט זיך נאָך דעם שטיקל ברויט איז אן איבעריקע, א נישט געבעטענע, נישט ברויט נעמען יענע פינגער נאָר גאָר דעם גאָרגל, זיי דער־שטיקן, זיי רייסן ארוים דעם לעצטן ביסן, וואָלטן זיי נישט געווען וואָלט אוים־געקומען אביסעלע מער פאר זיך, כאָטש א קרישקעלע, א ברעקעלע, און וועלכער געפאנגענער ווייסט נישט די ווערט פון נאָך א קרישקעלע, ס'איז דאָך דאָס ברע־קל וואָס טראָגט אין זיך די גאנצע זעט. זענען אלע אָנגעשטרענגט, גענוג א וואָרט אז סע זאָל קומען צו שעלטערייען, זידלערייען און אויך צו געשלעג. שווער איינצופירן מענטשלעכע באציונגען. מ'האָט זיי שטרענג פארבאָטן זיך שעלטן אין זייער אייגענער שפראך, געהאָפט דערמיט פארמיידן דעם ערשטן צוזאמענ־שטוים, ווייל ווי א קריגעריי, הייבט עס אָן פון שעלטן. האָבן זיי זיך גאָר אויסגע־לערנט שעלטן אויף רוסיש און די רעגל איז אזא אויף דער גאנצער וועלט — הערט מען ווי א פרעמדער שעלט זיך אויף דער אומגאנגס־שפראך רופט דאָס ארוים א שמייכל.

אן אויסגעמישטער עולם, קיינער האָט נישט דעם מינדסטן אויטאָריטעט. אלע ווארטן דער מאָרגן זאָל ברענגען עפּעס נייעס. וואָס ווייסט מען נישט, אָבער האָפן האָפט מען. ווי נאָר סע הערט זיך א מאָטאָר מוז עס זיין א טאנק, פליט פארביי א וואראָנע איז עס אן אוויאָן ,ווייל די ארמיי צו וועלכער זיי האָבן אָנגעהערט מוז זיין ערגעץ דאָ נישט ווייט. נאָך אזויפיל נצחונות קאָן נישט זיין מע זאָל זי צעשלאָגן, זי מוז זיך באווייזן. פאראן אזעלכע וואָס סטי־מולירן די האָפענונג. זיי דערמאָנען אויך אין דער אָפּגעגעבענער שבועה און וואָרענען אז זיך איינגאצן אונטערגעבן טאָר מען נישט, אזא איז דער אוסטאוו; זיי רעדן וועגן אינטערנאציאָנאלע געזעצן וואָס שיצן די פלעניקעס גיבן זיי דאָס רעכט צו בלייבן טריי דער אייגענער ארמיי. אנדערע ווידער — איבערהויפּט די וואָס זענען נאָענט צום אינסטרוקטאָר — רופן צו דיסציפּלין, זאָגן צו אז ווי נאָר זיי וועלן ארויסטרייבן דעם שונא פון זייער פאָטערלאנד און וועלן אים דערשלאָגן אזוי אז ער זאָל מער קיינמאָל דעם קאָפּ נישט אויפהייבן וועט דאָס לעבן ווערן בעסער און לייכטער, אז דער טאָג פון נצחון איז נישט ווייט און דעמלט וועלן זיי, די היינטיקע פלעניקעס, האָבן צו זאָגן דאָס הויפּט וואָרט. זיי ארויסווארפן פון קאָפּ די נארישקייטן מיט וועלכע ס'האָבן אים אָנגעשטאָפּט די

אַפּיצירן — פּריצישע און קאַפּיטאַליסטישע זינדלעך. און דער פּלאַנטער ווערט נאָך גרעסער, די נערוון אָנגעשטרענגטער, דער מאָרגן נעפּלדיקער און די היים ווייטער, דאָס לעבן אומדערטרעגלעכער. דערצו מוז מען ארבעטן — ארבעט מען באַקומט מען א גרעסער שטיקל ברויט, פאַר א שטיקל ברויט איז מען אימ־שטאַנד זיך לאָזן אָפּהאַקן דעם קאָפּ און די כוחות לאָזן נאָך. שווער אין אַזעלכע באַדינגונגען צו פירן קולטור־ארבעט. איז אָבער א מוז — א מוז וואָס האָט זיינע וואָרצלען אין א זייער קאָמפּליצירטער אָנשויאונג וועגן דער באַציונג מאַטעריע גייסט, אַן אָנשויאונג פון וועלכער מע טאָר נישט אָפּווייכן אפילו מיט א האָר.

דעם אינסטרוקטאָרס פליכט איז איינצואָרדענען מיט די געפאַנגענע שמו־עסן אויף פאַרשידענע פּאָליטישע טעמעס, זענען די שמועסן נישט מער ווי א לאַנגער, צו לאַנגער מאָנאָלאָג. דער אינטרוקטאָר רעדט און זיי, די פּלעניקעס, האַלטן קוים די אויגן אָפן, די אויגן־לעפּלעך פאַלגן נישט, זיי ציען זיך אויף אַרויף — א פולער זאַל מיט פאַרשלאָפענע הינער. עמעצן איז איינגעפאַלן אַז די שמועסן וואָלט מען געקאָנט אויפלעבן ווען מע זאָל אָנהייבן מיט א ליד, דאָס הייסט מיט לערנען דעם עולם רעוואָלוציאָנערע לידער אין זייער מוטער־שפּראַך. באַקומט זיך א געשלעפּט געזאַנג וואָס לאָזט די נשמה — דאָס זינגען איז זיי איבעריק. סע זינגט זיך נישט ...

מיט אַזעלכע געדאַנקען וועגן דער קולטור־ארבעט אין וועלכער מע וואָלט געדאַרפט אַרויסהעלפן דעם לייטישן אינסטרוקטאָר איז יאָסל געגאַנגען צום באַראַק מיט לאַנגזאַמע טריט. די קעלט האָט אים אדורכגענומען. געוואָלט האָט זיך בלייבן אינדרויסן, אויף דער פרישער לופט, אונטער דעם טיפן מיט מיליאָסן שטערן באַשיטן הימל, זיך ליובעווען מיט גאָטס־וועלטל. האָט אָבער א נעם געטאָן דער פראָסט און ער איז אריין אין באַראַק. א שווערער ריח האָט א שלאָג געטאָן און פאַרהאַקט דעם אָטעם. א שטינק פון נישט געוואַשענע האָנטעשעס, צעפוילטע שטיוול, פאַרשמאָלצעוועטע אוניפאָרמעס, צעטראַפּעטע דעקן, פון זויערלעכן שוויים אַז ס'האָט געשווינדלט דער קאָפּ. דאָס שנאָרכן פון הונדערט הונגעריקע, טויט־מידע פלעניקעס ווי גלייך אַן עסקאַדראָן וואָלט מעלה־גירהט האַרטן האָבער. יאָסל איז געשטאַנען ביי דער טיר. „א ווילד פרעמדע וועלט“, איז אים איינגעפאַלן, „א דאַנטעסקע“. וואָס זוך איך דאָ? האָט ער זיך געפרעגט און מיט א ביטערן שמייכל זיך אַליין געענטפערט: געפעלט דיר נישט, פּרוּוו גיין ערגעץ אַנדערש ... ווי פריש סע וואָלט אַצינד געשמעקט דער שימל גערוך פון בית־מדרש, פון אַן אַלטער גמרא ... ס'האָט זיך אים געוואָלט לאָבן אַזוי אַז ער זאָל אויפוועקן די אַלע בר־מננם און זיי שלעפּן אין א ווילדער וואַקכאַ־נאַליע, אין א פייערדיקן טאַנץ. „א טאַנץ ווי ס'איז נאָך קיינמאָל נישט געזען

געוואָרן״, איז אים איינגעפאַלן זיך אויסציענדיק אויף דער נאַרע. איינשלאָפן האָט ער נישט געקאָנט. די געדאַנקען האָבן פאַרקערעוועט צו זיין אייגענעם גורל, צום גורל פון די זייניקע. געמוטשעט האָט דער געדאַנק וואָס ס׳האָט געקאָנט פאַר דער צייט געשען אינדערהיים; ווי אַזוי גיט זיך דער טאַטע אַן עצה מיט דער גאַנצער משפחה, ער איז זיכער אַליין, קיין אַנדער מאַנצביל איז אינ־דערהיים נישט געבליבן; די שוועסטערס מענער זענען אין בעסטן פאַל ערגעץ אין לאַגערן אויב נישט אין צוואַנגס־אַרבעט־באַטאַליאָנען. ווער ווייסט צו זיי לעבן? און די שוועסטער, און די קינדער? און די מאַמע? זי קרעכצט. וואָס זאָל געווען געשען מיט די בתי־מדרשים, מיט די יידן וואָס האָבן דאָרט פאַר־בראַכט גאַנצע נעכט? וואָס פאַרא ווערט האָט דאָס געהאַט אויב ס׳האָט געקאָנט קומען צו דעם וואָס איז איצט? ווער איז גוזר און פאַרוואָס איז ער גוזר; ווער גיט דעם רשות אויף גזרות, ווער באַשטימט דעם גאַנג, און ווער איז דער „ער׳ וואָס נעמט זיך דעם רשות? און שפּרינגעץ? זי באַשיצט הערש־בער? „זי איז געבליבן די לעצטע אין מיינע חשבונות?״ וויפל מאָל ער דערמאַנט זיך אין שפּרינגעץ זעט ער זי ביי דער באַליע וועש אָדער אין טאָג פון אוועקגיין צום רעקרוטיר־פּונקט. זיך באַגנוגט מיט קוקן איינער צום צווייטן, זיך אפילו נישט אַרומגענומען ווי ס׳האָט זיך געוואָלט, אָפּגעקומען מיט אַ שמייכל, מיט אַ גרי־מאַס; געהאָפט אַז מע וועט זיך נאָך אומקערן כאָטש אויף אַ פּאָר טעג; אומ־געקערט האָט מען זיך נישט און אָפּגעזעגענען זיך האָט עפּעס אָפּגעהאַלטן; ס׳האָט זיך געדאַכט אַז אַזוי איז בעסער, אַזוי וועט מען זיך מוזן באַגעגענען, אַזוי צווינגט מען עמעצן ער זאָל פירן צו אַ גיכן ווידערזען זיך. עמעצן ... ס׳האָט זיך אים געוואָלט שעלטן, זידלען אַזוי ווי סע טוען אַלע איבעריקע וואָס שנאָרכן איצט ווי נישט דערקוילעטע בהמות, אָבער אויפן אָרט פון שעלטן האָט ער אָנ־געהויבן ציילן, געהאָפט אַזוי פאַרטרייבן די שוואַרצע מחשבות, אַז אַזוי וועט אים באַפאַלן אַ שלאָף. ער האָט געציילט ביז טויזנט, אָנגעהויבן פונסניי ביז רבי שמעון בר יוחאי האָט זיך געזעצט צום טיש. מ׳האָט אים געבראַכט זיין אָוונט־מאָל — אַ ברוין געפּראַזשעטע הון אויף אַ געלן טעלער. די הון האָט אים געפעלן. ער האָט אויף איר לאַנג געקוקט, צוגערוקט נענטער, אַ שמעק געטאָן און פאַמעלעך אָפּגעטיילט די רעכטע פולקע. ער האָט זי גענעמען מיט גרויס אַפּע־טיט, דער טעם איז געווען אַ באַזונדערער, מ׳האָט עס געזען לויטן פאַסמאַקע־ווען דעם מאַרך פון ביינדל. אַ רגע איז ער געזעסן גלייך ווי פאַרטראַכט. כאָטש ער האָט געשוויגן האָט מען געהערט זיין געדאַנק: איין טעם דאָס פלייש און אַנ־דערער דאָס ביינדל. ער האָט גענומען אַ שטיקל בייליק, ווידער אַ שטיקל פולקע,

פון דער אנדערער, פון דער לינקער, אָפּגעריסן א שפּיץ פליגעלע, אויסגענאָגט דאָס אחורל, אזוי פון יעדן אבער יעדעס מאָל א קניימש טוענדיק דעם שטערן. ס'האָבן אים צום ערשטן מאָל געוואונדערט די פארשיידענע טעמים פון דער הונט טיילן. ביז אצינד איז נישט אויסגעקומען זיך איבער דעם צו פארטראכטן. ער האָט געוואָלט אנטדעקן דעם סוד פון אזויפיל געשמאקן אין איין און דער זעלבער הון. זאָל דער רבונו של עולם געווען באשאפן יעדן אבר מיט זיין טעם, וויפל צייט האָט ער באדארפט אויף צו באשאפן א הון; היינט א לעמעל אָדער א שאָף, זיי האָבן דאָך אזויפיל איברים פון קעפל ביז די טלאָען און יעדער מיט זיין טעם. ווי אזוי האָט מען דאָס אלעס געקאָנט באשאפן אין איין טאָג וואָס איז נישט גרעסער און נישט קלענער פון יענעם אין וועלכן ס'איז געווען געגוג איין וואָרט און ס'איז געוואָרן ליכט. קומט אוים אז נישט די צייט איז דאָס וויכטיקסטע, נאָר דאָס וואָרט. א רגע זענען זיינע געדאנקען אנטשוויגן געוואָרן. געגוג איז געווען דאָס וואָרט ווייל אלץ איז געווען פארטיק, מ'האָט נישט געדארפט מער ווי אנטפּלעקן... די יצירה באשטייט פון אנטפּלעקן. אנטפּלעקן, פאר וועמען? האָט זיך געפרעגט רבי שמעון בר יוחאי, פאר דעם מענטשן וואָס ער האָט באשאפן צי גאָר פאר די מלאכים? אפשר פאר די נפילים? אז פאר זיי האָט ער אנטפּלעקט דעם טעם פון די בנות האדם איז קיין ספק, ס'איז געשריבן בפּי-רוש: ויראו בני-אלוהים את בנות האדם כי טובות הנה. „אלץ, איז טאקע באשאפן געוואָרן און געווען פארטיק פון אָנהייב וואָס פאר דעם אָנהייב", האָט זיך געהערט די מסקנה פון רבי שמעון — א מסקנה וואָס האָט יאָסלען אויפגעוועקט פון שלאָף.

איבערגעוועקט האָט יאָסל נישט מער געפילט די דושנעקייט פון דער לופט און דעם שווערן ריח. פון די הונדערט שנאָרכנדיקע פּלעניקעס האָט געשטראָמט אן אָנגענעמע ווארעמקייט. ער האָט דערפילט אז זיי אלע מיט זייערע פארשטיני-קענע בעבעכעס זענען אים נאָענט. ס'איז אים איינגעפאלן אז זיי קאָנען געבן מער ווי נאָר די פארבייגייענדיקע ווארעמקייט, אז מיט זייער הילף קאָן מען איבערלעבן; איבערלעבן האָבן געוואָלט אלע זיינע אָדערן, זיין גאנצער מהות; דער ווילן איבערצולעבן איז פאר אים געווען נישט נאָר דער נאטירלעכער אינ-סטינקט ווי ביי יעדער באשעפעניש, נייערט א מין שליחות. דאָס נאָך מער ווייל דער חלום וועלכן ער האָט געזען האָט געבראכט אויפן רעיון אמאָל געלערנטס אין וועלכן אויסדערוויילטע זענען געווען ווייניקע, אָבער קלאָר איז געווען אז זיי זענען פאראן; זיי זענען פאראן סיי בסתר סיי בגילוי אָפּהענגיק פון מאָמענט און גורל. דעם גורל קאָן מען מושטירן, מע קאָן אים אויפצווינגען...

דאָ פאַרקערעוועט זיין וועג שאַרף אַזוי אַז דער וועלכן ער האָט אַדורכגע־מאַכט ביז איצט פאַרשווינדט אַ צייט פון די אויגן.

אויפן צווייטן טאָג איז ער געקומען צום אינסטרוקטאָר מיט דריי פּאַרטיקע אַרטיקלען פאַר דער וואַנט־צייטונג. דער אינסטרוקטאָר האָט געלייענט און זיך געחידושט, געשריבן פון איין האַנט אין דריי פאַרשיידענע פאָרמען.

— וועלכער איז דיינער?

— דער וואָס טראָגט די חתימה דאַווידאָוו.

— נישט צו פּרעטענציעז?

— פאַרוואָס? דער נאָמען איז אַן איבעראַליקער.

— אמת. סע קאָן זיין אויך אַזוי. און די אַנדערע צוויי ווער זענען?

— צוויי פּלעניקעס, אַזוי ווי איך.

— קאָן מען זיי רופן? דאָ האָט דער אינסטרוקטאָר נישט געקאָנט באַהערשן אַ שמייכל. דעם זעלבן שמייכל וואָס האָט יאָסלען נישט געפעלן. נאָך מער איצט. ווייל דער חוזק האָט אַ טרייבער געטאָן.

— הממם, רופן איז שווערער, האָט געענטפערט יאָסל מיט אַ געלעכטערל וואָס האָט געקאָנט אויפרעגן, אָבער נישט דעם אינסטרוקטאָר. אין זיינע וואָג־לענישן האָט ער אַזעלכעס נישט איין מאָל באַגעגנט.

— פאַר אַן אָנהייב גייט עס. לאָז זיי דאָ.

דריי מאָל אַ וואָך פלעגט דער אינסטרוקטאָר אָרגאַניזירן לעקציעס אָדער שמועסן. אָנגעהויבן האָט ער מיט אַ ליד. געוויינטלעך אַ רעוואָלוציאָנער ליד געבוירן געוואָרן אין אַ שטרייק אָדער אין אַן אַנדער צוזאַמענשטויס צווישן אַרבעטער און פּאָליציי אין וועלכן ס'איז געקומען צו קרבנות. דאָס האָט די געפאַנגענע אַמוזירט. נישט אַזוי דאָס ליד ווי דעם אינסטרוקטאָרס אופן זינגען. ס'איז נישט געווען קיין ניגון נאָר עפּעס אַ סאָרט דונערן און בליצן מיט אַ קול וואָס האָט געקאָנט אויפהייבן טויטע פון די קברים און מיט אַזאַ התלהבות גלייך ער וואָלט מיט יעדן וואָרט איינגעריסן אַ מויער. די געפאַנגענע פלעגן אונטער־ברומען אויפגעלייגטע פון כאָרפירערס ברען, אָבער ווי נאָר ס'האָט זיך געענדיקט דאָס ליד און אָנגעהויבן די לעקציע פלעגן זיי, מידע און געוויינטלעך הונגעריקע, האַלב פאַרמאַכן די אויגן און מיט לייכטע טריט אַריבערטרעטן אין אַן אַנדער וועלט. די לעקציעס זענען באַשטאַנען פון לייט־אַרטיקלען פון דער צענטראַלער פּרעסע, די רעדעס און טאָג־אָרדערס פון אויבער־קאָמענדאַנט פון די יבשה־לופט־און־ים־אַרמייען. יעדעס וואָרט זיינס האָט געמוזט באַקומען די ריכטיקע

ווערט דורך א פאר אלעמען פארשטענדלעכן אויסטייטש, אָדער פארקערט, דער אויסטייטש האָט געדארפט באווייזן ווי ריכטיק און וואָס פארא היסטאָרישע ווערט ס'האָט יעדעס וואָרט פון זיין רעדע, יעדעס אות פון וועלכן סע זאָל נישט זיין וואָרט וואָס האָט געהאט דעם זכות פון אים באנוצט צו ווערן. די קאָמענטארן און אויסטייטשונגען האָבן געדארפט איבערצייגן די געפאנגענע אז דער מאָמענט ווען זיי זענען ארייננעפאלן אין פלען איז געווען די סאמע אמתע אויסלייזונג, אז דער פאקט אליין וואָס זיי שלאָגן זיך נישט מער מיט דעם קעגן וועלכן זיי זענען געטריבן געוואָרן מיט געווער אין די הענט איז א געבענטשטער פון אלע שטאנדפונקטן; אז מיט זייער ארבעט אין וואלד אָדער ווו סע זאָל נישט זיין העלפן זיי זייער פאָלק און דער אלוועלטלעכער פראָגרעסיווער מענטשהייט. אלץ ווערטער און באגריפן פון וועלכע זיי האָבן גאָר ווייניק פארשטאנען, אָבער וועלכע האָבן געדארפט האָבן, לויט געוויסע אָנשויאונגען, דעם כוח פון איבערמאכן מענטשן.

די לעקציעס פלעגט מען באקומען פון די העכערע אינסטאנצן פארטיק אָפּגעדרוקטע און בייטן א וואָרט האָט מען נישט געטאָרט, דאָס וואָלט געהייסן טרעטן די פאָרגעשריבענע דיסציפלין און אזא זינד האָט מען זיך נישט געקאָנט דערלויבן. דאָס האָט געקאָנט פירן ווייט, ווייט אויף מזרח פון וואנען דער וועג צוריק איז געווען א זייער פראָבלעמאטישער. אזוי אז קיינער פון די „פאָליט-ארבעטער'' האָט דאָס נישט געוואגט כאָטש זיי האָבן געזען אז זייער רעדן ווירקט נישט אויף די פארשלאָפענע צוהערער, אז זייערע ווערטער זענען נישט אימשטאנד צו פארטרייבן דעם שלאָף, צו וועקן די מינדסטע אויפמערקזאמקייט. יאָסלען האָבן די לעקציעס פאראינטערעסירט. ס'האָט אים שאָקירט זייער אויפבוי, זייער אופן, זייער סטרוקטור, זייער ענלעכקייט מיט אויסטייטשן א פינטעלע אין א בית. ס'האָט זיך אים אויך געדאכט אז מיט בייטן זייער ווייניק וואָלט מען געקאָנט וועקן דעם אינטערעס נישט נאָר פון די מידע און אויסגעהונגערטע פלעניקעס נאָר אויך פון פיל מידערע. מע דארף נישט מער ווי דאָ און דאָרט בייטן דעם אקצענט. און די געלעגנהייט איז געקומען גיכער ווי ער האָט געהאָפט. דאָס איז געשען נאָך דעם וואָס ס'איז אויסגעהאָנגען געוואָרן זיינס א ליד געווידמעט דעם אויבער-קאָמענדאנט פון די יבשה-לופט-און-ים-ארמייען און אן ארטיקל וועגן דער ברייטהארציקייט מיט וועלכער סע ווערן באהאנדלט די קריגס-געפאנגענע, די זעלבע וועלכע ... דאָס ליד און דאָס ארטיקל זענען געפעלן געוואָרן דעם שעף פון דער פּאָליט-אָפּטיילונג און בעת א פארזאמלונג פון אלע געפאנגענע האָט ער אויסגעלויבט יאָסלען. דעמלט האָט ער זיך אָנגענומען מיט מוט און פאָרגעשלאָגן דעם אינסטרוקטאָר ער זאָל אים דער-

לויבן פארלייענען א לעקציע. אים האָט געוואונדערט דעם אינסטרוקטאָרס איינגיין אויף אזא ריזיקע אָן איבעריקע פראגעס. אים איז נישט איינגעפאלן אז דער אינסטרוקטאָר איז אויף אזוי ווייט פארזינקען אין זיין איבערצייגונג אז דאָס איז דאָס הויפּמיטל ארויסצופירן די טויזנטער מענטשן פון זייער הינערפּלעט און אז סע גייט אים אזוי אין-לעבן דאָס צו טאָן.

זיך אָנשפּארנדיק אויף זיך אליין איז דער אינסטרוקטאָר געשטאנען לעבן יאָסלען. נאָך א צייט האָט ער אויפגעגעבן יעדע האָפענונג. יאָסל האָט געלייענט דעם טעקסט מאָנאָטאָן, דער אָנגעזאמלטער עולם האָט געדרימלט און ער, דער אינסטרוקטאָר, האָט זיך שוין געזען אין אדמיניסטראטיוון באראק שרייבנדיק אין בוך די געוויינטלעכע ווערטער: „געהאלטן די לעקציע נומער טאָט-טאָ, פראגעס אָדער באמערקונגען זענען נישט געווען“, אוועקלייגן די חתימה און גיין שלאָפן. פּלוצעם האָט עפּעס נישט געקלונגען ווי געוויינטלעך, דער עולם האָט זיך אָנגעהויבן רירן. יאָסל האָט פארמישט די פאָרמולירונגען, ווי אין טעקסט און דאָך נישט פּינקטלעך. די אינטאָנאציע נישט די זעלבע. ס'איז גאָר א שמועס מיט זיך אליין אויף א קול אזוי אז אלע זאָלן הערן. ער שטעלט זיך פראגעס, גיט זיך ענטפערס. צוגעגעבן האָט ער נישט מער ווי איייניקע ווער-טער: די היים ... אונדזערע פעלדער ... ווייב און קינד ... צום ערשטן מאָל האָט די פארזאמלונג אָפּגעענטפערט אויף דער לעקציע מיט אַפּלאָדיסמענטן. דעם אינסטרוקטאָר האָט דאָס געפעלן און איינציייטיק באאומרויקט. אין לאגער זע-נען קיין אַפּלאָדיסמענטן נישט געווען פאָרגעשריבן. דאָס מאָל, האָט ער א טראכט געטאָן, וועט מען נישט אָפּקומען מיט פארשרייבן אין פּנקס די געוויינטלעכע ווערטער, מע וועט מוזן ביילייגן א ראפּאָרט. ער האָט געקוקט פון דער זייט אויף דעם צופרידענעם יאָסל און ער איז אים נאָך מער געפעלן. ער האָט באַשלאָסן טאקע מיט אים צוזאמענשטעלן דעם ראפּאָרט. "דער בחור וועט זיך אדורכשלאָגן", זיין בליק האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף יאָסלס עלנבויגנס.

מיגלעך אז יאָסל האָט דערוואַרט פון די ענדערונגען אין די לעקציעס, פון געווינען דעם אינטערעס פון די צוהערער איבערראַנדערשונגען אין ארט לעבן פון די קריגס-געפאנגענע. אים האָט זיך אפשר א מאָמענט געדאכט אז דערמיט וועלן זיי ווערן שותפים צו א גרויסער אונטערנעמונג וואָס דארף פירן צו... צו וואָס דאָס דארף פירן איז אים נישט געווען קלאָר און ווי באוווסט — וואָס אומקלאָרער דער ציל אלץ פאנטאסטישער זענען די דערוואַרטונגען. אין דעם ליגט אפשר דער סוד פון גרויסע אנטוישונגען. אזוי איז עס אויך געשען מיט יאָסלען. ענדערונגען אין לאגער-אטמאָספער זענען נישט געווען צום באמערקן. די טעג האָבן ווייטער געצויגן אומענדלעכע, מידע, אויסגעמאטערטע. די הערצער

וועלכע האָבן צומאָל געענטפערט אויף זיינע איינפאַלן מיט א שנעלערן ריטעם זענען גיך איינגעשלאָפן. די איינפאַלן זענען געוואָרן א צוועק פאר זיך, א גע־דאנקען שפּיל אריינצובלאָזן א פונק לעבן אין טויטע פאָרמולירונגען. דאָס וואָס האָט צום אָנהייב אפשר באפליגלט איז געבליבן ווייט ארונטער. מענטשן זענען ווייטער אומגעקומען פון דעזינטעריע, טיפוס אָדער גלאַט אויסגעגאַנגען ווייל לעבן האָט זיי מער נישט אינטערעסירט. באהערשט פון הינערפּלעט האָבן זיי געלאָזט דעם גוף פארשטארצן און אנדערע האָבן אים אוועקגעטראָגן און צוריק־געגעבן דער מוטער ערד אַן אָנפארביקן. יאָסל האָט זיך צוגעקוקט און דאָס אויס־געלייגט אויף זיין אופן אין פשוטע עטוואָס ברוטאלע ווערטער: „דעם מענטשנס גורל ליגט אין א גרויסער מאָס אין זיינע אייגענע הענט. איבערלעבן איז דער הויפּט צוועק און אויב דאָס ווערט נישט געשענקט א יעדן איז עס קיינעמס שולד. די רעטונג קאָן ליגן אויך אין פאָרמולירונגען, טראכטן וועגן זייער רעאלן ווערט האָט קיין זין, דער זין באשטייט אין מאכן פון זיי א צווייטע ווי מענגלעך בול־טערע ווירקלעכקייט ווי די רעאלע. האָפענונגען דארף מען זייען נישט טראכטנ־דיק צו זייער פארווירקלעכונג".

אזוי איז יאָסל געוואָרן א פּאָליט־ארבעטער.

יאָסיף שמולעוויטש דאווידאָוו קנאטשאלסווו!

דאָס האָט מען גערופן יאָסלען נישט צום אינסטרוקטאָר, נאָר צו עפּעס מער. צום אינסטרוקטאָר האָט מען נישט גערופן אזוי פייערלעך. יאָסלען איז געווען באקאנט דער אויסדרוק „נאטשאלניק" — שעף, הויפּט, ראש. נאטשאלס־טוואָ איז נישט דאָס זעלבע. די פאראלגעמיינערונג טראָגט אין זיך עפּעס שווערס. דאָס איז נישט א פאָרגעזעצטער מיט וועלכן מע באגעגנט זיך יעדן טאָג, דאָס זענען אלע וואָס שטייען העכער אָנהייבנדיק מיט נישט מער ווי א בייטשל ביז העט ארויף וווּהין דער געדאנק טראָגט קוים. דאָס איז א גוואלדיקער בעטאָן בלאָק וואס דריקט און דערדריקט נישט, קוועטשט און דערקוועטשט נישט. דאָס געפיל אז אָט דער גאנצער בלאָק האָט זיך א דריי געטאָן צו אים האָט א קלעם געטאָן ביים הארצן און פאר די אויגן איז א רגע געוואָרן טונקל.

„מיט וואָס האָב איך מיך פארזינדיקט", איז געווען די ערשטע פראגע וואָס ער האָט זיך געשטעלט. אלץ האָט זיך געמישט פאר די אויגן אָנהייבנדיק כמעט מיט די קינדעריאָרן און אלץ וואָס ער האָט זיך דערמאָנט האָט געקאָנט אויסגע־לייגט ווערן ווי א חטא. פאר אלץ האָט מען איצט געדארפט אָפּגעבן חשבון, פאר אלעם ברענגען א בארעכטיקונג. ער האָט געפילט א שוואכקייט אין די פיס, אונטערגעהאקטע טראָגן זיי אים קוים, אים האָט זיך געדאכט אז נישט ער גייט

נאָר ער שלעפּט זיך, אַז אויפן אָרט ער זאָל זיך דערנענטערן צום באַראַק אין וועלכן סע געפינט זיך די אַדמיניסטראַציע דערווייטערט ער זיך פון אים; ס'האָט אויסגעזען אַז אַלע וואָס גייען פאַרביי קוקן אויף אים מיט רחמנות, אָדער פאַראַכט. זיין שרעק איז געוואָרן נאָך גרעסער ווען ער איז אָנגעקומען צו דער טיר אין וועלכער ער האָט געדאַרפט אָנקלאַפּן און דער זעלנער וואָס האָט אים באַגלייט האָט געזאָגט מיט א מאָדנעם דרך-ארץ: „אָט דאָ, צום חבר יערעמענקאָ".

ער איז געשטאַנען אין פאַרלעגנהייט. קלאַפּן צי וואַרטן. ווער צווינגט אים קלאַפּן, אויב קיינער עפנט נישט מוז ער דאָך נישט אַריינגיין. בעסער שטיין און וואַרטן, אפשר וועט זיך דער חבר יערעמענקאָ באַטראַכטן און מוותר זיין אויף דעם „דאָפּראָס", ווייל ווענן וואָס אנדערש קאָן רופן די נאַטשאַלסטוואָ, דער סאָלדאַט האָט אויף אים געקוקט מיט פאַרשטענדעניש, וואַרטן אָן.אַן עק האָט מען נישט געקאָנט, אַזוי אַז ער האָט אים סוף כל סוף אונטערגעהאָלפן: נו, גיי אַריין, וואָס שטייסטו?

ביי אַן אין לאַגער געמאַכטן שרייב-טיש איז געזעסן א מיליטער-מאַן אָן עפּאָלעטן. שפּעטער וועט זיך יאָסל דערוויסן אַז ווען איינער טראָגט נישט קיין עפּאָלעטן איז דער אָפּשיי א גרעסערער, אַז נישט טראָגן עפּאָלעטן הייסט פאַרמאָגן א כוח וואָס שטייגט איבער יענעמס וואָס מוז זיי טראָגן. דאָ איז לויטער כוח, כמעט אַן אַבסטראַקטער, א כוח אויסגעטון פון צייכנס ווייל זיי מינערן זיין אַלמעכטיקייט, זיין אומבאַגרענעצטקייט. נישט ווייט פון טיש איז געזעסן א צווייטער, מיט עפּאָלעטן אָבער אָן א טשין, א סאָלדאַט און דאָך מער.

— ווי רופט מען דיך? האָט געפרעגט יערעמענקאָ און דער צווייטער האָט אין דער זעלבער צייט איבערגעזעצט אַזוי אַז זייערע שטימען האָבן זיך כמעט צוזאַמענגעגאָסן ווי דאָס קול מיטן ווידערקול.

— מע דאַרף נישט. יאָסיף שמולעוויטש דאַווידאָוו.

— וואָס דאַרף מען נישט, האָט זיך געוווּנדערט יערעמענקאָ.

— איבערזעצן, איך פאַרשטיי.

— פון וואַנען קענסטו רוסיש? דער פאַראַכט האָט געשפּאַרט פון יעדער זילב.

— אין דער געגנט פון מיין געבורטס-אָרט לעבן אויך אוקראַינער. זיך אויך דאָ צוגעלערנט. גוט קען איך נישט אָבער פאַרשטיין פאַרשטיי איך.

— אַזאַ באַשאָנקענער ביסטו? דאָס וואָרט האָט ער נישט פאַרשטאַנען און געווענדעט דעם בליק צום איבערזעצער, ער זאָל אַרויסהעלפן. יערעמענקאָ האָט א שמייכל געטאָן. געלערנט אין חדר? האָט יערעמענקאָ ווייטער געפרעגט, אַרויסרעדנדיק דאָס וואָרט „חדר" מיט א לייכטער איראָניע. יאָסלען האָט עס

דערמאָנט אז כמעט אַלע נישט געפּערלעכע אנטיסעמיטן — ווייל פאַראַן אויך אזעלכע — באַנוצן דאָס וואָרט מיט א צוריקגעהאַלטענער איראָניע. ס׳האָט אים נישט געשטערט. ער האָט געהאַלטן אז דאָס גיט זיי צו א געוויסן חן — ס׳איז ווי זאַלץ, סע גיט צו טעם.

— נישט נאָר אין חדר, אויך אין ישיבה. האָט יאָסל געענטפערט אָן פאַר־באַהאַלטענעם שטאָלץ.

— אהא, האָט זיך אָפּגערופן יערעמענקאָ מיט פרייד, גלייך ער וואָלט שוין לאַנג וואַרטן אויף אזא באַגעגעניש. דו וועסט מיר אפשר קלאָר מאכן א פראַגע?

— אויב כ׳וועל קאָנען. יאָסלס שרעק איז פאַרשוווּנדן. אנטקעגן יערעמענ־קאָ איז געזעסן א שטאַלטנער בחור, וועלכן דער לאַגער האָט נישט גובר געווען. אָפּגעמאָגערט, האָט ער אויסגעזען קראַפטיק, דער בליק א קלאָרער און דורכ־דרינגלעכער.

— מע זאָגט אז יידן זענען א קלוג פאָלק.

— יאָ, אזוי זאָגט מען.

— מע זאָגט אויך אז די ביבל איז אייער בוך.

— אויף וויפל סע גייט אין אַלטן טעסטאַמענט, אָדער אין אַלטן בונד, ווי אנדערע זאָגן.

— קלאָר, זאָג זשע מיר וואָס פאַרא קלוגשאַפט איז עס זיך אַליין אזוי מיאוס פאָרצושטעלן פאַר דער וועלט?

יאָסלס געדאַנקען זענען מבולבל געוואָרן. וואָס פאַרא מעשיות זאָל מען געווען אָנדערציילן דעם „גוי״? מיגלעך ער זאָל טראַכטן צו די „פּראָטאָקאָלן פון זקני ציון״. פאַראַן אזעלכע וואָס נעמען דאָס אָן פאַר אמת. פאַר זיי איז מסתמא פאַראַן עפּעס אַן אינו־נראההדיק ירושלים אין וועלכן סע זיצט א נישט געזעענער סנהדרין און דערמיט אַליין געפערלעכער. מיט אזעלכע רעדן זאָל מען זיין בא־היט.

— כ׳פאַרשטיי נישט וואָס איר מיינט, האָט ער קוים אַרויסגעשטאַמלט.

יערעמענקאָ האָט זיך הילכיק צעלאַכט.

— דו זאָגסט דאָך אז האָסט געלערנט אין חדר און אין ישיבה, ווי אזוי זשע פאַרשטייסטו נישט? כ׳רעד פון דער ביבל, פון אייער הייליק בוך. פון אָנ־הייב איז עס פול מיט לשון־הרע, מיט נישט שיינע געשיכטעס. וואָס פאַרא זין האָט דערציילן וועגן דעם אז אברהם — אין יערעמענקאָס אויסרייד איז אברהם נאָך אַלץ געבליבן אברם — האָט געהייסן שרהן זי זאָל פאַרלייקענען אז זי איז זיין ווייב, אָדער די געשיכטע מיט הגרן און ישמעלן וואָס איז ווייט פון מענ־טשלעכקייט, נאָך דעם יעקוב מיט עשוון, עפּעס צו פיל ליגן און אָפּנאַרעריי,

און ווען סע קומט שוין איינער וואָס זעט אוים צו זיין עפּעס מער, וועלכער ווערט אָן אָנפּירער — דאָס וואָרט איז אונטערגעשטראָכן געוואָרן מיט א געווּיסן ערנסט — פון פאָלק, דאָס מיין איך משהן, הייבט ער אָן זיין קאַריערע מיט שוואַרץ־קינצלעריי ...

יאָסל האָט געשוויגן, ער האָט געוואָלט געפינען אָן ענטפער אויף די פראַגעס, אויף וויפל ס׳איז מיגלעך א נייטראַלן. יערעמענקאָ האָט געוואַרט, געפּרוווט טרעפן וואָס סע געשעט איצט אין יידנס קאָפּ. מיינענדיק אז ער וואָלט אים געקאָנט אַרויסהעלפן בעסער צו פאַרשטיין זיין פראַגע, האָט ער צוגעגעבן:

— אָט זע, ביי אונדז, א גרוים פאָלק, א מעכטיק פאָלק. מיר האָבן געהאַט א גרויסן פירער וועלכער האָט פאַראייניקט דאָס לאַנד אונטער איין קרוין. פאַרשטענדלעך אז אזא אונטערנעמונג האָט נישט געקאָנט רעאַליזירט ווערן אָן קרבנות, אָן דעם אז א טייל מענטשן זאָלן ליידן, איבערהויפּט יענע וועלכע ס׳האָט געלוינט א צעשפּליטערט לאַנד. זיי האָט נישט געאַרט וואָס פרעמדע קאָנען אויף אזא אופן באַוועלטיקן אונדזער פאָלק, ווייל אזוי איז זיי געגאַנגען בעסער, האָבן זיי אויסגעטראַכט כלערליי ווילדקייטן, אים אָנגעהאָנגען פאַרשיידענע באָבע־מעשיות, אים געגעבן א צונאָמען דער גרויזאַמער. אָבער ווען מיר האָבן אויסגעוויזן זיינע מעשים און געזען אז ס׳איז א טעות, האָבן מיר אים רעהאַביליטירט, אים אָפּגעגעבן דאָס פּלאַץ וואָס אים קומט אין דער געשיכטע און אַרויסגעוואָרפן אַלע יענע בילבולים וואָס מ׳האָט אויסגעטראַכט אויף זיין חשבון אין מיסט־קעסטל. ביי אייך אָבער זענען אָט די אַלע אומגעלומפּערטקייטן געבליבן פאַרשריבענע אויף אייביק. דאָס ברענגט אייך דאָך נאָר שאָדן ...

יאָסל האָט ווייטער געשוויגן, כאָטש דער ענטפער איז ביי אים שוין געווען א פאַרטיקער. אזוי ארום האָט ער געוואָלט באַווייזן דעם „אדון" אז זיין אָפּשיי איז גרוים און ער קאָן זיך נישט דערלויבן צו געבן א נישט אויסגעוויגענעם ענטפער.

— נו, האָט אים אונטערגעטריבן יערעמענקאָ, נישטאָ קיין ענטפער. ווייזט אוים אז גאָרנישט אזוי קלוג. אבי מע זאָגט.

— הממם, האָט יאָסל אָנגעהויבן גלייך ווי צוריקהאַלטנדיק דעם ענטפער. אייער פראַגע איז א באַרעכטיקטע. אוודאי וואָלט מען זיך געדאַרפט פאַרטראַכטן דעריבער. פאַרוואָס טאַקע נישט איבערשרייבן די אָנגעוויזענע קאַפּיטלען? כאָטש סע וואָלט געווען א זייער, זייער שווערע אונטערנעמונג. דאָס בוך געהערט היינט נישט נאָר די יידן, סע געהערט א האַלבער וועלט. דערצו האָבן עם אַסך דערקלערט אלס הייליק ... נאָר כ׳מיין אז ס׳איז פאַראַן נאָך א סבה, אפשר די

וויכטיקכטע. אויך ביי אייך האָט אָנגעהאַלטן דער אַלטער צוגאַנג צו איוואַן דעם גרויזאַמען כמעט פיר יאָרהונדערטער און קיינער האָט נישט געוואָגט דאָס רע־ווידירן... ווייל נישט געווען די געהעריקע מענטשן וואָס זאָלן האָבן דעם מוט דאָס צו טאָן. נאָר די פּאַרטיי האָט עס געקאָנט טאָן. מיר, די יידן, האָבן ביז איצט נישט קיין לאַנד, נישט קיין פאַראייניקט פאָלק, און דער עיקר נישט קיין אייגענע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי וועלכע זאָל דאָס נעמען אויף זיך. מיגלעך...

אין יערעמענקאָס בליק האָט זיך אריינגעכאַפּט א שטאָל־קלינגעלע. ער האָט געוואָלט דערגיין ווי פיל פון ענטפער איז חוזק און ווי פיל ציניזם. דער בחורע׳ל האָט מוט און א געוויסע דאָזע ביטערקייט. מיגלעך ער זאָל האָבן ביידע אי חוזק אי ציניזם, אזעלכע פיינעלעך קאָנען זיין נוציק. ער האָט א לאַך געטאָן.

— ביסט א ביטראַק! אַנו, דערציילן!

— וואָס זאָל איך דערציילן? האָט זיך געוווּנדערט יאָסל. ער איז נאָך גע־ווען ווייט פון דער צייט ווען ער וועט וויסן באַשייד אז אויב מע זיצט אויף דער אַנטקעגנדיקער זייט פון שרייב־טיש און מע פאָלגט דער באַפעל: דערציילן! דאַרף מען דערציילן וועגן טעם וואָס ס׳האָט געהאַט דער מאַמעס מילך.

— דערצייל וועגן איבערפּאַל אויף אייער קאָנוואָי. אָבער מיט אַלע פּרטים, ביז דעם מינדסטן.

יאָסל האָט דערציילט. ווען ס׳איז געקומען צום מאָמענט אין וועלכן דער אַדמיראַל האָט גערופן צום קאַמף קעגן די איבערפאַלער האָט יערעמענקאָ א פּאָר מאָל איבערגעפרעגט צי ער דערמאָנט זיך פּינקטלעך ווי אזוי ס׳האָט אויס־געזען דער וואַלד, וווּ איז געשטאַנען די באַן, פון וועלכער זייט האָט אָנגעהויבן דאָס שיסעריי, וויפל שפּאַן פון אַדמיראַל איז געלעגן דער אוטאָמאַט און ווען יאָסל האָט געענדיקט ענטפערן אויף אַלע פראַגעס איז יערעמענקאָ א רגע גע־זעסן פאַרטראַכט, ער האָט זיך צונויפגעשטעלט אין געדאַנק דאָס בילד, די אויסגעמאָגערטע, אויסגעמוטשעטע צוואַנגס־אַרבעטער אין אַלטע אָפּגעריבענע אוניפאָרמעס, די האַלב־פאַרשלאָפענע נישט גענוג מושטרירטע וואַך, פּויערים וואָס טראַכטן נאָר צום טאָג ווען זיי וועלן זיך זען אינדערהיים ציענדיק די קלי־אַטשע ביים עק, און דער „אַדמיראַל״...

— אַט א פּאַטריאָט... האָט ער גערעדט צו זיך אליין מיט באַוווּנדערונג צו דעם אומבאַקאַנטן חברה־מאַן וואָס האָט נישט פאַרגעסן אז ער געהער צו א פאָלק און לאַנד אפילו ווען דאָס פאָלק צו וועלכן ער האָט זיך משער געווען אז ער געהערט האָט זיך איבער אים אזוי ווילד איזדיעקעוועט.

יערעמענקאָ האָט באַנוצט אין געדאַנק „איזדיעקעוועט״ ווייל ער האָט גע־וווּסט א סך מער פון יאָסלען, אומגעהויער מער.

„אָט אַ פּאַטריאָט...“ האָט ער איבערגעחזרט און יאָסלען האָט איבערראַשט דער אונטערשייד ווי אַזוי דאָס וואָרט קלינגט אַרויסגערעדט פון יערעמענקאָן און ווי אַזוי ס'האָט געקלונגען ביים אינסטרוקטאָר. יערעמענקאָ האָט זיך פון אים אָפּגעזעגנט כמעט חבריש. געהייסן ביי אַ גוט אַריינקומען, אָדער ווען סע וועט זיין עפּעס וויכטיקס צו דערציילן. ביים אַרויסגאַנג האָט יאָסל איבערגעלייענט דאָס שילדל וואָס אויף דער טיר: „ספּעץ-אָטדעל“. ס'איז געווען געשריבן מיט קורסיווע בוכשטאַבן. אַנדערע אותיות ווי אויף אַלע איבעריקע שילדלעך און אים האָט זיך געדאַכט אַז דאָס אויסטיילן זיך פון קאַזיאָנעם שניט האָט אין זיך עפּעס איראָנישס, אַן איראָניע וואָס נאָר יערעמענקאָ קאָן זיך דערלויבן.

איבערטראַכטנדיק די באַגעגעניש מיט יערעמענקאָן האָט ער זיך געפילט, אָן אַ שום פּאַרוואָס, אַ געווינענער. נישט געווען קיין ממשותדיק געווינס, נישט צום אָנטאַפּן, נישט מער ווי אַן אומבאַשטימט געפיל מיט אַ סאַמעטענעם אונטערשלאַק — אַ דעליקאַטע לאַסקע אויף אַ שאָרסטיקער נשמה.

און ס'איז געווען אָנגענעם ביז גאָר...

# 9. דער זייגער

די טעג האָבן זיך געצויגן וואָכעדיק. נאָך מער האָט יאָסל געפילט די וואָכעדיקייט ווען ער פלעגט פאַרבייגיין דעם באַראַק אין וועלכן ס'האָט זיך געפונען יערעמענקאָס קאָנטאָר. ער האָט געאַנט אַז דאָרט ווערן געצויגן די פעדים וועלכע באַוועגן אַלע איבעריקע. גענוג אַ ווונק אַז אַלץ זאָל פאַרגליווערט ווערן, אָדער זיך אַ ריר טאָן אין אַ געוויסער ריכטונג. נישט אומזיסט הייסט עס „ספּעץ-אָטדעל״, נישט צופעליק קאָן ער זיך דערלויבן אַז זיין שילדל זאָל זיין געשריבן מיט אַנדערע בוכשטאַבן ווי ביי אַלע איבעריקע אָפּטיילונגען. דאָס גאַנצע לעבן, די גאַנצע טעטיקייט אין לאַגער הענגט אָפּ פון דעם צימער. דאָרט ווערט אַלץ באַשטימט. יאָסלען האָט זיך געוואָלט אַריינדרינגען נענטער, פאַרשטיין דעם באַהאַלטענעם כוח פון אָט דעם באַשיידענעם צימערל מיט אַ פּשוטן, גראָבלעך אויסגעאַרבעטן שרייב-טיש און אויך אַזעלכע דריי בענקלעך. דאָס פּשטות האָט דערמאָנט אין אָרעמע שילן וווּ דער אָרון איז נישט באַדעקט מיט שווערע סאַמעטענע מיט גאָלד באַצירטע פּרוכתן, נייערט מיט אַ פּשוט געוואַנט און דאָך שפּאַרט פון דאָרט אַ כוח וואָס הערשט איבער טויזנטער געמיטער, הערשט מער און עפעקטיווער ווי דאָס באַגילדעטע. דאָרט אין די אָרעמע שילעכלעך זענען נישטאָ קיין תקיפים וואָס זאָגן דעות אפילו דעם אָרון-קודש, דאָרט זענען מענטשן געהאָרכזאַמע, און די געהאָרכזאַמקייט האָט איר היכל אין אָרון-קודש, אין די אָרעם באַהעמדלטע ספרים. פון אינעווייניק שטראָמט נישט די מאַכט מיט אימפּעט, זי שפּראָצט ווי אַ גרעזעלע, ציט זיך ווי דאָס רויכל פון אַ קליין לאַנגדויערנדיק פייערל, שוועבט ווי די לבנה אין שטיינבאַרגם משלים — אין אַ טיף שווייגעניש. דאָ אין יערעמענקאָס צימערל איז דער קדשי-קדשים פון אָן אַנדער וועלט, אַ גרעסערער, און זיין כוח אַ ממשותדיקערער. ער האָט דעמלט נישט געטראַכט אַז פאַרבלאָנדזשען אין געשפּין פון אָט דער מאַכט קאָן אַמאָל פירן צו תשובה, ווייל זי איז שרעקלעך פאַרפירעריש. ער האָט דאָס נישט געהאַט פון וואַנען צו וויסן און האָט זיך אַרום דעם נישט פאַרטראַכט.

בידנע האָט אים אצינד אויסגעזען די ארבעט מיטן אינסטרוקטאָר. כאָטש אזוי פלעג ער יעדן טאָג פארבייגיין זען צי ווארט נישט אויף אים אן ארבעט ביי דער וואנט-צייטונג, ביים פארטיילן די פרעסע, ביים אויסשניידן פארביקע בילדער פון וואָכן- אָדער חודש-זשורנאלן און זיי אויסקלעפן אין די באראקן. דאָס האָט געהערט צו די מיטלען אויפצוהאלטן די מאָראל און א לייטישע אויפפירונג ביי די פלעניקעס. פרויען-בילדער האָט מען נישט אויסגעהאנגען ווייל דאָס וואָלט געשאדט דער רו פון אזויפיל און אזא לאנגע צייט פון וועלט אָפגעזונדערטע מאנצבילן. זיין געדאנק איז אָבער געווען באהערשט פון יערעמענקאָס צימערל, ס'איז געוואָרן א מין אָבסעסיע. אָפט פלעגט זיך אָפוויקלען דער געפירטער שמועס מיט דעם עפּאָלעטנאָלזן באלעבאָס פון לאגער. נישט איין מאָל האָט ער זיך פארטראכט ארום דעם וואָס פארא יראת-הכבוד ער האָט ארויסגעוויזן פארן אדמיראלס פאטריאָטיזם. א לאנגע צייט האָט ער באטראכט יענעם ארויסטריט אלס אן אומגעלומפערטן, זינלאָזן, כמעט משוגעת. וואָס האָט ער געהאט געמיינזאמס מיט דער א פערטל יאָרהונדערט נישט מער עקזיסטירנדיקער „קייסערלעכער ארמיי"? זי איז דאָך געווען נישט מער ווי א חלום פון אלטע, פון דער וועלט אָפגעריסענע לייט. אמת, דאָס איז נישט געווען דער איינציקער פאל. ס'איז געשען אז דאָקטוירים, אינזשינערן, פארמאצעווטן וועלכע האָבן פאר און בעת דער ערשטער וועלט-מלחמה געהאט העכערע טשינען אין דער דאָזיקער ארמיי זאָלן זיך דערשיסן פאר באליידיקן זייער מיליטערישן האָנער. ער האָט געהערט וועגן א פאל ווען די דייטשן האָבן אויסגעזידלט און חוזק געמאכט פון א יידן וואָס האָט זיך פאָרגעשטעלט אלס „קאָלאָנעל דאָקטער פון דער קייסערלעכער ארמיי", האָט דאָס אים אזוי בארירט אז ער האָט ארויסגענומען דעם פון דער ערשטער וועלט-מלחמה באהאלטענעם רעוואָלווער און זיך דערשאָסן. אָבער דער אדמיראל וואָס האָט קיין ארמיי נישט געקענט און נישט געזען? וואָס פארא כוח האָט דאָס וואָרט? וויאזוי שטעלט מיט זיך פאָר אן אבסטראקטער באגריף א רעאלע ווירקלעכקייט? אין וועלכע באדינגונגען? ווען אלץ רעדט קעגן: דער מאיאָר, דער אויסוואורף דער סערזשאנט, דאָס איזריעקעווען זיך ביי דער ארבעט און מיט יעדער געלעגנהייט, דאָס שעלטן, זידלען און שלאָגן כמעט די גאנצע צייט. איבער אזא אין יעדן מאָמענט ביטערער, ממשותדיקער ווירקלעכקייט הענגט אן אנדערע, אן אילוזאָרישע וואָס פארלירט נישט איר קראפט! און דאָך איז עס נישט קיין משוגעת. אָט, יערעמענקאָ! אין צייט פון שמועס האָט מען געקאָנט באמערקן אז די לאגע פון די מיט מיליטערישע אוניפאָרמעס באצווונגענע צו עבודת פרך אין באדינגונגען וואָס ווערן נישט פארשעמט אנטקעגן דער שקלאפן-ארבעט פון פרעהס צייטן, איז אים נישט פרעמד, אז ער ווייסט

וועגן דעם אַלעם. וויאַזוי איז צו פאַרשטיין זיין דרך־ארץ פאַרן אַדמיראַלס פּאַטריאָטיזם. ער גלייבט מער אין כוח פון אַבסטראַקטע באַגריפן ווי אין דערווירקלעכקייט ... דער אינסטרוקטאָר, ער האָט אַן אַנדער צוגאַנג, ער פאַרשטייט דאָס פּשוטער, נענטער צו דעם וואָס עס איז. דערפאַר אויך זיין חוזק־שמייכל. אָדער אפשר פאַרקערט, אפשר איז דער אמת, ביי יערעמענקאָן? אָט, דאָ איז לאַנגער, ווען די סאָלדאַטן דערציילן וועגן שלאַכטן, מאַרשן, אָנגריפן, אָפּענסיוועס אָדער צוריקטריט, דערמאָנען זיי זייערע אָפיצירן מיט גאָר גרויס דרך־ארץ, אפילו דעמלט ווען זיי דערציילן וועגן אָפיצירן ליידאַקעס, אויסוואָרפן, מבזהניקעס, פּאַסקודניאַקעס וואָס האָבן זיי באַהאַנדלט ווי בהמות, פאַרלירן זיי אויך נישט אַ געוויסן אָפּשיי צו זיי, צו זייער טשין ... אַ צווייענדיקע וועלט, אַן איבערגעבויעטע: צוויי ווירקלעכקייטן פאַרבונדן צווישן זיך און די אילוזאָרישע, דער איבערשטער שטאָק וואָס וואָלט דאַכט זיך אָן דעם אונטערשטן נישט געקאָנט האָבן קיין קיום, אָט דער איבערשטער הערשט גאָר איבער דעם אונטערשטן.

„ניין, נישט דעם אינסטרוקטאָרס וועלט איז די אמתע, יערעמענקאָס איז די ריכטיקע“, האָט ער באַשלאָסן און נאָך מיט מער פליים געזוכט דעם וועג צו איר.

אַריינקומענדיק צום אינסטרוקטאָר איז ער אויפגענומען געוואָרן פריינדלעכער ווי שטענדיק.

— אַ געהויבענע שטימונג ביי מיין באַלעבאָס, האָט ער זיך דערלויבט אַ ווערטל. כאָטש בעלי־בתים זענען אָפּגעשאַפט געוואָרן זינט אַ לאַנגער צייט איז דאָס וואָרט געבליבן. און נישט נאָר דאָס וואָרט. מ'האָט דאָס נישט באַנוצט בפרהסיא, איבערהויפּט נישט אין אָפיציעלע באַציאונגען ווען סע זענען אָנוועזנד אויך זייטיקע. אין צווייען האָט מען דאָס געמענגט און ס'האָט אפילו פאַרשאַפט פאַרגעניגן די העכער שטייענדיקע באַאַמטע. ס'האָט אויסגעזען אי נענטער אי דרך־ארצדיקער, ס'איז געווען אַ סאָרט פּאַטריאַרכאַלע באַציונג. דערלויבט האָט מען זיך דעם אויסדרוק ווען מ'האָט אויסגעפּוילט אַן אויפגאַבע וואָס איז נישט אַריינגעגאַנגען אין די אַרבעטס־פליכטן, וואָס האָט אָבער געבראַכט אַ דירעקט פּערזענלעכן נוץ דעם פאָרגעזעצטן. „כאַזיאַין“ האָט אין אַזאַ פאַל געקלונגען ווי „פּאָטערל“, ווי „אין־הימל־גאָט און אויף־דער־ערד־דו“:

— אויך דאָס האָסטו דערלערנט?! האָט געזאָגט מיט אַ שמייכל דער אינסטרוקטאָר. ער האָט באמת געהאַט אַ געהויבענע שטימונג, ער איז געווען אויפגעלייגט און האָט קוים געוואַרט זיך מיט עמעצן צו טיילן, מיט איינעם וואָס קאָן נישט שאַטן, וואָס האָט קיין אינטערעס אים אָנצוטאָן שאָדן. אָבער אָנגעהויבן האָט ער נישט מיט זיך, נאָר מיט אים, טאַקע מיט יאָסלען, ווייל דאָס וואָס

ער האָט זיך דערוווּסט האָט אים פאַרשאַפט גרויס פאַרגעניגן און איז געווען לטובת אָט דעם בחור מיט זיין בליץ־מוח. אזוי הייסט עס, האָט דיך געלויבט יע־רעמענקאָ בכבודו ובעצמו.

— יערעמענקאָ, האָט אים יאָסל איבערגעשלאָגן די רייד כאָטש די דיסצי־פּלין דערלאָזט דאָס נישט און האָט זיך תיכף באַהערשט, ווידער איבערגעצויגן איבערן פּנים א ערנסטע גלייכגילטיקייט. ער האָט זיך איבערצייגט אז ס'איז אים געלונגען, אז דער אינסטרוקטאָר האָט זיך נישט געכאַפּט ווי שטאַרק דאָס האָט אים פאַראינטערעסירט. פאַרראַטן זיין אינטערעס פאַר יערעמענקאָן און זיין צימערל האָט ער בשום אופן נישט געוואָלט. א זעקסטער חוש האָט אים אונטערגעזאָגט אז דאָס דאַרף מען נישט, אז דאָס קאָן אַרויסרופן, אין בעסטן פאַל, א חשד. ער האָט נישט געטראַכט צו א חשד וואָס אימפּליצירט וואַכזאַמ־קייט, בירגערלעכע וואַכיקייט, ניין, דאָס איז אים נישט איינגעפאַלן. נישט דאָס קאָן זיין די סבה פון חשד, נייערט קנאה. מע קאָן אָנהייבן מיט קנאה נאָך איידער עפּעס געשעט און טאָן אַלעס אים נישט צוצולאָזן צו יענעם קדשי־קדשים ווייל דאָס הייסט מאַכט, דאָס הייסט באַקומען אַן אַסצענדענט איבער אַנדערע, דאָס הייסט מע זאָל מוזן אָפּגעבן א פאַרבאָרגענעם אָבער אויטענטישן כבוד. גאָר־נישט רופט נישט אַרויס אזא כבוד און ליבע ווי מאַכט. ס'איז ליבע מחמת יראה, די גרעסטע און העכסטע ליבע — אַזוי ווי די ליבע צו גאָט.

— יאָ, יערעמענקאָ. מיט דיין דערציילן האָסטו געראַטעוועט א פּאַרטיזאַנען קאָמענדאַנט. געשען איז עס אַזוי: דער קאָמענדאַנט האָט באַקומען דעם באַפעל צו באַפרייען די מענטשן פון קאָנוואָי וואָס בלאָנדזשעט אין דער געגנט. עטלעכע טעג זענען די אויסשפּירער נאָכגעגאַנגען אייער קאָנוואָי, פּינקטלעך דערציילט וויאַזוי סע זעט אויס אייער לאַגע, די אויפפירונג פון אָפיצירן און אונטעראָ־פיצירן; זיי האָבן אפילו אָנגעצייכנט וועלכע מע וועט אָפּמשפּטן און ליקווידירן פאַר זייער קרימינעלן באַגיין מיט די מכלומרשטע סאָלדאַטן וואָס זענען נישט עפּעס אַנדערש ווי שקלאַפן אין אוניפאָרמעס. לויט דעם וואָס די פּאַטרולן האָבן ראַפּאָרטירט האָט אזא אָנגריף מיט זיך פאָרגעשטעלט אַן אומדערוואַרטן איבער־פאַל וואָס זאָל אין עטלעכע מינוט דערלעדיקן די גאַנצע געשיכטע. די פּאַר־טיילן זענען באַשטאַנען פון פאַרגרעסערן דעם באַשטאַנד מיט א צאָל מענטשן וועלכע וועלן זיכער וועלן קעמפן קעגן זייערע בלוט־שונאים, וועלן זיך שלאָגן ווי לייבן. נאָך דעם וואָס זיי האָבן זיך אָנגעליטן קאָן עס אַנדערש נישט זיין; באַקומען אביסל געווער, א פּאָר אווטאָמאַטן און ביקסן, נעמען אין פלען די וואַך מיט די אָפיצירן, צעשטערן א לאָקאָמאָטיוו און עטלעכע וואַגאָנען וועלכע וועלן מער דעם שונא נישט נוצן. דעם פּאַטריזאַנען קאָמענדאַנט איז די אויפגא־

בע געפעלן אויך מחמת דער לייכטקייט זי אדורכצופירן. די צוואנגס־ארבעטער זענען זיינע פארבינדעטע און די געגנט אזא וואס איז גינציק פאר א פלוצעמדיקן איבערפאל. דאכט זיך אלץ אין בעסטער אָרדענונג. זיין גענויקייט און מוט אין קאמף זענען געווען באקאנט אזוי אז דער נצחון איז געווען א זיכערער און אָן פארלוסטן. און דאָ פלוצעם אזא מעשה... ווען ער האָט ראפּאָרטירט וועגן דורכפאל האָט קיינער נישט געקאָנט גלייבן אז אזוי איז עס געשען. אויפן אָרט פון א מעדאל — און א מעדאל האָט ער דערוואַרט — האָט מען אים אָפּגעזעצט. נישט נאָר אָפּגענומען די קאָמאנדע נאָר געשיקט אָפּגעבן חשבון פאר פּחדנות, פאר אנטלויפן פארן שונא און דערצו פאר אָפּשיקן א פאלשן ראַפּאָרט. וויפל ער האָט נישט געטענהט האָט אים גאָרנישט געהאָלפן. און דאָ יאָוועט זיך איינער וואָס דערציילט איבער די גאנצע געשיכטע מיט אלע פּישטשעווקעס און פאָרגעקומען איז עס אין דער זעלבער געגנט און אין דעם זעלבן טאָג... פארשטייסט דאווידאָוו (ער האָט דאָס מאָל נישט געזאָגט יאָסעלע ווי ער פלעגט אים צו מאָל רופן און דערמיט אים קיין פארגעניגן נישט פארשאפט, כאָטש ער אין זיין פּשטות האָט געמיינט אז יאָ) וואָס פארא גרויסע זאך דו האָסט אויפגעטאָן? האָסט געראטעוועט א מענטשן, און וואָס פארא מענטש! נאָר צי איז דען א חילוק וואָס פארא מענטש מע ראטעוועט, אצינד ווען יעדן טאָג, יעדע מינוט ווערן געהרגעט, קומען אום טויזנטער מענטשן. אצינד איז רעטאווען א מענטשן גלייך מיט ראטעווען א גאנצע וועלט...

„נישט געלערנט גמרא, איז איינגעפאלן יאָסלען, און רעדט וועגן ראטעווען א מענטשלעכע נשמה ווי א תנאי, כמעט ווי א הייליקער". און ס'איז אים אויסגעקומען אז ער הערט א פארעלטערטע, עבר־זמניקע געשיכטע, אז די התלהבות איז פּוסט, לעבעדיק אָן שום ווערט. אויב סע פאלן טויזנטער, וואָס איז זיך אזוי צום דבקען מיט ראטעווען איינעם.

— און דאָס צווייטע... גיב נאָר א קוק! ער האָט ארויסגענומען פון קעשענע און אוועקגעלייגט אויף דער דלאָניע — גלייך ער וואָלט אים געוויזן א יקר־המציאות, א זעלטן צירונג — אַן אלטן זייגער. די אויגן האָבן געשווימען אין א לייכטער פייכטקייט. זעסט אָט דעם זייגער, ס'איז א מתנה, די שענסטע מתנה וואָס כ'האָב אמאָל באקומען.

— א מתנה פון אייער... פאָטער...

יאָסל האָט נישט געענדיקט דאָס וואָרט „פאָטער" וואָס ער איז גרייט געווען צו זאָגן, אָדער האָט עס צו שטיל ארויסגערעדט און עס איז פארטויבט געוואָרן פון אינסטרוקטאָרס געלעכטער.

— פון מיין וואָס? פון מיין פאָטער? מיין טאַטע האָט אויף זיין לעבן קיין זייגער נישט געהאַט. צוליב וואָס האָט ער אים גענדארפט? ער האָט געהאַט די זון און די שטערן, א פערטל שעה האָט קיין ווערט געהאַט, צום ראַפּאָרט האָט ער זיך נישט גענדארפט מעלדן. ניין, דאָס איז א פיל, פיל ווערטפולערע מתנה. שטעל דיר פאָר ... אין די באַדינגונגען אין וועלכע זיי לעבן איז א זייגער גלייך מיט גאָלד. צוויי און נאָך מער ראַציעס ברויט קאָן מען באַקומען דערפאַר ... האָט זיך געפונען א גרופּע געפאַנגענע וואָס זאָל מיר אונטערטראָגן אַזאַ מתנה! דאָס הייסט זיי שעצן מיך אַלס מענטש ... און פילן אז איך שאַץ זיי אַלס מענטשן. פאַרשטייסט וואָס פאַרא ווערט דאָס האָט פאַר מיר ... דער אינסטרוקטאָר האָט לאַנג געשוויגן. די פייכטקייט פון זיינע אויגן איז נישט פאַרשוואונדן. קאָנסט דיר פאָרשטעלן, האָט ער ווייטער גערעדט, די לאַגע. איך אַלס אינסטרוקטאָר טאָר נישט אָננעמען מתנות פון די געפאַנגענע. ס'איז שטרענג פאַרבאָטן. ס'איז א גרויסע ריזיקע. ריזיקירן צוליב א זייגערל צי אפילו צוליב כ'ווייס נישט וואָס וואָלט איך קיינמאָל נישט. אויב ס'איז א פּרינציפּ וועל איך נישט זיין דער וואָס זאָל אים טרעטן, איבערהויפּט אז כ'בין מיט אים אינגאַנצן איינשטימיק ... און כ'בין איינשטימיק אויף אַלע הונדערט פּראָצענט. מע טאָר עס נישט צולאָזן ווייל ס'איז א געפאַר. מענטשן וואָס גיבן מתנות וואַרטן געוויינטלעך מע זאָל זיי מיט עפּעס אָפּצאָלן, זאָל געווען קומען איינער, וואָלט איך דאָס נישט געווען גענומען. כ'וואָלט אים געווען אויפגעקלערט ווי שעדלעך דאָס קאָן ווערן, און ער וואָלט פאַרשטאַנען. האָט זיך אָבער געמאָלדן א גאַנצע גרופּע. דאָס הייסט אז זיי האָבן אויסגעוויגן אַלע מיגלעכקייטן און באַשטימט אז אַזוי וועל איך מוזן נישט אָפּזאָגן, אַזוי איז יעדער חשד אויסגעשלאָסן, אָבער נישט דאָס האָט מיך באַוויגן אָנצונעמען זייער מתנה, מער פון אַלעמען זייער אויסזע... זיי זענען געווען גליקלעך, זייערע פּנימער האָבן געהאַט א באַזונדערע שיין, א באַזונדער ליכט. דו מוזט עס וויסן: דעם מענטשנס פּנים קאָן שיינען ווי א זון און דאָ זענען געווען אַזויפיל זונען ... כ'האָב זיי נישט געקאָנט פאַרכמאַרן, סע וואָלט געווען אויסגעזען ווי א שפּיי אין פּנים. דאָס וואָלט געווען זיין א שפּיי אויף מיין אייגענער נשמה ... מיין גרעסטע שוואַכקייט איז וואָס איך האָב זייער ליב מענטשן ...

ביי יאָסלען האָט זיך אַרויסגעכאַפּט א געלעכטערל, אַן אומבאַשטימטס אַזאַ וואָס איז אַביסעלע חוזק, עטוואָס גרינגשעצונג און איינצייטיק א מין באַ-יאָונג, א סאָרט פאַרשטענדעניש. דעם אינסטרוקטאָר האָט עס נישט געפעלן אָבער צופיל אַכט האָט ער דערויף נישט געלייגט. ער האָט שטענדיק אַרויסגע-הערט פון מענטשן דאָס גוטע. אַזאַ טבע ביי אים און מיט איר וועט ער גיין אין קבר.

אין די לעצטע יאָרן זיינע וועט די טבע האָבן אין זיך עפּעס עובר-בטלדיקס אָבער אלע פריינד זיינע און באקאנטע וועלן אים שענקען פאר אָט דער טבע זיינער ליבשאפט און רעספּעקט — א ליבשאפט און רעספּעקט וואָס שוועבט צווישן ערנסט און איראָניע. דאָס נאָך מער ווייל דעמלט ווען ער וועט באשטי-מען אוועקצוגיין אין אנדערע וועלטן וועט אזא טבע באמת אויסזען פארעל-טערט, דעסוועט, און וועט זיך לגמרי נישט איינפּאסן אין די באציאונגען צווישן מענטשן. סתם ליב האָבן א מענטשן וועט מען מער נישט, אזא לוקסוס וועט מען זיך נישט קאָנען דערלויבן. ליב האָבן וועט מען מענטשנס ווערט — א ווערט וואָס קאָן אויסגעביטן ווערן. אויפן מארק פון פּראָטעקציע, אונטער און צושפּארעכצן, צוליגן א גוט וואָרט דאָרט וו דער אמת טויג נישט. א ברייטער מארק אין וועלכן אלע אנדערע ווערטן וועלן אָפּבליאקעווען. אָבער דאָס וועט זיין שפּעטער, ווען ראָמאנטיק וועט שמעקן מיט אן אלטן דיאָר וואָס וועקט נישט חוצפּהדיקע מענעריקשייט אָדער פארשייטע פּרוילעבקייט, נייערט אן אלטע קוים-קוים אָטעמנדיקע נאָסטאלגיע. ער האָט זיך אָפּגעזעגנט פון יאָסלען.

— נו, אצינד גיי. ביי מיר ווי דו זעסט איז היינט יום-טוב. האָסט מיך גע-טראָפן אין א געהויבענער שטימונג, און אפשר א פּוסט-בארעדעוודיקע.

גערופן האָט מען יאָסלען צו יערעמענקאָן אין א פארנאכט. אין „ספּעץ אָפּטיל" ארבעט מען שפּעט. דאָס האָט יאָסל געוווסט. פלעגט געשען ביינאכט ער זאָל מוזן לויפן צום בית-הכסא, האָט ער שטענדיק געזען דאָרט ברענען א לעמפּל און געהאט דאָס געפיל אז דאָרט וואכט מען. דאָס האָט געווירקט אויף אים בארויקנדיק — א רו אין וועלכער ס'האָט זיך געקאָרטשעט א ווערעמל האָפענונג, פון דאָרט קאָן קומען א ישועה.

דער פארנאכט איז געווען א לויטערער, דער בין השמשות א בונט געפארב-טער. ביים האָריזאָנט האָט געגוססט דער טאָג, די זון איז אונטערגעגאנגען... דאָ אין דער ווייטער געגנט האָט מען דאָס געפיל אז די זון ווערט איינגעשלינגען פון חשכות, אז זי גייט אוועק בעל-כרחו, אָן שום פארגעניגן. שווער זיך אראָפּ-צולאָזן אין דער פאַרהארטעוועטער ערד. ניין, דאָ פילט זיך נישט דער הויך פון ים אין וועלכן די זון גייט זיך אויסבאָדן. דאָרט זעט עס אויס אז זי געזעגנט זיך גוטמוטיק, פינקלט שעלמיש מיטן אייגל, שעפּטשעט — אויף מאָרגן. יאָסל שטאַמט נישט פון א קאנט וואָס גרענעצט מיטן ים, די געגנט איז אָבער נישט אזוי ווייט אז מע זאָל זיך אים נישט פאָרשטעלן, ער געדייעט אין די הייכן ערגעץ איז ער דאָ. אפילו אויב סע דאכט זיך אז זי באהאלט זיך — די זון, — הינטער א בערגל, ווייסט מען, פילט מען מיט אלע אברים אז אייגנטלעך

גייט זי זיך אָפּפּרישן אין אומענדלעכן ים... דאָ איז עס אַנדערש, דאָ איז דער סטעפּ א גרוי־שוואַרצע יבשה, א האַרטע נאָר פון אַקער־אייזנס אויפגעריסענע און אויך דעמלט א בלוטיקע — פאַרגליווערט שוואַרץ בלוט.

יאָסל איז נישט געגאַנגען ווי פאַריקעס מאָל. נישטאָ וואָס מורא צו האָבן. „ווייזט אוים דער שמועס האָט אים יעגץ מאָל געפעלן, רופט ער נאָך א מאָל". אין צימער זענען ווידער געווען ביידע. דער איבערזעצער האָט אים נישט געשטערט. א גוטער איבערזעצער פאַרשטייט זיך אויף ניואַנסן, אַזעלכן לוינט רופן צו הילף.

— נו, חומשניק, ווי לעבט זיך?

— גוט.

— גוט, זאָגסטו? זינט ווען לעבן עס מענטשן גוט אין לאַגער? צו גוט לוינט נישט, זיי וועלן נישט וועלן אהיים, האָט געלאַכט יערעמענקאָ.

— אהיים וויל מען שטענדיק.

יערעמענקאָ האָט א קוק געטאָן זייטיק — דער טאָן האָט אים אויסגעזען צו אונטערטעניק און ער האָט דאָס נישט ליב געהאַט. מיט אַזא אונטערטעני־קייט דערגייט מען נישט וויט און דערצו איז עס געפערלעך.

— ווי גייט די אַרבעט? קומסט אוים מיט דעם אינסטרוקטאָר? אויך ער איז א ייד.

— יאָ, א ייד. אַן אמתר רעוואָלוציאָנער... ער האָט זייער ליב מענטשן.

— וואָס הייסט ליב מענטשן? ליב האָט מען א מיידל, און יערעמענקאָ האָט ווידער געלאַכט.

— ניין, ביי אים איז עס עפּעס אַנדערש. טאַקע די טעג האָב איך געקאָנט זען וואָס עס הייסן פאַר אים מענטשן.

— ווי אַזוי?

— א גרופּע געפאַנגענע האָט אים אונטערגעטראָגן א געשענק, א שברי־כלי, אָבער ווי דאָס האָט אים געקאָנט רירן... ביז אין די טיפעניִשן פון דער נשמה...

— וואָס פאַר א מתנה האָבן זיי אים געגעבן?

— זיי האָבן ערגעץ אויסגעשקראָבעט אַן אַלטן זייגער, האָט זיך יאָסל דער־לויבט צו ווערטלען.

— אַן אַלטן זייגער גאָר! נו איך... האָט ער א וואָרטשע געטאָן און געטראַכט האָט ער אַן אַלטער נאַר, נעמט עפּעס אַן „אַלטן ראָסקאָפּ" און לויבט זיך דערמיט, פויקט אוים...

יאָסל האָט זיך געכאַפּט אַז ער האָט דאָס נישט געדאַרפט זאָגן און זיך גע־פרעגט פאַרוואָס ער האָט דאָס געטאָן. דער אינסטרוקטאָר האָט אים דאָך געוואָרנט

אז ס׳איז פאַרבאָטן. פאַרוואָס האָט ער אויסגעפּלוידערט? צי האָט זיך נישט פאַרגנבעט אַזאַ געדאַנק נאָך אויפן וועג אַהער? עפּעס זאָל אים געווען אונטערזאָגן: אַ געלעגנהייט זיך צו באַווייזן. ניין! נישט באַווייזן זיך האָט ער געוואָלט. זיין געדאַנק איז געווען תּופס צו זיין כאָטש אַ טיילעכל פון סוד וואָס הייסט מאַכט און דאָס האָט אַ שטומע געטאָן. ער וואָס איז אַזוי וויט פון איר קאָן זי אויסאיבן מיט נישט מער ווי אַ פּלוידער טאָן. זייענדיק פאָרמעל קלענער, קאָן ער אין דערווירקלעכקייט זיין גרעסער ... ער האָט געוואָלט עפּעס צוגעבן, פאַרגלעטן, צווינגען מיט עפּעס יערעמענקאָן פאַרגעסן דעם שמועס, איז אָבער גאָרנישט געקומען אויפן געדאַנק.

— זאָג נאָר דאַווידאָוו, האָט ער געהערט יערעמענקאָן און איינציייטיק זיין ווידערקול, דעם איבערזעצער, איז דיר באַקאַנט אַ פּלעניק דאַמיאַן?

דאַמיאַן איז אַ שיינער בחור וועלכן ס׳איז געלונגען אויפהאַלטן זיין אויסערלעכקייט מיט אַן אינערלעכער שטענדיק גוטער שטימונג. שטענדיק פּלעגט ער זינגען, רעציטירן פאָלקס־שאַפונגען וואָס זענען געווען דעם עולם צום האַרצן און אַלע האָבן אים ליב געהאַט, פּלעגן וואַרטן דאַמיאַן זאָל זיך באַווייזן אין באַראַק, אַריינברענגען אַביסעלע היים. זיין דעוויז איז: פּטור געוואָרן פון די טראַנשייען הייסט עס אַז ס׳איז דאָ אַ שאַנס צו בלייבן לעבן. דאַרף מען זיך דערמיט פרייען. זאָלן זיך זאָרגן יענע וואָס האָבן געפירט אין די טראַנשייען; און ער האָט זיך געפרייט אויף זיין אופן, אַן אופן וואָס האָט מיטגעשלעפּט די איבעריקע. ווי נאָר איינער קלאָגט, וואַקסט אויס דאַמיאַן: שווייגן! דעם שונאס אויער איז אומעטום! דאָס איז געווען די אויפשריפט אויף אַן אין אַלע וואָקזאַלן און עפנטלעכע ערטער אויסגעהאַנגענעם פּלאַקאַט אין קריגס־רומעניע. אָדער: זאָרג נישט, האַלט אויס די שווערע מינוט, סע וועט זיין יום־טוב אויך אויף אונזער גאַס! צי גאָר: זיי צופרידן וואָס דיין מאַמע וועט נאָך דיר נישט וויינען. סיידן ... סיידן לאָזסט זיך פאַלן אין דער בלאָטע און וועסט פאַרפרוירן. אפשר איז בילכער פאַרפרוירן ווערן? וועסט זיך בעסער קאָנסערווירן, וועט מען דיך אָפּשיקן אַהיים אַ ראָזעווען ...

— ווער קען נישט דאַמיאַנען? אַ לעבעדיקער בחור. פּוסטלעך און פריילעך.

— וואָס טרייבט ער אין באַראַק?

— ניין, הער ...

— דאָ זאָגט מען חבר, דאַרף מען נישט דעם נאָמען, האָט יערעמענקאָ געשמייכלט.

— דאַמיאַן זעט אויס צו זיין פּשוט אַ פריילעכער בחור.

— זעט אויס? ביסט נישט זיכער?

— זיכער קאָן מען זיין העכסטנס מיט זיך, האָט יאָסל געפּרוווט געפעלן יערעמענקאָן און ס'איז אים געלונגען.

— המ ... המ ... יערעמענקאָ האָט אויף אים אָנגעשטעלט א דורכדרינגלעכן אייז—קאַלטן בליק און יאָסל האָט געענטפערט מיט א פאַרוואונדערט נאַיוון. „אזוי ווייזט אוים דאַרף אויסזען די באַציונג צווישן די מיטארבעטער פון „ספּעץ-אָפּטייל", איז אים איינגעפאַלן און ס'איז אים געפעלן. „און וואָס העכער, אלץ אייז-קעלטער דאַרף זיין דער בליק".

— אויך די אינסטרוקטאָרשע בעלאַ קענסטו?

— די חברטע בעלאַ קענען אלע, האָט געענטפערט יאָסל און זיין פאַרוואונדערונג איז געוואָרן אַן אויפריכטיקע. וואָס האָט מען צו פרעגן אים, א געפאַנגענעם, וועגן דער אינסטרוקטאָרשע בעלאַ? און ער האָט זיך דערמאָנט אז ווען זי באַגעגנט דאַמיאַנען רויטלט זי זיך. נישט איין מאָל איז אים איינגעפאַלן אז ער געפעלט איר און האָט דאָס באַטראַכט אלס א נאָרמאַלע זאַך — א שיינער און לעבעדיקער בחור האָט שטענדיק געפעלן א מיידל. אָבער פאַרוואָס פרעגט יערעמענקאָ וועגן בעלאַן ווען גערעדט האָט מען פון דאַמיאַנען. „זאָל אויך דאָס זיין פאַרבאָטן"? האָט ער זיך געפרעגט. און ווידער האָבן זיך באַוויזן צוויי פאַרשיידענע וועלטן: איינע אין וועלכער דער אינסטרוקטאָרשע בעלאַ דאַרף נישט און טאָר נישט געפעלן דער בחור דאַמיאַן און א צווייטע אין וועלכער וועגן דאַמיאַנען ווערט גערעדט ווי וועגן בעלאַס גלייכן, מענטשן וועלכע סע קאָן גאָרנישט אָפּטיילן ווייל „אונדזער פּרינציפּ איז — אלע גלייך".

— יאָ, יאָ! אמת, אלע קענען זי. אן אקטיווע און האַרציקע, האָט געזאָגט יערעמענקאָ מיט דעם זעלבן אייז-קאַלטן בליק וואָס האָט גאָרנישט געהאַט צו טאָן מיט די ווערטער וואָס זענען אַרויסגעקומען פון זיין מויל. צוויי אומאָפּהענגיקע טועכצן: מיטן מויל רעדן און מיט די אויגן אינסינואירן, אונטערזאָגן, סוגערירן, איינרוימען, כישפן און פאַרכישופן, איבערצייגן אז די אויפגאַבע וועגן וועלכער מע רעדט נישט איז אן אויסערגעוויינטלעך ערנסטע, אפשר די ערנסטסטע און וויכטיקסטע פון אלע, אז פון איר הענגט אָפּ דער גורל פון א וועלט. אז מע באַקומט אזא אויפגאַבע דאַרף מען זיין שטאָלץ און איינצייטיק פילן די גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט וואָס ליגט אויף די פּלייצעס און דריקט ביז צום צעקוועטשן אזוי ווי א מיט אייזן באַרייפט ראָד צעקוועטשט א זשאַבע.

יאָסל האָט דאָס אלעס געפילט. ס'האָט אים נישט געשראָקן. פאַרקערט. דאָס שפּיל האָט אים געלאָקט. און ער האָט געפונען חן אין יערעמענקאָס אויגן.

ער איז געוואָרן אַן אָפּטער אַריינגייער אין צימערל וואָס האָט געטראָגן דאָס שילדל „ספּעץ-אָפּטייל". זיין צוזאַמענאַרבעט מיטן אינסטרוקטאָר האָט נישט

אויפגעהערט. זי האָט אים געפירט אין די באראקן אויסהענגען פּלאקאטן מיט פילפארביקע בילדער וואָס האָבן געדארפט געפעלן די געפאנגענע און זיי מאכן דאָס לעבן לייכטער.

דעם זייגער האָט ער מער נישט געזען אָבער אויך נישט געפרעגט.

ביים געזעגענען זיך האָט אים יערעמענקאָ צוגעגרייט א סורפּריז. אויפן פון פשוטן האָלץ אויסגעארבעטן שרייב-טיש איז געלעגן דער זייגער ווי א סימ-באָל פון זיין ערשטן שפאן צו דער פארפירערישער און אָפּנארערישער מאכט, פון באטרעטן דעם וועג וואָס קאָן צו מאָל פירן צו שפּעטער תשובה...

# 10. דאָס לעצטע מאָל...

מיטן פּנים צו דער היים איז ער געקומען מיט א קויל אין דער רעכטער לונג מיט עפּאָלעטן פון וועלכע ס'האָבן אַראָפּגעקוקט דריי שטערנדלעך, דאָס וואָס האָט באטייט א פולער לייטנאנט און מיטן נאָמען יאָסיף דאווידאָוו. נאָך א מלחמה אין וועלכער סע זענען אָנגעציילט געוואָרן צענדליקער מיליאָנען טויטע האָט קיין זין זיך אָפּצושטעלן אויף א קויל אין א לונג, אפילו ווען ס'איז די רעכטע. וואָס שייך די שטערנדלעך, מוז מען אָפּגעבן יערעמענקאָן זיינס. דער וועג צו אָנשטערנדיקע עפּאָלעטן פירט איבער באַשטערנטע. די קויל האָט מען נישט געזען, נישט מער ווי א שטראָמערער גאנג אזיווי סע געשעט נאָך א לונגען אָפּעראַציע. געזען האָט מען די דריי שטערנדלעך וואָס ער האָט געטראָגן עטוואָס טראָציק. לכבוד דער היים, צי פּשוט ווייל ס'איז געווען אין זיין טבע, האָט די אוניפארם אויף אים געזונגען. דער לעדערנער מאנטל-שינעל מיט א מאטן גלאַנץ, די עפּאָלעטן געוועבטע מיט א זילבערנעם פאָדעם און די שטיוול אין זיי זיך צו שפּיגלען, אזיווי סע פאָדערן די רעגימענטס טאמבורן — טאמבור איז דער טשין פון אונטעראָפיציר וואָס גיט זיך אָפּ מיט לערנען די סאָלדאטן שטיין, גיין און קלאַפּן, ווען ס'איז דער פאל, מיט די אָפּצאַסן. ער איז געווען זיכער אז אין דער היים וואַרט מען אויף אים און מע וועט אים אויפנעמען מיטן כבוד וואָס קומט דער אוניפאָרם. מע רעדט פון אומגליקן, פון א שרעקלעך צערעכענען זיך מיט דער יידישער באפעלקערונג, נאָר אזוי איז אין צייט פון מלחמה — מענטשן טרייבן איבער. אָט וועט ער אָנקלאַפּן אין דער טיר און שמואל דוד — אז די זייניקע האָט עס נישט באַרירט קאָן קיין ספק נישט זיין — אביסעלע א געעלטערטער, אביסעלע אָפּגעמאָגערט, וועט עפענען די טיר, צוערשט נישט דערקענען, ווייל א מונדיר וואַרפט אָן א שרעק, אָבער דאָס וועט דויערן נישט

מער ווי א טייל פון א רגע, און דערקענענדיק וועט זיך באווייזן דער באקאנטער קלוגער שמייכל. האלדזן און קושן וועט ער נישט וואגן — אלץ צוליב דער אוניפארם — וועט זיין פון וואס צו לאכן. אלע וועלן זיך זאמלען ארום דעם גאסט. מיט אזעלכע געדאנקען האט ער זיך געלאזט פון וואקזאלעכל אהיים, גלייך צו זייער אלטער שטוב, נישט באמערקנדיק די גאס, זיך נישט כאפנדיק אז זי איז פוסט, אז אלע טירן און פענצטער זענען פארהאקט...

א גאנצן טאג. אדער גאר דריי טעג האט ער געבלאנדזשעט איבער דער לאנגער גאס, פארקרעוועט אין דער קרומער, פון דארט אויף דער שמאלער, געגאנגען מיט דער אלטער, זיך אומגעקערט אויף דער שטרויענער, געזוכט א צייכן, געוואלט הערן געשרייען, גוואלדן, געוויין, אויב קיינער איז נישטא האבן דאך געמוזט בלייבן ערגעץ די קולות, זיי מוזן שוועבן ערגעץ דא אין דער גאענט. דאס ווידערקול פון געשעענעם האט זיך נישט געקאנט אינגאנצן אויסלעשן. דער מוטער רחלס קול הערט זיך נאך דריי טויזנט יאר און דא זאל זיך אלעס גע־ווען אויסלעשן אין איין טאג? ער וואלט געקאנט שווערן אז ווען ער איז אראפ פון וואגאן און א ווארף געטאן דעם בליק אהער, צו דער לאנגער גאס, האט ער געזען מענטשן. אויף וויפל זענען די געבליבענע שולדיק אז זיי זאלן זיך אזוי אויסבאהאלטן? אדער אויף וויפל זענען זיי דערשראקן אז זיי זאלן אזוי מורא האבן זיך צו באווייזן, זיי זאלן אזוי פארקריכן אין די קעלערס ביים זען אן אוני־פארם, א נייע אוניפארם? ער האט א פאר מאל אנגעקלאפט אין דער טיר פון זיינע עלטערנס וווינונג, פון זיין אייגענער, האט געענטפערט נישט מער ווי אן אפקלאנג פון הוילער פוסטקייט. אויפרייסן די טירן האט ער נישט געוואגט. אויב אזא טויטקייט אפשר האט דער שונא ווער ווייסט וואס אפגעטאן ביים צו־ריקציען זיך, ביים עוואקואירן די באפעלקערונג, אפשר האט ער איבערגעלאזט פארמאסקירטע מינעם און ביז איצט איז קיין צייט נישט געווען זיי אפצורייניקן. אין אזא פאל וואלטן ערגעץ געווען שילדלעך וואס זאלןווארענען. ניין, ס'איז נישט צו פארשטיין. אים האט זיך געדאכט אז אויב סע הערן זיך נישט די קולות פון יענע וואס מ'האט אפגעפירט ,הערט זיך דאך א ווידערקול פון אן אין אימה פארזינקענעם שווייגן. איבעראל ארום שווייגט מען. די שטיבער זענען פול מיט מענטשן און קיינער וואגט זיך נישט אויף דער גאס. די הייזער זענען נישט פוסט, זיי שטייען נישט ליידיקע זינט ער איז אוועק. אין זיי זיצן דערשראקענע אלע איינוווינער פון ארט, די מורא איז שטארקער פון הונגער און דארשט. ער האט באשטימט עמעצן ארויסשלעפן מיט געוואלד פון א וווינונג, איבערהויפט פון

טאטנס שטוב. פון דאָרט פירט דער פאָדעם צו אַלע איבעריקע, צו זיינע שוועס־טער, צו שפּרינצען...

ביי דעם געדאנק האָט אים אַ שרעקלעכער קלעם געטאָן דאָס האַרץ, אים האָט זיך געדאכט אַז ער באַקוקט די אַפּאָפּלעקסיע. ער האָט טיף איינגעאָטעמט, און צו זיך אַליין „האַלט זיך אין די הענט, יאָלד!" דאָס האָט אים נישט איין מאָל געהאָלפן אין שליחותן, נישט איין מאָל האָט דאָס לעבן אָפּגעהאַנגען פון אַ בליץ־שנעלער באַוועגונג, נישט איין מאָל איז אים אויסגעקומען צו שפּילן דעם ראָל פון אַן אַנדערן און יעדעס מאָל ווען ס'האָט געהאַלטן שמאָל און ס'האָט זיך געדאכט פאַרפאַלן, האָט דער אָטעם און דער זאָג געהאָלפן.

ער איז צוגעגאַנגען צו דער טיר, צוערשט לייכט אָנגעקלאַפּט ווי איינער וועמען מ'האָט טאַקע דאָ געעפנט נעכטן און אייערנעכטן. אַ שווערע שטילקייט האָט געענטפערט אויף זיין קלאַפּ, אַזאַ שווערע אַז מ'האָט געהערט איר אָטעם. דעמלט האָט ער צוגעגרייט דעם רעוואָלווער און נישט מער געקלאַפּט מיטן קולאַק נאָר מיטן שטיוול אַזוי גלייך ער וואָלט גרייט זיין איינברעכן די טיר. סוף כל סוף האָט זיך דערהערט אַ כריפּלע שטימע: ווער איז דאָרט?

— עפן וועסטו זען!

די טיר האָט זיך לאַנגזאַם געעפנט. אַרויסגעקוקט האָט אַן אַלטיטשקע. דאָס האָט מען זי אויסגעקליבן זי זאָל עפענען ווייל אַן אַלטע — אפשר וועט דער פיינט נישט וואַגן שטראָפן אַזאַ אַלטן מענטשן.

— וועמען זוכסטו? האָט זי געפרעגט מיט דער זעלבער כריפּלער כמעט אָפּוועזנדער שטימע.

— די איינוווינער זוך איך, די פריערדיקע. יאָסל האָט זיך נישט דערוועגט דערמאַנען אַ נאָמען, ס'האָט אים געשראָקן דער ענטפער.

— קיינער נישטאָ... נאָר ביי משה־לייזערן...

— ביי משה־לייזערן, האָט ער איבערגעפרעגט, נישט פאַרשטייענדיק וואָס דאָ געשעט.

— יאָ, ביי משה־לייזערן. דאָ איז קיינער חוץ מיר נישטאָ... נאָר ביי משה לייזערן...

ער האָט זיך דערמאַנט אַז בשעתן בלאָנדזשען איבער די גאַסן האָט זיך אים געדאכט, האָט ער געפילט אַז יעדעס מאָל ווען ער איז פאַרבייגעגאַנגען משה־לייזערס שטוב האָט עמעצער נאָכגעשפּירט זיינע טריט. משה־לייזער איז געווען אַ בן־בית ביי שמואל־דודן. ער איז שטענדיק אויפגענומען געוואָרן ווי אַן איינענער. אַ מענטש צו גאָט און צו לייט, אַן אַריינגקוקער אין אַ ספר. די שעה וואָס מ'האָט מיט אים פאַרבראַכט איז שטענדיק געווען אַן אָנגענעמע, זי האָט

באַרייכערט. דער שמועס איז געווען אַן אויסערלעכער, אַ רויקער, אַרומגענומען וועלטן און וועלטעלעך מיט פּשוטע ווערטער, מיט פּשוטן פאַרשטאַנד, אָן פּרעטענציעס, אָן זוכענישן נאָך צייכנס און סמנים. זייער זעלטן האָט מען באַרירט די דערנערדיקע פּרנסה פראַגעס. פון שמועס קומט נישט פּרנסה, וואָסזשע טויג רעדן, וואָס טויג זיך ערגערן, בעסער שמועסן וועגן גאַנצן — פאַרזאָרגן די וועלט איז לייכטער. טראַכטן צו פּרנסה, טראַכט מען געגנוג אין דער היים ווען מע זעט דעם אָרעמען צונויפשטעל.

יאָסיף האָט קוים באַרירט די טיר פון משה-לייזערס הויז און זי האָט זיך געעפנט. פון דער טונקל האָבן זיך אויסגעשיילט צוויי קויל-שוואַרצע אויגן מיט גרויסע ווייסלעכער, צו קורצע גרויליכע און דאָך יונגע האָר. אַ בלייך פּנים מיט גרויסע שוואַרצע רינגען. ער האָט געקוקט אויף דעם געשטאַלט און געטראַכט אַז ס'איז אַ טעות — דאָ געפינען זיך טיפּוס קראַנקע. ער האָט געוואָלט צוריקטרעטן האָט זיך אויפן פּנים באַוויזן אַ סאָרט שמייכל און ער האָט געזען אַז ס'איז אַ מיידלישער וואָס סאַמעוועט מיט משה-לייזערס בעת צרה.

— קום אַריין, ,זי האָט געעפנט די טיר ברייטער.

— משה-לייזערס?

— די קלענסטע, אסתר-גוטע.

יאָסל האָט אַריבערגעטרעטן די שוועל. גוטע האָט לאַנגזאַם נאָך אים פאַרמאַכט די טיר. אין צימער איז געוואָרן טונקעלער, זיך צוגעוווינענדיק צום האַלב-טונקל האָט ער באַמערקט אַז אין צימער שטייט נישט מער ווי אַ בעטל, לעבן איינעם פון די מיט ברעטער פאַרהאַקטע פענצטער אַ טיש און צוויי קיךבענקלעך.

— צונויפגעשלעפּט, האָט געזאָגט גוטע. געזאָגט כ'דערקען האָט מען אָפּגעגעבן אָן טענות.

יאָסל האָט זיך אוועקגעזעצט אויף איינעם פון די בענקלעך.

— דו ביסט יאָסעלע?

— געווען אַמאָל, האָט ער געזאָגט אָן אַ פאַרוואָס.

— אויך דו?

— פאַרוואָס נישט אויך איך?

— אפשר ...

— אפשר וואָס?

— אָן אוניפאָרם, עפּאָלעטן, אַ באַלעבאָס אין מאַרק. זי האָט גערעדט טראָציק, יאָסיפן האָט דאָס געשטערט און דענערווירט.

— זאָג וואָס ס'איז געשען! דערציייל! גוטע האָט געשוויגן, יאָסל איז ארוים פון די כלים. ער האָט אָנגעהויבן שרייען: דערציייל, וואָס שווייגסטו, דערציייל, זאָג איך דיר! גוטע האָט אויף אים געקוקט א דערשראָקענע, זי האָט נישט פאַר־שטאַנען וואָס ער וויל. „א מלחמה דורכגעמאכט, אפשר איז ער משוגע", איז איר איינגעפאַלן. זיך אָפּגעבנדיק חשבון אז ער ווייסט נישט האָט זי זיך צעוויינט אויף א קול.

— וואָס וויינסטו?! דערציייל! רעד! האָט ער געשריגן. זיך געוואָלט אויפ־הייבן פון בענקל און זיך צוריקגעהאַלטן. ער האָט באמערקט אז מע מוז זי לאָזן זיך אויסוויינען, זי זאָלן קומען צו זיך.

און גוטע האָט דערציילט. צוויי שעה האָט זי דערציילט; צוויי טעג און צוויי־נעכט האָט זי דערציילט, צי אפשר גאָר נישט מער ווי צוויי מינוט, ווייל וויפל דאַרף מען אינגאַנצן איבערצולייענען די תוכחה? זיי זענען געזעסן און געשוויגן. די נאכט איז צוגעפאַלן, יאָסל האָט נישט געקאָנט שלום מאכן מיטן געדאַנק אז אלץ וואָס זי האָט דערציילט איז באמת געשען. זיין בליק האָט געבלאָנדזשעט איבערן צימערל, צומאָל האָט ער געזוכט אירע שטריכן געוואָלט זיך איבער־צייגן אז דאָס קומט פון א באַשעפעניש מיט א מענטשלעכן אויסזע, פון א לע־בעדיקן עדות. קוקנדיק אויף איר איז אים געקומען אויפן געדאַנק משה־לייזער. ווי אזוי זאָל געוועזן אויסזען משה־לייזער אין דעם נישט פארשטענדלעכן; ער איז געוועזן אלץ אזוי רויק, דער זעלבער שטילער משה־לייזער וואָס טראָגט אלץ איבער מיט פאַרלאָזן זיך אויף דער השגחה, מיט דער איבערצייגונג אז אויב ס'איז אזוי פאַרשריבן... זיי זענען געגאַנגען צוזאַמען, משה־לייזערס מיט די מייניקע... ווען ס'איז געקומען צו די זייניקע האָט ער געפילט אז סע פעלט אים לופט... און די שכנים, האָט ער זיך געפרעגט, די שכנים וואָס האָבן זיי געזאָגט ווען מ'האָט געטריבן. אויך די פעלדער זענען געווען בשכנות זיי האָבן נישט איין מאָל געהאָלפן איינער דעם אנדערן אונטערשטופּן דאָס וועגעלע, אויספּאָלען ווילד גראָז; ניט איין מאָל האָט מען געקוקט אינאיינעם צום הימל געוואָלט וויסן צי וועט ער זיך מרחם זיין מיטן רעגן אָדער אים גאָר אָפּלייגן מיט א פּאָר טעג און יעדער האָט געבעטן זיין גאָט ער זאָל אים העלפן די ברכה זאָל פאַלן אויףביידנס פעלדער; נישט איין מאָל האָט דאָך דער שכן, טיף און זיינע איינגעווייידן געטראַכט, אז אפשר איז בעסער וואָס א משה־לייזער האָט דאָס פעלד בשכנות מיט זיינעם, ווייל זיין, משה־לייזערס גאָט איז אפשר שטאַרקער — ער קוקט קיינמאָל נישט אומבאַהאָלפן פון קרייץ.

— אויב דו ווילסט לעג זיך צו דאָ אויפן בעטל, האָט גוטע איבערגעריסן דאָס לאַנגע שווייגעניש. יאָסיף האָט א קוק געטאָן אויפן זייגער. ביז מאָרגן אינ־דערפרי איז קיין באַן נישטאָ. סע וועט אויסקומען איבערזיצן דאָ.

— ניין, האָט ער געענטפּערט האַרט, אויב דו ווילסט לייג דיך, איך וועל שוין אָפּזיצן.

— און וואָס איז געוואָרן מיט וועלוועלן?

ביי דער פראַגע, ביים טאָן מיט וועלכן זי איז אַרויסגערעדט געוואָרן, האָט יאָסיף אויפגעציטערט. „זי ווייסט?" האָט ער זיך געפרעגט. זיי זענען געווען זייער נאָענט. דעמלט האָט עס אויסגעזען אַ מעלאָדראַמע: גוטע האָט ליב וועלוועלען און וועלוועל שפּרינצען. כאָטש פון שפּרינצען האָט ער נישט געקאָנט גאָר־נישט דערוואַרטן האָט ער זי ווייטער ליב געהאַט און משה־לייזערס קלענסטער טאָכטער נישט אָפּגעגעבן קיין שום אויפמערקזאַמקייט. ווער האָט איר געקאָנט דערציילן, האָט ער זיך געפרעגט און ס'האָט אים אויסגעזען אַז עמעצער באַשולדיקט אים. ער איז געשטאַנען אין פּירעק, מיט קיין אויג נישט געפּינטלט. וועלוועל האָט געוואָלט מע זאָל זיין אינאַיינעם, ער האָט געמיינט אַז אַזוי וועט ער, דער קורצזיכטיקער, דער זיך שווער רירנדיקער האָבן באַשיצער, אין דרייען וועט מען נישט לאָזן פאַלן. ער האָט אים קיין מאָל די ווונדן נישט געוויקלט. „די שולד האָט קיינעם נישט אויסגעמיטן" און ער האָט געפילט אַז זיין בליק. זיין לאַנג שווייגן סאַמעוועץ מיט דער אַלטיטשקערס וואָס האָט געעפנט די טיר פון זיין טאַטנס ווינונג.

— דאָס זעלבע וואָס מיט אַלע.

— האָסט מורא דערמאָנען מיין נאָמען, האָט זי געזאָגט נאָך אַ לאַנגער פּויזע.

— פאַרוואָס מיינסטו?

— זעסטעך. דערוועגסט זיך נישט אים אַרויסברענגען איבער די ליפּן, דעם נאָמען מיינעם... אוים מלכה.

— וואָס פאַרא מלכה?

— אסתר. אסתר־גוטע איז דאָך מיין נאָמען. אַצינד אוים.

— ביי וועמען?

— ביי אַלע. נישט ביי מיין טאַטן ... נאָך ווייניקער ביי מיין מאַמען ... אויב דו ווילסט ביי 83.617 און נאָך מער ביי 83.618.

— פאַרגעדענקט?

— נישט שווער. מיינעם טראָג איך מיט מיר און איך בין געווען די לעצטע. זי האָט אַ רוק געטאָן דעם אַרבל און געלייענט A-83.621. זעסט מע דאַרף נישט קיין איבעריקן זכרון. אסתר־גוטע האָט זיך צוגעלייגט אויפן בעטל. אין צימערל איז די טונקלקייט געוואָרן געדיכטער. יאָסיפן האָט זיך געוואָלט גיין אָבער אויפהייבן זיך פון בענקל האָט ער נישט געקאָנט. ס'האָט זיך אים געדאַכט אַז

ער האָט דאָ צו באַצאָלן אַ חוב. אַז דאָ מוז עפּעס אויפגעקלערט ווערן, אַז פּשוט אוועקגיין וואָלט זיין ווי דאָס שטיין אין פירעק דעמלט ווען מיט וועלוולען. ער האָט זיך אַרומגעקוקט עפּעס זוכנדיק. וואָס האָט ער נישט געוווסט.

— דאָס קאַניצל איז אויפן פענצטער, האָט געזאָגט אסתר־גוטע זיך נישט רירנדיק פון פּלאַץ. יאָסיף האָט ערשט איצט באַמערקט אַז קיין לאָמפּ איז נישטאָ. ער האָט גענומען פון פענצטער אַ גלאָז מיט וואַסער אויף וועלכן ס'האָט געשווימען אַן אייל־רינגעלע. ער האָט געפונען אין קעשענע אַ שוועבעלע, אָנגעצונדן דאָס קאַניצל. אויף די ווענט האָבן זיך באַוויזן מאָדנע שאָטנס — דאָס גלאָז איז געווען שמוציק.

— אין ווינקל איז אַ פלעשל, גיס אונטער אַביסל בוימל. יאָסיף האָט געפאָלגט, שאָטנס זענען געוואָרן ווייניקער. זיי זענען לאַנג געזעסן שווייגנדיקע. צו מאָל געקוקט איינער צום צווייטן יעדער מיט זיינע געדאַנקען. געדאַכט האָט זיך אַז מ'איז ערגעץ אויף אַן אַנדער וועלט, מע שוועבט ערגעץ אין חלל, מע זוכט ערגעץ אַן אָנשפּאַר. אָן אַ פאַרוואָס, ווייל וואָס דאַרף מען אים איצט, דעם אָנשפּאַר? צוליב וועמען? פון יענער זייט ווענט האָט זיך געפילט די נאַכט — אַ שוואַרצע נאַכט. פון ווייט האָט זיך געהערט האַווקען פון הינט. די פון דאָרף האָבן אָפּגעענטפערט. גוטע איז אויפגעשפּרונגען זיך אָנגעהויבן דרייען איבערן צימערל מיט קעצענע טריט, מיט ברייט צעעפנטע אויגן און מער צישנדיק ווי רעדנדיק:

— וואָס ביסטו געקומען? ווער האָט דיך אַהער געטריבן? אַנטלויף, אַנטלויף וויפל ס'איז צייט! באַהאַלט זיך! דו הערסט נישט? זיי קומען! זיי קומען שוין ווידער! באַהאַלט דיך! זי האָט אָנגעהויבן זוכן אַ באַהעלטעניש און פּלוצעם זיך באַטראַכט. ניין! נישט ביי מיר! זיי וועלן רייסן שטיקער! וואָס זיצסטו ווי אַ גולם? לויף, לויף! וויפל ס'איז נאָך צייט. שטיקער וועלן זיי רייסן! זי האָט אים אָנגעכאַפּט ביי די לאַצן, אים געטרייסלט מיט אַלע אירע כוחות. יאָסיף האָט נישט געענטפערט אויף איר קריזע. ער האָט געוואַרט מיט געדולד זי זאָל זיך באַרואיקן. זי האָט אים אָפּגעלאָזט און זיך קוים געשלעפּט צום בעטל.

— פאַרוואָס בלייבסטו דאָ? האָט ער געפרעגט נאָך אַ צייט.

— כ'וואַרט.

— אויף וועמען וואַרטסטו?

— וואָס הייסט אויף וועמען? אויף וועלוולען. ער מוז קומען. דו ווייסט דאָך אַז ער מוז קומען. זי האָט אַ שמייכל געטאָן — אַ ביטערע גרימאַסע אַזאַ. דער בליק אַ גלאַנציקער אַ האַלב משוגענער. געדאַכט האָט זיך אַז זי וויל זאָגן: אַצינד איז נישטאָ מער קיין קאָנקורענץ, אַצינד מוז ער קומען צו מיר. פאַרוואָס

שווייגסטו, יאָסעלע? די רויקייט פון איר פראַגע האָט אים געווונדערט. אזוי האָט געקאָנט פרעגן משה-לייזער און געראָטן איז זי אין איר מאַמען. „גע-ווען א שיינע איר מאַמע. אלע זענען זיי געווען שיינע", איז אים איינגעפאַלן.

— ער איז פארפאַלן געוואָרן...

— דאָס האָב איך שוין געהערט... פארפאַלן איז נישטאָ.. אָדער מע גייט אוועק מיטן רויך, אָדער מע לאָזט איבער א שטיין...

— נישטאָ שטיינער ווען אלע וואָס גייען אין מלחמה.

— איר האָט זיך אָפּגערעדט.

— ווער מיט וועמען?

— אלע האָט איר זיך אָפּגערעדט, האָט זי געזאָגט נערוועז.

— ווער זענען אלע?

— דו ביסט נישט דער ערשטער וואָס קומט. שוין געווען אנדערע. האָבן זיי געזאָגט דאָס זעלבע.

— ווער איז געווען, האָט ער געפּרוּווט זי באַרויקן מיט א פראַגע.

— פארשיידענע. היגע. פון אנדערע ערטער... זיי זענען נישט געקומען ווי דו. אָן אוניפאָרמען, אָן עפּאָלעטן, נישט געוואַרט אויף א יום-טוב... געקומען געבליבן א שעה און אוועקגעשפּאַנט. פוסגייער קיין ארץ-ישראל, האָבן זיי גע-זאָגט. אייניקע קיין אַמעריקע, זוכן גליקן...

יאָסיפן איז איינגעפאַלן אז מע וואָלט זי געדאַרפט צורעדן פארלאָזן דאָס פּלאַץ, דאָ בלייבט דער קאַשמאַר א שטענדיקער. מע וואָלט זי געדאַרפט ארויס-רייסן פון דאַנען. וווהין זי מיטנעמען האָט ער נישט געהאַט. דערצו איז זי נישט אליין זי איז מיט וועלוולען. נעמען אויף זיך אזא משא איז געווען כמעט אומעג-לעך.

... יאָסיף דאַווידאָוו איז געווען געניג פארהאַרטעוועט צו קענען טראַכטן ניכטער אין אלע באַדינגונגען און אומשטאַנדן. אצינד איז אים נאָך קלאָרער געוואָרן אז דער וועג איז אָן אויסגעקליבענער, אז דאָס איז דער איינציקער — דער „ספּעץ-אָטדעל", דאָס איז די אָפּטיילונג וואָס פארמאָגט אלץ וואָס מע דאַרף, וואָס גיט די מיגלעכקייט צו אָטעמען ווי א מענטש, ווי איינער וואָס איז באַשטימט צו געוועלטיקן. אים האָט זיך דערמאָנט א שמועס מיט א פריץ. גע-שען איז עס אויפן פעלד. געווען די צייט פון שניט. אין יענעם יאָר האָט שמואל-דוד געפּרוּווט זיין מזל מיט תבואה און ער האָט זיך געלאָזט צו דעם פריץ — א מיטעלער — ער זאָל מיט אים שליסן אָן אָפּמאַך וועגן אָפּקויפן דאָס געוועקעניש. דער פריץ איז נישט געווען אין דער היים, איז מען געגאַנגען אויפן פעלד. דאָרט

האָבן זיי אים געפונען אין איין העמד, מיט דער קאַסע אין די הענט, פאַרשוויצט. ער האָט געשניטן די תבואה זיך פאַרמעסטנדיק מיט זיינע אַרבעטער. געווען אַ באַקאַנטער דער פּריץ. ווען ער האָט זיי דערזען האָט ער נאָך אַ פּאָר שניט געטאָן מיט דער קאָסע, זי אָנגעלייגט, געווישט דעם שווייס.

— ביסט געקומען מיטן זון, שמואל דוד? אים באַקענען מיטן פעלד? האָט ער געפרעגט באַוויינדיק אַ פול מויל געזונטע ציין.

— צעפירסט די ביינער? שמואל-דוד האָט געשמייכלט באַשיידן.

— כ'האָב ליב דעם שניט. מיט דער קאָסע פאַרשטענדלעך. ס'איז אַ מלכות-דיקע אַרבעט. קומט ,קומט, לאָמיך אייך ווייזן. זאָל זען אויך דיין זון. ער איז יונג און געזונט, אַ שיינער בחור ביי דיר, שמואל-דוד, זאָל ער זען וואָס ס'הייסט שניידן תבואה. ער האָט אַ נעם געטאָן די קאָסע זי אָנגעהויבן פירן פון רעכטס אויף לינקס. דער ווייץ האָט זיך געלייגט אין גלייכע שורות. ער האָט געאָטעמט ריטמיש. אָט, זע! מלכותדיקע אַרבעט, מיט אַ געהויבענעם קאָפּ, מע פילט זיך שטאַרק, מע פילט אַז מע קען באַלעבאַטעווען.

דאָס זעלבע געפיל קען פאַרשאַפן די „ספּעציעלע אָפּטיילונג".

קאַיאַר האָט ער פאַרלאָזט משה-לייזערס שטיבל, זיך אָפּגעזעגנט פון אסתר-גוטען מיט גלאַט אַ פּאָר ווערטער און אַוועק צום וואָקזאַל...

דאָ הייבט אָן אַ נייער וועג, אָבער צו וועספּאַסיאַן אָדער טיטוס וועט ער נישט פירן, ווייל ווי געזאָגט: דאָס צווייטע מאָל איז עס אַ פאַרס...

## דריטער טייל

#ביידע

* * *

אקדמות... איידער אונדזערע צוויי ביזאיצטיקע העלדן וועלן זיך באַגע-גענען, ווייל דאָס איז זייער גורל, איז אפשר א יושר צו דערמאַנען דאָס פאָלגנ-דיקע:

— נישט איינער פון די ביזאיצטיקע און פון די ווייטערדיקע נעמען שטאַמט נישט פון א באַשטימטער ווירקלעכקייט. אויב עמעצן וועט זיך דאַכטן אז ס'איז נוגע אים, מוז ער און דאַרף וויסן אז קיין שום מחבר קאָן נישט זיין פאַראַנט-וואָרטלעך פאַר די שפּיצלעך וואָס דאָס לעבן טוט אָפּ, דער איינציקער שולדיקער איז דאָס לעבן.

— אַלץ וואָס איז געשריבן געוואָרן ביז אַהער און אויך דאָס ווייטערדיקע איז אויפגעבויט אויפן סמך פון געפונענע פאַרצייכענונגען און פערזענלעכע אַרכיוון. די גרעסטע טייל קאָן פאַררעכנט ווערן צו געהירן פאַרצייכענונגען, דאָס הייסט אַזעלכע וואָס קאָנען נאָר איין מאָל אַראָפּגעלייענט ווערן, ווייל דאָס צוויי-טע מאָל זעען זיי נישט אויס ווי דאָס ערשטע — זיי ווערן איבערגעטראַכטע. אַזעלכע זענען די באַשעפענישן און אַזעלכע די געהירן. דערביי מוז געזאָגט ווערן אז איינער האָט דווקא יאָ געלאָזט א גרויסע צאָל פאַרצייכענונגען אויף פּאַפּירן און פאַרמעטן ווייל אים האָט זיך געדאַכט אז די מיט זיינע מעשים אַ-רויסגערופענע רעאַקציעס זענען ווערט זיי זאָלן בלייבן און העלפן דערגרונטע-ווען דעם מענטשנס נשמה. פאַראַן אַזעלכע וואָס האַלטן אז צומאָל איז ער גע-גאַנגען צו ווייט, אַזוי ווייט אז די „פּאַציענטן'' האָבן נישט אויסגעהאַלטן.

— עפּאָלעטן — מיט אָדער אָן שטערנדלעך — מוז מען נישט אָננעמען. פאַראַן פאַלן ווען מענטשן האָבן זיך פון זיי אָפּגעזאָגט אָנווייזנדיק דערויף אז שפּילן קאָן מען און אפשר מעג מען מיטן איינעם לעבן, אָבער מיט דעם

לעבן פון אנדערע, איז עס זייער אָפט — צי מע וויל יאָ, צי מע וויל נישט — א פארברעכן.

— קיינער ווערט דאָ נישט געמשפּט. כאָטש... כאָטש דער זאמלער פון די פארצייכענונגען איז איבערצייגט אז אַל תדין האָט דאָס רעכט צו זאָגן נאָר דער וואָס האָט זיך נישט אוועקגעזעצט ביים בית-דין טיש מיט אלע רעכט צו משפטן אָדער צו שלעפּן מענטשן פארן משפט. ווען אזא איינער זאָגט אַל תדין איז א סימן אז ער טאָר נישט זאָגן ידי לא שפכו...

— ספּעצאָפּטיילונגען האָבן קיינמאָל נישט עקזיסטירט. דאָס איז אן אויס-טראַכטעניש צוליב דעם שפּיל. אָן שפּיל איז נישט צו לעבן אין די שווערסטע מאָמענטן, אין די שווארצסטע תקופות האָט שפּיל געהאָלפן איבערלעבן. אפשר שטאמט פון דאָ האלב-שווארצער און שווארצער הומאָר.

— אומעטום ווו סע ווערט דערמאָנט אז דאָס ביז אהער און דאָס ווייטער געשריבענע איז אויפן יסוד פון פארצייכענונגען אויף פּאַפּיר, פּאַרמעט, צי גאָר געקריצט אויף שטיינער אָדער אויף געהירן קנייטשן, איז שווא-ושקר אָדער אין בעסטן פאַל נישט מער ווי א סטילפאָרעם. אויב סע געפינען זיך ביי עמעצן פארצייכענונגען וואָס קאָנען זיין א רמז, א ווונק, אָדער אן אָנצוהערעניש וועגן די געשעענישן וואָס ווערן דאָ איבערדערציילט איז עס נישט מער ווי א צופעליקער צונויפטרעף פאר וועלכן קיינער קאָן אויף זיך נישט נעמען די אחריות. נישט ווייל עמעצער וויל זיך אָפּטרייסלען נייערט ווייל מע קאָן נישט אויסמיידן קרייצוועגן ביי פיר מיליארד מענטשן.

— דאָס ביזאַיצטיקע און דאָס ווייטערע איז נישט מער ווי א פּרווו צו פאַר-שטיין. אויך דערפאַר איז נישט אָנגעהויבן געוואָרן מיט ביידע אויפמאָל. נאָר מיט יעדן באַזונדער.

אפשר וועט א לייענער העלפן פארשטיין.

# 1. דאָך א סאנקציע

דערמאנט זיך ארקע די ווירקונג וואָס די שטראָף האָט געהאט אויף יאָנעלן קאָן ער נישט באהערשן א ביטערן שמייכל. סע קומט אויס מאָדנע ביז גאָר ווי־אזוי ווערטן קאָנען איבערגעשאצט ווערן כמעט ביז צום פארלירן יעדן זין. ביי פארטיי־וועטעראנען איז א סאנקציע געווען ווי אָפּגעהאקט א האלבן קאָפּ, געבליבן אויפן גאנצן לעבן א נישטגאנצקייט אזא וואָס האָט גענאָגט און גע־קרענקט. ס׳האָט געטראָפן אויך מיט אים אין דער צייט ווען ער האָט זיך געפו־נען — ווי דער שטייגער פאר זיי אין יענעם פעריאָד — צוזאמען מיט יאָנעלן אין א לאגער ערגעץ אויף א ווערסאנט פון די אטלאס־בערג.

אויסטערליש ווי ער האָט קיינמאָל נישט געהאט די נייגעריקייט אויסצוגע־פונען וווּ דער ווערסאנט ליגט. אפשר איז ער גערעכט. אזא אונטערנעמונג פאָדערט צייט און געדולד, צווינגט צום אריבערבייגן זיך איבער ביכער, קארטעס, דאָקומענטן, קאָן פארנארן אין שפּינגעוועב פון געשיכטע, געאָגראפיע, פאָלק־לאָר גאָט אליין ווייסט אויף וויפל געביטן. ניין, דאָס איז נישט פארא א נאשער. פון די אולעד־נאיל בערג און אולעד־נאיל שבטים וואָס געפינען זיך אין דרום אלזשיר ערגעץ ביי דער סאמע גרענעץ מיט דער סאהארא־מדבר טראָגט ער אַסך איינדרוקן און זכרונות און סע ארט אים נישט וואָס ער ווייסט נישט אז יענע בערג הייסן אולעד־נאיל און די מענטשן וואָס בלאָנדזשען אויף זייערע הייכן און אין זייערע טיפענישן טראָגן דעם זעלבן נאָמען. אים איז ליבערשט צו זיצן, אזוי ווי אצינד, און לאָזן די בילדער זאָלן זיך אָפּוויקלען בפסיעה קטנה, פאמעלעך אז מע זאָל קאָנען אָנקוועלן פון יעדן פרט. און אלע זענען אָנגע־נעם ווייל שוין לאנג קאָנסומירטע, ווער ווייסט צי אין דער ווירקלעכקייט וואָלטן זיי נאָך געהאט דעם זעלבן טעם, דעם זעלבן געשמאק ווי יענע אָפּגעריסענע פייג אונטערשפּרינגענדיק צו גרייכן די צווייג אויף וועלכער זי האָט געהאנגען א באהאלטענע צווישן בלעטער און א געשיצטע פון קאיאָר האלב־טונקל. ווי קיל

און זיס ס׳האָט געקאָנט זיין יענע עטוואָס בלוילעכע נאָך נישט איינגאַנצן צייטיקע פּרי נאָך א פארבראכטער נאכט אין שאקאלן־געביל גלייך סע וואָלטן ווייגען הונדערטער קינדער, ליגנדיק אין דער ציגס שטאלעכל ביי וועלכער דער בעל־הבית האָט צוגענומען א העלפט כדי צו באזעצן אים, ארקען, מיט זיין חבר סאַנטיסימאָ פערנאנדאָ, א יונגער אנאדלוז, אויף דער צייט וואָס זיי בויען פאר זיינעטוועגן, פאר דעם וואלד־וועכטער וואָס איז אויך דער בעל־הבית פון שטאַלעכל און פון דער ציג, א בריקל איבער א שמאָלער פון שלאקס־רעגנס געגראָבענער טיפקייט, דאָס פערד — אן עכט אראביש־ראסיקעס — זאָל חלילה נישט ברעכן א פוס. דאָס שאקאלן־געביל טראָגט זיך אין א ברייטן האלב־קרייז איבער אומענדלעכע שטחים, פארטראָגט מיט זיך דאָס שטאלעכל מיט דער ציג, מיט דעם לייכט כראָפּענדיקן סאנטיסימאָ, רייסט זיך אָפּ פון דער מאמע ערד און שוועבט מיט זיי צוזאמען ווי אין כישוף צו דעם דורך א שפארינע פינטלענדיקן שטערנדל וואָס וויל נישט שלום מאכן מיטן געדאנק אז די נאכט איז געשענקט געוואָרן צום שלאָפן. ניין, דאָס שטערנדל וויל דווקא פארברענגען און דעם איינציקן וואָכעדיקן האָט עס געפונען נאָר אים, ארקען פון וועלכן סע וויל קיין אויג נישט אראָפּנעמען. שוועבט ער ביז די שאקאלן קומען צום טייכל וואָס פליסט ערגעץ דאָ נישט ווייט, טרינקען, לעשן דעם דאָרשט נאָך א טאָג וואנדערן אין דער וויסטע און זייער געוויין טראָגט זיך ווידער אין א ברייטן האלב־קרייז נאָר אין דער פארקערטער ריכטונג ביז סע הייבט אָן טאָגן און ער מוז וועקן פון שלאָף סאנטיסימאָ פערנאנדאָן מע זאָל אויסנוצן די קילקייט פון די פּאָר פרימאָרגן שעהען אויף צו לייגן א פּאָר שטיינער דאָס בריקל זאָל א קאפּעלע וואקסן, דער בעל־הבית, דער וואלד־וועכטער, זאָל חלילה נישט זאָגן אז זיי פוילענצן און זיי צוריק אָפּשיקן אין לאגער. דעמלט האָט ער אָפּגעריסן די נישט צייטיקע פייג, זיך געקוויקט מיט איר פרישקייט און זיסקייט און א מינוט געמיינט אז ער איז אין סאמע גן־עדן און נערט זיך אזוי ווי רבי צדוק ווען ער האָט נאָך פארבראכט אויף די בערג ארום ירושלים...

אן ענלעכן טעם האָט געהאט די ציגענע מילך וואָס ס׳האָט אים אונטערגעטראָגן אן אראבער מיט א רויטער באָרד און געשען איז עס אזוי אומגעריכט אז ס׳האָט זיך אים געדאכט אז די מעשה מיטן מן איז נישט נאָר אמת, נייערט אָט באלד וועט זי זיך איבערחזרן. געשען איז עס אזוי: איינדערפרי, ער קנייט די ליים, פערנאנדאָ דרייט זיך ווי א מאלפּע אין שטייג, שרייט פון צייט צו צייט גיכער, גיכער אָט באלד וועט אונדז די זון פריטשמעליען, דאָס מאכט ער אזוי חוזק פון ארקעס נישטרירעוודיקייט — אין פארגלייך מיט פערנאנדאָן זענען אלע נישט רירעוודיקע ווייל ער, דער אנדאלוז, איז קוועקזילבער — באוויזט

זיך פון ווייטנס דער אראבער מיט דער רויטער באָרד. ער גייט פּאַמעלעך און דאָס איז אויפפאַלנד ווייל געוויינטלעך שפּאַנט ער אַזוי גיך אַז מע קאָן זאָגן שטענדיק לויפט ער, אָבער דאָס מאָל איז עס נישט אַזוי, ער שפּאַנט פּאַמעלעך, מלכותדיק, מיט אַ באַזונדערער ווערדע גלייך ער וואָלט זיך גרייטן צו דער תפילה של שחרית, צום דינען זיין איינציקן און אַלמעכטיקן אין די ערשטע שעהען פון טאָג. פערנאַנדאָ קוקט מיט חוזק — אויף אַלעם קוקט ער מיט אַביסעלע חוזק און צווייפל, אפשר ווייל ער איז אַ סאַנטיסימאָ — און גיט אַ וואָרף: דיינער אַ חסיד. דער אראבער קומט נענטער, קוקט נישט צו פערנאַנדאָן — דער ערנסט איז אַ צו פייערלעכער אים צו לאָזן פארשוועכן פון אַ חוזק-שמייכל, ער מיידט אים אויס, פערנאַנדאָ טאָר נישט טיילנעמען אין דעם וואָס וועט געשען, דאָס איז אַן ענין וואָס גייט אָן נאָר זיי ביידע. ווען ער קומט צו גאָר נאָענט פון ארקען בויגט ער זיך צו אים גלייך ער וואָלט וועלן נעמען דאָס רידל פון זיין האַנט און פרעגט: אכמעד איז נאָך נישט געקומען, כאָטש ער זעט אַז אכמעד — פערנאַנדאָס צווייטער געהילף — איז נישטאָ און ווייסט אַז קיינמאָל קומט ער נישט אַזוי פרי. און ווען ארקע ענטפערט: ליאַ, דאָס וואָס דאַרף הייסן „ניין, ער איז נישטאָ, נעמט ער אַרויס פון אַ קעשענע וואָס געפינט זיך ערגעץ אונטער זיין לאַנג העמד אַ קליין פלעשעלע ציגן-מילך און זאָגט: טרינק, ס'איז געזונט, און שוין איז ער אוועק דאָס מאָל מיט גיכע טריט ווייל ער ווייסט נישט צי ארקע קאָן אָפּדאַנקען אויף זיין לשון, אָדער ער ווייסט באַשייד אַז ער קען דאָס נישט און פארשעמען אים וויל ער נישט. פערנאַנדאָ סאַנטיסימאָ בלייבט אַ רגע געפּלעפט, ער קומט תיכף צו זיך און מיט אַ געלעכטער וואָס הילכט אָפּ אין די בערג און נאָך ווייטער ביז דעם גרויסן מידבר, אַ געלעכטער וואָס שרעקט ארקען ביז גאָר ווייל אויב דער אראבער מיט דער רויטער באָרד וועט דאָס הערן און וועט מיינען אַז דאָס געלעכטער איז גאָר אויף זיין חשבון קאָן ווערן גאָרנישט פריילעך, ער איז ביי זיך אַ בכבודיקער, האָט און היט זיין ווערדע, טראָגט נישט איבער קיין באַליידיקונג און אויב ער וועט זיך פילן באַליידיקט איז פערנאַנדאָן נישט מקנא צו זיין — מעסערס וואַרפט דער אראבער מיט דער רויטער באָרד אין פינטל אַריין זיכער בעסער איידער פערנאַנדאָ. דערצו איז עס נישט געקומען, אָבער פערנאַנדאָ האָט נישט מוותר געווען ביז ער האָט נישט געזאָגט: דאָס מוז זיין איינער פון דיינע קוואַל-חסידים.

דער קוואַל איז ארקעס אַ באַזונדער פארברענגנגעכץ. אין די מיטאָג שעהען, ווען די זון לאָזט אפילו קיין שלאַנג אָדער יאַשטשערקע נישט פארלאָזן דעם שאָטן ווייל ס'איז געענג פּרוּוון אַריבערגיין דעם וועג אַז די געבליטן זאָלן אויפקאָכן און די הויט זאָל פּלאַצן, ליגט פערנאַנדאָ אין שטאַלעכל דאָרט זעט אים

אוים קילער און ארקע זיצט ביים קוואל אין שאָטן פון א בוים און ארום אים א טשאטע אראבער. די אייזלען מיט די לאָגלען רוען אביסל ווייטער צווישן די ביימלעך. זיי ווארטן דער קוואל זאָל געעפנט ווערן — פון דעם זעלבן וואלד-וועכטער פאר וועלכן פערנאנדאָ מיט אים בויען דאָס בריקל, ווייל דער קוואל איז אין זיין רשות — זיי זאָלן אָנפילן די לאָגלען און זיך לאָזן אהיים ווען די זון וועט נייגן צו מערב. ביז דעמלט הערן זיי אוים נייעסן פון ארקען: ער דערציילט מיט דער הילף פון צוויי און א האלב ווערטער אז אויף דער וועלט גייט א שרעקלעכע מלחמה, ווי שרעקלעך און מערדעריש זי איז וועט ער זיך דערוויסן שפּעטער, אָבער אים איז קלאָר אז ווי באלד מלחמה קאָן זי אנדערש נישט זיין ווי שרעקלעך און מערדעריש און זיי, די טשאטע אראבער גאפן פון נייעס כאָטש די מלחמה גייט שוין אויפן דריטן אָדער פערטן יאָר. צווישן זיינע צוהערער געפינט זיך אויך דער אראבער מיט דער רויטער באָרד און ער איז דער איינציקער וועלכער פארשטייט אלץ וואָס ארקע זאָגט אָדער וויל זאָגן. אז ס'איז אזוי קאָן ארקע שווערן ווייל די גאנצע צייט וואָס ער פרווט רעדן שאָקלט דער אראבער צו מיטן קאָפּ ווי איינער רעדט: יאָ, אזוי איז עס, אזוי איז עס ...

נאָך צוויי וואָכן ארבעט ביים וואלד-וועכטער האָבן זיי זיך אומגעקערט אין לאגער. ביים טויער האָט אויף ארקען געווארט יאָנעל און דאָס ערשטע וואָס ער האָט געזאָגט איז געווען: „סע ווארט אויף דיר א סורפריז״.

עמעצער זאָל געווען זאָגן אז ווען פערנאנדאָ איז געשיקט געוואָרן ארבעטן ביים וואלד-וועכטער, זאָל ארקע געווען בעטן אז אלס געהילף זאָל ער נעמען דווקא אים. און אזיווי וויכטיק איז נישט דאָס וואָס געשעט נאָר דאָס וואָס מע זאָגט האָט מען דערווייל ארקען סוספּענדירט אָדער פּארהאנגען — א סאנקציע אזא וואָס איז געווען גילטיק אין יענע צייטן. דאָס האָט איינגטלעך געדארפט זיין ווייניקער ווי א סאנקציע ווייל דער פּסק-דין איז נאָך נישט באשטימט געוואָרן, ער איז אָפּגעלייגט ביז מע וועט זיך פאנאנדערקלויבן, די אימפּליקאציעס זענען אָבער געווען ערגערע. מיט א פארטיק סאנקציאָנירטן ווייסט מען אין וואָס סע גייט און מע באשטימט אזוי און אזוי — א פאָרוורף צי גאָר אן אזהרה, א וואָרנונג הייסט עס.ביידע שווערפאליקע ווייל מע פילט זיך מיט א פלעק, עלעהיי מיט א געלן שטערן איינער צווישן הונדערטער אָן. פארהאנגען קומט מען זיך גופא אוים ווי אין א באלון. זיך אויפגעהויבן ביז א געוויסער הייך, אראָפּגעווארפן אלע געוויכטן די לופט רעגולאטאָרן האָבן זיך פארהאקט און — נישט ארויף און נישט אראָפּ. די אטמאָספער איז אומבאוועגלעך כאָטש העננג אייביק אויף דעם זעלבן פּלאץ. א וועלט קוקט מיט רחמנות אָבער פון ווייטנט. אזוי איז עס אויך אין פאל פון סוספּענדירן מע קוקט מער פון ווייטנס איידער ביי א

קלאָרער סאנקציע — מע קאָן דאָך נישט וויסן וואָס סע וועט זיין. אָנגעהאַלטן האָט עס נישט מער ווי א חודש נאָך וועלכן מ׳האָט אים געמאָלדן אז די זאַך איז אויפגעקלערט געוואָרן און איינצייטיק צוויסן געגעבן אז ער, ארקע, דאַרף נישט דערמאנען וועגן דעם אין די אויטאָביאָגראפיעס. פאַרוואָס אויטאָביאָגראפיעס און נישט אויטאָביטגראפיע, האָט ער נישט געוווסט און נישט געפרעגט, ער האָט געהאלטן אז דאָס איז דער געוויינטלעכער גרייז פון פארפלאָנטערן דעם מערצאָל מיטן איינצאָל, האָט זיך ארויסגעוויזן אז גערעכט איז געווען דער וואָס האָט אים איבערגעגעבן דעם באשלוס ווייל א מער עקספּערימענטירטער אין פּאָליטיק און פּאָליטישע אָרגאניזאציעס. ארקע האָט דאָס דווקא יאָ דערמאנט (ער האָט זיך אָנגעהויבן רעכענען צווישן די עקספּערימענטירטע). ווען מ׳האָט געפרעגט פארוואָס ער שרייבט וועגן זאכן וועלכע מ׳האָט באשלאָסן נישט צו דער־מאָנען, האָט עס אים דאָס ערשטע מאָל געווונדערט און ער האָט געענטפערט אז ער איז נישט דער איינציקער וואָס ווייסט דערפון, אזוי מיידט מען אויס אַנ־קעטן און נאָכפרעגענישן. דאָס צווייטע מאָל איז דער ענטפער געווען א מער פּשוטער: אויב איין מאָל געשריבן, קומט שוין אוים צו שרייבן. דער אמת איז אז געשריבן האָט ער ווייל ער האָט דאָס געהאלטן אלס א שווערע סאנקציע וואָס האָט אים געקאָסט א סך נערוון און קלעמענישן. אצינד איז עס אנדערש. דאָס הייסט נישט ביי אלע. ביי די וועטעראנען איז עס געבליבן ווי געווען — מיט נאָענטיש און קרענק, נישט אזוי ביים יינגערן דור. זיין לאָגיק איז א רעאליסטישע — אויב סע זענען פאראן סטאטוטן מוזן זיי פאָרזען אויך סאנקציעס און וויבאלד זיי זענען פאָרגעזען הייסט עס אז מע מוז זיי אויך באקומען...

יאָנעל האָט געהערט צו די וועטעראנען אזוי אז די סאנקציע האָט אים זייער געטראָפן און האָט געליינט איר שטעמפּל אויף זיין ווייטערדיקער עקסיסטענץ. דער הויפּט רעזולטאט איז אפשר געווען וואָס ער האָט פארלוירן פון זיין זי־כערקייט, האָט אָנגעהויבן צווייפלען אין זיין שטענדיקער גערעכטיקייט. גע־רופן האָבן אים די זעלבע וואָס דאָס ערשטע מאָל, יענע וועלכע האָבן באקומען דעם אויפטראָג צו דערליידיקן די מעשה מיט מאריאם בריוו. פאר דער צייט האָט ער חתונה געהאט און געפירט, ווי ס׳האָט אויסגעזען, א שיין פאמיליע לעבן ווי סע פּאסט פאר מענטשן מיט א פאראנטוואָרטלעכקייט וואָס שטעלט זיי אוים דער עפנטלעכקייט. אזוי אז וועגן דעם איז נישט געווען וואָס צו רעדן. זייער אויפגאבע איז גיכער באשטאנען פון מעלדן יאָנעלן די סאנקציע אויף אזא אופן אז ער זאָל בלייבן איבערצייגט נישט נאָר אין איר ריכטיקייט נאָר אין דעם אז מ׳איז אנטקעגנגעקומען זיין אייגענעם ווילן און ער זאָל פון דעם גאנצן געשעעניש ארוים א געשטארקטער. געמאָלדן האָבן אים צוויי, איינער אן עלטערער, א ווע־

טעראַן ווי ער, און איינער אַ יונגער וועלכער וועט דאַרפֿן איבערנעמען אין אַ טאָג דעם שטאַפּעט און פֿירן ווייטער די אַרבעט וואָס באַשטייט הויפּטזאַכלעך פֿון היטן די פּרינציפּן און די זויבערקייט אין די אייגענע רייען. גערעדט האָט דער וועטעראַן, נאָענט, חבריש, פֿריינדלעך כמעט פֿאָטערלעך און איינצייטיק קלאָר, מיט געקליבענע ווערטער. מיט פּרינציפּיעלער קפּדנות נישט לאָזנדיק זיך פֿאַרבלאָנדזשען אין סענטימענטאַליזמען, אין לאַקריץ־זיסלעכקייט וואָס קאָן דערפֿירן צו אָפּאָרטוניזם.

— חבר יאָנעל, האָט ער אָנגעהויבן און זיין בליק איז געווען אַי שאַרף אַי נאָסלעך־טריי, חבר יאָנעל, אוודאי ביסטו באַגאַנגען אַ פֿעלער און פֿאַר יעדן פֿאַלשן טריט מוז מען צאָלן. ווער ווייסט דאָס בעסער פֿון אונדז פּאָליטאַרבעטער און נישט נאָר די אַלטע גוואַרדיע, ווייל טריי זיין דער באַוועגונג קאָן נישט זיין און בלייבן אונדזער מאָנאָפּאָל, דאָס מוז איבערגעגעבן ווערן און סע ווערט איבערגעגעבן מיט גרויס דערפֿאָלג די קומענדיקע דורות. צו אונדזער פֿאַרגעניגן קאָנען מיר זען אַז דער צוווקס איז אַי קאָמבאַטיוו אַי אַזעלכער וועלכן ס'איז צום האַרצן די ביז איצט געזאַמלטע פּראַקטיק. מיר וועלן טאָן אַלץ אַז אַזוי זאָל עס זיין אויך ווייטער. אָבער וועגן דעם האָבן מיר נישט וואָס צו רעדן דו ווייסט עס פּונקט אַזוי ווי מיר און מיר קלייבן זיך נישט פֿאַרקויפֿן דעם גערטנער ציבעלעס, האָט ער זיך געוויצלט כדי דער שמועס זאָל באמת זיין אַ פֿריינדלעכער. וואָס באַלאַנגט דעם פֿון דיר באַגאַנגענעם פֿעלער האָסטו אָנגענומען די געהעריקע מיטלען, ווי סע פּאַסט פֿאַר אַ וועטעראַן, כדי צו פֿאַרריכטן דיין גרייז און מיר ווייסן אַז האָסט עס געטאָן מיט דער גאַנצער איבערגעגעבנקייט אַזויווי האָסט נישט איין מאָל באַוויזן אַז ביסט אימשטאַנד. קיין סאַנקציע וועלן מיר דיר נישט געבן, דאָס הייסט איינע פֿון די וועלכע זענען פֿאַרגעזען אין די סטאַטוטן. ס'איז נישט מער דער פֿאַל אַז אין דיינע פּערזענלעכע דאָקומענטן זאָל פֿיגורירן אַ פֿאַרשריבענע סאַנקציע. אָבער בכדי סע זאָל פֿאַר דיר זיין אַ לעקציע אָדער בעסער געזאָגט כדי דו זאָלסט זיך נאָכאַמאָל איבערצייגן אַז די פֿאָדערונגען וואָס ווערן געשטעלט פֿאַר יעדן מיטגליד זענען אומבייטעוודיקע, וועט לויט אונדזער מיינונג און מיר זענען איייבערצייגט אַז אויך לויט דיין מיינונג — דאָ האָט ער זיך אַ רגע אָפּגעשטעלט, געוואָרפֿן אַ בליק צום צווייטן, צום יונגערן וועלכער האָט באַוואונדערט נישט אַזוי די לאָגיק ווי דעם אויפֿבוי פֿון דער אַרגומענטאַציע — אויך לויט דיין מיינונג זיין יושרדיק זאָלסט בייטן דאָס אַרבעטס־פּלאַץ. דיר דאַרפֿן מיר נישט אויפֿקלערן אַז יעדע אַרבעט איז צום אַלעם ערשטן אַ פּאָליטישע און דערמיט אַליין באַזונדערס וויכטיק. יעדע אַרבעט באַקומט דאָך איר אמתן תיקון ערשט דאַן ווען איר פּאָליטישע ווערט

באַוויזט זיך מיטן גאַנצן פּאַרנעם. ער האָט אַ ליכטן הוסט געטאָן דאָס וואָס האָט אָנגעזאָגט אַז די פֿאָררעדע איז צו ענדע, אַז די קאָנקרעטע זייט פֿון שמועס קומט ערשט איצט און יאַנעל איז געוואָרן אויפֿמערקזאַמער. אַזױװי סע װערט געשאַפֿן אַ נייע װיכטיקע אָפּטײלונג צום באַקעמפֿן די דם-שונאים פֿון אַרבעטער-קלאַס און פֿון אונדזערע שטרעבונגען צו גיסן אַ פֿעסטן יסוד פֿאַר אַ געזעלשאַפֿט אַזױװי די מענטשהייט חלומט שוין זינט יאָרהונדערטער איז באַשטימט געוואָרן זאָלסט זיין איינער פֿון די אָרגאַניזאַטאָרן פֿון דער אָפּטײלונג.

אַלע דריי זענען געווען איבערצייגט אַז יאַנעל האָט געענטפֿערט אַזױװי סע דאַרף ענטפֿערן אַ דיסציפּלינירטער קעמפֿער, קיין רגע נישט געצווייפֿלט אין דער אָביעקטיוויקייט פֿון די אויסגעלייגטע אַרגומענטן און געזאָגט קורץ: יאָ, אַזוי איז עס. יאַנעל וועט זיין דער איינציקער וואָס וועט שפּעטער אָנהייבן צווייפֿלען צי ער האָט באמת אַרויסגערעדט די ווערטער, צי איז עס נישט אַמאָל געווען דער עכאָ פֿון ענטפֿער אויף וועלכן מ׳האָט געוואַרט אָבער אַרויסגערעדט בקול-רם האָט אים קיינער נישט. אין זיין פֿאָרשטעלונג האָט יענע באַגעגעניש וואָס האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער אָפּוויקלונג פֿון זיינע ווייטערדיקע טעטיקייטן אָנגעהויבן אויסזען אַ שאָטנדיקע, אַ פֿאַנטאַסמאַטישע. אָבער דאָס װעט זיין אַ סך שפּעטער. דערווייל האָט ער זיך געיאַוועט אַהין וווּהין מ׳האָט אים געהייסן.

געווען איז עס פֿרילינג. די הויפּטשטאָט האָט זיך געבאָדן אין זון און אין גרינס. אַן אויסגעשפּרייטע אין משך פֿון פֿינעף יאָרהונדערטער אין סאַמע צענטער פֿון אַ רייכן, פֿרוכטבאַרן, שוואַרצערדיקן סטעפּ האָט זי נאָך געטראָגן די שפּורן פֿון פֿריצישע הייף און די אָרום זיי אָנגעהויפֿטע דערפֿער אין וועלכע ס׳האָבן געלעבט לייבאייגענע. פֿון איין שלאָס צום צווייטן פֿירן שמאָלע געסלעך מיט איינשטאָקיקע שטיבלעך אויפֿגעגעסענע פֿון צייט. יאַנעל איז געגאַנגען איבער גאַסן און געסלעך מיטן געפֿיל פֿון אַ גאַסט. לאַנגע יאָרן האָט ער געפֿעלט פֿון שטאָט און זינט ער איז צוריקגעקומען נישט געפֿונען קיין צייט וועגן אַ שפּאַציר לשם שפּאַציר — הנאה האָבן פֿון די גאַסן אויף וועלכע ער איז געוואַקסן און האָט געלעבט אַלס ציין-טעכניקער. „ס׳איז געווען שיין“ האָט ער זיך דערמאַנט. לעבן אים האָט אויף אַ רגע אויסגעוואַקסן ריטאַ. ער האָט געטראַכט אַז סע וואָלט געווען כדאַי זי אויפֿזוכן און תיכּף מותר געווען. ניין, אַצינד וועט ער זי נישט זוכן. פֿאַר דער צייט וואָס ער האָט געפֿעלט פֿון שטאָט האָט ער אָנגעזאַמלט אַ נייע עקספּעריענץ און ווייסט אַז זיך באַגעגענען מיט ריטאַן קאָן פֿאַרשאַפֿן נאָך קאָפּווייטיק, קאָן קאָמפּליצירן זיין לאַגע סיי אין דער פֿאַמיליע סיי אין דער אָרגאַ-

ניזאציע. ער איז אָנגעקומען צום זיצאָרט פון דער נייער אָפּטיילונג וועגן וועלכער מ'האָט אים געזאָגט אז זי ווערט איצט געשאפן. איבערראשט האָט אים דאָס הויז. אין א זייט פון די הויפּט גאסן מיט גראָבע אייזנס באגראטעטע פענצטער, א שווערע דעמבענע טיר מיט א גרויסער קליאמקע. קיין שומר זעט מען נישט. אין מאָמענט ווען ער האָט געוואָלט באַרירן די קליאמקע איז אויסגעוואקסן א געזונטער בחור. ער האָט געזאָגט אז מע ווארט אויף אים. דער שומר איז פארשוונדן אויף דער אנדערער זייט טיר און ס'האָט נישט געדויערט מער ווי עטלעכע סעקונדן האָט ער געעפנט די טיר ברייטער ווי ווען ער איז אריין, עטוואָס אונטערטעניק געמאכט פּלאַץ דעם גאכט. אינעווייניק איז אלץ געווען קאזיאָנע-גרוי. אהער איז דער פרילינג נישט אריין. אָפּגענוצטע טישן און בענק, א קאכל-הרובע, א צווייפארביקע מיט פיגורן האָט אויסגעזען עלנט. געבליבן פון די ערשטע בעלי-בתים וועלכע האָבן געבויט דאָס הויז מיטן גדאנק צו ווינען אין דעם ביז העט און דער העט איז געקומען גיכער ווי זיי האָבן דערוואַרט, און אנדערש.

יאָנעל האָט געעפנט די אָנגעוויזענע טיר. א ליכטיק גערעמער קאַנטאָר, הינטער א דעמבענעם ברייטן שרייב-טיש און צוויי לעדערנע שטולן איז געזעסן א באקאנט פּנים. זיי זענען ביידע געבליבן א רגע אין פארלעגנהייט. דער שעף — אביסעלע העכער ווי מיטלוווקסיק, מיט שיטערע בלאָנדע האָר, גרוילעכע עטוואָס מוטנע אויגן, א לאנגע פארשפּיצטע נאָז, נארעווירכטע אויערן וואָס פּרוון זיך אָפּרייסן פון שארבן — האָט זיך אויפגעהויבן און איז אים אנטקעגנגעקומען נענעבן א קאלטע האנט און געבעטן זיצן. ער האָט זיך אוועקגעזעצט אויפן צווייטן שטול — דער שמועס דארף זיין א נאָענטער, אן אויפריכטיקער. זיי האָבן זיך א פּאָר מאָל איבערגעקוקט שווייגנדיק, באטראכט דאָס צימער. אויך דער שעף האָט געפירט דעם בליק איבער דער רייך דעקאָרירטער כטעליע, איבער די הויכע ווענט און ברייטע מאסיווע פענצטער. אים איז ביז איצט נישט אויסגעקומען זיך צו באגעגענען אין זיין גערעמער קאָנטאָרע מיט וועטעראנען. מיט אזעלכע האָט דער שמועס געמוזט אָנהייבן מיט: „וואָס זאָגסטו? סוף כל סוף!" ער האָט אָבער נישט דערוואַרט אז דאָס וועט זיין דער וועטעראַן וואָס ווערט געשיקט אהער. זיין נאָמען איז אים נישט געווען באקאנט. אצינד האָט ער אים דערקענט און זייער באקאנטשאפט האָט דערמאנט אין אן אינגאנצן נישט אָנגענעמען מאָמענט.

אין די סאמע לעצטע וואָכן איידער דאָס לאנד האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דער מיט פיר יאָר פריער אָנגעהאנגענער קאָאליציע מיט היטלער-דייטשלאנד, האָט זיך יאָנעל געפונען אין א פּארטיזאנען גרופּע אין די בערג. די פּארטיזאנען

האָבן געוואָלט פאַרשטאַרקן זייער טעטיקייט, האָבן אָבער געפעלט מיטלען. זיי האָבן גערעכנט אז מיט אביסל מער געווער און נאָך עטלעכע מענטשן וועלן זיי קאָנען אויפטאָן פיל מער, אדורכפירן אונטערנעמונגען וועלכע זאָלן האָבן אָן אָפקלאַנג אין דער באַפעלקערונג. לויט זייער מיינונג וואָלטן אזעלכע אונטערנעמונגען געבראַכט א גרויסן צושטייער צום צעשטערן פיינטלעכע עשאַלאָנען און איינציייטיק שאַפן מער פּאָפּולאַריטעט זייער פּאַרטיי. יאָנעל איז דעלעגירט געוואָרן איבערצושמועסן דער פּאַרטיזאַנען-גרופּעס פּלענער מיט די העכערע אינסטאַנצן און שמועסן איז אים אויסגעקומען מיט דעם זעלבן וואָס זיצט אַצינד אנטקעגן אים אלס שעף פון דער ספּעציעלער אָפּטיילונג. דעמלט איז דער שמועס געוואָרן א פיינלעכער. מיגלעך אז שאָני — דאָס איז צו יענער צייט געווען זיין נאָמען — זאָל געווען האָבן אַרגומענטן וועלכע ער האָט נישט געקאָנט אויסלייגן אָדער נישט געפילט די נויטיקייט זיי „אויסצופּלוידערן" פאַר יעדן איינעם. ער האָט אָפּגעשטויסן דעם פּלאַן און ווען יאָנעל איז צוגעשטאַנען האָט שאָני, אויף פּטור צו ווערן, א זאָג געטאָן: „נישט אויף אייער הייפעלע היץ-קעפּ שטייט די וועלט". באַצייכענען זיינע חברים אלס היץ-קעפּ האָט יאָנעלן ארויסגעבראַכט פון די כלים, ער האָט נישט קיין סך געטראַכט און א וואָרף געטאָן: „אָפּאָרטוניכט!" יאָנעל האָט תיכף חרטה געקריגן, אָפּאָרטוניכט איז צו יענע צייטן געווען כמעט דאָס זעלבע ווי פאַררעטער. דאָס וואָרט איז אָבער געפאַלן און צווישן זיי האָט זיך אויפגעהויבן א וואַנט. יאָנעל האָט נישט געהאַט פון וואַנען צו וויסן אז אויב פאַר יעדן רעוואָלוציאָנער איז אזא כאַראַקטעריסטיק גלייך מיט א מעסער אין האַרץ איז עס פאַר שאָנין נאָך ערגער ווי מע וואָלט זאָגן „א מעסער אין האַרץ נאָר הינטערום".

ווען ער האָט זיך באַגעגנט מיט דער „באַוועגונג" איז שאָני געווען א שניידער-ייִנגל אין וואַרשטאַט וווּ ס'האָבן געאַרבעט א צענדליק אַרבעטער אָדער געזעלן ווי מע פּלעג זאָגן אין יענער געגנט. אזא וואַרשטאַט איז פאַר א מיטלער פּראָווינץ-שטאָט געווען כמעט דאָס זעלבע ווי א פאַבריק וואָס מוז פאַרוואַנדלט ווערן אין אַן אַרבעטער-פעסטונג. די פּראָפ-פאַראייִנען איז געלונגען צו אָרגאַניזירן די פאַר אַרבעטער און שאָני האָט אָנגעהויבן באַזוכן דעם אַרבעטער-קלוב. באָטש אָדער ווייל א שווייגער און א זייטיקער האָט ער זיך געוואָרפן אין די אויגן. אפשר טאַקע צוליב זיין שווייגן. באַמערקט האָט אים איינער פון די סאַמע לינקע וועלכער האָט געפירט זיין פּאַראַלעלע טעטיקייט אינערהאַלב די סינדיקאַטן. שאָנין איז דער מענטש געפעלן און ער האָט אָנגעהויבן אויספּולן אייניקע אויפגאַבעס. נאָך א צייט איז באַשטימט געוואָרן מע זאָל אים שיקן

אין א שול ווו ער זאָל זיך אָנאייגענען די עלעמענטארע באגריפן וועגן ארבעטער-קלאס און ארבעטער-באוועגונג. דאָ איז אָבער געשען דאָס פארקערטע ווי דאָס וואָס מ'האָט פון אים דערווארט. צוריקגעקומען איז אַן אנדער שאָני. ער איז ביי זיך געוואָרן א פארשוין, א מענטש מיט אן אנדער ווערט וואָס קאָן נישט און טאָר זיך נישט גלייכן מיט אלע אנדערע. זיין גורל איז אזא וואָס פאָדערט פון אים ער זאָל זיך שאנעווען, ווייל ער געהערט צו די קאדרן, צו די אויסגעקליבענע וואָס דארפן זיך אליין און אויך די געזעלשאפט דארף זיי האלטן אין כבוד, זיי היטן ווי א טייערן אוצר. ער האָט געעפנט א קליין ווארשטאטל, געארבעט שניידעריי און געמיטן די אמאָליקע חברים. אזוי ביז דער וואָס איז פאר אים געווען ערב ווען מ'האָט אים געשיקט אויף די קורסן — און דערצו אין אויסלאנד — האָט זיך באוויזן אויף דער טיר פון זיין בידנעם ווארשטאטל.

שאָני איז געבליבן פארלייגן ביז גאָר. ער האָט געוווסט אז דאָס מאָל וועט ער נישט קאָנען אָפּקומען מיט פארענטפערן זיך אזוי ווי ער האָט געטאָן מיט אנדערע ביז איצט. דער גאראנט האָט נישט געווארט ער זאָל אים בעטן און האָט זיך צוגעזעצט — עלעהיי א מידער — אויף איינעם פון די צוויי בענקלעך וואָס זענען געווען באשטימט פאר קליענטן. שאָני האָט געשוויגן. דאָס מאָל נישט ווייל א שוויגער נאָר ווייל אים האָט זיך געדאכט אז דאָס שווייגן קאָן אים שיצן פון אָנגריף, אז מיט שווייגן וועט ער זיך אפשר ארויסדרייען, אָפּלייגן.

— אזוי גאָר, האָט זיך גלייך ווי באגייכטערט זיין ערב, זע נאָר, אן אט׳ליע, א בעל-הבית פאר זיך! געלייזט אלע סאָציאלע פראגעס. אזוי יאָ! זיך פארבאלעבייסלט און פארגעסן פון וואנען מע שטאמט. פארדינט מען עפעס?

שאָני האָט געשוויגן.

— פאר דער משפחה איז גענוג? צי ס'איז נאָך אלץ ווי די יאָרן? ווער איז צופרידן און ווער איז אומצופרידן? מסתמא איז די מאמע יאָ צופרידן. דו טשעפעסט קיינעם נישט וועט דיך קיינער נישט טשעפען. כ'צווייפל צי זי איז צופרידן. מיר דאכט אז גיכער נישט.

שאָני האָט געשוויגן.

— מיינסט דאָך אוודאי אז כ'וועל מיר אויסשפייען מיט דיר די לונגען? האָסט א טעות, כ'האָב נישט בדעה. הער דיך איין מיט קאָפּ, די פּאָר ווערטער וואָס דו האָסט דאָרט אויסגעלערנט אויף אויסנווייניק טויגן צו גאָרנישט ווען מע בלייבט זיצן ביים ניי-מאשין און מע ווארט די צייט זאָל קומען. דיר איז איינגעפאלן אז ביסט געוואָרן א וואזשנער פארשוין, ס'איז מיר א ווונדער וואָס האָסט נאָך ביז איצט נישט געפרעגט צי איז מיר עמעצער נישט נאָכגעגאנגען ווייל כ'וואָלט דיך געקאָנט קאָמפּראָמיטירן. (שאָני האָט דווקא יאָ געטראכט אָבער געפרעגט האָט ער נישט ווייל געהאָפט דאָס שווייגן זאָל אים ראטעווען). זאָלסטו

וויסן אַז קאָמפּראָמיטירן אַ בידנע שניידערל וואָס באַהאַלט זיך אין אַ נאָך ביד־נערן מישטיינס געזאָגטן אַטעליע, וואַרט סע זאָל קומען די צייט ווען מע וועט אים נעמען, אַוועקזעצן אויף אַ שטול און דערצו אַ לעדערנעם און זיך צו אים ביקן, אַזאַ איינעם קאָן מען נישט קאָמפּראָמיטירן אפילו ווען מע וויל. קיינער דאַרף אים נישט. איינס וווּנדערט מיך יאָ, וויאַזוי האָב איך מיר נישט אָפּגע־געבן קיין חשבון פון אָנהויב אַז הינטער דיין שווייגן און זיך רייבן ביי די ווענט באַהאַלט זיך אַ מיאוסער אָפּאָרטוניסט. אָפּגעזאָגט, האָט זיך דער שניידער־ערב — אַ מענטש איבער די מיטעלע יאָרן מיט אַ קוים פּראָמינענט בייכל, מיט שוואַרצע קוים גרוילעכע וואָנצעס, פון זשילעט־קעשענע הענגט שטענדיק אַן אייזערנער ברעלאָק פון אַן אַלטן „ראָסקאָפּ‟, אַ מתנה פון אַן אייזנבאַנער וואָס איז אַרוים אויף פּענסיע — האָט ער זיך אויפגעהויבן און זיך געלאָזט צו דער טיר. די פּאָר טריט האָבן געדויערט אַביסעלע מער ווי ס'איז נויטיק צום פאַרלאָזן דעם וואַר־שטאַט. ער האָט אויף אַזאַ אופן געגעבן צייט זיין האָפענונג אַז ער האָט זיך דאָך נישט אינגאַנצן אָפּגענאַרט.

שאָני ווידער, וועלכער האָט אין דעם יאָר וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין שול זיך דערוווּסט אויך אייניקע זאַכן וועגן און פון דער געשיכטע האָט גע־וווּסט אַז דאָס לעצטע וואָרט הייסט כמעט ווי פאַרמשפּט צו טויט. זיין אַלטער פריינד האָט געטראָפן אין סאַמע פּינטעלע. אַזעלכע זענען באמת געווען זיינע געדאַנקען. אויב נישט דער מיטן שטול, אָבער איבערוואַרטן ביז סע וועט נישט סטראַשען קיין שום סכנה, האָט ער יאָ געטראַכט. אַז די וואָס וואַרטן ריזיקירן צו בלייבן אין גאַנצן אויסער דעם וואָגן האָט ער אויך געוווּסט, אָבער נישט דאָס האָט אים באַוויגן צו פאַרלאָזן דאָס שווייגן ווי דאָס לעצטע וואָרט. גענוג מע זאָל עס אַ לאָז טאָן אויף זיין חשבון צווישן די אַרבעטער און ער בלייבט באמת אַ בידנע באַלעבייסל און ווער ווייסט צי אפילו דאָס. סע וואָלט נישט מער אויסגע־זען אַז זיין אָפּזונדערן זיך איז אויף אַ צייט נאָר אַ צוגאַנג, אַן אָנשויאונג, אַ פאַרברעכן. אַזוי ווייט האָט ער נישט געגרייכט, דאָס בשום אופן נישט, דאָס טאָר מען נישט צולאָזן. איידער דער גאַראַנט האָט באַרירט די קליאַמקע — אפשר ווען ער זאָל געווען באַרירן וואָלט געוואָרן צו שפּעט, אפשר וואָלט עס זיך געווען געענדיקט מיט אַ שפּיי, און שאָנים קאַריערע אין דער באַוועגונג וואָלט געווען גענומען אַן ענדע — האָט שאָני כמעט אויסגעשריגן:

— שטיי אַ רגע, מעשטערע!

אַן אַמתער בעל־מלאכה האָט שטענדיק אַ שוואַכקייט פאַרן וואָרט „מעשטערע‟. יעדעס מאָל ווען ער הערט עס קומט אים אויס גלייך ער באַקומט ווידער אַ דיפּלאָם און נישט נאָר פון אַ גוטן בעל־מלאכה נאָר אויך פון איינעם וועמענס וואָרט האָט אַ גרויסע וואָג סיי אין פאַך זאַכן סיי אין

אלע אנדערע פּראָבלעמען מיט וועלכע מע קומט צו אים זיך האַלטן אין עצה. וואָס איז דאָס איילעניש, האָט אים נאָכגעשריגן שאָני, און מיך דאַרפסטו נישט אויסהערן?

אויף אַזויפיל פראַגעס האָט זיך דער ערב נישט געריכט און ער האָט שוין געוווּסט מיט וואָס דאָס וועט זיך ענדיקן. שאָני האָט געהאַלטן דעם וואַרשטאַט נאָך אַ פּאָר יאָר אָבער אויך צו אַנדערע צוועקן ווי נאָר צו האָדעווען די פאַמיליע אַזוי לאַנג ביז דאָס „קלייטל" איז באמת קאָמפּראָמיטירט געוואָרן און מ'האָט עס געמוזט פאַרלאָזן. אָבער דער ערב האָט אים נישט אינגאַנצן מוחל געווען. ער האָט געהאַלטן אַז ס'איז נישט ריכטיק און נישט דערציעריש סע זאָל זיך ענדיקן נאָר מיט אַ שמועס צווישן זייביידע. ער איז געווען דער גאַראַנט נישט מער ווי איין מאָל, אָבער יענץ מאָל איז געווען דאָס וויכטיקסטע, אַזאַ וואָס גייט נאָך דאָס גאַנצע לעבן: ער האָט אים רעקאָמענדירט, ער האָט אויף אים געצויגן די אויפמערקזאַמקייט, טראָגט ער פאַר אים דאָס אחריות כל-זמן ער לעבט. ער וואָלט נישט געקאָנט זאָגן וועד ס'האָט איינגעפירט דעם פרינציפּ אָבער איינשטימיק מיט אים איז ער אויף אַלע הונדערט פּראָצענט. ווי ווייט ער איז איינשטימיק האָט מען געקאָנט זען לויט די גערדיכטע וואָלקנס רויך וואָס ער האָט געבלאָזן דורך די וואָנצעס ווען מ'האָט געמשפּט שאָנין. געמשפּט האָט מען אים ווייל דער ערב איז דערויף באַשטאַנען. „אמת, ער האָט זיך באַטראַכט, ער איז ווידער אַוועק אויף דעם אים אָנגעצייכנטן וועג אָבער אָנלערנען פאַר זוכן אַ וואַרעם ווינקעלע מוז מען". האָט מען אים אָנגעלערנט. דער שמועס איז געווען אַ תוכיקער און די כאַראַקטעריסטיק אין איינשטימיקע אַז שאָנים פאַרבלאָנדזשען אָדער אפשר נאָך ערגער אָפּווייכונג איז אַן אָפּאָרטוניסטישע. אַזוי אַז ווען יאָנעל האָט אַ וואָרף געטאָן „אָפּאָרטוניסט" איז צווישן זיי אויסגעוואַקסן אַ מויער וועלכע אפילו די קלאַנגען פון טויזנט שופרות קאָנען נישט אומוואַרפן.

אַצינד זיצן זיי איינער אַנטקעגן צווייטן און אַרבעטן וועט ווייזט אויס אויס-קומען צוזאַמען. שאָני האָט אָנגעקלונגען, אויף דער טיר האָט זיך באַוויזן אַ הויכער חברה-מאַן. דער עטוואָס צו ענגער קאָסטיום האָט געמאַכט דעם איינדרוק אַז ער איז אַן אַטלעט אָבער דאָס פּנים איז ביי אים געווען אַ קרענקלעכס, אַן אָנ-פאַרביק-ווייס אָבער נישט ווי סע זאָל זיין די נאַטירלעכע פאַרב נאָר ווייל ער האָט זיך דערשראָקן.

— דאָס איז דער חבר טעקע, אָדער ווי אַלע רופן אים פּשוט טעקע, האָט אים שאָני פאָרגעשטעלט און אָנהייבנדיק מיט אים געלאָזט יאָנעלן מיינען אַז ס'איז די רעדע פון אַ צווייטראַנגיקן פונקציאָנאַר, אַ גוטער ספּעציאַליסט מיט אַ רייכער דערפאַרונג. ער איז מיין ערשטער שטעלפאַרטרעטער, די שווערסטע פּראָבלע-

מען פאלן אויף אים, אָבער ער טראָגט און קאָן טראָגן. און דאָס איז דער חבר יאָנעל וואָס איז אונדז געשיקט געוואָרן פון צענטער. ווייטער איז דער שמועס געווען א קורצער. ס׳איז באשלאָסן געוואָרן יאָנעל זאָל זיך יאווען צו דער ארבעט דעם אנדערן אינדערפרי.

אוועקגייענדיק האָט יאָנעל געטראכט: „קיין סאנקציע האָט מען מיר נישט געגעבן און ס׳איז דאָך איינע. ארבעטן נאָך דעם וואָס ס׳איז געשען מיט שאַנין איז ערגער ווי א סאנקציע".

ער האָט זיך וויניק אָפּגענארט.

# 2. רייטנדיק אויף דער געשיכטע

דעם צווייטן טאָג האָט שאָני מער יאָנעלן נישט אויפגענומען. ער איז גע־גאַנגען ווי ס'איז אָפּגערעדט געוואָרן, צו טעקען ער זאָל אים באַקענען מיט דעם פון וואָס זיין אַרבעט וועט באַשטיין.

יאָנעל איז טעקען פון אָנהייב נישט געפעלן. ער האָט נישט ליב געהאַט מענ־טשן וואָס זענען אויסגעפאָרן א וועלט. פאָרן, זען לענדער, זיך באַקענען מיטן לעבנס־שטייגער פון פאַרשידענע פעלקער איז צומאָל א נויטיקע זאַך, איבער־הויפּט ווען מע דאַרף א מענטשן וואָס זאָל קאָנען א פּאָר טאָן, א קוק טאָן, אָבער וועגן אַרבעט אין לאַנד טויג עס נישט. סע צעשטרייט. זיי האָבן צו פיל מיגלעכ־קייטן צו מאַכן פאַרגלייכן און פאַרגלייכן זענען איבעריק. מע ווייסט וואָס מע זעט און דאָס דאַרף זיין גענוג.

— דיר, חבר, האָט טעקע אָנגעהויבן זיין פאָרטראַג, איז ווייניקער באַקאַנט די לאַגע אין לאַנד. געפעלט א לאַנגע צייט, אמת מיט אויפטראַגן, מיט וויכטיקע אויפטראַגן, האָט ער צוגעגעבן און יאָנעל האָט באַמערקט אַז נישט נאָר זיין פּנים איז א דערשראָקנס נאָר אויך זיין אופן רעדן. ער רעדט אַרויס די ווערטער מיט א צוריקגעהאַלטנקייט, מיט א ציטער, גלייך פאַר יעדעם וואָרט וואָלט מען אים געקאָנט דן זיין אויב נישט צום טויט איז לכל הפחות צו לעבנסלענגלעכער תּפיסה.

—מיר, דער חבר שאָני און איך, האָבן געטראַכט אַז דאָס בעסטע וואָלט זיין זאָלסט דיך דאָך פאַרנעמען מיט אַן אינערלעכער פראַגע, מיט אונדזערע ערגסטע שונאים, מיט די געוועזענע פאַשיסטן. ווי דיר איז זיכער באַקאַנט, און אויב נישט וועסטו דאָס לייכט פעסטשטעלן, איז די פאַשיסטישע באַוועגונג נישט נאָר א נאַציאָנאַלע אַזוי ווי היטלער האָט געוואָלט איינרעדן דער וועלט א נאָמען געבנדיק זיין פּאַרטיי נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע, נאָר א צווישנפעל־

קערלעכע. אזויווי דו ביסט געווען אין פארשידענע לענדער האָסטו געווים איי־ניקע שפּראַך־קענטעניש וואָס קאָנען צונוץ קומען.

טעקע האָט נישט ליב געהאַט מענטשן מיט מערב-שפּראַכיקע קענטעניש. ער האָט גערעדט צוויי שפּראַכן, ביידע מזרח-אייראָפּעישע, און ווי מאָדנע סע זאָל נישט אויסזען האָט ער די מוטער-שפּראַך גערעדט מיט א פרעמדן אַקצענט בעת די אנדערע גלייך יענע וואָלט זיין זיין מוטער-שפּראַך. סע געשעט, א סימן **טעקע.** נישט ליב געהאַט האָט ער די מערב-שפּראַכן ווייל דאָרט ווערן געוועבט אלע פּלענער ווי אזוי איבערצוקערן, אָדער מיט וואָס צו שטערן, לייגן שטיינער אויפן וועג פון די נאַר וואָס באַפרייטע לענדער אָנצונעמען דעם קורס פון אמתער דעמאָקראַטיע.

— דאָס הייסט נישט אז די שפּראַך־קענטעניש זענען די הויפּט סבה פון דיר אָנפּאַרטרויען דעם סעקטאָר. טעקע האָט א שמייכל געטאָן. דער שמייכל האָט דאָס מאָל געדאַרפט זיין אן אויפריכטיקער, אָבער צי ווייל ער איז פון אים אָפּ־געוווינט געוואָרן, צי אזוי האָט אויסגעזען זיין שמייכל שטענדיק אויך דעמלט ווען ער האָט זיך געשפּילט מיט זיין טעכטערל, יאַנעלן האָט דער שמייכל כמעט דערשרעקאָן. אזא גרימאַסע האָט ער נאָך נישט געזען. די קאַלך-ווייסע הויט מיט ווייסע ציין און די קוים רויטלעכע ליפּן פאַרצויגענע אויף צוריק האָבן געגעבן זיין פּנים אן אוממענטשלעכן אויסדרוק.

— די הויפּט סבה איז פאַרשטענדלעך, האָט ווייטער גערעדט טעקע און אין זיינע טיפענישן האָט א פּלים געטאָן א שלעכטע פרייד, ס'איז אים געפעלן וואָס דעם נייגעקומענעם „העלד" האָט אזוי דערשראָקן זיין אויסדרוק, די הויפּט סבה איז דיין איבערגעגעבנקייט און דיין טיפע שנאה צו די אלע פאַרברעכערס. אָבער מיר דאַכט אז מיר פאַרלירן די צייט מיט נאַרישקייטן. וואָס פאַרא זין האָט דיך כאַראַקטעריזירן. ווער ס'האָט דיך אהער געשיקט ווייסט, און דאָס איז דער עיקר. אזוי אז בעסער וועט זיין צו רעדן וועגן דיין אַרבעט קאָנקרעט. אין לאַנד זענען געבליבן א סך פאַשיסטן, צעשפּרייט אין אלע שטעט און דערפער. דאָס איז נאָרמאַל. זיי זענען געווען ביי דער מאַכט ביז דאָ נישט לאַנג. כאָטש מ'האָט זיי צעשלאָגן האָבן זיי נישט אויפגעגעבן. זיי פירן ווייטער זייער אַרבעט. די פירערס זענען אַנטלאָפן מיט די דייטשן, אָבער נישט אלע, א טייל זענען געבליבן אין לאַנד, א טייל גייען און קומען. סע זאָל דיך נישט וווּנדערן. זייער כוח באַשטייט אין זייערע פאַרבינדונגען, פאַרצווייגטע פאַמיליען פאַרבינדונגען פאַרמערטע דורך די פאַרשאָלטענע קוואַטערשאַפטן און קוואַטער-קוואַטער־שאַטן. א פאַרשאָלטן געשפּין.

אין טעקעס אויגן האָט א בליץ געטאָן ביטול און שנאה און יאַנעל האָט געפילט ווי עפּעס אין אים שרומפּט צוזאמען. אזא שנאה איז אים נישט אויסגע־קומען צו זען דאָס שנאה-געפיל איז אים נישט געווען פרעמד, אָבער א שנאה אין וועלכער סע באַטייליקן זיך אַלע איברים אָן א פארוואָס, א שנאה לשם שנאה האָט ער נאָך נישט באגעגנט. טעקע האָט אים אויסגעזען ווי אן אויסערערדיש באשעפעניש, ווי עפּעס א שד. ער האָט נישט ווילנדיק א זוך געטאָן טעקעס פיס — זיי מוזן זיין ציגענע מיט קאָפּעטקעלעך. זיך כאפּנדיק אז ס'האָט אים א וואָרף געטאָן אזש ביז די קינדער יאָרן, ביז די מעשיות און לעגענדעס וועגן שדים וואָס פארשטעלן זיך אין מענטשן וועלכע קאָנען בייטן זייער געשטאַלט וויאזוי זיי ווילן אויסער די ציגענע פיס האָט זיך אים געוואָלט לאכן. טעקעס לעצטע ווערטער האָבן אָבער נאָך געקלונגען אין די אויערן און אויפן אָרט פון לאכן איז אים באפאלן א שרעקלעכער ערנסט: „וואָס א מענטש קאָן פלאפלען! שנאה קעגן דער קוואטערשאפט!“ פאר יאַנעלן איז אָט די באציונג געווען כמעט א הייליקע. „און אזא איינער, איז אים איינגעפאלן דערקלערט מיר די פארבינ־דונגען“. ער האָט געהאַלטן אָט די באציונגען אלס די שענסטע ביי די קריסטלעכע פאמיליעס. דאָס נעמען א קינד אויף די הענט זאָל זיך פארוואנדלען אין א בונד, אין א געשווירענער פריינדשאפט, אין א לעבנסלענגלעכער פאראנטוואָרטלעכ־קייט האָט אים אויסגעזען צו זיין איינע פון די שענסטע מדות. אין דעם פאל אָבער איז זיין אופן דענקען געווען איבערפלעכלעך. סע וועט לאנג נישט דויערן און ער וועט אנטדעקן ווי ווייט אזעלכע באציונגען קאָנען שטערן אין געפינען און כאפּן א קריגס-פארברעכער, אָדער א פארברעכער בכלל. דעמלט פארוואנדלט זיך אָט די פריינדשאפט און פאראנטוואָרטלעכקייט אין שטומקייט. ס'איז נישט נאָר מורא וואָס צווינגט צום שווייגן, אָדער ס'איז איבערהויפּט נישט מורא. עלטער פון רעליגיע האָט די באציונג עפּעס אנדערוועלטיקס, זי וואָרצלט ביים אָנהויב פון אָנהויב ווען דאָס איינציקע מלבוש איז געווען נישט מער ווי א בענדל אויף די לענדן געפלאָכטן פון קאמיש. איר שורש איז אפשר ביים ערשטן מענטשלעכן שמייכל פון א מוטער ווען זי האָט געזען איר קינד א נאָרוואָס געבוירנס און איז שוין געווען באשאָנקען מיט וויסן אז ס'איז א קינד וואָס וועט טראָגן איר זיין אין אלע אייביקייטן. אזוי איז אפשר צו פארשטיין דעם מוט וועלכן ס'האָבן באוויזן יענע קוואטערס וואָס האָבן אויסבאהאלטן דעם פון זיי געקוואטערטן נישט קאָנענדיק פאָרשטעלן זיך אז ער האָט געקאָנט דערגיין צו פארברעכנס. אויב ער האָט שוין יאָ געהרגעט איז ער געווען געצוווּנגען דאָס צו טאָן און נישט אנדערש ווי צוליב נערעכטיקייט, און פאר אזא געקוואטערטן איז ווערט זיך מקריב צו זיין.

— מיר, דער חבר שאָני און איך, מיינען אז דו וועסט זיך ספּראַווען, זענען צו יאָנעלס אויערן דערגאַנגען טעקעס ווערטער. דעם סעקטאָר „געוועזענע פּאַשיסטן“ האַלטן מיר פון היינט אַלס א געשאַפענעם און דיך אַלס זיין פאַראַנטוואָרטלעכן. וועסט דיר צוזוכן מענטשן און צו דער אַרבעט.

טעקע האָט ווידער א שמייכל געטאָן און יאָנעל איז געבליבן געפּלעפט. „ער קאָן שמייכלען ווי אַלע“, האָט ער פעסטגעשטעלט און זיין איבערראַשונג האָט נישט געהאַט קיין גרענעץ ...

יאָנעלן האָט מען צוגעטיילט א צימערל אין דער זעלבער געביידע. דאָ האָבן זיך געפונען נאָר די קאָנטאָרן פון דער ספּעצאָפּטיילונגס צענטראַלע. אַהער פלעג מען צומאָל רופן, אָבער נאָר אין פאַלן ווען מ'איז נאָך נישט געווען זיכער צי דער גערופענער קאָן ווערן א באַשולדיקטער. אַנדערע געביידעס, וועגן אַנקעטעס, פאַרהערן, אָדער אויף א צייט איזאָלירן זענען געווען צעוואָרפן איבער דער גאַנצער שטאָט. ס'האָט לאַנג נישט געדויערט און יאָנעל איז געווען פאַרטאָן אין דער אַרבעט ביז איבערן קאָפּ. די טעטיקייט פון די פאַשיסטישע און פּראָפאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס האָט געהאַט איר אייגענע קאָמפּליצירטע געשיכטע. זי איז נישט געבוירן געוואָרן ווי א קעלבל אויף אמאָל. א קו קעלבט און דאָס וואָס קומט אַרויס איז א קעלבל; דאָס זעלבע מיט א צויג — זי לייִדיקט פון זיך אויס פּאַרטיקע הינטלעך. אַנדערש איז עס ווי באַוווּסט מיט א זשאַבע, איר אויסשייטעכץ מאַכט דורך א געוויסע מעטאַמאָרפאָזע. דאָס זעלבע איז געשען דאָ אין לאַנד מיט די פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס. מיט די איבעראַנדערשונגען וואָס זענען פאָרגעקומען זענען אַסך אָפּגעפאַלן און אַסך זענען אפילו געוואָרן קעגנער. די הויפּטגרופּירונג וואָס האָט געפירט אַן אינטענסיווע טעטיקייט אין די פאַרמלחמה יאָרן, ווי אויך אין דער צייט פון דער מלחמה, איז געווען אַן אָפּן פּילאָגערמאַנישע, האָט זיך געפונען אונטער דער נאַציסטישער השפּעה און נאָך דער מלחמה געפּרווט ווידער אויפשטעלן די אָרגאַניזאַציע פירנדיק אַן אונטערערדישע אַרבעט. דאָס זענען געווען אַזעלכע וועלכע פאַרלירנדיק יעדע האָפענונג האָבן זיי זיך געלאָזט אויפן וועג פון אַוואַנטורע און פּראָוואָקאַציע. דורכהאַלטן האָבן זיי געקאָנט נאָר אַדאַנק די באַציונגען וואָס זיי האָבן נאָך געהאַט אין דער באַפעלקערונג, מיט יענע וואָס זיי האָבן געקאָנט שרעקן מיט זייער פאַרגאַנגענהייט, דאָס הייסט מיט יענע וואָס זענען אמאָל געווען טעטיק אין איינער פון די פאָרגייערישע אָרגאַניזאַציעס אָדער טאַקע אין זייער אייגענער ווען זי איז געווען ביי דער מאַכט. אַזוי בערך האָבן אויסגעזען יאָנעלס מסקנות נאָך דעם וואָס ער האָט זיך א צייט דאָקומענטירט. דאָס איז נישט געווען שווער

פעסטצושטעלן אפילו נאָך א בקיצורדיקן אנאליז. אנדערש האָט עס אויסגע־זען אין דער פּראקטיק. זוכנדיק זיך אויסצופּלאָנטערן אין ים פון געוועזענע און פארגעוועזענע האָט עס אים געפירט צום אויסשפּרעטן דעם שטח פון זיינע אנקעטעס און מיט דער צייט געביטן זיין אָפּטיק. ס׳איז געווען א סאָרט קאָשמאַר, ער האָט אָנגעהויבן חושד זיין אלע אין פיינדלעכער טעטיקייט. ער האָט זיך אָבער באצייטנס געכאפּט און איז געוואָרן פאָרזיכטיקער.

דאָ מוז צוגעגעבן ווערן אז אין א געוויסער מאָס האָט אין זיין בלאָנדזשען געהאט זיין חלק — און נישט קיין קליינעם — שאָני. ער האָט יאָנעלן נישט קרי־טיקירט, נישט בלאמירט, נישט מער ווי צוגעאיילט מיט אומשולדיקע פראגעס: שווערער ווי אין די בערג, האָ? געפונען עפּעס אָדער מע בלאָנדזשעט נאָך? ווו האלטן זיי זיך אויף? דיר איז מסתמא לייכטער ווי אנדערע? דאָ קאָן העלפן די אייגענע דערפארונג. אומשולדיקע פראגעס אויף וועלכע געבן אן ענטפער איז נישט געווען מיגלעך ווייל יאָנעל און זיינע מענטשן האָבן געוווסט וועגן די פּאָר באנדעס וואָס האָבן געוויזוועט פונקט אזויפיל וויפל שאָני. זיך נישט דערשלאָגנדיק צו קיין קאָנקרעטע רעזולטאטן זיצנדיק אין דער צענטראלע, האָט יאָנעל באשטימט אז סע וואָלט געווען בעסער ער זאָל זיך מטריח זיין אויפן „טערען", דאָס הייסט דאָרט ווו די געשעעענישן — אויב געשעענישן זענען בא־מת פאראן — וויקלען זיך אָפּ. די געלעגנהייט האָט נישט פארשפּעטיקט זיך צו באווייזן. אין די צפון-מזרח ווע‏לדער האָט מען גערעדט זאָל „ארבעטן" א גאַר נעפערלעכע באנדע אונטער דער אָנפירונג פון א באקאנטן פאשיסט, פּעטרע. דאָס זיצאָרט פון דער באנדע זאָל זיך געפינען נישט ווייט פון דאָרף טשינאסבא באקאנט אלס א דאָרף פון אנשי בליעל, שלעכטע מענטשן וואָס לאָזן קיין מענ־טשן אריבערטרעטן די שוועל, אָפּגערעדט פון עפּעס געבן צום אונטערלייגען דאָס הארץ אָדער איבערנעכטיקן א נאכט. אזויווי אמאָל די מענטשן פון גבעה. יאָנעל האָט זיך אוועקגעלאָזט אין יענער געגנט מיטן געדאנק אז פון דאָרט מוזן ציען פעדים צו די איבעריקע באנדעס ווייל אויב זיי האָבן פּאָליטישע צוועקן איז נישט מיגלעך סע זאָל נישט זיין א פארבינדונג צווישן זיי.

זיינע מענטשן וועלכע ער האָט מיטגענומען האָבן אָנגעהויבן אויסשפּירן אין די דערפער זיך נאָכפרעגן וועגן איבערפאלן, הריגות און ער האָט איינגעאָר־דענט זיין שטאב אין א מיט טשינאסבא שכנישן דאָרף. די מיינונג פון זיינע אונ־טערגעאָרדענטע אז אפשר איז כדאי אביסל ווייטער פון סאמע נעסט, האָט ער אָפּגעוואָרפן מיט ביטול. דאָ האָט ער ווידער דערפילט אז ער מאכט היסטאָריע, אז כאפּן דעם בארימטן באנדיט-פאשיסט, פּעטרע, שטעלט מיט זיך פאָר אן אומגעהייערן זיג איבער אלע פינצטערע כוחות פון גאַר דער וועלט. ביים אוועק־

פאַרן האָט ער מיטגענומען דאָס נייטיקע געצייג: געווער, קאַרטעס, בינאָקלען, מעסערס, ווייסע, רויטע און בלויע ראַקעטעס צו סיגנאַליזירן. אין הויז וואָס ער האָט פאַרנומען ביי אַ פּויער האָט ער אויסגעשפּרייט די קאַרטעס אויף וועלכע ס׳האָבן זיך באַוויזן פאַרשידנפאַרביקע פענדלעך וואָס האָבן געדאַרפט אָנטייטן די אַרומיקע דערפער, די בערג און וועלדער, די מענטשן וואָס זענען אַהין אַרויסגעשיקט געוואָרן און אויך די לאַגע: רויק, אויפפעליק, סטראַטעגיש אָדער טאַקטיש וויכטיק, מיט איין וואָרט יאַנעל האָט זיך געפילט ווי נאַפּאָלעאָן פאַר אויסטערליץ.

אויב ס׳איז געווען לייכט אויסצושטעלן די פענדלעך וועלכע האָבן באַצייכנט דערפער און מענטשן איז די לאַגע פון די איבעריקע געווען אַ גאָר אַנדערע. זיי האָבן זיך אַרויסגעוויזן נישט זייער ניצלעכע. אויף שווייגעניש איז נישט גע- ווען פאַרגעזען קיין שום פאַרב און דאָ האָט מען געשוויגן. אַזאַ נישט באַטייליקן זיך פון דער באַפעלקערונג האָט ער זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן. דאָס וואָס האָט געדאַרפט זיין אַ פרידלעכע עקספּעדיציע האָט זיך אָנגעהויבן פאַרוואַנדלען אין אַ שטראָף-עקספּעדיציע — יאַנעלס מענטשן האָבן געוואָלט אַרויסרייסן מיט יעדן פּרייז די פּויערים פון אייגעשפּאַרטן שווייגן, פון זייער הינערפּלעט. האָבן זיי געריסן און זיך צו גאָרנישט דעררריסן. דאָס איינציקע וואָס זיי האָבן אַרויס- באַקומען זענען געווען „מעזאָגטן"— מע זאָגט אַז אייערנעכטן איז ער געווען אין יענעם דאָרף; מע זאָגט אַז פון די בערג האָבן זיך געהערט שיסערייען; פּעטרע? פאַראַן אַ סך פּעטרעס אין אונדזער געגנט, וועלכן איר זוכט ווייסן מיר נישט; ווען זיי זענען געוואָרן באַרעדעוודיקער האָבן זיי אָנגעגעבן גאָר נעפּלדיקע אָנווייזונגען: נעכטן אין דער נאַכט האָט מען ביי יענעם צוגעגנבעט די ציג, דאָס מוז זיין פּעטרע; ביי וואַסילען זענען פאַרשוואונדן די וואָריקעס מיט קעז, דאָס קאָן נישט זיין קיין אַנדערער ווי נאָר פּעטרע; פון אַ שטייג האָט מען אַרויס- געגנבעט דריי הינער, ס׳איז געוואָרן אַ גוואַלד אָבער קיינער האָט זיך נישט גע- וואַגט אַרויסצוגיין אין הויף, מ׳האָט מורא געהאַט טאָמער פּעטרע. די פענדלעך האָבן זיך געמערט אַרום טשינאַסבאַ אָבער אַריין אין דאָרף האָט זיך קיינער נישט געוואַגט, מ׳האָט עס אויסגעמיטן. אָנהייבן מיט טשינאַסבאַ האָט געקאָנט פירן צו אַ מיליטערישער אינטערווענץ און יאַנעל האָט פאַרשטאַנען אַז דאָס טאָר מען נישט, סע מאַכט אַ רעש, סע קאָן פירן צו אַ געפילדער און דערצו אַן אומזים- טיקס ווייל צו קיין רעזולטאַטן וועט עס נישט פירן.

יאַנעל האָט באַשטימט פאַרלאָזן דעם שטאַב און גיין אַליין אַ טאַפּ טאָן, דער- גיין דעם סוד פאַרוואָס סע שפּרייט זיך אַזאַ שווייגעניש אַרום דעם פּעטרע. ער איז נעגאַנגען אין איין דאָרף אין אַ צווייטן, געשמועסט מיט פאַרשידענע פּויערים,

צו קיין פֿאָדעם האָט דאָס נישט געפֿירט. אים איז אויפֿגעפֿאַלן וואָס דעמלט ווען ער באַגעגנט אַ פֿויער וואָס זעט אויס צו זײַן באַהאַוונטער ענדיקט זיך דער שמועס מיט אַ פּאָליטישן שמייכל, און עטוואָס איראָנישער. ניין, עפּעס ממשות־דיקס האָט ער זיך נישט געקאָנט דערווּיסן. געווירקט האָט אויף אים אַ שמועס מיט איינעם וועלכער האָט פֿון אָנהויב אויסגעזען צו זײַן אָפֿענער, מוטיקער און אײַנצייטיק אויך גלײַכגילטיקער — איינער וואָס האָט נישט מורא און האָט נישט פֿאַרוואָס. דאָס וואָס ער האָט זיך פֿון אים דערוווּסט איז נישט געווען מסוגל אים צו פֿאַרשאַפֿן פֿאַרגעניגן.

— דײַנע מענטשן, האָט אים דערציילט דער פֿויער, ווילן האָבן אַ פּעטרע און מיר ווייסן נישט פֿון קיין פּעטרע.

— וואָס הייסט איר ווייסט נישט, האָט זיך יאָנעל קוים אײַנגעהאַלטן ער זאָל אים נישט אַרײַנפֿאָרן, אָט האָט ער דאָך מיט זעקס־טעג צוריק בײַ אײַך גע־גנבעט אַ ציג. ס'איז אמת?

— אוודאי אמת, אָבער צי ער האָט געגנבעט ווייסט קיינער נישט. זינט דאָס דאָרף איז אַ דאָרף גנבעט מען ציגן. ציגן האָט מען געגנבעט מיט אַ סך יאָרן איי־דער מיר האָבן געהערט פֿון דעם פּעטרע.

— זינט ווען הערט מען פֿון פּעטרען, האָט אים יאָנעל געוואָלט כאַפּן בײַם וואָרט.

דער פֿויער האָט געצווייפֿלט צי זאָל ער ענטפֿערן צי שווײַגן. דער, האָט ער געטראַכט קוקנדיק זײַטיק אויף יאָנעלן, זעט אויס אַ גרעסערער פֿון די וואָס זענען געקומען ביז איצט און איינער וואָס לאָזט זיך רעדן. כּל־זמן ער שרײַט נישט, סטראַשעט נישט איז אפֿשר בעסער אים אויסזאָגן דעם אמת.

— זינט דײַנע מענטשן פֿרעגן אויף אים. דער ענטפֿער האָט יאָנעלן פּריטש־מעליעט. ער איז געבליבן אַזוי איבערראַשט אַז דער פֿויער האָט זיך דערשראָקן, געמיינט אַז ער האָט געזאָגט אַזעלכעס פֿאַר וועלכן ער וועט יאָרן לאַנג נישט זען די ליכטיקע שײַן. געווּנג פֿויערים האָט מען געוועקט שפּעט אין דער נאַכט, אָפּ־געפֿירט און מער נישט געזען. צום ערשטן זענען אים געקומען אויפֿן רעיון זײַנע שכנים האַנס, געאָרג און היינריך. פֿאַרנומען האָבן זיי נישט די לאָקאַלע אָרגאַנען נאָר די פֿון נײַעם פֿאַרבינדעטן וועלכער האָט געהאַלטן אַז דײַטש־אָפּ־שטאַמיקע געהערן נישט אַהער כאָטש זיי וווינען דאָ שוין זינט אַ פֿאַר הונדערט יאָר, אָדער אפֿילו ווען זיי געהערן יאָ אַהער זענען זיי סײַ ווי שולדיק אין דעם וואָס די דײַטשע אַרמייען האָבן אָפּגעטאָן. געווען שכנים געאַרבעט די ערד צוזאַ־מען און אין אַ נאַכט זענען זיי פֿאַרשוווּנדן מיט זייערע פֿאַמיליעס און מע ווייסט נישט וווהין זיי זענען אַהינגעקומען. דערנאָך זענען געקומען אויפֿן געדאַנק

נישט קיין דייטש־אַפּשטאַמיקע. יענע זענען פאַרשוווּנדן שפּעטער, אָן דער פאַמיליע, די פאַמיליע איז געבליבן. יענע האָבן אַוועקגעפירט די לאָקאַלע אַר־אַנען. ער האָט זיך דערמאַנט און זיך דערשראָקן.

— און פריער? האָט קוים אויסגעשטאַמלט יאַנעל.

— פריער האָבן מיר פון קיין פּעטרע נישט געהערט. דאָס הייסט, יאָ. אין וועלכן דאָרף געפינט זיך נישט אַ פּעטרע? אָבער זיי זוכן אַ פּעטרע ווענן וועל־כן מיר ווייסן נישט און האָבן נישט געהערט.

— און די שרפה אין בויעשטי האָבן אויך אויסגעטראַכט מיינע מענטשן?

— מיט שטרויענע דעכער און ליימענע קוימענעס זענען ביי אונדז שרפות נישט קיין נאָווענע. דעם פּויער האָט אויסגעזען אַז ער געווינט ביי דעם שטאָט מענטשן פאַרשטענדעניש און האָט זיך דערלויבט צו רעדן ווייטער, אין בויעשטי איז דער קוימען דווקא נישט געווען קיין לעמענער און דער דאַך נישט געדעקט מיט שטרוי. פאַראַן מענטשן וואָס צינדן אונטער די אייגענע שטוב ווען זיי קריגן זיך מיטן ווייב.

יאַנעל האָט אַ רגע געמיינט אַז דער פּויער מאַכט פון אים חוזק. דער פּויער האָט פאַרשטאַנען אַז דער שטאָט־מענטש איז נישט תופס, אַז נאָר אויפריכטי־קייט איז נישט גענוג, אַז ער דאַרף פּרוּוון, ווייל אויב ער האָט נישט געשוויגן, אויב ער האָט שוין יאָ גערעדט טאָ זאָל ער זאָגן ווייטער.

— אין שטאָט ווען איינער קריגט זיך מיטן ווייב, געשעעט ער זאָל זי שיסן און דאָס איז פאַר די שטאָט־לייט קיין גרויס ווונדער. ביי אונדז אויפן דאָרף האַקט ער איר אונטער די זייטן, צענעריקט זי, אָדער ער צינדט אונטער דאָס הויז. דאָס איז זיין זאַך...

— הער מיך אויס, האָט יאַנעל געזאָגט מיט אַ גאַנץ אַנדערן טאָן, זיין פּאַרטנער זאָל וויסן אַז דער שמועס איז צווישן גלייכע, הער מיך אויס, מיך אינ־טערעסירט דיין מיינונג וועגן דער מעשה מיט אָט דעם פּעטרע.

— מיין מיינונג האָט קיין שום ווערט. אין דעם האָבן מיך איבערצייגט דיינע מענטשן. זיי ווילן נישט וויסן וואָס מע מיינט און אויך נישט, האָב איך מורא, דאָס וואָס געשעט. זיי ווילן מע זאָל זיי זאָגן דאָס וואָס זיי האָבן פון פריער צו־געטראַכט, דאָס מיט וואָס זיי זענען געקומען.

— זיי אפשר ווילן נישט וויסן, איך וויל יאָ. וואָס מיינסטו וועגן דעם, איז צוגעשטאַנען יאַנעל.

דער פּויער האָט אָנגעהויבן פון ווייטנס, יאַנעל האָט אים געלאָזט רעדן.

— די מלחמה האָט זיך געענדיקט נישט לאַנג. פאַראַן דעזערטירן וועלכע האָבן מורא אהיימצוקומען. זיי ווייסן נישט צי מע וועט זיי באַשטראָפן אָדער

מוחל זיין. דער אמנעסטיע גלייבן זיי נישט. פאראן אויך אזעלכע וואָס האָבן זיך אָפּגעוווינט פון ארבעט. געפּלונדערט אין דער מלחמה, פּלונדערן זיי ווייטער. פאראן אויך אזעלכע וואָס האָבן זיך נישט וווהין אומצוקערן. ערד האָבן זיי נישט, א מלאכה האָבן זיי נישט געהאט ווען צו לערנען, טוען זיי וואָס זיי קאָנען, אָדער וואָס זיי געפעלט. דערפאר זענען מער איבערפאלן, מער גניבות.

— און פּעטרע?

— פּעטרע עקזיסטירט נישט. די היגע אָרגאנען האָבן זיך נישט געקאָנט ספּראווען מיט די וואָס בלאָנדזשען אין די בערג און וועלדער האָבן זיי אויסגעטראכט א פּעטרע און אים דיר אָנגעהאנגען.

יאָנעל האָט געקוקט אויפן פויער, זיך געפרעגט פון ווו נעמט זיך אזא בר-דעת. זיין אויסלייג איז ביז גאָר ראציאָנעל. זאָל קיינער פון אים נישט וויסן?

— האָסט געענדיקט די פאָלקס-שול? יאָנעלס פראגע איז געווען א דיווערסיע. נישט די שול האָט אים אינטערעסירט נאָר דער פויער, זיין שכל-הישר.

— כ'האָב געענדיקט די גימנאזיע, האָט זיך דער פויער צעלאכט, אָבער מיט געלעכערטע לונגען מוז איך בלייבן א פויער... כאָטש מיטן נאָמען.

יאָנעלן האָט זיך געוואָלט גלויבן דאָס וואָס דער פויער האָט אים געפּרוווט אויפקלערן, אין מאָמענט אבער ווען ער האָט געזאָגט „גימנאזיע" האָט אָפּגעענטפערט דער רעוואָלוציאָנערער רעפלעקס און אים איינגערוימט אויפן אויער: „זיי וואכזאם, אפשר אן אונטערגעשטעלטער!" ער האָט זיך געלאָזט גיין אָן א זיי געזונט. דער פויער האָט אים אונטערגעפירט אין הויף און נאָענט פון אויסגאנג געזאָגט מיט פאָרוואורף:

— פארוואָס א פויער כאָטש מיטן נאָמען, ווייסטו מסתמא אויך נישט. די וועלכע האָבן זיך געשלאָגן אויף דער אנדערער זייט גיט מען נישט קיין פּענסיע... זיי זענען ווייזט אוים אליין געגאנגען ווערן אינוואלידן. יאָנעל איז שטיין געבליבן, א קוק געטאָן צום בעל-הבית פון הויז און ערשט איצט באמערקט דעם גלאַנץ אין זיינע אויגן. נישט האָבנדיק וואָס צו ענטפערן האָט ער א צי געטאָן מיט די אקסל און איז אוועק מיט לאנגזאמע טריט.

דאָס איז נישט געווען דער איינציקער צווייפל-דאָרן וואָס האָט אים פארשטאָכן אין זיינע שמועסן איבער די דערפער. ער האָט באשטימט זיך ווענדן צו די לאָקאלע אָרגאנען און דאָ האָט זיך ארויסגעשטעלט אז קאָנקרעט ווייסן זיי ווייניקער פון די דאָרפס איינוווינער, אז מ'האָט זיך געיאָגט נאָך עפּעס א פאנטאָם. ער האָט געמוזט נידערן פון בוטשעפאל, צונויפנעמען די קארטעס מיט די פּענדלעך און זיך אומערקן א באזינגטער אין דער הויפט-שטאָט. זיין קאמפאניע האָט

זיך אויסגעלאָזט מיט א גענצלעכן דורכפאל. די מענטשן מיט וועלכע ער האָט זיך געלאָזט אין שלאכט האָבן אין אייניקע פאלן ארויסגעוויזן אן אכזריות וואָס האָט אָנגעוואָרפן א מורא אין דער באפעלקערונג און איינצייטיק אן אומחן לגבי דעם רעזשים וואָס האָט געהאלטן ביי איינשטעלן זיך. אויב ער זאָל אפילו געווען טראכטן צו א מיגלעכן דורכפאל איז די מפלה וואָס ער האָט געליטן געווען א פיל גרעסערע. שפעטער וועט אים איינפאלן אז פעטרען האָט געקאָנט אויסטראכטן טעקע אָדער שאָני בכבודו ובעצמו. אָבער דאָס וועט זיין אסך שפע-טער, אפשר נאָך דעם וואָס ער וועט האָבן פארבראכט א פאָר טעג אין שפיטאָל מיט איינעם אנגעל, אָדער פריער ווען ער גופא וועט זיין אונטער אן אנקעטע.

... — און אצינד, האָט געזאָגט שאָני, וועלן מיר באהאנדלען דעם לעצטן פונקט וואָס אויף אונדזער טאָג-אָרדענונג. דאָס איז געשען ביי דער פארזאמ-לונג פון די העכערע פונקציאָנארן פון דער ספּעצאָפּטיילונג. ס'איז געווען איינ-געפירט יעדע צוויי וואָכן דורכצופירן אזא פארזאמלונג אין וועלכע מ'האָט גע-רעדט נאָר וועגן אלגעמיינע פראגעס, די ספּעציפישע פלעג מען אנאליזירן אין די פארשידענע סעקטאָרן אין אָנוועזנהייט פון שעף אָדער פון זיינעם א פאר-טרעטער. דאָס האָט געהערט צו קאָנספּיראציע, ווייל אין א ספּעצאָפּטיילונג איז שעדלעך אלע זאָלן וויסן וועגן אלעם. דאָס מאָל האָט שאָני באשטימט צו מאכן אן אויסנאַם, ער האָט געהאלטן אז סע קאָן נוצן אלעמען אלס לערע און אפשר איז דאָס נישט געווען די איינציקע סבה.

— מיר וועלן זיך נישט ארייַנלאָזן אין פּרטים, ווייל ס'איז נישט דער פאל. מיר קאָנען אָבער נישט, נישט אויסניצן די געלעגנהייט צו וואָרענען אלע אויפן יסוד פון א קאָנקרעטער, צום באדויערן זייער נעגאטיווער עקספּעריענץ. סע גייט אין דעם וואָס דער חבר יאָנעל האָט אָפּגעטאָן אין די לעצטע וואָכן אין א געגנט ווו דער שונא וועגדט אָן אלע מיטלען אונדז צו קאָמפּראָמיטירן. שיקן אין אזא פאל אומדערפארענע מענטשן, זיי נישט קאָנטראָלירן אויף יעדן טריט קאָן נאָר א היץ-קאָפּ. ער האָט געוואָרפן א בליק אויף יאָנעלן, א צי געטאָן די הויזן, אזא טבע ביי אים, ווען ער רעדט ציט ער פון צייט צו צייט די הויזן, א שמייכל געטאָן און איבערגעחזרט, יאָ, יאָ, א היץ-קאָפּ. זיך נישט דאָקומענ-טירט ווי סע באדארף צו זיין האָט דער חבר יאָנעל גענומען א גרופּע מענטשן און זיך מיט זיי געלאָזט זוכן א פאנטאָם, אן אויסטראכטעניש. זאָל מען געווען רעדן מיט די מענטשן ווי סע באדארף צו זיין וואָלט די געשיכטע זיך גע·ועזן אויפגעקלערט אין איין טאָג. היץ-קעפּ האָבן א טבע צו מאכן פון יעדער נאריש-קייט א פראגע פון וועלכער סע הענגט אָפּ דער גאנג פון דער געשיכטע. זיי האָבן

ליב זיך צו געפונען אין צענטער פון די געשעענישן און גייען ביז צו פארוואנדלען יעדע נארישקייט אין א צענטראלער פראגע. ער האָט געמאכט א לאנגע פויזע, די פארזאמלטע האָבן געוואַרט סע זאָל פאלן א שווערע שטראָף. קיין דיסקוסיעס וועלן מיר דעריבער נישט פירן, האָט ער ווייטער גערעדט, מיר זענען זיכער אז דער חבר יאָנעל מיט זיין דערפארונג און מיט זיין סטאזש קאָן אליין איבער־טראכטן און אנאליזירן אויטאָקריטיש דעם באגאנגענעם פעלער, געפינען די סבות וואָס האָבן געפירט דערצו, סיי די וואָס ליגן אין זיין נאטור, אין דעם זיך נישט אָפּטרייסלען פון פארשידענע איבערבלייבעכצן אין זיין אויפן דענקען. מיר האלטן אז דאָס מאָל זאָלן מיר אים ווידער גיבן די מיגלעכקייט צו פארריכטן דעם באגאנגענעם פעלער און אים לאָזן ווייטער ארבעטן אויף זיין פּאָסטן. מיר זענען איבערצייגט אז ער וועט זיך ספּראוועון.

יאָנעלן איז נישט געווען קלאָר צי איז דער „ווידער“ א „לאפּסוס לינגווע“ אָדער א וואָרנונג אז דער פעלער איז נישט דער ערשטער און אויב עפּעס וועט מען דערמאָנען אויך פריערדיקע נישט גענוג דורכגעטראכטע שריט.

# 3. די באָרשט־פאַבריק

געקומען פון טשינאַסבאַ האָט יאָנעל באַמערקט א פּנים־חדשות, א נייעם מיטאַרבעטער. אין דער צייט וואָס ער איז געווען אין צפון־מזרח איז געקומען פון צפון־מערב, יאָסיף דאַווידאָוו.

... נישטאָ א שטעטל וואָס זאָל נישט האָבן אין דער נאָענט א באַרג און נישטאָ, דאַכט זיך, א שטעטל וווּ קינדער זאָלן נישט געווען זינגען: אויף א הויכן באַרג, שטייען צוויי דייטשן, מיט די לאַנגע בייטשן, קורצע הויזן טראָגן זיי, רויטע היטלעך האָבן זיי... כאָטש די בערג זענען נישט שטענדיק הויכע, פאַר קינדער אָבער איז יעדער באַרג א הויכער, פאַר א קינד איז אַפילו א טאַטע א קאַרליק, הויך.

הינטער לאָבאַרד איז דאָ א באַרג, וואָס זעט אויס ווי א גרויסע נאָר וואָס אויפן ברעטל איבערגעקערטע מאַמעליגע, נאָך קיין צייט נישט געווען עמעצער זאָל נעמען א שפּאַגאַט אָפּשניידן א שטיק, דאָס קנייטן אין זיין ריזן דלאָניע און טינקען אין א מילטער מיט צעדרויבלטן געזאַלצענעם שאָף־קעז. קווער דעם באַרג לויפן א פּאָר סטעזשקעלעך, זומער געלע ווינטער אַש־גרויע. אויך הינטער יאָסלס שטאָט־אָרט זענען פאַראַן בערג. דאָרט זענען זיי גאָר אַנדערע — שפּיצעדיקע ווי קוטשמעס, רייטן זיי איינער אויפן צווייטן ביז העט ווייט, ווייט, ביז דעם פּלאַץ וווּ זיי שפּאַרן אונטער דעם הימל. וואָלט יעקב אבינו זיך צוגעלייגט אויפן באַרג, וואָס ביים האַריאַנט וואָלטן די מלאכים נישט געווען גע־דאַרפט קיין לייטער אַרויפצוקלעטערן און אַראָפּצונידערן. דער הימל איז דאָרט און זיי וואָלטן געפּלאַטערט מיט די פליגל און געוואָרקעט ווי טויבן אַרום דעם טויבנשלאַק. אויך אויף די בערג און בערגלעך שלענגלען און קרייצן זיך סטע־זשקעלעך, אַסך מער ווי אויפן לאָבאַרדער באַרג. פאַר יאָסלען — ער איז נאָך דעמלט געווען יאָסעלע — האָט דאָס געוועב פון די סטעזשקעלעך שטענדיק געטראָגן אין זיך עפּעס סודותדיקס. מיט זייער כוואַליען, פאַרשווינדן און ווי־

דער באוויי‌זן זיך אַן אַנהייב און אַן סוף פֿאַרמאָגן אַט די סטעזשקעלעך אַלע אַט־ריבוטן פֿון נישט צו דערגרייכן, נישט תּופֿס צו זיין, נישט צום פֿאַרשטיין. זיי שטימען צו חלום, צו שוועבן אין די פֿאַרבאַהאַלטנסטע וועלבענישן פֿון הימל און ערד. גאַנצע טעג האָט יאָסעלע געקאָנט זיצן און קוקן צו די סטעזשקעלעך — דער חלום איז געווען איז דער זעלבער צייט אי פֿאַרכאַפּנדיק, אי אויס־טערליש, ווארעם און קיל אז מ'האָט זיך נישט געקאָנט אָפּרייסן. נישט אַזוי יאָנעל, ער האָט די סטעזשקעלעך וואָס אויפֿן בארג הינטער לאָבארד כמעט נישט באַמערקט, און ווען יאָ האָט ער געוווסט באַשייד וו ס'איז זייער אָנהייב און וו זייער סוף, פֿון וועלכן דאָרף זיי לויפֿן ארויס און צו וועלכן זיי איילן. אפשר איז עס אַ שאָד פֿאַר אים, פֿאַר יאָנעלן, אפשר ווען ער זאָל זיך געווען צוקוקן צו זייער קרומקייַלעכדיקן שלענגלען זיך וואָלט ער זיך געווען צו מאָל דערמאָנט אין זיי און פֿאַרשטאַנען אַז נישט גענוג איין לעבן אויף דורכצומאַכן דעם קאָמפּלי־צירטן וועג וואָס זיי ווייזן אָן. און אפשר איז בעסער אַזוי — מוזן דאָך עקזיס־טירן אויך מענטשן וועלכע כאַפּן זיך ביים סאַמע סוף אַז געווען איז עס נישט מער ווי אַן איין זיגזאַג זיך ברעכנדיק סטעזשקעלע...

אויף אַזעלכע זיגזאַגן האָט זיך אָפּגעוויקלט אויך יאָסל שמואל־דודס וועג ביז ער איז אריבערגעטרעטן די שוועל פֿון יערעמענקאָס קאָנטאָרע און אפשר נאָך מער נאָך דעם וואָס ער איז פֿון דאָרט ארויסגעקומען אַלס יאָסיף דאַווידאָוו, מיט ספּעץ־שליחותן און אין אים האָט געטליעט דער באַגער צו באַקומען דאָס גרויסע שליחות און אפשר נאָך מער אַצינד ווען ער וויל אָנצייכענען מיט דער אייגענער האַנט די טראַיעקטאָריע פֿון זיין סטעזשקע ווייל נאָר אַזוי איז מען בעל־הבית איבער זיך און איבער דער וועלט. די באַגעגעניש מיט אסתר גוטען האָט אים אַזוי צערודערט אַז מיטן וועג אין דער הויפּט־שטאָט וו ער האָט זיך געדאַרפֿט מעלדן אין אַ באַרשט־פֿאַבריק האָט ער פֿאַרלוירן עטלעכע טעג. נישט אַזוי ווייל אין יענע נאָכמלחמה טעג זענען די באַנען געגאַנגען וויאַזוי ס'האָט זיך געלאָזט און געקראָכן ווי פּוילע־רוילעס. ניין, ער האָר פּשוט פֿאַרלוירן דעם קאָמפּאַס, זיך געטרייסלט אין די וואַגאָנען אַן אָפּוועזנדער אַ ליידיקער מוח, נעפּלדיקע געדאַנקען, אָן אַ ציל — ער האָט אים פֿאַרגעסן. ער האָט עטלעכע מאָל געמוזט אַראָפּ פֿון וואַגאָן, ווארטן אויף אַן אַנדער צוג ווייל ער איז פֿאַרבייגעפֿאָרן די סטאַנציע וו ער האָט געדאַרפֿט בייטן די ריכטונג, זיך איבערזעצן אויף אַן אַנ־דערן. ער האָט אַלץ געטאָן ווי אַן אווטאָמאַט וואָס איז אָנגעדרייט אויף אַן אומ־זיניקן מאַרשרוט און ער פֿירט אים אויס פּונקט נאָך פּונקט. ער האָט נישט געקאָנט שלום מאַכן מיט געדאַנק אַז ס'האָט אים אַזוי געקאָנט טרעפֿן. אַז דאָס וואָס קאָן נישט באַצייכנט ווערן מיטן וואָרט אומגליק האָט זיך אין אים

אזוי ווילד נוקם געווען אָן א פּארוואָס, אז אלע זיינע אייגענע און נאָענטע זענען אוועקגעריסן געוואָרן אויף אלע אייביקייטן, אז קיינער, קיינער איז נישט געבליבן אז פון דער גאנצער פאמיליע האָט געקאָנט בלייבן נאָר ער איינער. איז ער געפאָרן מיט א פארלווירענעם ציל ביז ער איז ווידער אָנגעקומען אויף דעם קליינעם וואָקזאלעכל פון וועלכן ער איז אָפּגעפאָרן מיט א פּאָר טעג פריער. דערזען דאָס שילדל האָט ער זיך אויפגעכאפּט ווי פון א קאָשמאר און זיך דערשראָקן: וואָס קאָן דאָס באטייטן, האָט ער זיך געפרעגט. ווי קום איך אהער? ער איז אראָפּ פון וואגאָן, געווארט ביז די באן איז אָפּגעגאנגען און אוועק בלאָנדזשען איבער די גאסן נישט זוכנדיק קיינעם און גאָרנישט. אויב ס'האָט אים געבראכט אהער מיט א צוועק מוז זיך דאָס וואָס איז צו זען אליין באווייזן. ער האָט געזוכט אָפענע טירן אָדער פענצטער, ער האָט געקוקט אויף ווענט און טארנאצן, פון צייט צו צייט שטיין געבליבן, געשארט מיטן שפּיץ שטיוול דעם פּאָרעך וואָס אויף דער גאס גלייך ווי אונטערן שטויב וואָלט זיך געפינען עפּעס אזוינס וואָס קאָן אויפקלערן דעם זין פון זיין קומען אהער. נישט אָפּגעבנדיק זיך קיין חשבון האָט ער אויסגעמיטן משה-לייזערס שטוב, די איינציקע אין וועלכער ס'ע אָטעמט נאָך עמעצער פון יענע פאר וועלכע דער אמאָל איז א פלייש-און-בלוטיקער און נישט נאָר אן אבסטראקטער באגריף. דער עמעצער איז אים איבעריק, ער דאַרף נישט עמעצן, אים פעלן אלע אָדער גאָרנישט. ער האָט זיך אומגעקערט צום וואָקזאלעכל וואַרטן אויף א באן וואָס קאָן אים דערפירן אין דער הויפּט-שטאָט אויפן פּערראָן איז געשטאַנען איציקל. זיי האָבן זיך איבערגעקוקט און יעדער פון זיי האָט געוווסט אז ס'איז נישט וואָר אז ס'איז נאָר א חלום, אז דאָס זענען צוויי געשפּענס-טער, צוויי מתים אין מאָדנע תכריכים, איינער בצורת מיליטער-מאַן און איינער בצורת ציוויליסט, אז אין דער ווירקלעכקייט זענען עס אנדערע ווייל נישט אי-ציקל און נישט יאָסעלע זענען נישט מער אזעלכע ווי געווען, זיך שפּילנדיקע אויף דער ראָגאטקע, זיך קנאפּנדיקע אונטערן טיש אין חדר, אָדער זוכנדיקע וועגן וועלכע זאָלן זיי ארויספירן פון שטעטלישער-קליינשטעטלדיקייט ווייל אזעלכע וועגן זענען נישטאָ, דער איינציקער וועג איז צו ברענענדיקע אויוונס און זיי זענען אין איינעם פון זיי פארברענט געוואָרן צוזאמען מיט אלע אנדערע. ס'האָט זיך דערהערט דער פייף פון א לאָקאָמאָטיוו אָבער זיי האָבן זיך נישט גע-רירט פון פּלאַץ, נישט ווען ער האָט זיך צוגעשלעפּט צום וואָקזאל און אויך נישט ווען ער איז אָפּגעפאָרן. ס'האָט ביי זיי אָפּגענומען די מיגלעכקייט זיך צו באוועגן. זיי האָבן ביידע נישט געפאָלגט דאָס געבאָט נישט צו קוקן אויף צוריק און זענען געבליבן פארשטיינערטע און האָבן ביידע געטראכט צו דעם וואָס איז געשריבן „אל תביט אחריך" און האָבן געזען א מאסע מענטשן מיט אויסגע-דינענע אָדער באבולמעטע אויגן ווייל וואָס ס'איז אזוינס סנורים האָבן

זיי קיינמאָל נישט געוווּסט, אַז אַסך פון זייערע אייגענע און נאָענטע זענען געש־לאָגן געוואָרן מיט דער זעלבער בלינקדייט וואָס קומט פון סדום האָבן זיי אויך נישט געוווּסט און די ערשטע ווערטער וואָס זיי האָבן צוזאַמען אַרויסגערעדט זענען געווען: „נישט געפאָלגט דעם מלאך און געקוקט אויף צוריק" און זענען ווידער געשטאַנען פאַרשטיינערטע אַ שעה אָדער צוויי. ס'איז צוגעפאַלן די נאַכט אין שטעטל האָבן אויפגעלעבט פענצטער, אַצינד האָט מען געקאָנט גיין אָנקלאַפּן אין אַ טיר און פרעגן: „איה האנשים", ווו זענען די וואָס זענען געווען מענטשן ווי איר, אָבער געגאַנגען זענען זיי נישט אפשר ווייל זיי האָבן געוווּסט אַז ס'איז נישטאָ אויף דער וועלט אַזויפיל פּעך און שוועבל וויפל מע וואָלט געדאַרפט אויף צו באַשטראָפן יענע וואָס האָבן געטאָן און יענע וואָס האָבן געוווּסט, געלאָזט טאָן און נישט אויסגעהויכט די נשמה צוזאַמען מיט אַ וויינגעשריי. אויפן הימל האָט זיך באַוויזן אַ לבנה־שנירעלע און איציקל האָט געזאָגט גלאַט אַזוי ווייל ס'האָט אים דערמאָנט אַן עדה יידן: כשם שאני רוקד כנגדך...

— ביסט מחדש די לבנה? האָט געפרעגט יאָסל און פאַרגעסנדיק אַז זיין איך איז אָנגעטאָן מיט אַן אוניפאָרמע, ווייל לעבן איציקלען אין אָנהויב נאַכט האָט ער זיך פּלוצעם דערפילט אַ צעניאָריק יינגעלע און געוואָלט אַ צי טאָן די הייזלעך.

— ניין, כ'וויל זי מחדש זיין אָדער זען ווי מ'איז זי מחדש... אגב, דו ווייסט, מיר דאַכט אַז דאָס איז נישט קיין יידישער מינהג, מיר האָבן אים ווייזט אויס מיטגעבראַכט פון מצרים.

— וואָס פאַלט דיר פּלוצעם איין?

— לעבן מוז מען. נישט יידישע מינהגים דערלויבט מען אומעטום, זיי הייסן נישט געצנדינערייי נאָר פאָלקלאָר און אונטער דעם דעקל מעג מען טאָן אַלץ. לעבן ווייל איך נאָך דאָרט ווו סע זענען פאַראַן יידן און מע דערקענט זיי לויט געצנדינערישע מינהגים.

ס'האָט זיך ווידער געהערט אַ פייף פון אַ לאָקאָמאָטיוו — אַן עשעלאָן רוסישע זעלנער אויפן וועג אהיים. דער באַן איז געשטאַנען מער ווי אַנדערע, די אָפּי־צירן זענען געלאָפן לענגאויס די וואַגאָנען אָפּגעגעבן אָרדערס.

„כ'וואָלט זיך געקאָנט אַרויפכאַפּן", האָט אַ טראַכט געטאָן יאָסיף דאַווידאָוו און אינסטינקטיוו אַ צי געטאָן דעם רימען.

— פאָר, האָט געזאָגט איציקל. מיין ריכטונג איז אַן אַנדערע.

— וווהין?

— כ'ווייס נאָך נישט פּינקטלעך. ער האָט יאָ געוווּסט. בי אים איז די ריכ־טונג שוין געווען אַ באַשטימטע זינט עטלעכע טעג, אָבער זעענדיק יאָסלען זיך אַראַנזשירנדיק ווי אַ אמתער אָפיציר איז אים איינגעפאַלן אַז אפשר איז בעסער

נישט צו זאָגן סע קאָן שאַפן פּראָבלעמען אפשר גאָר געוויסנס פּראָבלעמען.
כאָטש אזוי האָט ער צוגעגעבן: אַלנפאַלס נישט איירעפּע, סדום האָט צוגעגעסן.

אָנגעקומען אין דער הויפּט-שטאָט איז יאָסיף דאווידאָוו פארנאכט. ער האָט געפונען אין א האָטעל א באקוועם צימערל מיט א באַד. אינדערפרי האָט ער אָנגעטאָן ציווילע קליידער — ווי ס'איז געווען אָפּגערעדט — און זיך גע-לאָזט זוכן אויפן אָנגעוויזענעם אדרעס די באַרשט-פאבריק. ער האָט א צייט געבלאָנדזשעט, נישט געוואָלט צו פיל פרעגן, ביז ער האָט זיך ענדלעך אָפּגעשטעלט ביי דעם זעלבן הויז אין וועלכן ס'האָט זיך געיאָוועט מיט א פּאָר חדשים פריער יאָנעל. פאר דער צייט האָט מען די געביידע צופאַרריכט, אויסגעפּוצט, אזוי אז זי האָט געמאכט דעם איינדרוק פון א פּריוואַטן אָסאָבניאַק, אָדער א פאבריקאנטס א ווילע.

„א מאָדנע באַרשט-פאבריק", איז איינגעפאַלן יאָסיפן. געוווינט געווען צו זוכן שטיבער וואָס זאָלן כאָטש פון דרויסן אויסזען וואָכעדיק, זיך נישט אויס-טיילן פון די איבעריקע, אָן באזונדערקייטן און אָן סימנים. נאָך מער האָט אים געוווּנדערט דער אויסזע פון דער געביידע ווייל געוויינטלעך האָבן די אָנגעגעבענע אדרעסן געדאַרפט כאָטש פון ווייטנס סאַמעווען מיט דעם וואָס מע זאָגט, אויב סע וועט אויסקומען צו פרעגן זאָל דער אונטערשיד פון דעם וואָס מע זאָגט און פון דעם וואָס ס'איז זיך נישט אזוי ווארפן אין די אויגן. עפּעס אנדערש „יאָוו-קעס" אָבער אויך אין פאַל פון יאָווקעס האָט מען שטענדיק אין זינען געהאַט סע זאָל בלייבן אָן אויסוועג. „ווייזט אויס אנדערע צייטן, מע קאָן זיך דערלויבן א וויץ". ער האָט אָנגעקלונגען, געעפנט האָט דער זעלבער שומר און ווען יאָסיף האָט גענאָגט דעם נאָמען, אים תיכף אריינגעלאָזט. לעבן שומר איז געשטאנען א צווייטער געקוקט אין ליסטעס און ווען ער האָט געפונען דעם נאָמען, אויפ-געהויבן די אויגן פארוווּנדערט.

— איר האָט פּאַרשפּעטיקט!?

— ניין, כ'האָב נישט פארשפּעטיקט. יאָסיף דאווידאָוו האָט נישט געקאָנט צוגעבן פאר איינעם וואָס שטייט ביים איינגאנג אז ער איז באַגאנגען א פעלער אפילו ווען ער איז אים באגאנגען. אזעלכע טאָרן זיך נישט דערלויבן מיט אים טרייבן פאניע-בראַטסטווע און דאָס דאַרפן זיי וויסן פון סאַמע אָנהויב. דער שומר האָט זיך אוועקגעדרייט און דער פון לעבן אים האָט געמאכט א גרי-מאַסע ווי איינער רעדט: „ווילסט נישט דאַרף מען נישט", ווייטער געקוקט א רגע אין די ליסטעס און ווען ער האָט ווידער אויפגעהויבן דעם בליק איז ער גלייך

ווי געוועזן אַן אַנדערער. יאָסיפן איז אויפגעפאַלן די ווייסקייט פון זיין הויט, עפּעס אַ נישט נאַטירלעכע.

— לאָמיר זאָגן אַז איר האָט יאָ פּאַרשפּעטיקט און איר האָט געהאַט גרונט־לעכע סבות דערצו חבר דאַווידאָוו. זייט מוחל קומט מיט מיר.

טעקע האָט אָפּגעפירט דאַווידאָוון צו זיך אין ביוראָ, אים אָנגעוויזן אַ בענקל און פאַרגעשלאָגן זיצן. שוין איבער אַ וואָך זינט מ׳האָט אָנגעזאָגט אַז יאָסיף דאַרף זיך מעלדן און ביז איצט קיין סימן. מ׳האָט שוין אָנגעהויבן איבער־טראַכטן אַז מיט אים איז עפּעס געשען. ראַפּאָרטירן אַז ער האָט זיך נישט גע־מאָלדן האָט טעקע נישט געוואָלט — סע קאָן מיגלעך זיין אַז יענע האָבן נאָך מיט אים אַן אַרבעט. אַליין אים אַ זוך טאָן, מיט זיינע מענטשן, האָט ער נישט געקאָנט ווייל ער האָט נישט געהאַט קיין שום סימנים און אויך נישט אַ בילד. נאָך צוויי טעג האָט ער דאָך עפּעס אונטערגענומען. ער האָט צווויסן געגעבן זיין מענטשן אין דער געגנט ווו יאָסיף איז געבוירן און זיך דערוווסט וועגן זיין ווי־זיט אין שטעטל. וואָס דאָרט איז געשען איז אים געווען באַקאַנט אָבער ס׳איז נישט אין זיין טבע זיך צו לאָזן באַהערשן פון סענטימענטאַליזמען. ווען דאַווי־דאָוו זאָל געווען קומען דעם צווייטן טאָג נאָך דעם וואָס טעקע האָט זיך דערוווסט ווו ער איז אהינגעקומען וואָלט ער געווען אָפּגעשניטן. אַזיווי סע זענען אַדורך נאָך דריי טעג האָט טעקע געהאַט צייט זיך צו באַטראַכטן. ער האָט שוין געוווסט אַז פון יאָסיפס פאַמיליע איז קיינער נישט געבליבן און ס׳האָט אים געשמייכלט אין זיין פאַל אַרויסצווייזן פאַרשטענדניש פאַר מענטשלעכע ליידן. געשיקט איז יאָסיף פון אַזעלכע אָרגאַנען וועלכע אויך ער טעקע איז אונטערוואָרפן און מיט זיי איז בעסער נישט איינצוריסן. פאַרקערט, דאָס קאָן ווערן אַ געלעגנהייט אַרויסצווייזן זיין אויפמערקזאַמקייט און גוטמוטיקייט ווען ס׳איז די רעדע פון מענטשן וועלכן זיי האָבן באַוויליקט צו שיקן.

— פאַרוואָס האָט איר אַזוי פאַרשפּעטיקט?

יאָסיף האָט געמיינט אַז דאָס איז דער בעל־הבית. דער באַשיידענער ביוראָ שפּילט דאָ קיין ראָלע. דאָס האָט ער געלערנט נאָך ביי יערעמענקאָן.

— אין דער היים, האָט ער געענטפערט גלייך ער וואָלט זיך אַנטשולדיקן.

— און קיינעם נישט געפונען, האָט געזאָגט טעקע מיט אַזאַ מיטגעפיל אַז יאָסיף האָט זיך געמוזט נענטער איינקוקן אין זיין ווייס אומאויסדריקלעך פּנים. ניין, ער האָט אַ טעות געהאַט. דאָס פּנים קאָן אויסדריקן אַ טיף מענ־טשלעכע סענסיטיווקייט, אַ האַרץ וואָס קאָן ליידן פאַר אַן אַנדערן. ס׳איז פאַר־שטענדלעך, האָט ווייטער גערעדט טעקע, נאָך אַזאַ קלאַפּ קאָן מען שווער קומען צו זיך. דאָ גייט דאָך נישט נאָר אין דער אייגענער פּערזאָן. ווען ס׳איז די רעדע פון

דיר גופא איז עס גאָר אנדערש, אָבער פארלירן אלע אייגענע און אויף אזא אופן איז באמת שווער איבערצוטראָגן. דאָס מאָל האָט טעקע גערעדט אויפריכטיק ווייל ווען ער האָט געזאָגט אייגענע האָט ער געטראכט צו זיין טעכטערל, זיין איינציקע שוואכקייט, וועלכע ער האָט זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן אז זי וואָלט אמאָל געקאָנט אויסגעשטעלט ווערן מענטשלעכער אכזריות. אכזריות ווען סע באלאנגט זיין טעכטערל, אנדערש...

— כ'האָב געוווסט אז איר וועט מיט מיר ארויסווייזן פארשטענדעניש. יאָסיף האָט נאָך געוואָלט עפּעס זאָגן אָבער זיך באצייטנס באטראכט ווייל דאָס וואָלט געווען געהייסן אז דאָס איז ער וועלכער פארלאָזט דעם סוביעקט און פאר־לאָזן סוביעקטן איז אין רשות פון בעל־הבית.

— אפשר דארפט איר נאָך א פּאָר טעג אויף צו קומען צו זיך?

— ניין, האָט זיך געאיילט מיטן ענטפער יאָסיף ,צו זיך קומט מען לייכטער אין דער ארבעט, אין קאמף נעמט מען נקמה.

טעקע האָט געוואָרפן א בליק פון יענע וואָס פארקילן די געבליטן, אָבער נאָר א טיילעכל פון א רגע ווייל ער האָט זיך בליץ־שנעל באטראכט: „מע דארף נישט“. דער בליק האָט אויפגעפלאמט ווייל ס'האָט אים נישט געפעלן מע זאָל אים לער־נען וויאזוי ס'איז אין קאמף און פאר וואָס מע נעמט נקמה. זיין קאמף איז גע־ווען אן אבסטראקטער ער האָט געהאט זיינע אייגענע פאָרשטעלונגען וועגן דעם צוליב וואָס מע קעמפט. ער האָט זיך באטראכט ווייל ער האָט געדארפט אָפּלייגן, זיך צוערשט באקענען מיטן פארשוין.

— אין אלגעמיין גענומען, האָט ער געזאָגט ציילנדיק יעדעס וואָרט, איז עס אזוי, אָבער נאָר אין אלגעמיין, פּראקטיש זעט עס אויס אנדערש. איבער־הויפּט אצינד ווען די מלחמה איז געבליבן ארונטער, ווען די שלאכטן ווערן נישט מער געפירט מיט ביקסן און הארמאטן. נישט מער קיין צייט פאר „פּאר־טיזאנשטשינע“. אָבער לאָמיר גיין צום שעף. און ער האָט זיך אויפגעהויבן.

אויך יאָסיף האָט זיך אויפגעהויבן אָבער אנדערש. ער האָט דערפילט א שוואכקייט אין די ביינער. זיי האָבן אים פּלוצעם אָנגעהויבן ברעכן. ער האָט זיך אָפּגענארט, ער האָט זיך אנטשולדיקט, געוואָלט פארשטענדעניש נישט פון דעם וואָס מע דארף. דער שעף איז גאָר אן אנדערער, דער דאָ איז אפשר נישט מער ווי דאָס פינפטע ראָד צום וואָגן. שפּעטער וועט ער זיך דערוויסן אז ער האָט זיך דווקא נישט אָפּגענארט. דער שעף איז טאקע שאָני אָבער דער וואָס פירט אָן מיט דער אָפּטיילונג איז נישט שאָני נאָר טעקע און פירן פירט ער ווי איינער וואָס האָט א גרויסע דערפארונג אין אזעלכע אָפּטיילונגען און כאָטש אים דירעקט וועט עס נישט טרעפן וועט ער זיך דערוויסן ווי וויט זיין האנט גרייכט און ווי

שוועד זי קאָן א קלאַפּ טאָן. אָבער דאָס וועט זיין אסך שפּעטער ווען ער, דאַווי־דאָוו, וועט אָנהייבן צווייפלען אין טעקעס שליחותן.

ביי דער טיר פון שאָנים ביוראָ האָט טעקע אָפּגעטרעטן דעם איינגאַנג יאָסיפן, און יאָסיף האָט ווידער נישט פאַרשטאַנען — ער האָט געפּסקנט אז טעקע איז טאַקע א פינפטע ראָד, טעקע אָבער האָט דאָס געטאָן ווייל ער איז נאָך נישט געווען זיכער צי יאָסיף וועט באַשטעטיקט ווערן אויף דער אַרבעט צו וועלכער ער האָט געטראַכט; ס׳איז מיגלעך שאָני זאָל זיך נאָכפרעגן ביי די וואָס האָבן אים געשיקט צי זיי האַלטן אז די פונקציע פּאַסט פאַר דעם פאַרשוין. דאָ האָט מען וועגן זיין פאַרשפּעטיקונג נישט גערעדט, טעקע האָט זי פאַרענטפערט מיט קורצע געשעפטס—מעסיקע ווערטער — דער חבר האָט געהאַט צו דערליידיקן א פּראָבלעמע. ער האָט געוואַרט שאָני זאָל זיך מיט אים באַקענען, פרעגן ווי זיין שטייגער איז וועגן סאָציאַלער אָפּשטאַמונג, נאַציאָנאַליטעט און געזונט צושטאַנד. שאָני האָט געפרעגט און ווי זיין שטייגער נישט געוואַרט אויף אויספירלעכע ענטפערס און זיך ווענדנדיק צו טעקען:

— וועגן וואָס האָסטו געטראַכט?

— שוין א לאַנגע צייט אז מיר האָבן צרות מיטן יידישן סעקטאָר. דאָרט ביי זיי טוט זיך א גאַנץ איבערקערעניש מיט לייענער, לאָקשן און הינדלעך. זיי האָבןביידע געלאַכט פון דעם מאָדנעם לשון, יאָסיף האָט זיך געפילט אינגאַנצן אויסער דעם שמועס, ער האָט נישט פאַרשטאַנען וועגן וואָס מע רעדט. נישט לענגאַל האַנדלען, האָט טעקע ווידער גערעדט זייער ערנסט, מיט וואַלוטע און מיט גאָלד איז א נעפערלעך געשעפט, סע פירט צו דוביאָזע באַציונגען, סע שאַפט א גינציקן באָדן פאַר אונדזערע קאָנקורענטן, האָט ער דערקלערט יאָסיפן.

— א זייער גוטער איינפאַל און דער חבר זעט אויס ווי אָנגעמאָסטן דערצו, האָט געזאָגט שאָני און ווי טעקע האָט פאָרגעזען האָט ער גענומען דאָס טרייבל. ער האָט אויסגעלייגט דעם ענין מיט א באַזונדערן ערנסט. אין דער צייט וואָס ער האָט אָפּגעלייגט דאָס טרייבל האָט ער זיך אויפגעהויבן פון שטול, דאָס וואָס ס׳האָבן אויך געטאָן טעקע און יאָסיף. נו, יאָסיף דאַווידאָוו, צו דער אַרבעט און דערפאָלג.

שאָני האָט נישט געשאַצט דעם סעקטאָר. ער איז געווען ווייניקער באַהאַוונט ווי טעקע אין דער אַרבעט פון דער אָפּטיילונג. ער האָט נישט תופס געווען וואָס פאַר אַן אַרבעטס־פעלד דער יידישער סעקטאָר שטעלט מיט זיך פאָר, וואָס מע קאָן מיט אים אויפטאָן און אָפּטאָן, וואָס פאַרא אומדערשעפּלעכע פּערספּעקטיוון סע ליגן אין אים. נישט אַזוי טעקע.

— א צייט וועט אויסקומען זיך דרייען אין שילן, בתי מדרשים און אפילו אין מקוואות, האָט טעקע אָנגעהויבן מיט א שמייכל ווען זיי זענען ווידער גע־ווען ביי אים אין ביורא. ער האָט אינפאָרמירט יאָסיפן וועגן דעם וואָס מע דאַרף וויסן, אָנגעוויזן אייניקע ערטער און אויך מענטשן וועלכע שטעלן מיט זיך פּאָר א באַזונדערן אינטערעס און נאָך דעם אָפּגעפירט אין א צימערל מיט א קליין טישל און א בענקל. דאָס וועט דערווייל זיין אייער ביורא. מיט די פּראָבלע־מען וועט איר זיך פאמיליאריזירן אין גאנג, האָט ער געזאָגט און פארלאָזט דאָס צימער.

געבליבן אליין האָט דאווידאָוו געפּרוווט פארשטיין וואָס ס'איז געשען, ווי קומט ער צו און וואָס האָט ער מיט דעם יידישן סעקטאָר. וועד איז דער טעקע וועלכער צעשטעלט מענטשן ווי אים פאלט איין; וואָס דאַרף היסן א יידישער סעק־טאָר; זאָלן דאָ זיין סעקטאָרן פאר נאציאָנאַליטעטן, פּראָפעסיעס און דער רוח ווייסט וואָס נאָך פארא קריטעריעס סע ווערן גענומען אין באטראכט ביים פאר־טיילן די ארבעט. ס'האָט אויסגעזען מאָדנע. ווענען פרעגן איז דערווייל נישטאָ. ער האָט פארשטאנען אז מיט שאָנים טעלעפאָן־שמועס איז ער אינגאנצן ארויס פון יענעם רשות. אז ער איז ענדגילטיק איבערגעגעבן געוואָרן אין א נייעם און זיך מאכן א פּלאַץ מוז ער דאָ און אויך זיך אָריענטירן מוז ער דאָ און די ערשטע צייט אליין.

אויף מאָרגן איז יאָסיף דאווידאָוו געקומען אויסגעפּוצט אין זיין מיליטערי־שער אוניפאָרמע. געזאָגט האָט מען אים אז אין דער „באָרשט־פאבריק" איז בעסער זיך צו מעלדן אין ציוויל. קיינער האָט נישט געגעבן אָנצוהערן אז די אוני־פאָרמע איז אין דער אינסטיטוציע פארבאָטן און אויך נישט אז די וואָס ארבעטן דאָ זענען ציווילע. דערווייל איז ער נאָך אָפיציר און אלס אזעלכער מעג ער טראָגן די אוניפאָרמע. ער האָט געוואָלט ציען די אויפמערקזאמקייט אויף דעם אז זיין מונדיר און די הויזן זענען פון אנדער געוואנט ווי דאָס וואָס ווערט גענוצט אין לאנד. כאָטש אויף די עפּאָלעטן האָבן זיך געזילבערט נישט מער ווי קליינעקע שטערנדלעך איז אים געווען באוווסט פון דער אייגענער פּראקטיק אז אין אזא אָפּטיילונג האָט דאָס נישט קיין באזונדערן ווערט. צו מאָל איז עס פארקערט — קליינע שטערנדלעך גרייכן ווייטער און העכער ווי גרויסע. געזען די אוני־פאָרמע, האָט דעם שומר וואָס ביים איינגאנג געגרוסט מיליטעריש. זיך דרייענדיק איבער די קאָרידאָרן האָט דאווידאָוו פעסטגעשטעלט אז קיינער ווערט נישט זייער איבעראשט פון זיין אוניפאָרמע. אייניקע קוקן אויף איר מיט א קאלטן רעספּעקט, אנדערע מיט עטוואָס דרך־ארץ אָבער די גרעסטע טייל באמערקט זי קוים, מאכט זיך דערפון א נאָר קליינעם צימעס, גייען פארביי און שענקען אפילו קיין בליק.

אנדערש טעקע. ער האָט געשמייכלט נישט באַהאַלטנדיק זיין איראָניע: דאָס גרייט איר זיך אַזוי אין שיל צי אין מקווה?

דער שמייכל האָט געהערט אַ גאָר אַנדער טעקע — אַ סענטימענטאַלער מענטש, מיט געשמאַק און הומאָר-געפיל, מע קאָן זאָגן ליבהאַרציק. „דער מענטש מיט טויזנט געזיכטער״, איז איינגעפאַלן יאָסיפֿ דאַווידאָוון דער טיטל פון אַ פילם וועלכן ער האָט געזען מיט אַסך יאָרן צוריק און האָט זיך נישט געקאָנט דערמאָנען דעם אינהאַלט. שפּעטן לאַנג האָט אים געמוטשעט זיצנדיק אין זיין קליין קאָנטאָרעלע דער פילם. ער האָט זיך בשום אופן נישט געקאָנט דערמאָנען דעם סוביעקט און די אַקטיאָרן וועלכע האָבן אין אים געשפּילט, קיין איין בילד איז אים נישט געלונגען אַרויסצושלעפּן פון זיכרון און דער טיטל האָט זיך די גאַנצע צייט געבאָמבלט אין קאָפּ, האָט זיך אָנגעטשעפּעט ווי אַ פליג, נישט געוואָלט אָפּטרייטן.

יאָסיפֿ איז אַ פּאָר מאָל אַרוים אויף די קאָרידאָרן, געגאַנגען צום בופעט אָבער אַ שמועס איז נישט אויסגעקומען צו פאַרבינדן מיט קיינעם, אַלע האָבן אויסגעזען זייער פאַרנומען. „מע מוז זיך אַן עצה געבן״, האָט ער געטראַכט צוריקגייענדיק אין ביורא און האָט געפּרוווט זיך ערנסט פאַרטראַכטן אַרום דער אויפגאַבע וואָס שטייט אים פאַר וויאַזוי זי דורכפירן און אפשר נאָך מער וויאַזוי פון איר פּטור ווערן. דאָס איינציקע מיטל איז אפשר דורכצופירן אַן אַקציע מיט אַן אָפּקלאַנג אַזאַ וואָס זאָל ציען אויף אים די אויפמערקזאַמקייט, מע זאָל זיך איבערצייגן אַז זיין פּלאַץ איז נישט אין שילכלעך, אויף יידישע געסלעך און אין מקוואות, אַז אים קאָן מען אָנפאַרטרויען אויפגאַבעס מיט אַ גרעסערן פאַרנעם.

אין יאָסיפן האָט אָנגעהויבן טליען קנאה צו טעקען.

# 4. דאווידאָווס מאכט-קאָנצעפּט

א כלל אזא אין אָפּטיילונג — די אָנגעשטעלטע רעדן ווייניק צווישן זיך. א חוק — וועגן ארבעטס ענינים מעג מען רעדן נאָר מיט א פאָרגעזעצטן.

יאָסיף דאווידאָוו האָט זיך געוואָלט באקענען מיטן עולם פון דער אָפּטיילונג. ער איז אָפט ארוים א שפּאציר טאָן איבער די קאָרידאָרן, געגאנגען אין בופעט אפשר דאָרט געפינען א געלעגנהייט מיט עמעצן צו בייטן א וואָרט, ס'האָט זיך אָבער נישט געקלעפּט. געבליבן נאָך פון די גאָר ערשטע יאָרן די געוווינהייט זיך א בארים טאָן א ווארף טאָן א וואָרט וואָס זאָל האָבן אן עכאָ, א שמייכל טאָן ווען מע דארף, באגלייטן יענעמס א וואָרט מיט א סמיכה-געלעכטערל. דאָ גאָרנישט און גאָרנישט. דאָס ערשטע מאָל ווען ער האָט זיך באגעגנט מיט א גרעסערער צאָל אָנגעשטעלטע איז געווען די פארזאמלונג ווען דער לעצטער פּונקט אויפן סדר-היום איז געווען יאָנעל מיט זיין אקציע אין דער צפון-מזרח געגנט וואָס האָט זיך אויסגעלאָזט מיט דעם וואָס זי האָט זיך אויסגעלאָזט און פון וועלכער ער איז ארוים מיט א ריין פּנים אָבער א געשלאָגענער אָדער פארקערט. דאווידאָוון האָט זיך זייער געוואָלט פארפירן א שמועס דווקא מיט אים. די סבה איז געווען א פּשוטע — געשלאָגענע האָבן געוויינטלעך תערומות. סע קאָן נישט זיין עמעצער זאָל נעמען אלץ אויף זיך, דאָס הייסט נישט אז ער מוז אלץ אָפּווארפן, זיך איננאנצן אָפּזאָגן פון דער שולד, פון פעלער פון פאלשן טריט, אָבער נעמען אויף זיך די גאנצע שולד, ריינוואשן לגמרי די איבעריקע, דאָס קאָן קיינער נישט. אין אן אקציע איז מען נישט אליין און אויך ער האָט זיכער געהאט א צאָל אונטערגעאָרדנעטע, ער האָט זיכער פון צייט צו צייט ראַפּאָרטירט וועגן דעם גאנג פון דער אונטערנעמונג, געמאָנט אינסטרוקציעס; סע קאָן נישט זיין ער זאָל נישט געווען בלייבן מיט א דערנערל אין הארצן, וואָס קראצט און נאָגט אוןווארט קוים א געלעגנהייט א ווארף טאָן כאָטש א וואָרט. איז אים אָבער נישט אויסגעקומען צו באגעגענען צווישן פיר אויגן. א פּאָר

מאָל האָט מען זיך באַגעגנט ביים בופעט אָבער ווי אויף להכעיס ווען איינער איז געקומען איז דער צווייטער געגאַנגען אָדער פאַרקערט. דאָס מאָל איז יאַנעל געשטאַנען אַליין ביי א טישל. דאַווידאָוו האָט גענומען זיין טעלערל און זיך צוגעשטעלט צו יאַנעלס טישל. א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אָבער קיין ענטפער נישט באַקומען. יאַנעל איז געווען פאַרטאָן אין זיינע ענינים. דאַווידאָוו האָט גע-וואָרפן א בליק צום פענצטער, ס'איז געווען א שיינער טאָג. ער האָט אויסגע-ניצט די געלעגנהייט זיך מיט עמעצן צו טיילן.

— א שיינער טאָג היינט.

— הא? ביטע?

— א שיינער טאָג האָב איך געזאָגט.

יאַנעל האָט באַטראַכט דעם פאַרשוין, ער האָט אים געזען צום ערשטן מאָל. ס'איז אים אויפגעפאַלן די פאָרעם פון די וואָנצעס, גלייך דאָרט ווו זיי צעטיילן זיך וואָלט פעלן דאָס געוויינטלעכע שפּאַלטיקל, אויפגעפאַלן זענען אים די עטוואָס צו לאַנגע אָרעמס, מער פון אַלעמען דער שמייכל.

— מיט דעם ווערט דער טאָג שענער? האָט ער געפרעגט.

— מיט וואָס? האָט זיך געוווּנדערט דאַווידאָוו. ער האָט נישט פאַרשטאַ-נען די פראַגע.

— מיט דעם וואָס דו שטערסט מיר.

— אַנטשולדיקט. כ'האָב געזאָגט גלאַט אַזוי, מיין כוונה איז נישט געווען אייך צו שטערן.

— שאַט נישט, שאַט נישט, אפשר איז בעסער אַזוי. אַביסל אויפגע-וועקט פון געדאַנקען. יאַנעל האָט זיך געפונען אין א קאָמפּליצירטער לאַגע. די אַרבעט האָט זיך נישט אַנטוויקלט לויט זיין פּלאַנג. מע פאַרלירט זיך אין א יאָרהונדערטער נישט באַטרעטענעם וואַלד. יאָרן לאַנג געלעבט מיט צוויי פאַרבן — ווייס און שוואַרץ. די זאַכן האָבן אויסגעזען זייער איינפאַך — אָדער מיט אונדז אָדער קעגן אונדז. אויך די מיטלען זענען געווען איינפאַכע — צוויי קלאָרע פראָנטן, אויף איין זייט מיר אויף דער אַנדערער זיי. זינט דער געשיכטע אין צפון-מזרח איז ער געוואָרן פאַרזיכטיקער, ער האָט פאַרלוירן פון זיין גע-וויינטלעכער זיכערקייט, ער האָט אַנטדעקט אַז דער באַגריף סימפּליצירן האָט אַן אינהאַלט, האָט א זין. ער האָט זיך אָפּגעגעבן חשבון אַז די געזעלשאַפט איז א זייער פאַרפּלאָנטערטער קנויל מיט אַזעלכע צענטריפוגע שטרעמונגען און שטרעבונגען אַז ס'איז א וווּנדער וויאַזוי דאָס אַלעס האַלט צוזאַמען, וויאַזוי סע פּלאַצט נישט. אויף פּאָליטישע קורסן האָט מען געלערנט אַז סע פּלאַצט יאָ און אַז דאָס הייסט רעוואָלוציע, אָבער ער איז קיינמאָל נישט געשיקט גע-

וואָרן אויף אזעלכע קורסן. ער האָט אָנגעהויבן באַטראַכטן מיט קנאה יענע וואָס קאָנען זיך אויספּלאָנטערן אין דעם פּאַרוויקלעניש. אים פלעג אָפט קומען אויפן געדאַנק דער שמועס מיט דעם טובערקולאָזן פויער וועלכער האָט מיט זיינע פשוטע אַרגומענטן איבערגעקערט זיין גאַנצן בוי. דאָס שווייגן איז נישט מחמת טעמפקייט, אָפּגעשטאַנענקייט, פאַרקערט, ס׳איז זיין מיטל מיט וועלכן ער פאַרטיידיקט זיך קעגן דעם שטאָט-מענטש, קעגן זיין ברוטאַלן שטייגער. קומסט צו מיר אין הויף, כ׳גיב דיר פון דעם וואָס כ׳האָב ,אָבער וועד נישט דו דער בעל-הבית, באַטראַכט מיך נישט אַלס בהמה. ווילסטו דווקא אַזוי, האָב איך מיר מיין שטייגער: שווייגן.

ער האָט א פּאָר מאָל טיילגענומען ביי אויספאָרשונגען. ווילדקייט האָט אים געעקלט. ער האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין צוליב וואָס מוז מען באַניצן אַזעלכע ברוטאַלע מיטלען. א טייל פון די אויספאָרשער האָט ער גוט געקענט. ער האָט באַמערקט וויאַזוי זיי מעטאַמאָרפאָזירן זיך אין פאַרלויף פון די אַנקעטעס. דער שמועס איז פון אָנהויב גלייך ווי א צווישנמענטשלעכער — איינער אינטערע־סירט זיך וועגן עפּעס און דער אַנדערער וואָלט, דאַכט זיך, געקאָנט אויפקלערן אָדער העלפן אויפצוקלערן. ער דערפילט אָבער אַז דער וואָס אַנקעטירט פירט דעם שמועס אין א פאַר אים געפערלעכער ריכטונג און ווערט וואַכזאַמער, וויל דעם באָדן נישט באַטרעטן. זיין איינציק געווער איז שווייגן, דער אַנדערער אָבער האָט חוץ פראַגעס אויך דאָס רעכט צו צווינגען. ער איז געאיילט, ביי אים פאָדערט מען רעזולטאַטן, פון אים וויל מען ער זאָל ברענגען קלאָרע באַווייזן אַז דאָס וואָס מע שטעלט זיך פאָר אַז ס׳האָט געדאַרפט געשען איז באמת געשען. ער שטייט אָבער פאַר א געשלאָסענער מויער, פאַרלירט דעם קאָנטראָל איבער זיך, און... און סע באַקומט זיך א שולדיקער אָדער אומשולדיקער וואָס פאַרלירט דאָס אויזען פון א מענטשן ווייל מע צענהרגט אים, מע מאַכט פון אים א קנויל פלייש און בלוט און איבער אים א צווייטער וואָס פאַרלירט די צורה פון מענטש ווייל ער איז נישט מער ווי א צעווילדעוועטע חיה.

ער האָט אַנטדעקט אַז מענטשן זענען נישט דאָס וואָס זיי זעען אויס צו זיין פון אויבנאויף. ס׳איז א סטראַטיפיקאַציע פון דורות. מער פון אַלע האָט אים צעמישט א יונגער בחור. פון אים האָט מען זיך געוואָלט דערוויסן וועגן איינעם וואָס איז געווען אין פאַרבינדונג מיט געוויסע פאַשיסטן. געוווסט האָט ער ווייניק אָבער דאָס ווייניקע וואָס ער האָט געוווסט האָט ער נישט געוואָלט דער־ציילן. זיין איינגעשפּאַרטקייט צום שווייגן איז געווען פון אַן אַנדער סאָרט — ער וויל נישט רעדן וועגן אַנדערע ווייל אַזאַ איז זיין פּרינציפּ, וועגן אַנדערע רעדט מען נישט. דערצו האָט ער געהאַלטן אַז זיין פּרינציפּ מוז רעספּעקטירט

ווערן אויך פון אויספֿאַרשער אָדער אין דער ערשטער ריי פון אים. פון וואַנען קומען צו אים אַזעלכע פּרינציפּן, האָט זיך געפֿרעגט יאַנעל. גערופֿן האָט מען אים אַלס עדות, ווייל אַ זון פון אַ קאַוואַל און אַזאַ איינער קאָן מיט זיי נישט האָבן גאָרניש געמיינזאַמס, איז געווען דער פּשוטער צוגאַנג. ער מוז זיין מיט אונדז. מיט זיי האָט ער נישט געהאַט און מיט אונדז וועט ער שוין קיינמאָל נישט האָבן, האָט זיך איבערצייגט יאַנעל און האָט זיך נישט אָפּגעענטפֿערט. פון אַן עדות איז ער געוואָרן אַ באַשולדיקטער נאָר צוליב זיין שווייגן, נאָר דערפֿאַר ווייל ערגעץ אין אים איז געווען עפּעס ריטערלעכס געירשנט פון מיטלעלטערלעכן עלטער — עלטער זיידן.

זיין אייגענע לאַגע אין אָפּטייל האָט אים באַאומרויקט ווייל ער האָט דערפֿילט אַז שאָני און טעקע גרייטן אים עפּעס צו. אים האָט נישט באַאומרויקט דער געדאַנק אַז מע קאָן אים אָפּזאָגן, משלח זיין פון אָפּטייל נייערט דער אופֿן. ער וועט מער נישט באַשולדיקט ווערן אַז ער איז אַ היץ־קאָפּ, נאָר פֿאַרקערט, אַז ער לאָזט זיך באַאיינפֿלוסן פון קליינבירגערלעכער אומקאָנסעקווענץ, אַז ער איז נישט געשטאַלט אַזויווי מע האָט פון אים דערוואַרט, ער איז צו מילד מיט די שונאים און ווו, אין סאַמע צענטער פון קאַמף מיטן שונא. און דאָ נישט לאַנג איז פֿאַרלוירן געגאַנגען פון אונטער דער האַנט אַ גרויסע שישקע, איינער פון די געוועזענע אָנפֿירער פון די פֿאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס וועלכער איז אַנטלאָפֿן מיט דער היטלעריסטישער אַרמיי און האָט געוואַגט זיך אומצוקערן אין לאַנד. די ידיעות וועגן זיין שמוגלען די גרענעץ זענען געווען זיכערע, מ'האָט אָבער נישט געוווסט ווו ער באַהאַלט זיך אויס און אויף וויפֿל צייט ער איז געקומען. איינער פון די וואָס האָבן געמוזט וויסן איז אויסגעשטאַנען אַלע מדורי גיהינום, געשוויגן און ווען ער האָט שוין יאָ געזאָגט איז געווען צו שפּעט — דער אָנפֿירער איז אויסגעווען די צייט אויף דער אַנדערער זייט גרענעץ. אַזאַ דורכפֿאַל איז מען נישט מוחל און טעקע מיט שאָנין שווייגן... זייער שווייגן איז נישט ווי דעם פּויערס, זייער שווייגן איז אַ שפּיל מיטן קרבן, און דער קרבן וועט זיין ער, יאַנעל...

דאַווידאָוו האָט זיך באַקאַנט מיט די יידישע געסלעך. דאָס זענען די זעלבע וווּ יאַנעל האָט געלעבט און איז אויפֿגעוואַקסן, וווהין ער האָט אַראָפּגעבראַכט ריטאַן, וווהין ריטאַ פֿלעג קומען פֿאַרברענגען, זיך אַמוזירן אַ פֿרימאָרגן מיט מאַרגאַן. דאַווידאָוו זוכט נישט די געסלעך אים אינטערעסירן די איינוווינער. אויך זיי זענען געבליבן כמעט די זעלבע, אָבער נאָר כמעט, ווייל פֿאַר דער צייט

איז דאָ פאָרגעקומען אַן איבעראַנדערשונג, די שטרעמונגען זענען געוואָרן קלאָרער און קאָנקרעטער.

אין רומעניע האָבן די יידן איבערגעלעבט די מלחמה אַנדערש, אין אַנדערע באַדינגונגען ווי אין פון די דייטשן באַזעצטן אייראָפּע. רומעניע — דאָ מוז צוגעגעבן ווערן אַ פריערדיקער געאָגראַפישער באַגריף — אַלט רומעניע, איז געווען אַ סאָרט אינדזל. אַנדערש האָט אויסגעזען די לאַגע אין באַסאַראַביע ווו די רומענישע אָרגאַנען האָבן זיך צערעכנט מיט די יידישע יישובים מיט גאָר־נישט ארונטערבלייבנדיק פון זייערע שותּפים. אָבער אין לאַנד גופא האָט עס אויסגעזען אַנדערש. מיט אַ פּאָר חדשים פאַר דעם אַריינטריט אין דער מלחמה און אויך אין די ערשטע טעג פון קריג זענען פאָרגעקומען ווילדע פּאָגראָמען, אָבער נאָך דעם האָבן די רדיפות קעגן יידן אָנגענומען אַ מער וויניקער „דער־טרעגלעכן" כאַראַקטער. אויב אויף דער פּראָווינץ האָט מען געמוזט טראָגן געלע לאַטעס מיט אַ מגן־דוד אַלס צייכן אַז מ׳איז אַ ייד און אין גרעסטן טייל שטעט און שטעטלעך איז עס דערגאַנגען ביז שאַפן געטאָס, איז עס נישט אַזוי געווען אין דער הויפּט־שטאָט. דאָס הייסט נישט אַז מ׳האָט נישט געלעבט אין מורא און אַנגסטן, אָבער אַלעס וואָס מ׳האָט דאָ איבערגעלעבט האָט באַקומען גן־עדן פאַרבן ווען מ׳האָט זיך דערוווּסט וועגן גרויסן אומגליק, וועגן דריטן חורבן, וועגן דעם וויאַזוי ס׳איז אומגעקומען די גרעסטע טייל פון יידישן פאָלק.

דאָס האָט געפירט צו איבערראַשונגען אין דער יידישער באַפעלקערונג וועלכע האָט צו יענער צייט געציילט הונדערטער טויזנטער נפשות. אַ גרויסער טייל האָט זיך געפילט באַפרייט פון קאָשמאַר, געהאַלטן אַז דאָס וואָס געשען איז געווען אַ צופאַל, אַז אַ צווייט מאָל קאָן דאָס נישט געשען און אַז דער הויפּט ציל באַשטייט און דאַרף באַשטיין פאַר אַלעמען אין זיך צופּאַסן צו די נייע באַדינ־גונגען, שטיצן דעם נייעם קורס, אָנטיילנעמען מיט לייב און לעבן אין געפּעכט פאַר אַ נייעם רעזשים אויף גאַנץ נייע יסודות.

אין אַנדער טייל — אַ נישט קלענערער — האָט גאָר אַנדערש אויפגענומען די ידיעות וועגן דער שואה און דער איינציקער ציל איז געוואָרן פאַרלאָזן דאָס לאַנד און פאָרן קיין ארץ־ישראל. איינצייטיק האָט זיך פאַר דער יידישער באַפעל־קערונג געשאַפן אַ נייע סיטואַציע ווייל ביז איצט איז די מערהייט געווען באַשעפ־טיקט אין האַנדל און האַנטאַרבעט — בעל־מלאכות. די פּערספּעקטיוון זענען געווען נישט זייער קלאָרע און אַ טייל האָבן אָנגעהויבן האַנדלען מיט געלט. באַ־קעמפן אָט דעם האַנדל איז צו יענער צייט געווען נישט נאָר אַן עקאָנאָמישע פראַגע, אַ פּענאַלע, דאָס הייסט אַזעלכע וואָס ווערט באַהאַנדלט ווי יעדער פאַר־ברעכן, נייערט אויך אַ פּאָליטישע. די מאַכט אָרגאַנען האָבן געהאַלטן אַז דער

אומלעגאלער האנדל מיט דעוויזן דערפירט צו פארבינדונגען מיט אויסלענדישע אויסשפיר-אָרגאניזאציעס. דער צוגאנג זעט אוים א לאָגישער אזוי אז באקומען דעם האנדל איז געוואָרן איינע פון די הויפּט אויפגאבעס. אויף דעם געביט האָט זיך געדארפט אָפּוויקלען דאווידאָווס טעטיקייט. און זי האָט זיך אָפּגעוויקלט.

דאווידאָוו האָט איצט געקוקט אויפן יידישן לעבן פון דרויסן, נישט נאָר ווי א זייטיקער נאָר ווי איינער וואָס זוכט צו אנטדעקן. דער שטייגער א באקאנטער, די העוויות באקאנטע, דער האנדל באקאנט, דאָס לשון און אייגנס. נישט אינגאנצן דאָס זעלבע ווי אין דער שטאָט-געגנט אָבער אויך נישט ווייט דערפון, איבערהויפּט נאָך דעם וואָס סע זענען זיך אהער אָנגעלאָפן יידן פון אלע עקן לאנד ווי אויך אזעלכע וואָס זענען דאָ געבליבן א קורצע צייט אלס דורכפאָרער. ער האָט נישט באדארפט קיין סך אויף זיך צו באקענען מיט דעם האנלדס-זשארגאָן וועגן לייַלעכער, לאָקשן און הינדלעך. אהער איז ער קיינמאָל נישט געקומען אין דער אוניפאָרמע. דאָ האָט ער געפונען א געלעגנהייט וועגן א קדיש, א שחרית צי א מנחה-מעריב, א שלוש-סעודות, א ברית אָדער א חתונה. מ'האָט אים באַמערקט ווייל ער האָט געוואָלט באמערקט ווערן, מ'האָט געביטן א פּאָר איינדריקן ווייל ער האָט געוואָלט בייטן, מ'האָט זיך געקלאָגט איבער דעם געשעענעם און איבער דעם אז מ'איז נישט זיכער צי עס קאָן זיך נישט איבערחזרן און ער האָט פאר דעם געהאט פארשטענדעניש. מ'האָט אפילו גערעדט וועגן דעם אז זיין אליין איז נישט גוט געפּרוווט זיך דערוויסן צי איז ער נישט א קאנדידאט צו געפינען א באגלייטערן. מ'איז געוואָרן היימיש און צו מאָל ארויסגעזאָגט א סוד. ער האָט נישט געדארפט קיין מענטשן, ער האָט געקאָנט זיין שטעטל אליין באשטיין דאָס וואָס האָט אויסגענומען ביי טעקען און אויך ביי שאָנין.

אפשר אביסעלע צו געאיילט — ווי סע וועט זיך שפּעטער ארויסווייזן זייער, זייער געאיילט — האָט ער אנטדעקט פעדים, א קנויל, איז אין אים אריינגעדרונגען אין דער סאמע מיט. אזוי איז געשען אז אין איינעם פון די זייטיקע זיץ-ערטער פון אָפּטייל זאָל מען אראָפּברענגען א יידן מיט באָרד און פּאות, א שטיק צדיק, א ייד וואָס האָט געהאלטן א שילעכל, געזאמלט געלט, אויסגעהאלטן אָרעמע לייט, געהאָלפן יתומים. אויף צו זאמלען געלט און אנדערע מיטלען מוז מען פּראווען שלש-סעודותן, מוז מען רעדן צום עולם, מוז מען בעטן רחמים נישט נאָר ביי גאָט נאָר ביי יעדן פשוטן בשר-ודם וועלכער האָט מער פון אנדערע. האָבן זיך אין זיין שילעכל שטענדיק געפונען פארשידענע מענטשן, ער האָט קיינמאָל נישט געפרעגט ווער זיי זענען און מיט וואָס זיי גיבן זיך אָפּ, ווייל קריכן יענעם אין דער נשמה דארף מען נישט. האָבן דאָרט געפונען א סאָרט צודעק אויך אזעלכע וואָס גיבן צדקה, זאָגן א קדיש, קומען דאווענען נישט לשמה נאָר כדי זיך צו באגעגענען מיט אנדערע ווי זיי. אזוי איז דער וואָס וועט ווערן א גוטער-ייד לאחר — המעשה, נאָך דעם וואָס מע וועט אים אָפּהאלטן א פּאָר וואָכן,

צי א פּאָר חדשים און אפשר מער, אריינגעפאלן אין „גוישע הענט“ און נאָך דער ויצעקו וועלכן מע וועט אויפהייבן וועט אים ראטעווען. דאָס וועט זיין שפּעטער. דערווייל איז ער אין רשות פון אָפּטייל און דאווידאָוו האָט באקומען באצאָלט פון טעקען א שמייכל און פון שאָנין א דאנק.

זונטאָג בלייבט שטענדיק עמעצער אין דער אָפּטיילונג אויף נישט צו באדארפן. דאָס מאָל איז עס אויסגעפאלן אויף דאווידאָוון מיט יאָנעלן, דאווידאָוו איז געווען אין א געהויבענער שטימונג ווייל געשען איז עס א קורצע צייט נאָך דעם ווי ס'איז אים געלונגען אויפצודעקן די פעדים וואָס האָבן געפירט ביז צו יענעם שילעכל און נאָך מער צו דעם וואָס האָט דאָרט אָנגעפירט מיט א שעדלעכער נעץ. שווער אים צו באשולדיקן אין אויבערפלעכלעכקייט אָדער בייזוויליקייט. ער איז געווינט געווען מיט יידן וועלכע האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט נישט זייער כשרן האנדל, ער האָט געוווסט וועגן פאלשע משיחן, האָבן אים נישט געקאָנט וווּנדערן פאלשע רבנים און גוטע-יידן. אזוי אז זיין געוויסן איז געווען קרישטאָל און זיין שטימונג א געהויבענע.

זיך געפינענדיק צוזאמען מיט יאָנעלן, מיט איינעם וואָס מוז האָבן תרעומות, האָט ער נישט געהאט פארוואָס זיך צו פירן צוריקגעהאלטן, פאָרזיכטיק. אים האָט זיך געוואָלט א שמועס טאָן אָפן. שוין לאנג נישט געהאט קיין מיינונגס-אויסטויש. יאָנעל האָט אויף זיינע פראגעס געענטפערט איינזילביק, ער איז נישט געווען אימשטאנד אויסצוהערן אלץ וואָס דאווידאָוו האָט געפלאפּלט. ס'האָט אים אויסגעזען א פליג דרייט זיך אין צימער און דאָס בעסטע וואָלט זיין עפענען א פענצטער און ארויסטרייבן. פּלוצעם איז ער געוואָרן אויפמערקזאם. ער האָט דערהערט ווערטער וועלכע האָבן גלייך ווי פארמאָגט אן ענטפער אויף פראגעס וואָס מוטשען אים זינט א לענגערער צייט. נאָך דער מעשה פון טשינאסבאָ און נאָך פארשידענע פארהערן וועלכע האָבן נישט געפירט אינערגעץ האָט אים אָנגעהויבן אויסזען דער אָפּטייל ווי אן איבעריקע, אויב נישט שעדלעכע זאך, ווי א וועלט וואָס לעבט פאר זיך און טוט אלץ אז מע זאָל מיינען אז ס'איז דאָס וויכטיקסטע אין דער געזעלשאפט, אז אָן דעם קערט זיך איבער די וועלט, אז דאָס איז דער ווינקלשטיין וועלכער שטיצט דעם גאנצן בנין. די אָפּטיילונג, האָט זיך אים געדאכט, פונקציאָנירט צוליב אזעלכע ווי טעקע, א פארפאָלגטער פון א פיקסער אידעע און דערצו א האלבער סאדיסט. אים האָט געמוטשעט דער געדאנק אז א גרויסע טייל פון די מענטשן וואָס מ'האָט אהער אָנגעבראכט זענען נישט אינגאנצן נאָרמאל, מיאוסע קאריעריסטן, אָנסקרופּלדיקע וואָס פירן צווישן זיך אן אונטערערדישע מלחמה, א קאמף ווער סע זאָל זיין העכער פון אנדערן אויפן היערארכיע-לייטערל וואָס האָט זיך דאָ געשאפן. דערפאר איז ער אפשר געוואָרן אויפמערקזאמער צו דאווידאָווס רייד.

— קאריערִיסטן, איז צו אים דערגאנגען דאווידאָווס פליגן-זשום, זענען נישט פאראן. נישטאָ אזעלכע. עם-הארצים באצייכענען מיט דעם באגריף מענטשן מיט א טיפערן פארשטאנד. וואָס דארף לויט זייער מיינונג הייסן א קאריערִיסט? איינער וואָס וויל זיין העכער, איינער וואָס וויל אויסאיבן די מאכט. זיי פארשטייען נישט אז דער באגריף מאכט, דער זין פון מאכט שליסט אויס אלע אנדערע וואָס קאָנען זי אויף א געוויסן אופן באגרענעצן. גרענעץ קומט נישט אויס, איז נישט קאָמפּאטיבל, נישט פאראייבאר מיט מאכט. דאָס זענען צוויי קעגנזעצלעכע באגריפן ווי פייער מיט וואסער. די שטרעבונג העכער איז נישט מער ווי אן אויסדריק פון דער שטרעבונג צו זיין פערפעקט, צו פולקאָמענקייט. דאָס איז די איינציקע טענדענץ וועלכע האָט אן אָביעקטיווע בארעכטיקונג. דער וואָס פארשטייט דאָס באקומט אן אנדער בליק אויפן לעבן אין אלגעמיין, אן אנדער באנעם, א גרעסערן פארנעם, א טייל פון דער השגה וואָס פירט צו דער ציפער איינס, די הויפט ציפער וואָס דריקט אוים דעם באשאף און נאָר זי קאָן אויסדריקן דעם תוכן פון מאכט. אויך גאָט — אין דער אָנשויאונג פון די רעליגיעזע, האָט ער זיך געאיילט צוצוגעבן — אויך גאָט איז איינער און פארטראָגט נישט לעבן זיך קיין אנדערן.

אזא אויסלייג האָט יאָנעלן פריטשמעליעט, פארטומלט. כאָטש אזוי איז אים געלונגען צו פרעגן:

— אפשר איז נול די הויפט ציפער?

דאווידאָוון האָט געוואונדערט ביז גאָר וויאזוי דאָס איז אים ביז איצט נישט איינגעפאלן. ס'האָט אויסגעזען זייער אינטערעסאנט. ער האָט געדרינגען אז ער האָט געפונען אין יאָנעלן א שותף.

— ס'איז ווערט א טראכט טאָן, האָט ער געזאָגט. סטימולירט פון יאָנעלס באטייליקונג האָט ער ווייטער אויסגעלייגט. די אמתע מאכט ליגט דאָ. פון דאנעט קאָן מען זיך צו איר דערהייבן. אומזיסט מיינען אייניקע אז די מאכט ליגט אין פּאָליטיק. יענץ איז פוסטע רייד, נארישע פלאפלעריי. די אמתע הערשונג אויך פון גאָט — זאָגט די רעליגיע — איז נישט איבער מענטשן נאָר איבער זיינע מלאכים—חילות.

יאָנעל האָט נישט געקאָנט באוועלטיקן א געלעכטער. דער געדאנקען-גאנג איז אים געפעלן ער האָט געגעבן שליסלען צו א טייל פון די פראגעס וואָס האָבן אים געמוטשעט. אים געהאָלפן פארשטיין פארוואָס אייניקע לייגן אריין אזויפיל נשמה נישט אין אכטנעמענדיק גאָרנישט, ווען זיי פירן דורך זייערע אויפגאבעס פון וועלכע זיי גלייבן נישט אן אות. אים איז אין א געוויסער מאָס קלאָר געוואָרן די צעווילדעוודיקייט פון אייניקע מיטארבעטער און דאָס האָט אים גע-

שרעקן. סע וועט לאַנג נישט דויערן און ער וועט האָבן גענוג צייט צו טראַכטן צו דאַווידאָווס קאָנצעפּט און זיך פרעגן אויף וואָס פאַרא באָדן אַזאַ קאָנצעפּט קאָן געבוירן ווערן.

ס׳איז ווידער געקומען צו אַ פאַרזאַמלונג. דאָס מאָל איז זי געווען אַ ברייטערע און האָט געהאַט נישט מער ווי איין פּונקט אויפן סדר-היום: דעם חבר יאָנעלס אָפּווייכונג. פּרעזידירט האָט שאָני, אַ פּאָר ווערטער צו באַקענען די אָנוועזנדע מיט די פאַקטן האָט געזאָגט טעקע. זיי האָבן ביידע געוווּסט אַז מער דאַרף מען נישט, רעדנער וועלן זיין. און סע זענען געווען. צווישן זיי אויך דאַווידאָוו. ער האָט גערעדט וועגן יאָנעלס אָפּווייכונג זוכנדיק דעם שורש, געפּרוּווט אים געפינען נאָך אין זיין היים אויף וועלכער ס׳האָט געהאַט אַ שעדלעכע ווירקונג די מעשה מיט זיין ברודער וועלכער איז געווען אין דער פאַמיליע אַ סאָרט גאָט און זיין אַקציע — ווי ס׳האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן — איז געווען פרעמד דעם אַרבעטער-קלאַס און זיינע קאַמפּס-מעטאָדן. אים — יאָנעלן — איז נישט געלונגען זיך אָפּטרייסלען פון אָט דער שעדלעכער ירושה, פאַרקערט ער האָט זי געפּרוּווט באַניצן אַלס טראַמפּאָלין אין קאַריעריסטישע צוועקן. וואָס קאַריעריזם שטעלט מיט זיך פאָר און וווהין דאָס קאָן דערפירן דאַרף מען נישט זאָגן. דאָס איינציקע וואָס מע מוז אונטערשטרייכן איז אַז ער ליגט אין נאָענטער שכנות מיט קרימינעלע טענדענצן ווייל ער מאַכט בלינד. זיין מיינונג איז געווען אַז אַזאַ אָפּווייכונג מוז פירן נישט נאָר צו באַזייטיקן פון דער אַרבעט, נאָר ווידער אַנאַליזירן די גאַנצע טעטיקייט אין משך פון די יאָרן און זען צי איז נישט דער פאַל אָנצונעמען גאָר שטרענגע מיטלען.

טעקע האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

יאָנעלן האָט מען אָפּגעפירט אין אַ צימערל אין איינעם פון די זיץ-ערטער פון דעם אָפּטייל. אין דעם זעלבן וווּ ס׳האָט זיך געפונען דער ייד מיט באָרד און פאות און מיטן נאָמען פון אַ צדיק.

רייד וועגן די אומזיסטיקע ליידן וואָס ווערן אָנגעטאָן אַן אומשולדיקן פּרומען יידן האָבן זיך צעצויגן ווי אַ קרעץ, ווי אַ מגיפה. מ׳האָט אים געמוזט באַפרייען און די אָפּטיילונג האָט געקריגן אַ פאָרוואורף פאַר איבערפלעבלעכער אַרבעט. דאַווידאָוו איז באַשטראָפט געוואָרן מיט בייטן דאָס אַרבעטס-פלאַץ. ביים פאַרלאָזן די אָפּטיילונג האָט אים געשעקנט כמעט אַ גאַנצע שעה טעקע. ער האָט געהאַלטן אַז פאַרלירן אַזאַ מיטאַרבעטער איז אַ גרויסער פאַרלוסט פאַר דער אַלגעמיינער זאַך און אַלס זיין חוב אים צו שטאַרקן און געפינען פאַר זייענטוועגן אַ פּאַסיק פּלאַץ.

## 5. דאָס לעצטע באַגעגעניש

דאווידאָוו האָט קיין שטראָף נישט באקומען. אים האָט מען נישט סאנקציאָנירט, נישט מער ווי איבערגעפירט אויף אן אנדער ארבעט וועלכע איז אין איר מהות געווען זייער ענלעך צו דער וואָס ער האָט געהאט אין אָפּטייל אָבער אין אן אנדער סביבה. דאָרט וועט ער זיך קאָנען באווייזן מיט דער אוניפאָרמע.

סע וועט דויערן נישט מער ווי א פּאָר יאָר, די מלחמה וועט מען אָנהייבן פארגעסן — אויף וויפל מע קאָן פארגעסן מלחמות — אויך דאָס פּנים פון די ערשטע נאָך מלחמה יאָרן וועט פארלירן די בולטקייט, די קלאָרע קאָנטורן. אייניקע וועלן זיך דערמאָנען וועגן געשעענישן ווי וועגן א שלעכטן חלום, אנדערע וועלן קאָמענטירן און אינטערפּרעטירן ווי זיי וועט זיך לוינען און אזוי ווי דער זיכרון פירט צומאָל אונטער וועט עס אויסזען אז אלע זענען גערעכט. דאָס דויערהאפטיקסטע, דאָס וואָס איז עלטער פון אָט די אלע געשעענישן און וועגן וועלכן מע וועט נישט רעדן וועט זיין, ווייזט אויס, דאווידאָווס טעאָריע וואָס ער האָט אויסגעלייגט אין אלגעמיינע שטריכן פאר יאָנעלן ווען זיי האָבן צוזאמען דעזשורעט און ער, דאווידאָוו, האָט שוין געפילט מיט זיין באזונדערן חוש אז יאָנעלס אויער איז נישט מער קיין סכנה. די וואָס וועלן זי פּרווון באניצן אין דער פּראקטיק — נישט מיט דעם זעלבן אינהאלט און פארנעם, נישט דערפירט ביז די לעצטע קאָנסעקווענצן ווי אין דאווידאָווס אויסלייג — וועלן זיין איבער טויזנטער וועלכע וועלן נישט ארויסווייזן קיין שום אינטערעס פאר פילאָסאָפיע. פאר זיי וועט עס זיין נישט מער ווי דאָס טאָגטעגלעכע, דאָס אייביקע געיעג נאָך אביסעלע מער וואָס באקומט ביי פּראָפּאנען די פאָרם פון וועלן מיט יעדן פּרייז פארנעמען דאָס פּלאץ פון דעם וואָס שטייט אויף א סטאָלביקל העכער אויף דער היעראַכיע-לייטער ביים זאמלען מיסט אָדער ביים אָנפירן מיט א פאבריק.

דאווידאָוו געהערט נישט צו די לעצטע. זיין אָבסעסיע וועט באַקומען נייע אַספּעקטן. אויף צו פּילן דעם טעם פון מאכט מוז מען נישט דווקא פאַרנעמען אַ געוויס פּלאַץ אין דער היעראַרכיע. דעם אמתן טעם קאָן מען פילן ווען מע פאַרנעמט נישט דאָס העכסטע פּלאַץ. פון דאָרט איז עס אַ סאָרט זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט. פון דאָרט איז געגנוג אַ קוים אַרויסגערעדט וואָרט אַז סע זאָל הילכן ווי אַ דונער און איבערקערן אַלע לייטערס און לייטערלעך. אַנדערש איז ווען מע געפינט זיך אויף אַ זייטיקן געשטעל פון וואַנען מע שטרעקט די האַנט און מע נעמט אַראָפּ פון לייטער אָט איינעם, אָט אַן אַנדערן און דער אַראָפּגעפאַלענער ווייסט נישט פון וו און פאַרוואָס סע קומט. סע וועט געשען ער זאָל אַ שטרעק טאָן די האַנט זיך אַ שפּיל טאָן מיט אַ שפּיל-פּויגל. נישט פון יענע וואָס זענען אויף אַזוי וווייט פאַרטאָן אין געזאַנג אַז זיי זאָלן נישט באַמערקן וואָס סע טוט זיך אַרום. דער שפּיל-פויגל וועט זיך באַצייטנס כאַפּן, שפּיצן די נעגעלעך און ווען די האַנט וועט זיך דערנענטערן וועט ער מיט זיי אַריינקריכן טיף אונטער דער הויט, אַ דראַפּע טאָן, אַרויסרייסן אַ שטיק פלייש אַזוי אַז סע זאָל בלייבן אַ שטענדיקער צייכן וואָס זאָל וואָרענען אויך אַנדערע פאַר דער סכנה וואָס אַזאַ האַנט שטעלט מיט זיך פאָר. ער וועט זיך מיט דעם נישט באַגניגן נאָר אָנגעמען געהעריקע מיטלען איבערצוקערן דאַווידאָווס געשטעל ער זאָל נישט האָבן מער פון וואַנען צו שטרעקן די מיט קינס צייכן אָפּגעשטעמפּלטע האַנט.

נאָך זעקס חדשים אַנקעטע פון וועלכע אַ חודש איז געבליבן אויף איבערצוטראַכטן אַלץ וואָס אים האָט זיך געדאַכט אַז ס'איז ווערט איבערגעטראַכט צו ווערן, האָט יאָנעל באַקומען אַ פּאָסטן אַלס אַ מיטעלער אָנגעשטעלטער. פון דער אַנקעטע איז ער געבליבן מיט קאָשמאַרן אין וועלכע טעקע האָט פאַרנומען דאָס פּלאַץ פון שדים, שלענג, ים-פּאָליפּן, שטשורעס, זעלטן פון אָנגערייצטע הינט. פון דעם חודש איבערטראַכטונגען איז ער געקומען צו דער פּשוטסטער פון אַלע פּשוטע מסקנות: נישט אַלץ וואָס פליט קאָן מען אויך עסן; די וועלט האָט אירע אייזערנע געזעצן, דער וועג צום גן-עדן איז נישט קיין געפלאַסטערטער. געצווייפלט האָט ער צי מוז מען צוערשט אַרורכגיין אַ לאַנג שטיק פון גיהינום. געבליבן איז ער ביי דער איבערצייגונג אַז זיין וועג איז געווען און געבליבן אַ ריכטיקער אפשר מיט ווייניקער זינד. פאַרשעמט האָט ער קיינעם נישט. כאָטש... דער כאָטש איז געווען ריטאַ און דער זון. פון פּאָסטן אַלס מיטעלער אָנגעשטעלטער האָט ער גענוג אויף חיונה און דערצו כבוד. מע רופט אים צו פאַרשידענע

אָפיציעלע פאַרזאַמלונגען. געטראַכט האָט ער אַז פון דעם וואָס ער שפּאָרט אָפּ וועט ער קאָנען נאָך דעם וואָס ער וועט גיין אויף פּענסיע, אַרומפאָרן מיטן מאַשין זען אַ וועלט, בלייבן איבערנעכטיקן אין מיטן דער נאַטור. צו דעם צוועק האָט ער אַפילו געקויפט אַ געצעלט. אָפט פלעג ער קומען צו אַרקען וועלכער האָט אין זיינע פּלענער צו וואַנדערן איבערן לאַנד פאַרנומען דאָס ערשטע פּלאַץ. ער האָט זיך נישט אָפּגעזאָגט פון זיין שטענדיקער שוואַכקייט צום שוואַכן מין און זיין דערפאָלג האָט אים צומאָל געוווּנדערט. קיין שטאָלצנער איז ער נישט, מיט געלט וואַרפט ער נישט אין וואָסזשע זאָל באַשטיין זיין צוציאונגס־קראַפט? נאָר אויב ס׳איז שוין יאָ דאָ אַזאַ צוציאונג, אַרט עס אים נישט. פאַרקערט. אַזוי ביז ס׳האָט זיך געיאַוועט די האַרץ־קראַנקייט.

אַצינד ווען ער האָט פאַרלאָזט דעם שפּיטאָל ווייל ער האָט נישט געקאָנט איבעטראָגן אַנגעלם דערציילונגען און דער דאָקטער האָט אים געוואָרנט אַז ער מוז זיין זייער, זייער פאָרזיכטיק, אויסמיידן יעדע אָנשטרענגונג, זיך נישט הייבן צו פּוס אויף טרעפּ, בשום אופן נישט באַניצן דעם מאַשין, ליגן וואָס מער אין בעט האָט ער געפילט אַן אומגעהייערע ליידיקייט. געווען ריטאַ, פאַרבראַכט מיט אַרקען אָבער צו קיין שלמות קומט עס נישט.

זיך אומגעקערט פון פּאַרק האָט ער גענומען אַ דוש, זיך ראַזירט, אויפן געדאַנק איז געקומען טאַנצי און ס׳האָט אים געוווּנדערט וואָס זי האָט זיך אין די לעצטע טעג נישט באַוויזן. שוין פיר יאָר אַז זי קומט צו אים זייער אָפט. באַקענט האָט מען זיך צופעליק, ער דערמאָנט זיך נישט ווו. אַ יונגע אינזשי־נערן. זיך „אָנבינדן אַ מאַן“. ווי זי זאָגט, וויל נישט זי, זי האָט נישט ליב קאָכן און וואַשן פאַר צוויי, זי איז זיך אַליין גענוג. יאָ, ער דערמאַנט זיך. באַקענט האָט מען זיך אויף אַן אָפיציעלער פאַרזאַמלונג. זייערע פּלעצער זענען געווען בשכנות האָט מען גערעדט. ווען די פאַרזאַמלונג האָט זיך געענדיקט און ער האָט זיך געוואָלט אָפּגעזעגענען, האָט זי געפרעגט מיט גרויס וווּנדער:

— וואָס איילט איר זיך אַזוי? איך וויל אייך אונטערפירן.

ער האָט דאָס צוגעשריבן זיין עלטער, זיך געפילט כמעט באַליידיקט אָבער אָפּגעקומען איז ער מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל. ווען זיי זענען געווען נאָענט פון זיין וווינונג האָט זי זיך פאַראינטערעסירט מיט דעם וויאַזוי ער לעבט און זיך איינגעלאַדן צו אים. אַזוי האָט אָנגעהויבן זייער פריינדשאַפט וואָס האַלט שוין פיר יאָר אָן התחייבותן. ער האָט זי האָלט באַקומען. זי ברענגט מיט זיך פרישקייט און רו. קומען קומט זי ווי צו זיך אַהיים. ווען סע גלוסט זיך איר באַלע־באַטעווען זי אין קיך. דאָס פאַרענדיקט זיך שטענדיק מיט געלעכטער ווייל סע רייסט זי אַרויס פון איר טאָגטעגלעכקייט. די קיך קאָן צומאָל פאַרשאַפן פאַר־

געניגן, אָבער נאָר ווען ס'איז נישט קיין מוז. דאָס איז איר מיינונג און זי באַרימט זיך מיט איר. ער דערמאָנט זיך ווי פאַרוונדערט ער איז געבליבן דעם ערשטן אינדערפרי ווען ער האָט געבראַכט קאַווע פאַר ביידע און זי האָט געפרעגט:

— אַזוי נעמסטו אויף אַלע? געוווּנדערט האָט אים איר דוצן. ס'האָט אים געשטערט, ס'איז אויסגעקומען לייכטזיניק, חוצפּהדיק און ס'האָט אים פאַרדראָסן ווייל דאָס מיידל איז אים געפעלן. זי האָט נישט אויסגעזען פון יענע וואָס גיבן זיך נישט איבערקלייבנדיק. אפשר האָט ער געוואָלט זי זאָל אַזוי נישט אויסזען. דוצן זיך בעת מע באַגעגנט זיך נאָקעטע האָט ער פאַרשטאַנען אָבער נאָר דערפאַר דוצן אַ באַקליידעטן עלטערן מאַן איז אים געווען פּריקרע.

— ווי אַלט ביסטו?

— דרייסיק, האָט זי געענטפערט מיט אַ קלינגנדיק געלעכטער, וואָסזשע, וואָלסט וועלן כ'זאָל דיך אירצן?

— ניין, ניין, האָט ער זיך געאײַלט מיטן ענטפער און זיך פאַררויטלט ווי אַ ייִנגעלע.

— אוי, ביסט גאָר אַ שעמעוודיקער!

— וואָס, וואָס, נאָר דאָס איז שווער צו זאָגן. ער האָט לאַנג געלאַכט פון זיין אומגעלומפּערטקייט.

ער האָט אָנגעקלונגען.

— דאָס ביסטו? האָט ער דערהערט אין טרייבל און ס'האָט אים הנאה געטאָן. פון שפּיטאָל קלינגסטו?

— ניין, פון דער היים. כ'האָב פאַרלאָזט דעם שפּיטאָל.

— און גאָרנישט געזאָגט, האָט זי אים פאָרגעוואָרפן. הער אויס, סע טוט מיר באַנג וואָס כ'האָב נישט געוווּסט. היינט בין איך זייער פאַרנומען, אָבער כ'וויל דיך זען. קום אַראָפּ אין קאַפע-הויז וואָס אין פאַרק וועלן מיר זיצן כאָטש אַ פּאָר מינוט.

יאַנעל האָט זי געפונען זיצן ביי אַ טישל אין קאַפע-הויז.

— פאַרוואָס ביסטו נישט אַרויפגעקומען?

— ביי דיר בין איך נישט באַלעבאָס איבער מיר, האָט זי געענטפערט מיט אַ שעלמיש געלעכטערל און געטראַכט האָט זי: „ער זעט נישט אויס גוט, ער זעט אויס זייער מיד“, און דאָס האָט זי פאַרזאָרגט. פאַרוואָס האָסטו זיך געאײַלט פאַרלאָזן דעם שפּיטאָל?

— כ'האָב זיך נישט געאײַלט. לאָז אָפּ דעם שפּיטאָל. וואָס טוסטו?

— אַרבעט ביז איבערן קאָפּ. שוין זינט אַ פּאָר טעג האַלט עס אָן אַזוי. כ'האָף אַז מאָרגן וועט עס נעמען אַן ענדע. וואָס טוט דאָרו?

— ער סטודענטלט, גיט זיך אָפּ מיט זײַנע פּערזן.

— נאָך אַלץ פילאָסאָפישע?

— ס'איז אפשר די עלטער.

דאָס באַשטעלטע געפרוירנס האָט זיך ענדלעך באַוויזן אויפן טיש. טאַנצי האָט זיך געאײַלט אויפעסן און זיך אָפּגעזעגנט צוזאָגנדיק אַז שפּעטסטנס איבערמאָרגן וועט זי אַרײַנקומען. יאַנעל איז נאָך אַ לאַנגע צײַט געזעסן בײַם טישל מיט צוויי פון קאַקאַאָ שמוציקע טעלערלעך.

... דעם אַנדערן אינדערפרי איז געקומען דאָרו. יאַנעל האָט זיך דערפרייט צו זען דעם זון. אים האָט זיך געוואָלט פאַרפירן אַ שמועס, זיך דערוויסן ווי סע גייט אים מיט די קורסן, צי האָט ער נאָך עפּעס געשריבן. פון דער צוקונפט אין מאַטעריעלן זין האָבן זיי קיינמאָל נישט גערעדט — דאָרו, ווײַל צו יונג, יאַנעל, ווײַל נישטאָ וואָס צו רעדן, אַ מלאכה וועט ער האָבן, אַרבעט וועט ער געפינען, קיין גוט דאַרף ער נישט, גוטבאַזיצער זענען מער נישטאָ, פאַבריקן געהערן דעם שטאַט, נישטאָ וואָס צו זאָרגן. ער האָט אָבער דערפילט אַ שטאָך אין האַרץ און דער שמועס איז אַוועק אויף אַ פון ביידע נישט דערוואַרטן וועג.

— ווילסט אַזוי גוט זײַן אויפקאָכן אַ טעפּעלע קאַווע פאַר ביידע.

דאָרון איז אויפגעפאַלן דער טאָן. ס'איז געווען אוממעגלעך אָפּצוזאָגן. אים האָט זיך קיין קאַווע נישט געוואָלט, אַרויפגעקומען איז ער אויף נישט מער ווי אַ פּאָר מינוט אָבער דער טאָן מיט וועלכן יאַנעל האָט אים געבעטן האָט אַזוי געווירקט אַז ער האָט געאײַלט אין קיך אַרײַן און אין אַ פּאָר מינוט געקומען מיט אַ שעלעכל קאַווע.

— פאַרוואָס נאָר איינע?

— מיר גלוסט זיך נישט.

— ס'איז זייער מיגלעך סע זאָל זיך דיר גלוסטן. נעם אויך צוויי קעלשיקלעך קאָניאַק.

דאָרו האָט זיך געפרעגט וואָס ס'האָט געקאָנט געשען. ס'איז נישט געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס יאַנעל האָט אים אײַנגעלאַדן פאַרברענגען אַ פערטל שעה. דאָס מאָל האָט עס אָבער געקלונגען אַנדערש. ס'האָט באַהאַלטן אַ סוד, אַ מאָדנע סורפּריז.

— דו ווייסט אַז אייביק לעבט מען נישט?

— ווער ווייסט דאָס נישט? כ׳פאַרשטיי נישט וואָס פּלוצעם אַזעלכע צוגרייטעכצן אויף צו שטעלן אַ נאַרישע פראַגע.

— פון שפּיטאָל בין איך אַרוים נישט ווייל ס׳איז געווען צייט צו פאַרלאָזן. ניין, ס׳האָט מיר פּשוט צוגעגעסן. אַזויווי ס׳איז מיגלעך זאָלסט געפינען אַ טויטן...

— לאָז אָפּ מאַקאַברע חכמות, יאַנעל. ער האָט שטענדיק גערופן זיין טאַטן ביים נאָמען.

— ניין, דער שמועס איז נישט אויף דיר אָנצויאָגן עפּעס אַ גרויל. פאַרקערט. דו ביסט געלערנטער פון מיר אפשר גיסטו אַן עצה.

— וואָס פאַר אַן עצה דאַרף אַ מענטש וועלכן סע שטייען נאָך פאַר הונדערט יאָר, האָט ווידער דאָרו געפּרוווט אויסמיידן דעם שמועס.

— איך האָב נישט געזאָגט אַז געפינסט מיך אַ טויטן מאָרגן. נאָר וואָס זענען הונדערט יאָר? אַ בלאָז און פאַרטיק. מיך וואָלט אינטערעסירט סע זאָל דיר באַקאַנט זיין מיינער אַ באַשלוס. מע לייגט אין דער ערד, פרעסן דאָס פלייש די ווערים, די ביינער בלייבן לאַנג, צומאָל מיליאָנען יאָרן. אָט האָט מען אַנטדעקט אַזעלכע וואָס זאָלן אַלט זיין פופצן מיליאָן יאָרן. נו איז וואָס, ווייסט מען מער וועגן דעם וואָס ס׳האָט געמוטשעט און געפרייט יענץ באַשעפעניש? לאָזן דעם שאַרבן בירושה אַ טעאַטער סע זאָל מיט אים קאָנען פילאָסאָפירן אַ האַמלעט? דאָס וואָלט אפשר יאָ געווען כדאי אָבער ער קאָן אַריינפאַלן אין די הענט פון עפּעס אַ טאַלאַנטלאָזן עיפּוש... דאָס קאָן באמת גרוילן. ניין בעסער איז פאַרברענען. מיטן אַש וועסטו טאָן וואָס וועסט וועלן. די מעשה מיט וואַרפן אין ים, אויסשיטן אויפן ווינט זענען פּונקט ווי דאָס פּרעפּלען פון גלח אָדער פון חזן.

— אינטערעסאַנט איז עס, אָבער וואָס פּלוצעם?

— גלאַט אַזוי, מיט וועמען זאָל מען רעדן אַז נישט מיטן אייניציקן זון...

דאָרו האָט נישט געוווסט וואָס צו ענטפערן, ווייטער נעמען אַלעם לייכט צי זיך אַריינלאָזן אין אַן ערנסטן שמועס, דאָס דערפאַר ווייל יאַנעל האָט געזאָגט „מיטן אייניציקן זון“. די פראַגע מוטשעט אים שוין לאַנג. ער האָט אָבער געזען אַז יאַנעל פילט זיך נישט גוט און אָפּגעלייגט. „האָסט אויפגעמישט אַ בלעטל, וועלן מיר לייענען, האָט ער געסטראַשעט אין געדאַנק, צייט איז דאָ, נישט די וואָך איז די אַנדערע“.

דער טאָג האָט זיך געוויזן אַ קילבלעכער, אַזעלכער וואָס שפּאַצירן איבער די גאַסן איז אַ פאַרגעניגן. יאַנעל האָט געטראַכט אַז ס׳איז גוט אויסניצן אַזאַ

טאָג אויף זיך אדורכגיין צו ארקען. דאָרט וועט ער שוין עסן מיטאָג און מיט
ארקען איז לייכטער — איין דור, איינע געדאנקען. נישט אינגאנצן, אינגאנצן
וואָלט געגודיעט. דער שפּאַציר איבער די גאסן האָט אים אויפגעמונטערט. דאָס
קאפע-הויז קאפּשא איז פון אויסן אזויווי געווען, אינעווייניק איז נישט מער
דער אמאָליקער רעש, דאָרט געפינט מען היינט נישט די אמאָליקע שארפזי-
ניקע און סאטירישע רעפּליקעס, „אפשר ווייל אויך די רעפּליקעס זענען מער נישט
קיין פּריוואט-אייגנטום“, איז אים איינגעפאלן. „אזא געדאנק וואָלט געפעלן
ארקען“, ער האָט זיך דערמיט איבערגענומען ביי זיך גופא. ‘נאָר נישט פאר-
געסן“ ער וועט יאָ פארגעסן. נישט ווייט פון דאָרט, אינגאנצן עטלעכע טריט
באגעגנט זיך קאלעא וויקטאָריעי מיטן בולוואר. דאָ איז אמאָל געשטאנען א
שטומער מיליציאָנער און גערעגלט דעם פארקער. דאָס האָט געהערט צו דער
הויפּט-שטאָטס בילדערישקייט אזויווי דער באבערדיקטער אויף די גרויסע בול-
וואַרן אין פאריז. די דערמאָנעכצן האָבן ארויסגערופן א נאָסטאלגיע נאָך ...
יאָרן. „ווייזט אויס אז טאקע אלט געוואָרן“, האָט ער געשמייכלט צו זיך, ווייל
אלט איז ער נאָך נישט געווען — כמעט א יונגערמאן“, האָט
ער זיך געוויצלט מיט זיך. פארגעסן דעם שמועס מיט דאָרון. די שטימונג איז
געוואָרן אן אויפגעלייגטע. נישט ווייט פון דאָרט זענען אמאָל געווען די לאַ-
פאיעט-גאלעריעס, אנטקעגן א קלויסטערל. ער האָט אריינגעקוקט, אסך ליכט.
„מענטשן דערמאָנען מענטשן“, האָט ער געטראכט. „ווער ווייסט וואָס און ווער
סע מוטשעט די וועלכע האָבן זיי געצונדן?“ ער האָט זיך דערמאנט אז אָפט
פלעג ער זיך דאָ באגעגענען מיט ריטאן. כאָטש איר טאטע, דער פּאָלקאָווניק,
האָט איר קיינמאָל גאָרנישט אויפגעצווונגען אָבער פעלן א זונטאָג פון דער
„סלוזשבע“, האָט זי זיך נישט דערלויבט. א רגע האָט זיך אים געוואָלט ארייַנ-
גיין אָבער ער האָט מוותר געווען און געגאנגען ווייטער, ער האָט פארקערעוועט
אויף דער שטענדיק איבערבאפעלקערטער ליפּסקאנער גאס, סאמע קלייטן, פול
מיט מענטשן, א געשטופעניש אז ס'איז קוים אדורכצוגיין. אז מ'איז נישט גע-
איילט אמוזירט דער המון וואָס לויפט, קויפט, ראשט, עסט כריינווירשטלעך
— ווען מע געפינט אָדער סאנדווישן מיט אלטן קאָלבאס; מייזליש לויפן די
בליקן איבער די וויטרינעס, אלץ געפעלט, אלץ דארף מען און אומעטום וויל
מען זיין דער ערשטער. פון דאָ איז צו ארקען נישט ווייט, נאָך צייט אביסל שפּאַ-
צירן, זיך ליובעווען מיט אלטע געביידעס. אזוי איז ער אָנגעקומען צום טעמפּל.
„א שיינע געביידע, אָבער א שווערע. פּרוווט זיך רייסן אויף ארויף און בלייבט
צוגעפּלעטשט“, איז אים איינגעפאלן נישט ווויסנדיק וויפל דאָס פרוון ארוים-
קריכן האָט געקאָסט דאָס פאָלק פון וועלכן ער שטאמט, זאָגט זיך דערפון נישט

אַפּ, נאָר ווייסן וועגן דעם ווייסט ער כמעט גאָרנישט אפשר איז אין דעם נישט-ווייסן שולדיק אין א גרויסער מאָס דאָס זעלבע טעמפּעל, אָבער אזעלכע געדאַנ-קען האָבן אים נישט געקאָנט קומען אויפן רעיון, אויף אזוי ווייט האָט מיט אים ארקע נישט געקנעלט.

יאָנעל האָט געעפנט די טיר און איז געבליבן פארשטיינערט. איבערן צי-מער האָט זיך געדרייט מיט עטוואָס צו לאַנגע אָרעמס, וואָנצעס וואָס פארראָטן א גלאַטע אייבערשטע ליפּ — יאָסיף דאַווידאָוו. כמעט פינפאונצוואנציק יאָר זיך נישט באגעגנט. דאָס לעצטע מאָל געהערט וועגן אים צופעליק צוריק מיט א יאָר פופצן. דאַווידאָוו האָט אויסגעזען כמעט ווי דעמלט ווען זיי האָבן זיך צעטיילט, די זעלבע רירעוודיקייט, דער זעלבער שמייכל און אונטערשמייכל. געעלטערעט זענען געווען אביסעלע די אויגן — אן אָנהייב פון טאָרבעלעך, און דער גלאַנץ נישט מער דער פון אמאָל.

דאָס באגעגעניש האָט ער נישט געדאַרפט. ס'האָט אים נישט געפעלט. איינס איז הערן עפּעס אנדערש זען. ער האָט דערזען אנגעלען אויפן שפּיטאָל-בעט, מיט האַלב פארמאכטע אויגן, איינער וואָס וואַכט אין שלאָף, מוז שטענדיק זיין וואַך מע זאָל אים נישט באפאַלן אומגעריכט, און האָט געהערט זיין דער-ציילן...

דאַווידאָוו האָט זיך אויף גיך אָפּגעזעגנט.

— איר קענט אייך? האָט געפרעגט ארקע נישט פארשטייענדיק וואָס סע געשעט.

— כ'ווייס נישט. כ'ווייס נישט צי וועל איך אמאָל ווייסן.

— וואָס איז עס פאר אן ענטפער?

יאָנעלן איז געלונגען זיך נעמען אין די הענט, זיך באהערשן.

— וועלכער איז דער גוטער ענטפער, סקעפּטיקער איינער?

— נאָר אָן עטיקעטן!

— ס'איז דאכט מיר דער אמווייניקסטן געפערלעכער. היינט איז דאָך די סאמע מאָדע צו אפשרן, סע-קאָן-געמאָלט-זיינען, משמעות, סבראָן, טאָמערן און אלע אזעלכע ווערטער וואָס זאָגן גאָרנישט נאָר דארפן לאָזן דעם איינדרוק אז דאָרט אין מוח באַמבלען זיך געניאַלע געדאַנקען.

— פון וואַנען קומסטו?

— פון דער היים. פארבייגעגאַנגען קאַפּשאַן שוועבן דאָרט רעפּליקעס פאר דריי רעגימענטן.

ארקע איז מער נישט צוגעשטאנען. דערפאר אָבער האָט יאָנעל נישט גע-קאָנט אוועקגיין נישטוויסנדיק פון ווו קומט דאווידאָוו צו ארקען.

— פון וואנען קענסטו אים? דעם נאָמען האָט ער נישט געזאָגט.

— שוין א פּאָר טעג אז ער קומט אריין. וואָסזשע ער...

— ניין! כ'ווייס נישט... קיין סכנה, ביסט א געפּאַקטער...

ניין, דאָס באגעגעניש האָט ער נישט באדארפט. ס'האָט אים נישט געפעלט.

יאָנעל איז אהיימגעקומען שפּעט אין אָוונט. דער ליפט איז נאָך אַלץ נישט געווען פאררעכטן. ער האָט געפילט א שרעקלעכע מידקייט. „איבערגעטריבן מיט די היינטיקע שפּאצירן", האָט ער געטראַכט בעת ער האָט זיך געלייגט אין בעט איינדעקנדיק די פיס מיט דער אלטער אָפּגעריבענער דעק וואָס מע וואָלט געדארפט ארויסוואַרפן אויפן מיסט, נאָר עמעצער לאָזט נישט. אים האָט זיך געוואָלט צווינגען די געדאנקען זיי זאָלן בלייבן וואָס מער דאָרט אין די בערג ווו ער האָט מיט אָט דער דעק פארבראַכט א צייט אָן פיסלעך און הינטערפיסלעך, אָן טרעפּ און הינטערטרעפּ, נאָר פשוט אנטקעגנגעגאנגען א פארכישופטער א נישט ווירקלעכן האָריזאָנט מיט א נאָך ווייניקער ווירקלעכער זון. ער האָט געהאָפט איינצושלאָפן מיט ליכטיקע געדאנקען, האָט זיך ווי אויף להכעיס אוועקגעשטעלט דאווידאָוו פּאָפּערעק, זיך אָנגעטשעפּעט ווי אין יענעם זונ-טאָג ווען ער האָט אויסגעלייגט זיין „מאכט-קאָנצעפּט" און פארוואנדלט דעם שלאָף אין א קאָשמאר — הונדערטער דאווידאָווס האָבן געמוטשעט איינעם וואָס האָט מיט די לעצטע כוחות קוים געשעפּטשעט: אנגעל פון אנגעל, יאָנעל פון וואָס... אנגעל פון אנגעל, יאָנעל פון וואָס...

ווייזט אויס אז אין חלום האָט ער געזען עפּעס אזעלכעס פון וועלכן דאָס הארץ בלייבט א רגע שטיין...

אין קרעמאטאָריום, בשעת דער קערפּער האָט געניdערט צום ברען-צימער, האָט זיך דאָרו געכאַפּט אז דאָס אויפגעמישטע בלעטל וועגן „איינציקן זון" וועט מען מער צוזאמען נישט לייענען און נישט געוווסט צי סע דארף אים באנג טאָן. לעבן אים זענען געשטאנען פון איין זייט ריטא, פון דער צווייטער טאנצי. מאריא, דאָרום מוטער, איז נישט געקומען.

אין א ווינקל בליפּענדיק — ארקע...

דאווידאָוו?

די טענדענץ צו מאכט האָט זיך אויסגעלאָשן, אָבער נישט איינגאנצן. ער בלאָנדזשעט אין א משונה מאָדנער וועלט, א וועלט פון שולד און אומשולד,

פון זינד און תשובה, סע ווארפט אים פון איינער צו דער צווייטער גלייך אָן זיין ווילן אָדער גאָר קעגן זיין ווילן. אָט דאָ נישט לאנג האָט זיך אים געדאכט אז די ערשטע, יענע אין וועלכער ער איז אויפגעוואקסן איז גאָר א פּראָסטיטו־אירטע, אזא איינע פון וועלכער מע מוז אנטלויפן ווייל איר יסוד איז שקר און פאלשקייט ... און כאָטש אזוי ווארפט ער זיך אין איר מיט א ווילדן אימפּעט, ווייל ... ווייל דאָרט האָט א שימער געטאָן א שאָטן פון א שטראל, אן אָפּטישע אילוזיע, א פאָרשטעלעכץ ... ניין, ס'איז אים נישט געלונגען, מ'האָט פארקלאפּט די טיר ...

ער פאלט נישט ביי זיך. פארקערט. אנדערע וועלטן ווארטן מיט אָפענע טירן ... אזוי ווארפט ער זיך פון איין טויער צום צווייטן און פון געוווינהייט פאלט פון צייט צו צייט א בילבול, אן אומשולדיקער (נישטאָ מער יענע כוחות), נישט איינער וואָס טויט. ניין! אזא איינער וואָס גיט א בים ...

בייסט א פלוי, בלייבט אויך א פלעק.

# אינהאלט

## ערשטער טייל: אליין פריקרע...

1. א מאָדנע באגעגעניש ........ 5
2. א דאָקטער אויף קעסט ........ 15
3. געטריי ........ 24
4. א מאָדנע פּאַרטנער ........ 36
5. קאָמפּליצירט... שרעקלעך קאָמפּליצירט ........ 44
6. און וואָס פריער? ........ 55
7. א בליק — אין אייביקער באגלייטער ........ 66
8. אליין פריקרע... ........ 76

## צווייטער טייל: פון יאָסל צו יאָסיף דאווידאָוו

1. דער מולד ........ 89
2. ביי שמואל-דודן וואקסט אן עילוי ........ 98
3. א מאָדערנע ויברח ........ 106
4. א שפּאַן צוריק ........ 113
5. דער לעצטער שמועס ........ 124
9. וועלוול דעם גרויסנס קורצע געשיכטע ........ 131
7. די ערשטע טרעפּ ........ 139
8. דאָס הייליקסטע — איבערלעבן ........ 148
9. דער זייגער ........ 162
10. דאָס לעצטע מאָל... ........ 173

## דריטער טייל: ביידע

1. ס'איז דאָך א סאנקציע ........ 184
2. רייטנדיק אויף דער געשיכטע ........ 197
3. די באָרשט-פאבריק ........ 208
4. דאווידאָווס מאכט-קאָנצעפּט ........ 218
5. דאָס לעצטע באגעגעניש ........ 227

## פונעם זעלביקן מחבר:

**זומערדיקע נעכט**

דערציילונגען אין רומעניש) בוקארעשט 1970

**צו פיל אין איין וואָך**

דערציילונגען) בוקארעשט 1974

**צווייי נאָוועלעס מיט א שמייכל**

(דערציילונגען) בוקארעשט 1977

**דאָס שווייגנדיקע יאָרהונדערט**

(א ראָמאַנען ראָמאַן) בוקארעשט 1979

**רעגנבויגנס**

(דערציילונגען) בוקארעשט 1981

לעקטאָר: משה העלד
טעכנישער רעדאקטאָר: שט. לעפּאָיעוו
דערשינען 1984, פאָרמאט 84×16/54
פארלאג-בויגן 12,078, דרוק-בויגן 15

פּאָליגראפישע אונטערנעמונג
„דער 13טער דעצעמבער 1918“, בוקארעשט.
סאָציאַליסטישע רעפּובליק רומעניע.

Haim Goldenștein

# ÎNTÎLNIRI...

EDITURA KRITERION
BUCUREȘTI — 1984